STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01127

# DI BRIDER ASHKENAZI

## Israel Joshua Singer

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Margaret L. Levin*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. י. זינגער

# די ברידער אשכנזי

דריטער טייל

## שפּינוועבס

■ ■

הויפּטפאַרקויף:
מאַקס נ. מייזיל
ניו - יאָרק
1937
490

# DI BRIDER ASHKENAZY

Copyright 1937

— By —

I. I. SINGER

New York

Manufactured in the
UNITED STATES OF AMERICA

## קאַפּיטל איינס

אויף די צעבראָכענע שאָסייען פון דייטשלאַנד קיין פּוילן, דורך וועלדער, דערפער און שטעטלעך, חרובע און אָפּגעברענטע פון דער רוסיש-דייטשער מלחמה, האָבן זיך געצויגן איינס נאָך דעם אַנדערן דייטשן, פערד, לאַסט-אויטאָמאָבילן, פורן און האַרמאַטן. די פּוילישע פּויערים זענען אַרויס פאַר די שטרוי-געדעקטע כאַטעס זייערע, פאַרלייגט די הענט צו די בלויע היטעלעך און מיט העלע אויגן שווייגנדיק באַטראַכט די פרעמדע וואָגנס און מענטשן. די פּויערטעס מיט די פאַרביקע טיכלעך אויף די קעפּ האָבן זיך מיט מורא און נייגיר געטוליעט צו די דאָרפישע געפלאָכטענע פּלויטן און געצלמט זיך פרום. די קינדער מיט די פלאַקסענע קעפּלעך, צוזאַמען מיט די הינט, האָבן די פרעמדע באַגעגנט מיט א גע-שריי און געבילעריי.

אין די שטעטלעך זענען די אידן אַרויס פאַר די טירן פון זייערע אויסגעהויקערטע הייזלעך און מיט שוואַרצע פאַרחידושטע אויגן באַמערקט די נייע ליט. אינגעלעך אין קאַפּאָטקעלעך, מיי-דעלעך מיט צעשויבערטע שוואַרצע קעפּלעך, האָבן געפּאַכעט מיט די הענטלעך צו די פרעמדע מענטשן, באַגריסט זיי מיט אידישע גוט-מאָרגנס. פון קעלערס זענען אַרויס באַהאַלטענע אידן, וואָס די רוסישע אָפּטרעטנדיקע סאָלדאַטן האָבן זיי געוואָלט מיטשלעפּן מיט זיך, נוקם זיין זיך אין זיי פאַר די מפּלות אויף די פראָנטן. פאַר ווינט-מילן זענען דייטשע קאָלאָניסטן אַרויס און פריילעך באַ-גריסט די אָנקומענדיקע פרעמדע מענער.

— גריס גאָט, לויטע, ווילקאָמען!

דאָס האָבן מענער פון דייטשלאַנד, פון פּרייסן און זאַקסן, פון בייערן און פון רהיין, פון אַלע דייטשע לאַנד-טיילן קיין פּוילן געצויגן.

וואָרום אין דייטשלאַנד זענען מענטשן א סך געווען, אָבער

ערד ווייניק. ביים שכן אין רוסלאנד איז ערד א סך געווען, פעל-דער פיל, פי, האָלץ, מינעראַלן. און די דייטשע הערשער האָבן די מענער פון זייערע פעלדער, פאַבריקן, ווערקשטאַטן און שולן אוועק-גענומען, די ווייבער פון לאנד אויף זייער אָרט אוועקגעזעצט, און זיי, די מענער, צום שכנס לאנד געשיקט, כדי מיט פייער און שווערד צו באזיגן עס און ערָאָבערן. דאָס ערשטע זענען זיי גע-גאַנגען אויף פוילן, וואָס איז ביי דער גרעניץ.

יונג און אלט, אַרבעטער אין ברילן און בערדיקע פויערן מיט בלאָנדע בערד, שול-אינגלעך מיט רויטע בעקלעך און מיטן ערשטן העלן פוך אויף זייערע ליפּן און צעקנייטשטע פאַרוועלקטע לייט מיט גרויקייט אין די בערד און וואָנסן, האָבן געצויגן איבער די פוילישע שטעט און שטעטלעך. מיט לאַסט-אויטאָמאָבילן און זעל-נערישע פערד און וועגן, אויף וועלכע עס איז אָנגעשריבן מיט קרייד „נאָך פּעטערסבורג“, מיט באַנאַגלטע שטיוול, מיט רימענס, אויף וועלכע עס איז אויסגעקריצט אויף די שנאָלן „גאָט מיט אונז“, מיט שפּיציקע פּיקעלהויבן אויף די קעפּ, מיט באַיאָנעטן אויף די ביקסן מיט צוויי שאַרפן, איינע צו שניידן אין שונאָס לייב און איינע אויף איבערצוהאַקן דראָט-פאַרצוימונגען, האָבן זיי געצויגן פון מערב צו מזרח, געגאַנגען לאַנגזאַם און פּאַראויס, פאַרנומען דאָרף נאָך דאָרף, שטעטל נאָך שטעטל, שטאָט נאָך שטאָט, אין דעם דעם לאנד ביי די טייכן ווייסל און וואַרטע.

נאָך זיי זענען נאָכגעפּאָרן פּאַסטאָרן אין מיליטערישע קליי-דער און מיט קרייצן אויף די העלמען, כדי צו רופן אין גאָטס נאָמען די מענער צו מאָרד און רויב, כדי איינצופלאַנצן דעם פּראָטעסטאַנטישן גלויבן, דייטשע שפּראַך און זיטן אין באַזיגטן לאַנד.

יונגע סאָלדאטן האָט מען ווייניק געשיקט קיין מזרח. זיי, די שטאַרקע און געשיקטע, האָט מען געהאַלטן אויף די מערב-פראָנטן, די שווערע און גוט-באַפעסטיקטע. אויף דער רוסישער זייט זענען געגאַנגען די לאַנד-שטורמער, באַוואַקסענע, בערדיקע, בייכיקע, אויף וועלכע די רימענס פלאַצן שיער נישט און די הינ-טערם קריכן ארויס פון איינגעצויגנקייט ווי ביי אַלטע ווייבער, רונד-קעפּיקע, געגאָלטע, אויף וועלכע די פּיקעלהויבס זיצן קרומלעך.

מיט דאָרפישע בערד, מיט שטאָטישע וואָנסן, מיט גרויסע ברילן אויף שטריקלעך פארבונדן צו די אָפּשטייענדיקע אויערן, מיט שווערע פיס, דאָרפיש קלאָצעוואַטע אָדער שטאָטיש קרומלעכע, אין קורצע שטייפע געלע כאַליעוועס פון די טעמפּע באַנאַגלטע שטיוול, מיט ליולקעס אין די מיילער, זענען זיי הארט און געהאָרכזאם נאָכגעגאנגען איבער די פרעמדע וועגן, געפירט פון רייטנדיקע אָפיצירן, ווי לאנד־קנעכט נאָך זייערע הארן. פארבלאָטיקטע, פארשטויבטע, פארליימיקטע פון די אויפגעריסענע שאָסייען, וואָס די רוסן האָבן קאַליע געמאכט פארן אָפּטרעטן, מיט הייזעריקע גאָרגלדיקע און ביר־אָנגעגעסענע שטימען האָבן זיי געזונגען זייערע זיגעס־לידער:

די דויטשן האָבן איינע שיס־קאַנאָן,
די האָט איין גראָסעס לאָך — בום־בום;
איי, דאס איזט זאָ רונד און ריזענגראָס,
דאס מאַן דערין שלאָפן קאָן.
יעדער שוס
איין רוס;
יעדער שטאָס
איין פראַנצאָז,
דער קרופּ, דער מאַכט זי אַלע לאָז...

יעדער פארנומענער שפּאַן ערד איז גלייך דורך די סאַפּערן אָפּגערייניקט געוואָרן פון דער רוסישער פארוויסטונג. די איבער־געהאַקטע טעלעגראַף־דראָטן זענען דורך די סאָלדאַטן פאררירכט געוואָרן, די צעבראָכענע שאָסייען אויסגעגלייכט, די אויפגעריסענע בריקן צוריקגעשטעלט, די ברענענדיקע הייזער פארלאָשן, די פאר־לאָזענע וואַגאָנען צוזאַמענגעקניפּט. זיי האָבן אָראָפּגענומען פון די תּליות די שטייפע קערפּער פון די דייטשע קאָלאָניסטן און די אידן, וואָס די רוסן האָבן אויף די בוימער אין די וועגן אויפגע־האָנגען אין צאָרן פון זייערע מפּלות, און אויף זייער אָרט שפּיאָנען און מוסרים אויפגעהאָנגען. די רוסישע אויפרופן און באַפעלן זע־נען פון אַלע ווענט, פּאַרקאַנעס, פּלויטן און מויערן אראָפּגעריסן געוואָרן, און אויף זייער אָרט זענען אויסגעקלעפּט געוואָרן פאַר־אָרדנונגען ווענן אָפּגעבן באַהאַלטן געווער, ארויסגעבן שפּיאָנען,

אומקערן האָב און גוטס פון די אַנטלאָפענע רוסן, אויך וועגן אויפ-געבן די צאָל בהמות, תבואה, קאַרטאָפל, סחורות, אַזוי אויך וועגן יעדער קופּער, מעש און רוי-שטאָפן, וואָס נאָר אימיצער פאַרמאָגט. פאַר נישט אויספירן די באַפעלן וועט מען געאורטיילט ווערן לויט די קריגס-פעלד-געזעצן.

די גרעסטע שטאָט, וואו מען האָט געקאָנט קריגן אַ סך רוי-שטאָפן, ביינוול און וואָל, וואָס דייטשלאַנד האָט נויטיק געדאַרפט, דער גרעסטער פאַבריק-צענטער פון אינדוסטריע-אָרעמען פיינט, וואָס איז נוצלעך ביי אים אָפּצושניידן, איז געווען לאָדזש. און די דייטשן האָבן געצויגן פאַרעקשנט און האַרט צו דער פאַבריק-שטאָט, צו אירע רייכטימער און קוימענס. שפּאַן נאָך שפּאַן האָבן זיי די רוסן געטריבן, אויף די פּיס-טריט זיי געקראָכן.

די קאָמענדאַנטן און הערשער פון די פּוילישע עראָבערטע שטעט זענען מערסטנס געווען די פּרייסן, איבערהויפּט די אָסט-פּרייסישע לאַנד-באַזיצער, וואָס קענען די פּאָליאַקן, וואָס האָבן הונ-דערט יאָר צייט די סלאַוון אין זייער געגנט אונטער די יונקערישע שטיוול געהאַלטן. דער קאָמענדאַנט פון דער שטאָט לאָדזש איז געווען דער פּרייסישער לאַנד-באַזיצער באַראָן פאָן היידעל היי-דעללאָו, דער פאַראָרעמטער אַריסטאָקראַט, וואָס כדי צו פאַרריכטן זיין לאַגע האָט ער די טאָכטער פון לאָדזשער פאַבריקאַנט הייניץ הונצע גענומען. ער האָט אין קריג זייער אַ שנעלע קאַריערע גע-מאַכט, דער באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו, צוליב זיין גרויסן יחוס און צוליב זיין נאָענטקייט מיט די גענעראַלן פון דער הויפּט-אָנפירונג. ער איז פון אַ קאַפּיטאַן אין רעזערוו ביז אָבערסט דער-גאַנגען. דערצו נאָך האָט ער אַ שטאַרקע האַנט אַרויסגעוויזן, אָנ-געשראָקן די שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, זיי זאָלן מורא האָבן פאַר די אַריינמאַרשירנדיקע דייטשן.

אַ סך פון די פּאָליאַקן האָבן זיך אין די ערשטע מלחמה-טעג שלעכט געהאַלטן צו די דייטשן. אויף אַלע שטאָטישע מויערן, דאָר-פישע פּלויטן האָבן גרויסע אויפרופן געהאַנגען, אונטערגעשריבן פון גרויספירשט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, אויפרופן צו די פּאָ-ליאַקן, אַז די שעה פון פּוילן האָט געשלאָגן, אַז דאָס צעריסענע לאַנד, וועמעס נשמה איז געבליבן איינהייטלעך, וועט דורך זיין

מאַיעסטעטישן געגנאַד צוריק פאַראייניקט ווערן, ווען מען וועט ביי די שונאים, די דייטשן און עסטרייכער, אָפּנעמען די פּוילישע גע-ביטן. די פּויערים האָבן געגלויבט דעם קייזערלעכן צוזאָג. אויך די פּוילישע נאַציאָנאַליסטן האָבן געהאַלטן פון די אויפרופן און גערופן די באַפעלקערונג צו גיין אין די רוסיש-פּוילישע לעגיאָנען. דערביי האָבן זיי אויך געהעצט קעגן אידן, אז זיי זענען די העלפער פון דייטשלאַנד, שפּיאָנען און פאַררעטער.

אין זייערע צייטונגען און פּאַטריאָטישע בלעטלעך האָבן זיי דערציילט, אז אידן פירן אין די בערד בריליאַנטן פאר די דייטשן, אַז אין די לוויות פירן זיי נישט קיין מתים, נאָר גאָלד פאַרן שונא. די קריסטלעכע קרעמערלעך אין די שטעטלעך, וואס האָבן געוואָלט פּטור ווערן פון די אידן, וואָס פאַרקויפן ביליקער, האָבן געמסרט אויף זיי פאר די רוסישע סאָלדאַטן. אומעטום האָבן די רוסישע קאָמענדאַנטן געהאַנגען אידן, געשאָסן, אין די טורמעס פאַר-שפּאַרט, קיין סיביר פאַרשיקט. אין די דערפער האָבן פּוילישע פּויערים, וואָס האָבן געהאַט מחלוקת מיט די דייטשע קאָלאָניסטן, געמסרט זיי פאַר די רוסן, אַז מיט די פליגלען פון די ווינט-מילן גיבן זיי צייכנס צום דייטשן מיליטער. די רוסישע מיליטערישע פירער, וואָס האָבן געליטן איין מפּלה נאָך דער אַנדערער, האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין די מסירות און דעם גאַנצן כעס צו די אידן אין די שטעטלעך אויסגעלאָזט. די מענטשן זענען געווען אָנגעשראָקן און האָבן מורא געהאַט אין גאַס זיך צו ווייזן, ווען די דייטשע טיילן זענען אריין, געציטערט זיי אָנווייזן די וועגן, אנטפערן אויף פראַגן. אַמאָל האָט אויך געטראָפן, אז פון הייזער האָט מען געשאָסן אויף די דייטשע פאַרפּאָסטנס.

דער אָבערסט באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו האָט דעריבער אָפּגעמאַכט אָנצולערנען די פּוילישע שטעטלעך, אָנשרעקן זיי, זיי זאָלן נישט וואָגן מער א האַנט אויפצוהויבן אויף די דייטשע טיילן, זיי זאָלן ציטערן פאר זייער בליק. ערשטנס, האָט ער געלאָזט אָנ-צינדן עטלעכע דערפער, כדי די פלאַמען זאָלן ווייט ארום אָנזאָגן די אַנדערע דערפער צו זיין געהאָרכזאַם און אונטערטעניק. צווייטנס, האָט ער געלאָזט פאַרניכטן די שטאָט קאַליש. אין דער פאַרנומע-נער שטאָט האָט דער טויב-שטומער וואַסער-טרעגער נישט אָפּגע-

שטעלט זיך אויפן באפעל פון א דייטשן לאנד-שטורמער, האָט אים דער סאָלדאט דערשאָסן. עטלעכע מענטשן אין גאס האָבן גענומען רופן, מאכן מיט די הענט, אז דער מענטש איז א טויבער. דער סאָלדאט האָט נישט פארשטאַנען און געשאָסן אויף די מענטשן. אַ יונגער באַלעגאָלע האָט דעם סאָלדאט געוואָרפן א שטיין. דער זעלנער איז מיט א צעבלוטיקטן קאָפּ אוועק אין דער קאָמאַנדע. דער אָבערסט באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו האָט גראָד געהאַלטן אינמיטן טאָג עסן. ער האָט אָפּגעווישט די ליפּן מיט א סערוועט, ער האָט אויסגעזופּט דעם לעצטן שלונג ביר און ער האָט געהייסן רופן אויף אַליאַרם. ווען די זעלנער זענען זיך צונויפגעקומען, האָט ער באַפוילן דעם מאַיאָר פּרויסקער צו באָמבאַרדירן די שטאָט מיט אַרטילעריע. הייזער האָבן געקראַכט, אָנגעצונדן זיך, מענטשן זענען ווי משוגעים ארומגעלאָפן איבער די גאַסן און געסלעך. די פירער פון שטאָט זענען געקומען בעטן, אבער קיין זאך האָט נישט געהאָלפן. די זעלנער האָבן געשאָסן סיסטעמאַטיש און פּינקטלעך. ביינאַכט האָט די שטאָט געברענט, הונדערטער הרוגים, ווייבער, קינדער, אלטע, זענען געלעגן אויף די שטיינער, אונטער די חורבות. די פלאמען פון דער ברענענדיקער שטאָט האָבן מיילן ווייט גע-טראָגן די בשורה פון דייטשער נקמה. דאָס האָט א פּעולה געהאט. פון דעמאָלט אָן זענען די דייטשע פאָרפּאָסטנס אַריין רואיקע אין די פארנומענע שטעט און שטעטלעך.

די גענעראלן פון שטאַב האָבן גוט אָפּגעשאַצט באַראָן פאָן היידעל היידעללאָום מאַנעווער. ער האָט אן אייזערנעם קרייץ פאַר העלדישקייט געקריגן. צוליב זיינע פארדינסטן, אויך צוליב זיינע קענטשאפטן מיט דער שטאָט, פון וואנען ער האָט א ווייב גענו-מען, האָט מען אים פאר קאָמענדאַנט געמאַכט.

מיט אָרדינאַנסן און אדיוטאַנטן, מיט זיינע הינט און באַ-גאַזשן איז ער, נאָך דער אריינמאַרשירנדיקער אַרמיי, וועלכע האָט פאר אים די שטאָט דעראָבערט און אָפּגעריינגט, אריין אין לאָדזש, וואָס ער האָט פריער אזוי געהאַסט און פאַראַכטעט. די סאַפּערן האָבן פאר אים אָפּגעריינקט דעם אָבערפּאָליצמייסטערס הויז. זיין אַדיוטאַנט, א יונגער לייטענאַנט מיט רויטע בעקלעך ווי ביי א מיידל, וואָס ציט אָן אויף זיין געזיכט זייער א שטרענגע מינע,

כדי זיך צו מאכן מענלעך, יונקעריש און ברוטאַל, האָט זיך אויס-געגלייכט ווי א סטרונע און אָפּגעגעבן אים ראַפּאָרט, אז דאָס הויז איז זייער פּינקטלעך דורכקאָנטראָלירט געוואָרן און אז קיין אויפ-רייסנדיקע מאַטעריאַלן זענען נישט געפונען געוואָרן. אָבער באַראָן פאָן היידעלאַו האָט א קוק געטאָן פון זיין מאָנאָקל מיט א פאַראכטנדיקן בליק אויף דעם דעראָבערטן הויז און בייז א קלאַפּ געטאָן מיט זיין לעדערנע הענטשקע איבער דעם טיש.

— איך בלייבע ניכט אין דיזען שוויינען-האוז, — האָט ער געזאָגט און געשמעקט מיט דער נאָז, ווי ער וואָלט פילן א שלעכטן ריח.

ער האָט פאַנאַנדערגעוויקלט א קאַרטע פון דער שטאָט און צוגערופן זיין אדיוטאַנט צום טיש.

— לויטענאַנט, פּאסען זי מאַהל אוף, — האָט ער באַפוילן און מיטן פינגער דורכגעגאַנגען די קאַרטע, — איר זעט אָט די גאַס! דאָרט איז דאָ א פאַבריק און א פּאַלאַץ דערנעבען, וואָס איז פאַרנומען פון א איד. אין דעם פּאַלאַץ וויל איך וואוינען, ניכט וואהר?

— יאַ וואָהל, הער אָבערסט, — האָט דער לייטענאַנט גע-ענטפערט דינסטפערטיק, קוקנדיק מיט מאָפּסישער מורא און אָפּשיי זיין הער אין די אויגן אריין.

— רעקוויזירן פּריוואַטע הייזער איז אומבאַקוועם אין די ערשטע טעג, — האָט ער געמורמלט, — סיידן פון אַזעלכע, פון וועלכע מען האָט געשאָסן אויף אונזערע טיילן. ניכט וואהר?

— יאַ וואָהל, הער אָבערסט, — האָט דאָס אָפּיצירל געדונערט.

— אַלזאָ, ווי אזוי רעכנט איר עס דורכצופירן? — האָט דער באַראָן געפרעגט, קוקנדיק מיט א פאָרשנדיקן בליק דעם אדיוטאַנט גלייך אין די אויגן אריין.

— איך וועל אַריבערגיין מיט א פּאַטראָל, דורכפירן א שטרענגע רעוויזיע, און אויב איך וועל געפינען, אז מען האָט פון דאָרט געשאָסן, דאַן...

— דאַן זינד זי איין עכטער דומקאָפּ, מיין ליבער לויטע-נאַנט, — האָט דער באַראָן אים איבערגעריסן, — מיר איז אַלצ-איינס, צום טייוול, אויב מען האָט יאָ געשאָסן אָדער נישט גע-

שאָסן. אויב מען האָט נישט געשאָסן, האָט מען געדאַרפט שיסן. האָבען זי עס ענדליך בענאָמען?

— יאָ וואָהל, הער אָבערסט, — האָט דאָס אָפיצירל געענט-פערט אַ פאַרשעמטער, רויט ווי אַ דאָרפס-מיידל.

— אַלזאָ, איך וויל, אַז אַלץ זאָל זיין גוט דורכגעפירט, אָפּ-געריייניקט. גאָרנישט איבערלאָזן פון אידישן קנאַבל. נעכטיקן וויל איך נאָך היינט אין פאַלאַץ. ניכט וואהר?

— צו בעפעל, הער אָבערסט! — האָט דער אַדיוטאַנט אַ דו-נער געטאָן און מיליטעריש זיך אויסגעדרייט, קנאַקנדיק מיט די באַשפּאָרנטע שטיוול.

פרוי אשכנזי איז זייער אַ פאַרציטערטע געוואָרן, ווען דער דייטשער אָפיציר איז מיט זיינע באַוואָפנטע סאָלדאַטן אַריינגע-קומען אין פאַלאַץ. איר מאַן איז נישט געווען אין לאָדזש. ער איז אין דער לעצטער מינוט פאַרבליבן אין רוסלאַנד, וואו ער איז גע-פאָרן געשעפטלעך. איצט האָט ער מער נישט געקאָנט צוריקקומען. זי איז געבליבן איינע אליין אין דער פרעמדער שטאָט, איינע אליין אין לאָדזש מיט דער גאַנצער פאַבריק, הייזער, פאַרמעגנס, אַרבע-טער און פאַלאַץ. זי האָט קיינעם נישט געהאַט אין דער פרעמדער פוילישער שטאָט, נישט קיין קרובים, נישט קיין פריינט. אַלע אירע נאָנטע זענען געווען אין רוסלאַנד, אין לאַנד, פון וועלכן לאָדזש איז איצט פּלוצלינג געוואָרן אָפּגעשניטן, אָפּגעהאַקט, נישט מען קאָן אהין אַרויספאָרן, נישט אַ בריוו שרייבן, נישט אַ טעלעגראַמע שיקן. דער איינציקער מענטש אין דער פרעמדער שטאָט איז געווען דער מאַן, מאַקס, וואָס צוליב אים איז זי פון איר היים אוועק און זיך דאָ אין דער פרעמד, צווישן פרעמדע מענטשן, באַזעצט. אָבער אויך ער איז געבליבן שטעקן פון דער צווייטער זייט. זי האָט אים געוואָרנט, ער זאָל זיך נישט פאַרהאַלטן, ער זאָל באַצייטנס צוריק-קומען, ווייל דער שונא איז געשטאַנען ביי דער נאָז, אָבער ער האָט אָפּגעלייגט דאָס פאָרן פון טאָג אויף טאָג.

— פורכטבאַר בעשעפטיקט, — האָט ער געענטפערט אויף אירע אומרואיקע טעלעגראַמעס.

זי איז געווען זייער איינזאַם, דערשראָקן און אומגליקלעך, די

מאַדאַם אשכנזי, די אַלטע איינזאַמע עלטערע פרוי, אין גרויסן פּאַלאַץ.

— וואָס איז געשען, מיין הער? — האָט זי געפרעגט דעם יונגן אָפיציר, וואָס האָט א זייער קריגעריש פּנים זיך געמאַכט.

— זי זינד די בעזיצערין דעם פּאַלאַצס? — האָט דער אָפי־ציר געפרעגט. — יאַ, דאַן בלייבען זי אונטער וואַך.

דער אָפיציר האָט אוועקגעשטעלט א סאָלדאַט נעבן דער דער־שראָקענער פרוי און אליין מיט די איבעריקע זעלנער דורכגעפירט א שטרענגע רעוויזיע. כאָטש מען האָט גאָרנישט געפונען אויסער די פּאַרראָסטעטע שווערדן און א יעגער-ביקס, וואָס די הונצעס האָבן איבערגעלאָזט אין זייער יעגער-שטוב, האָט דאָס אָפיצירל זייער א שווערן פּראָטאָקאָל צונויפגעשטעלט, אַז פון פּאַלאַץ איז אַראָפּגעשאָסן געוואָרן אויף די דייטשע טיילן. די פרוי אשכנזי איז גענומען געוואָרן אויף א שטרענגן פאַרהער. זי האָט מיט רויטע ווייבערישע פלעקן ארום די אויגן געלייקנט, אויפגעוויזן, אַז קיינער האָט נישט געקאָנט שיסן. אָבער דאָס אָפיצירל האָט איבערגעהאַקט.

— ווי וואַגט איר די באַהויפּטונג פון אונזערע סאָלדאַטן אלס ליגן צו באַצייכענען, מאַדאַם? — האָט ער געזאָגט מיט געמאַכטן צאָרן, ווי ער פלעגט עס זען ביי זיין אָבערסט.

ער האָט זי באַפרייט פון דער זעלנערישער וואַך, ביז עס וועט קלאָר ווערן. אבער א באַפעל האָט ער געגעבן, אַז דער פּאַלאַץ מוז גלייך ווערן אָפּגערוימט, אַז גאָרנישט, אויסער קליידער און וועש, טאָר מען ארויספירן פון דעם אָרט, פון וועלכן מען האָט מיט קוילן די זיגרייכע ארמיי באַגעגנט.

מאַדאַם אשכנזי האָט פאַרבראַכן מיט די הענט.

— די הערן ווילן מיך אויף דער גאַס ארויסזעצן, — האָט זי נישט פאַרשטאַנען, — דאָס איז אוממעגלעך.

— לויטע, לאָז! — האָט דער אָפיציר באַפוילן די סאָלדאַטן זיי זאָלן זיך נעמען באַזעצן דאָס הויז.

די סאָלדאַטן האָבן זיך גענומען צו דער ארבעט. א וואַך־זעלנער האָט זיך גלייך אוועקגעשטעלט מיטן געווער ביים טויער. א צווייטער האָט זיך ארויפגעדראַפּעט אויפן טויער און איבער

דעם באַראָנישן אויסגעשניצטן הערב, וואָס איז פון די הונצעס פאַר־בליבן, האָט ער אַ דייטשע פאָן פאַנאַנדערגעוויקלט און אויסגע־האָנגען. דערנאָך האָט ער אַ ברעטל מיט אויסגעברענטע בוכשטאַבן „בעשלאַגנאַמט" אויפן טויער אָנגעהאָנגען.

מאַדאַם אשכנזי האָט זייער איילנדיק פאַרפּודערט די רויטע ווייבערישע פלעקן אין פּנים, אויסגעפּוצט זיך פאַרן שפּיגל און געהייסן דעם קוטשער שפּאַנען די קאַרעטע. מיטן ווייבערישן שירם פעסט אין דער אַלטער האַנט, ווי זי וואָלט וויניקסטנס אַ שווערד געהאַלטן, מיט אויפגעקאָכט בלוט, מיט גערעכטע טענות אין מויל, האָט זי זיך געלאָזט איבער די לאָדזשער גאַסן, אָפּיצירן און זעלנער אָפּגעשטעלט און דערגאַנגען דעם קאָמענדאַנטס קוואַר־טיר. ביז צום קייזער אַליין איז זי געווען גרייט צו פאָרן און פאָ־דערן גערעכטיקייט. אָבער מען האָט זי צום קאָמענדאַנט נישט צו־געלאָזט.

— קיין צוטריט! — האָבן די וואַכן ביים טויער געגאַרגלט, — לאָז!

נאָך אין זעלבן אָוונט איז באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו אין זיין אויטאָמאָביל אַריבערגעפאָרן צום פּאַלאַץ, וועלכן ער האָט נאָך גוט געדענקט פון פריערדיקע צייטן. דער אַדיוטאַנט האָט אים אַזאַ ערנסטן ראַפּאָרט אָפּגעגעבן וועגן דעם אויסרעווידירטן פּאַלאַץ, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען אַ ריטערלעכער שלאָס, פון וועלכן מען האָט פון פיילן באַשאָסן די עראָבערער זיינע.

— שעהן, שעהן, — האָט דער קאָמענדאַנט אים געלויבט, אויסהערנדיק מיט איין אויער די קאָמעדיע.

ער איז מיט שטאָלצע טריט אַרויף איבער די ברייטע מאַר־מאָרנע טרעפּ, באַדעקטע מיט טעפּיכער. ער איז אַריין אין די זאַלן און ברייט זיך אַריינגעוואָרפן אין אַ ווייכן פאָטעל, אויסציענדיק די לאַנגע פיס מיט די הויכע שטיוול.

— נעט, — האָט ער געברומט, קוקנדיק אַרום זיך אויף דעם מעבל און שטוימנדיק מיטן שפּיץ שטיוול אַלץ, וואָס איז אים גע־לעגן נאָענט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט דערנאָך ביים גרויסן שפּיגל, וואָס איז געווען איינגעמויערט אין דער וואַנט איבערן מאַר־מאָרנעם קאַמין, און זיך באַטראַכט אין דער גאַנצער אויסגעצוי־

גענער גרויס. א הויכער, א קנאָכיקער, א צעקנייטשטער, מיט א גלאַנציקן פּיקעלהויב אראָפּגערוקט איבער די אויגן, מיט א גרויער מיליטערישער פּעלערין, מיט הויכע שטיוול מיט שפּאָרן, איינגעצויגן אין רימען, באַוואָפנט מיט א שווערד, אויסגעצירט די ברוסט מיט מעדאַלן, איז ער אליין געווען צופרידן פון זיך אין שפּיגל. דער פּיקעלהויב מיט דעם אראָפּגעלאָזטן לעדערל איבער דעם קין האָט אים צוגעגעבן רוימערישקייט. ער האָט געמאַכט א שטרענג געזיכט, צו א רוימישן קריגס-פירער צו ווערן ענלעך. ער האָט זיך געפילט איינגאַנצן ווי א פּאַטריציער אויף פרעמדער באַזיגטער ערד.

אויפן טיש אין עס-צימער איז געשטאַנען א געדעקטער טיש מיט אַלעם גוטן, וואָס דער פאַלאַץ-קוכער האָט צוגעגרייט און דער קאַמערדינער, דער דייטש, האָט אריינגעטראָגן. באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו האָט א שמעק געטאָן צום עסן און געבליבן צופרידן פון ריח. דער קאַמערדינער האָט אויסגעווישט מיט א סערוועטל דאָס העלזל פון א פּאַרבלאָטיקטער פלאַש און אָנגעגאָסן וויין. דער באַראָן האָט אויסגעזופּט גיריק דעם בעכער.

— נאָך פון גאָטזעליקן באַראָנס קעלערן, עקסעלענץ, — האָט דער קאַמערדינער געזאָגט מיט חניפה.

— נעם מיר די שווערד אראָפּ! — האָט דער באַראָן באַפוילן. — אויך די שטיוול.

דער קאַמערדינער האָט די שווערד גלייך ארונטערגענומען. מיט די שטיוול איז עס אים אָנגעקומען שווערער. דער באַראָן איז אין כעס געוואָרן און אים אָפּגעשטויסן מיטן פוס.

— אונגעשיקטער טויפל! שנעלער, שוויין-הונד!

דער קאַמערדינער האָט זיך צוגעשאַרט און ווידער גענומען ציען דעם געפּאַסטן שטיוול. נאָך יאָרן פון לאַקייאישער באַליידיקונג צו דינען ביי א איד, וואָס ווייסט נישט ווי אזוי אומצוגיין מיט א דינער, וואָס שרייט נישט, זידלט נישט און לאָזט זיך נישט באַדינען, האָט ער ווידער דערפילט איצט א טעם אין זיין דינסט. ער האָט געהאַט איבער זיך א הער.

דער באַראָן האָט געגעסן מיט אַפּעטיט די גוטע מאכלים, מיט הנאה געזופּט דעם וויין און נישט אויפגעהערט קוקן ארום זיך,

אויף יעדער קלייניקייט אין עס-שטוב. צום גוטן טעם פון עסן און טרינקען, האָט ער נאָך געפילט דעם ספּעציעלן טעם פון עסן רויב, פון טרינקען וויין פון דעראָבערטע קעלערס, ווי א חיה, וואָס האָט מער הנאה פון דער פאַרציקונג ווי פון עסן, ווי די עלטער-זיידעס זיינע, די רויב-ריטער, וואָס האָבן געלעבט פון מאָרדן און רויבן.

ווען דער דינער האָט אים פאַרן שלאָף אויסגעטאָן, אראָפּגע-צויגן פון אים די מיליטערישע קליידער, די אלע עפּאָלעטן, מע-דאַלן און אים געוואשן אין באָד-צימער, איז פון דעם באַראָן גע-בליבן א העלפּט. א בלאסער אלטער מאַן מיט אָנגעצויגענע בלויע אָדערן אויף די ווייסע דאַרע פיס, מיט אן איינגעפאלענעם בויך, מיט שלאַבעריקע אברים איז געשטאַנען אונטער דעם פּליסנ-דיקן וואַסער און מיט ברוין-און-בלויען אלטן לייב אָרעם ארומ-געשיילט זיך פון ווייסן מארמאָר. גאַרנישט זיגערישעס און רוי-מישעס איז געווען אין דעם קערפּער, וואָס האָט אויסגעזען ווי א דאַרער אלטער האָן, וואָס מען האָט אָפּגעפּליקט די פאַרביקע פעדערן פון אים.

— שנעל, שנעל! — האָט דער באַראָן געיאָגט דעם דינער, וואָס האָט אים געריבן מיט א שוואָם.

ער האָט געוואָלט וואָס שנעלער זיין אָנגעטאָן.

שוין ליגנדיק אין ברייטן בעט פון לואי דעם פופצנטן, איינ-געהילט אין בעטצייג פון זייד און פון האַפטן, האָט ער צוגערופן צו זיך דעם אדיוטאַנט, דאָס יונגע אָפיצירל מיט די רויטע בע-קעלעך ווי ביי א דאָרפס-מיידל, און געהייסן אים פאָרלייענען די וויכטיקע נייעס. דער אָפיציר האָט אים איבערגעלייענט עטלעכע באַריכטן פון שטאָט, דערלאַנגט אים אויך א צעטל פון טויט-פאַר-אורטיילטע פאַר שפּיאָנאַזש. דער באַראָן האָט אפילו די נעמען זייערע נישט איבערגעלייענט און נאָכלעסיק אונטערגעשריבן.

דערנאָך האָט ער דעם אדיוטאַנט זיינעם אָנגענומען פאַר א האַנט און אים גענומען גלעטן די רויטע בעקעלעך מיט די קנאָכיקע פינגער.

— דו שיינער בוב, — האָט ער געשעפּטשעט מיטן אלטן מויל, וואָס די ציין זיינע האָבן זיך געוויקט דערנעבן אין א גלאָז וואַסער אויפן טישל.

דאָס אָפּיצירל האָט זיך באַגאַסן מיט רויטקייט.
— הער אָבערסט, ניין דאָך! — האָט ער פאַרשעמט געברומט.
דער באַראָן האָט אים מיט קנאַכיקע הענט געצויגן צו זיך.
ער האָט זיך ווידער געפילט דער רוימער...

## קאַפּיטל צוויי

מאַקס אשכנזי האָט אריבערגעטראָגן לאָדזש קיין פּעטערבורג, וואָס האָט לויט אַן אלערהעכסטן באַפעל גערופן זיך פון איצט אָן נישט מיטן פריערדיקן אַלטן דייטשן נאָמען, וואָס פּעטער דער גרויסער האָט דער שטאָט געגעבן, נאָר מיטן ריין סלאַווישן נאָמען — פּעטראָגראַד.

שוין באַלד נאָך דעם ערשטן מאָל, וואָס די דייטשן האָבן פאַרנומען לאָדזש און דערנאָך צוריק אַרויס, האָט מאַקס אשכנזי אָריענטירט זיך אויף רוסלאַנד. ערשטנס, האָבן די רוסן, גלייך אין אָנהויב מלחמה, אַרויסגעפירט די רעגירונגס-בענק פון פּוילן און אַריבערגעפירט זיי קיין רוסלאַנד. קיין גאָלד האָט מען אינגאַנצן נישט אויסגעצאָלט מער און אפילו באַנקנאָטן האָט מען אויך אין פּוילן נישט אַרויסגעגעבן אויף די באַנק-ביכלעך. אשכנזי האָט געהאַט אַ סך געלטער, שווערע געלטער, ליגן אין די רעגירונגס-בענק, אויך האָט ער פיל ווערט-פּאַפּירן, אַלערליי אָבליגאַציעס געהאַט, פון וועלכע ער האָט גוטע קופּאָנען, ווי תבואה פון פעלדער, געשניטן. דאָס אַלץ האָט איצט אין פּוילן, וואָס איז נאָענט ביי דער דייטשער גרעניץ, און מער נאָך אין לאָדזש, וואָס ליגט די דייטשן ביי דער נאָז, גאָר קיין ווערט נישט געהאַט. מען האָט קיין פּרוטה דערפון נישט געקאָנט אַרויסקריגן. אנדערש איז עס געווען אין רוסלאַנד, וואָס איז ווייט פון פראָנט געווען.

צווייטנס, איז זיין פאַרמעגן מער אין רוסלאַנד ווי אין פּוילן געלעגן. איבער אַלע עקן פון דער גרויסער אימפּעריע, ביז דעם ווייטן מזרח, זענען די סחורות פון אשכנזיס פאַבריקן געווען פאַר-וואָרפן. מאַסן חובות האָט ער ביי די רוסישע סוחרים געהאַט. דריטנס, האָט אשכנזי געוואוסט, אַז אַן רוסלאַנד איז לאָדזש אַן אָפּ-

געריסן גליך, וואס האָט נישט פון וואנען קיין לעבן צו ציען, אז אָן רוסישן מארק זענען אלע פאבריקן קיין שמעק טאבאק נישט ווערט. ביי זיין גאנצן דייטש רעדן און פירן זיך דייטשיש, האָט ער געקענט די דייטשן, אז ביי זיי איז שווער א גראָשן צו פאַר-דינען, אז זיי זענען אליין מער בעלנים אויף ארויסציען געלט, ווי געבן צו פארדינען געלט. דער רוס איז ברייט, נישט אויסגערעכנט, און מען קאָן מאכן געלט ביי אים, ווען מען פארשטייט אן עסק. אויסער דעם דארפן די דייטשן נישט די לאָדזשער אינדוסטריע. זיי האָבן אליין איבערגענוג אייגענע סחורות. זיי ווילן עראָבערן פוילן בלויז אויף צו קאָנען ארויספירן פון דאָרט ברויט און אריינפירן די אייגענע סחורות. זיי וועלן אלץ טאָן, כדי די לאָדזשער אינדוס-טריע צו פארניכטן. ער האָט זיי געקענט, די דייטשן, נישט איינמאָל מיט זיי עסקים געהאט. ער האָט געוואוסט, אז אויב מאכן עפּעס, קאָן מען נאָר אין רוסלאנד, וואָס איז גרויס, ברייט, האָט קיין אינ-דוסטריע נישט, וואס נויטיקט זיך אין מענטשן אזעלכע ווי ער, אין בויער און אָרגאניזאטאָרן. די דייטשן, האָט ער געוואוסט, קענען בעסער די מלאכה פון לאָדזש. און טאקע, ווי נאָר די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, איז ער געווען מער אין רוסלאנד ווי אין לאָדזש. ער האָט באצייטנס מאסן סחורה ארויסגעפירט פון שטאָט, די לאַ-גערן זיינע אויסגעליידיקט. עס איז געווען נישט לייכט ארויסצו-פירן די סחורות. די צונגן זענען פארנומען געווען מיט סאָלדאטן, אַמוניציע. אבער דער קאָמענדאנט פון שטאָט האָט אים די זאך איינגעאָרדנט. פאר א גרויסער מטבע האָט ער ארויסגעגעבן פאַ-פירן אשכנזים פאבריק, אז די סחורות זענען זייער נויטיק פאר דער ארמיי. דאָס האָט אלע פארשלאָסענע טירן געעפנט. אין גרויסע לאגערן אין פעטערבורג, וואָס רופט זיך איצט פעטראָגראד, האָט אשכנזי זיינע סחורות אוועקגעלייגט. זיי זענען געוואקסן אין פרייז מיט יעדן טאָג.

ער האָט אויך געוואָלט אריבערפירן די פאבריק זיינע, אלע מאשינען און שטולן. עס איז געווען נישט לייכט אזא זאך דורכ-צופירן. אבער אשכנזי האָט זיך פאר שווערע זאכן נישט אָפּגע-שטעלט. קיין שום זאך האָט אים נישט פארשאפט אזא הנאה ווי דורכצופירן זאכן שווערע, אוממעגלעכע. וואס שווערער די צוימען

זענען פאר אים געשטאנען, אלץ מער חשק האָט ער געהאט די הויכע צוימען אריבערצוקלעטערן. מיט זיין נישט-איבעריק גוטן רוסיש האָט ער פונדעסטוועגן געקאָנט צו די גרעסטע לייט אָנ-שלאָגן. מיט רייד שכלדיקע און קלאָרע, וואס קריכן אין קאָפּ אריין און צעגייען זיך אין מוח ווי גוטער בוימל, האָט ער געקאָנט אויפ-ווייזן די גרעסטע לייט פון הינטער-לאנד, וואס האָבן זיך אין מילי-טערישע קליידער פון רויטן קרייץ ארומגעדרייט, אז זיין ארויס-פירן די פאבריק פון לאָדזש, באוואָרענען זי פון אריינפאלן צו די דייטשן און אריבערפירן זי אין אינדוסטריע-אָרעמען רוסלאנד, איז א גרויסער נוצן פארן לאנד; אז סחורות זענען נויטיק פאר דער ארמיי נישט ווייניקער ווי אמוניציע, און דעריבער דארף מען אים צוהעלפן ארויסצוראטעווען באצייטנס זיין פאבריק. ער האָט שוין טאקע היפשע טיילן גענומען ארויספירן. ער האָט געארבעט, מיט גרויסע לייט זיך באגאנגען, מיט מיליטער-לייט געטרונקען, מתנות זיי געגעבן, פארקאָכט געווען אין זיין פלאן. אבער דערווייל איז לאָדזש צום דריטן מאָל אָפּגעריסן געוואָרן און אשכנזי איז גע-בליבן נישט אהין, נישט אהער — א העלפט מאשינען זענען גע-בליבן אין לאָדזש, די אנדערע העלפט אויף די באנען איבער רוסלאנד.

מאקס אשכנזי האָט מיט זיינע נערוועזע פינגער זייער גיך צעשויבערט זיין שפיץ בערדעלע, וואס איז שוין היפש גרוי געווען, ווען די באקאנטע מיליטער-לייט זיינע האבן אים בסוד געזאָגט, אז דאָס מאָל איז שוין לאָדזש פארפאלן, נישט צוריקצונעמען. א האלבע פאבריק זיינע איז געבליבן דאָרט, אויך סחורה א סך אין די לאגערן און זיין פרוי איינע אליין אין פאלאץ, אין דער פרעמדער שטאָט. אָבער שטארק רייסן זיך צו דער פארנומענער שטאָט האָט ער גאָרנישט פרובירט. ער האָט עס געלאָזט אויף דער מערכה. אז עס וועט גיין גלייך, די שטאָט וועט צוריק אריין צו די רוסן, איז גוט. מוסר-נפש זיין זיך, כדי אריינצוקריגן זיך קיין לאָדזש, האָט ער קיין חשק נישט געהאט. ער האָט אין דער שטאָט מער נישט געגלויבט, געהאלטן זי פאר א פארפאלענע.

אָבער אזוי ווי ער האָט נישט געקאָנט קומען קיין לאָדזש, האָט ער לאָדזש אראָפּגעברענגט קיין פעטערבורג.

אויף די רוסישע באנען, ליניעס, וואקזאלן, צעוואָרפן און צעטרענצלט, האָבן זיך געוואלגערט מאשינען, מעכאנישע וועב־שטולן, טיילן פון פארשידענע פאבריקן, וואס מען האָט פון לאָדזש און די ארומיקע אינדוסטריע־שטעט עוואקואירט. נישט נאָר זיינע מאשינען, נאָר אויך מאסן מאשינען פון אנדערע לאָדזשער פאב־ריקאנטן, וואס האָבן אליין נישט געוואוסט, וואו זייער פארמעגן וואלגערט זיך. זיי זענען געבליבן פארשטעקט, פארוואָרפן אין גרויסן טומל און אומאָרדענונג ביי דער גיכער מיליטערישער עוואַ־קואציע, זיי האבן זיך געוואלגערט אין די פאק־קאמערן, אונטערן בלויזן הימל, געראָסטעט און קאליע געוואָרן. אויך האָבן זיך סחורות אָן א שיעור ארומגעוואלגערט. אשכנזי האָט זיך גענומען צו מאכן אן אָרדענונג אין די וואָגלדיקע לאָדזשער מאשינען און סחורות, צונויפנעמען דאָס צעקראָכענע לאָדזש און אוועקשטעלן עס צוריק אויף אַן אָרט, אין סאמע פעטערבורג אליין. אין ברייטן סויבלענעם פעלץ און היטל, וואס זאָל אים מאכן ברייטער און אָנזעעוודיקער, ענלעך צו א רוסישן מענטש, איז ער ארומגעפאָרן אין שליטנס איבער די פעטערבורגער גאסן, צו מיליטער־לייט און פינאנסיסטן אָנגעקומען, צו מיניסטאָרן זיך דערשלאָגן, צו די גרעס־טע אמטן און פאלאצן, און גערעדט, געגעבן צו פארשטיין, ביטעס דערלאנגט, אונטערגעשמירט, געטאָן אלץ, אבי קאָנטאקט אָנצו־בינדן, פאפירן ארויסצוקריגן, בריוו, רעקאָמענדאציעס, ערלויבע־נישן, רייזע־שיינען. ווי א וויכער האָט ער זיך ארומגעטראָגן אין צעיאָכמערטן פעטערבורג, נישט געגעסן, נישט געשלאָפן, נישט גערוט, נאָר געארבעט, גערעדט, געלאָפן, געטאָן, ביז ער האָט זיינס נישט דורכגעזעצט.

מיט אייזערנע פאפירן אין די הענט, אז אלע וועגן זענען פאר אים פריי, אז אלע זאָלן אים ארויסווייזן הילף אין זיין ארבעט, איז ער ארומגעפאָרן איבער דעם גרויסן רוסלאנד, אויף אלע ליניעס, דעפאָס, סטאנציעס און צונויפגעזאמלט די וואלגערנדיקע לאָדזשער מאשינען, סחורות, רוי־שטאָפן, וואס זענען געווען פאנאנדערגע־וואָרפן אין אלע לעכער. א ווילדער פלאָנטער זענען איצט געווען די רוסישע באנען. די דייטשן האבן מיט יעדן טאָג מער נייע שטעט פארנומען. די גאנצע רוסישע הערשאפט פאר הונדערט יאָר אין

פוילן איז געלאָפן פון שונא, געיאָגט קיין רוסלאַנד. אויף די באַנען האָבן זיך געשלעפּט באַאַמטע, פון גובערנאַטאָרן ביזן לעצטן פּאָליציאַנט, פון אַן ארכימאַנדריט ביז אַ גלאָקן-קלינגער. ריכטער, שעפן פון דער פּאָליטישער פּאָליציי, פּאָליצמייסטערס, פּראַוואָסלאַוונע גאָנעס, רוסישע סוחרים, צענזאָרן, גימנאַזיע-לאַקייען, תלינים, פּאָפּן, זשאַנדאַרמען, גרעניץ-באַאַמטע, אַלע מיט זייערע ווייבער און קינדער, מעבלען און פּעק, געלט-ביכלעך און איקאָנעס, קאַזיאָנע פּאַפּירן און ארכיוון, קירכן-חפצים און צאַרישע פּלאַגן, זענען זיי געלאָפן אין פּאַניק פון פוילן צום גרויסן רוסלאַנד.

אין סאַניטאַר-וואַגאָנען, לאַסט-וואַגאָנען זענען פאַרוואונדעטע געפאָרן, טויזנטער, צענדליקער טויזנטער, בלוטנדיקע, ווייטאָקדיקע, גוססדיקע און שטאַרבנדיקע. אויף יעדער סטאַנציע האָט מען די טויטע אַראָפּגעטראָגן, כדי אויף זייערע בעטלעך און שטרוי נייע אַריינצולייגן. אָנגעשטאָפּט, איינגעקוועטשט, ווי הינער אין אַ שטייג, זענען געפאַנגענע געפאָרן, צענדליקער טויזנטער עסטרייכער, וואָס מען האָט קיין סיביר געפירט. פון אַלע פוילישע טורמעס זענען אַרעסטאַנטן געפאָרן, גנבים און פּאָליטישע, פויערן, וואָס האָבן די דייטשן אָנגעוויזן אַ וועג, פּאַסטוכער, וואָס האָבן געקנאַלט מיט די בייטשן אויף די בהמות און וואָס די רוסן האָבן אָנגענומען פאַר געהיימע סיגנאַלן צום שונא, אַלערליי פאַרדעכטיקע אין שפּיאָנאַזש און אין פאַרראַט. אַלטע און יונגע, ווייבער און קינדער, תמעוואַטע פויערלעך און שטאָטישע אַרבעטער, דייטשע קאָלאָניסטן, רוטענישע פויערן, גאַליציאַנער אידן מיט פּיאות, גלחים, רבנים, באַגרעבער, סוחרים, גאַסן-יונגען, דעזערטירן, צונויפגעמישט, צונויפגעקנוילט, זענען אין אַרעסטאַנטן-וואַגאָנען געפאָרן, באַוואַכט פון קאָנוואָיען. זיי האָבן נישט געוואוסט, די מענטשן, פאַרוואָס מען האָט זיי אַרעסטירט, וואו מען פירט זיי, ווען מ'וועט זיי משפּטן. קיינער האָט עס זיי נישט געקאָנט זאָגן. אפילו קיין פּאַפּירן זענען וועגן זיי נישט געווען. זיי האָבן בלויז געוואוסט, אַז זיי זענען אַרעסטאַנטן.

מער פון זיי אַלע האָבן זיך געשלעפּט אַרויסגעטריבענע אידן, גאַנצע שטעט און שטעטלעך האָט ניקאָליי ניקאָלאַיעוויטש פון פוילן און ליטע אַרויסגעטריבן, כדי דערמיט צו פאַרדעקן זיין

שלימזלדיקע הויפּט-אָנפירונג, זיינע וויסטע מפּלות. ווי די סטאַדעס האָבן די קאָזאַקן זיי געטריבן פון זייערע היימען, פאַרברענט זיי-ערע הייזלעך און קרעמליך. אַלטע און יונגע, ווייבער און קינדער, קימפּעטאָרינס און קראַנקע, מיט בעטגעוואַנט און פּעקלעך, מיט שבתדיקע לייכטער און מיט אָפּגעראַטעוועטע ספר-תורהס, האָבן זיי זיך געשלעפּט אין לאַסט-וואַגאָנען, אויף וועלכע עס איז גע-שריבן, אַז זיי דינען פאַר פערציק מענטשן אָדער פאַר זעקס פערד, אָבער אריינגעפּאַקט האָט מען אין יעדן פון זיי צו הונדערטער מענטשן. עלנטע, אומגליקלעכע, הונגעריקע, האָבן זיי זיך געצויגן איבער דעם גרויסן רוסלאַנד, אונטער דער וואַך פון באַוואָפנטע סאָלדאַטן. אויף די סטאַנציעס האָבן אויפגעהעצטע סאָלדאַטן זיי געזידלט, געשלאָגן, אין פּנים געשפּיגן, שפּיאָנען גערופן. מען האָט די מענטשן נישט אַראָפּגעלאָזט נעמען קיין ביסל הייס וואַסער אין די וואָקזאַלן, רופן א דאָקטאָר צו א קראַנקן, אפילו אויף קיין מענטשלעך געברויך האָט מען נישט אַראָפּגעלאָזט. אין הונגער און אין שמוץ, אין געדיכטעניש און אין ענגשאַפט האָבן קינדער גע-קרענקט; טיפוס, דיפטעריט, שאַרלאַך, כאָלעריע, האָבן געברענט און געטויט. ביי יעדער גרעסערער שטאָט, וואו די אידישע איינ-וואוינער האָבן צו די היימלאָזע שפּייז געבראַכט, האָט מען זיי דערפאַר מתים אַרויסגעגעבן, צו טאָן זיי זייער רעכט אין פרעמדע ערטער.

צווישן אַט די אַלע סטאַנציעס, אין גרויסן מיש-מאַש און טומל, פּלאָנטער, כאַאָס, אומגליק און פאַרצווייפלונג, ווי איינער האָט נישט געוואוסט פון צווייטן, וואו די באַן-באַאַמטע האָבן זיך געפּלאָנטערט און נישט געוואוסט וואו איין, וואו אויס, האָט מאַקס אשכנזי מיט זיינע מענטשן ארומגעשלעפּט זיך, געלאָפן פון אָרט צו אָרט, געזוכט, געני שטערט, געשמעקט, אויסגעשנאָפּט, כדי אויס-צוגעפינען די לאָדזשער פאַרמעגנס, וואס זענען געווען פאַרפּלאָנ-טערט אין דער גרויסער צאַפּלדיקער, בלוטיקער און אומגליקלעכער קנויל.

ער האָט זיי געפונען, פון אונטער דער ערד ארויסגעקריגען. ער האָט די באַאַמטע נישט אָפּגעלאָזט. געבעטן, געפאָדערט, געלט זיי געגעבן, אבי צו דערגרייכן זיינס. מיט דעם ברייטן פוטער, מיטן

סויבעלנעם היטל, מיט דעם פּאָרטפעל פּאַפּירן און געלטער, האָט ער זיך ארומגעטראָגן צווישן פּיין און ליידן נאָך זיין לאָדזשער קעניגרייך. און ער האָט עס דעראָבערט. ער האָט לאָדזש קיין פּעטערבורג געבראכט, די מאַשינען צוזאַמענגעשטעלט, רעמאָנ־טירט, צונויפגעפּאַסט פּרעמדע טיילן, אַן אָרדענונג איין כאָאָס אריינגעטראָגן, פאבריקן אויפגעשטעלט, וואָס האָבן ווי אין לאָדזש אויף דער גאנצער פּארע געארבעט, צו עטלעכע שיכטן א טאָג, באַ־זאָרגט די ארמיי מיט לייוונט, קאָרט און וואָל.

דער אלטער גענעראל, דער פירער פון דער אינטענדאַנטסטווע, וואָס האָט ביי אים די סחורות פאר דער ארמיי צוגענומען, האָט אים באַוואונדערט.

— ווי אזוי האָט איר עס צוזאַמענגעשלעפּט, מאַקס אַבראַ־מיטש, — האָט ער נישט פארשטאַנען, — דאָס, וואס אונז, מי־ליטער־לייט, גיט זיך נישט איין אין דעם גרויסן פּלאַנטער?

— מיט ווילן און מי, עקסעלענץ, — האָט אשכנזי גע־ענטפערט.

— אפשר גאָר געדאַרפט אייך איבערגעבן די הויפּט־אָנפי־רונג, — האָט דער אלטער גענעראל געשפּאַסט שטיל און זיך פאַנאַנדערגעזיפצט עטלעכע מאָל, — עך, רוסלאַנד, דער טייוול זאָל דיך נעמען!...

ווי אין לאָדזש אמאָל, האָט איצט אשכנזי אין דער רוסישער הויפּט־שטאָט אַן אַקציאָן־געזעלשאַפט פון אלע פארוואָגלטע לאָ־דזשער פאבריקאַנטן געמאכט, די מענטשן צונויפגענומען, אָרגאַ־ניזירט, פאַראייניקט, פון יעדנס טיילן און פארמעגן איין גרויסע געזעלשאַפט געמאכט, לאָדזש אין פּעטערבורג אויפן וויבאָרגסקער אינזל אוועקגעשטעלט. ווי דאָרט, איז ער אויך דאָ דער פירער פון אלע געוואָרן, דער קעניג פון לאָדזש. ער האָט ארויסגעלאָזט די סחורות, פעסטגעשטעלט פרייזן, אָנגענומען באַשטעלונגען און זייער גוטע געשעפטן געמאכט. קיינער האָט נישט אזוי גוט, רעיעל און לייטיש געגעבן צו פארדינען ווי די מיליטער־לייט פון דער אינטענדאַנטסטווע; זיי האָבן ליב געהאט צו געבן צו פארדינען א רובל און אליין צו פארדינען א רובל.

אפילו קיין טורקעסטאַן איז אשכנזי אוועק, ריזיקע פּעק היי־מישן ביינוול איינגעקויפט, כדי נישט אָפּצושטעלן לאָדזש אויף קיין איין מינוט אין מעת־לעת. מען האָט געאַרבעט זיבן טאָג אין דער וואָך אפילו אין זונטיק און אין יום־טובים. אז די מאַשינען זענען געווען ווייניק, האָט ער איבער פאַרשידענע רוסישע שטעט, וואו אַלטע פאַבריקן געפינען זיך, מענטשן אוועקגעשיקט און די מאַשינען ביי די באַלעבאַטים אָפּגעקויפט. קיין שום געלט איז נישט געווען צו טייער. די באַשטעלונגען האָבן אַלץ געדעקט מיט ריוח. „לאָדזש" איז געוואַקסן מיט יעדן טאָג, אויסגעשפּרייט זיך, פאַרגרעסערט.

— איר וועט זען, וואָס איך וועל נאָך פון דעם „לאָדזש" מאַכן, — האָט אשכנזי גערעדט מיט שטאָלץ צו די מענטשן פון דער לאָדזשער געזעלשאַפט אויף די באַראַטונגען, וואָס ער האָט יעדן שבת־צו־נאַכטס געמאַכט. — עס וועט וואַקסן ווי אויף הייוון.

מער ווי אין לאָדזש אַליין האָבן זיך די לאָדזשער דאָ גע־האַלטן צוזאַמען, צונויפגעקומען זיך אין די אָוונטן, טיי געטרונקען, גערעדט וועגן לאָדזש, וועגן די נייעסן, וואָס קומען פון דאָרט אין די ציַיטונגען, וועגן בריוו, וואָס קומען אַמאָל אָן דורך דעם רויטן קרייץ, גייענדיק דורך דער שווייץ ביז רוסלאַנד חדשים לאַנג. זיי האָבן אויך אָן אייגענע לאָדזשער געזעלשאַפט געשאַפן, וואו מען האָט געדאַווענט אַמאָל אין אַ פּרייען שבת אָדער אויף אַ יאָר־צייט, און געטאַנצט אויף אַ קאַרנאַוואַל־באַל. דאָרט האָט מען אויך גע־שאַפן געלט פאַר לאָדזשער אָרעמעלייט, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין רוסלאַנד, אסיפות געהאַלטן, קהל־זאַכן באַזאָרגט, כיבודים זיך איינגעטיילט. מאַקס אשכנזי האָט תמיד געוואוסט ווי אַזוי צו מאַכן אָן איינדרוק מיט עפּעס גאָר אַ קלוג ווערטל, מיט אַ גוטן איינפאַל און המצאה.

— איך האָב עס, מיינע הערשאַפטן, געזאָגט דעם גענעראַל פון דער אינטענדאַנטור, דער האָט פאָרכטבאַר געלאַכט, — האָט ער זיך באַרימט אין זיין לאָדזשער דייטש, וואָס ער, אזוי ווי אַלע פון דער לאָדזשער קאָלאָניע, האָבן נישט אויפגעהערט באַנוצן אין דער רוסישער הויפּט־שטאָט.

מער ווי מיט אייגענע, האָט מאַקס אשכנזי געהאַלטן זיך מיט פּרעמדע, מיט די רוסן, קודם-כל מיט די מיליטער-לייט, מיט וועלכע ער האָט עסקים געהאַט. נישט קיין טרינקער, א קנאַפּער בעלן אויף רעסטאָראַנען און ווײַנען, האָט ער פונדעסטוועגן אָפט ארומגעפירט זיך מיט אָפיצירן, הויכע באַאַמטע איבער די גרעסטע רעסטאָראַנען, וואו ציגײַנערס האָבן געטאַנצט און געזונגען און ווײַן האָט זיך געגאָסן, כאָטש טרינקען איז געווען פאַרבאָטן. אים האָט געעקלט פון דעם שכרות, פון ווארפן פלעשער אין דער ערד, צעברעכן שפּיגלען, מאכן היזקות, טרייבן אויסגעלאַסנקייט און שפּילן אין קאָרטן. ער האָט די אלע זאכן נישט פאַרשטאַנען, נישט באַגריפן די הנאה, וואָס מענטשן האָבן דערפון. ער האָט גאָרנישט געהאַלטן פון די צעהוליעטע גוים, וואָס אין שכרות רואינירן זיי אנדערע און זיך. ביי אים איז דאָס גרעסטע פארגעניגן געווען זאמלען, ארײַננעמען אין די הענט, עראָבערן, בויען. אבער ער איז מיט די לייט מיטגעגאַנגען, געמאַכט זיך מיטהוליען, מיט געלט געוואָרפן, וואָרום ער האָט מיט די מענטשן געשעפטן געפירט, קאָנטאַקט אָנגעקניפּט, און קיין בעסערער וועג ווי די גרויסע רעסטאָראַנען איז צו זיי נישט געווען.

אויפגעלעבט האָט ער אין קאַבינעט, וואס ער האָט, פונקט ווי אין לאָדזש, ביי דער פאַבריק איינגעאָרדנט. אין גערויש פון מאַשינען, אין די פייפערייען פון די סירענעס, אין קאָך פון ארבעט, מסחר, געבן באַפעלן, אויסהערן באריכטן, אונטערשרייבן פּאַפּירן, אויפנעמען קונדן, האָט ער געפילט, אז ער לעבט, אז דאָס בלוט קרייזט אים אין זיינע אָדערן, אז ער קלעטערט און וואַקסט.

צוזאמען מיט אים איז געוואַקסן זיין קעניגרייך, זיין פּאַרמעגן, מיט יעדן טאָג, מיט יעדער שעה.

## קאַפּיטל דריי

אָבערסט באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו האָט מיט אן אייזערנעם בעזעם געריייניקט לאָדזש און די אומגעגנט, דעם אידישפּאָלנישן מיסטקאַסטן, וואָס ער האָט נאָך פון זיין חתן-צייט מיט הונצעם טאָכטער אזוי געהאַסט. יעדן טאָג האָט ער די לאָדזשער

מויערן באקלעפּט מיט נייע באַפעלן, אונטערגעשריבן מיטן גאַנצן גרויסן אַריסטאָקראַטישע נאַמען.

ערשטנס, האָט ער פאַראָרדנט צו רייניקן די גאַסן, ווי פאַר אַ דייטשע שטאָט פּאַסט. די פּוילישע מיליציאָנערן, וואָס מען האָט זיי קיין געווער נישט אָנגעטרויט, בלויז שטעקעלעך געגעבן, האָבן אַרומגעדרייט זיך איבער אַלע ראָגן און, אויף דעם קאָמענדאַנטס באַפעל, נישט געלאָזט זיך אָפּשטעלן אויף די גאַסן, נישט זאַמלען זיך אין רעדלעך, נישט שטיין פאַר די מויערן. לאָדזשער מענטשן האָבן זיך צו דער נייער גזרה נישט געקאָנט צוגעוואוינען. זינט לאָדזש איז לאָדזש און זינט פּיעטראָקאָווער גאַס איז גאַס, האָבן זיי געזאַמלט זיך אויף די טראָטוארן, אָפּגעשטעלט זיך, מיט די שטעקעלעך געפּאָכעט, גערעדט, מסחרים געפירט; אויף די ווענט פון די מויערן, אויף די שילדן, אויף די טויערן, וואו נאָר עס איז געווען אַ שטיקל ליידיק אָרט, האָבן זיי גערעכנט, געחשבונט, וועקסעלעך אויסגעשפּרייט און אונטערגעשריבן. מיטאַמאָל האָט מען גענומען טרייבן, נישט געלאָזט אָפּשטעלן זיך, נאָר פאַרבייגיין, גיין ווייטער. מען האָט די באַפעלן נישט געהערט. אָבער די מיליציאָנערן מיט די שטעקעלעך האָבן געיאָגט, געטריבן, שטראָפן אָנגעלייגט און אפילו מיט דער וואַסער-קישקע אָפּגעגאָסן. האָט דער עולם געמוזט פאָלגן.

פּונקט אַזוי האָט מען נישט געטאָרט וואַרפן קיין פּאַפּירלעך אויף דער ערד, קיין מונדשטוק פון אַ פּאַפּיראָס, קיין שפּיי טאָן. די טיפע רינשטאָקן האָבן יעדן טאָג געמוזט מיט קאַלך אויסגעגאָסן ווערן, די מיסטקאַסטנס אין די הויפן מיט פּעך אויסגעשמירט, ריין פון שלעכטע וואַסערלעך און מיסט. איבער די אָרעמע גאַסן, איבערן באַלוט זענען מיליציאָנערן אַרומגעגאַנגען, געכאַפּט אָרעמע אידן מיט בערד, ווייבער מיט שייטלעך, און זיי אין די שטאָטישע בעדער אָפּגעפירט, וואו מען האָט זיי די בערד און קעפּ אָפּגעגאָלט, די מלבושים אין דיזענפעקציע-קעסלען אויסגעקאָכט און די קערפּערס אויסגערייניקט, כדי אויסצוראָטן די עפּידעמיעס און קראַנקהייטן. אָבער וואָס מער באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו האָט די גאַסן און מענטשן גערייניקט, אַלץ מער האָבן טיפוס, שאַרלאַך, כאָלעריע און אַנדערע קראַנקהייטן געשפּרייט זיך איבער דער

שטאָט, ארויסגעקראָכן פון אַלע אויסגעקערטע גאַסן, ארויסגעדעמפּט פון אַלע אויסגערייניקטע רינשטאָקן און אויסגעפּעכטע מיסט-קאַסטנס.

וואָרום צוזאמען מיט רייניקן די גאַסן האָט דער באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו גערייניקט די שטאָט פון ברויט, פון ארבעט, פון לייב און לעבן. די פאבריקן האָבן נישט געארבעט. די קוימענס זענען געשטאַנען פּוסטע איבער דער שטאָט, געגלאצט מיט די פאר-רויכערטע קעפּ עבר-ובטל אין די ריינע בלויע הימלען, קיין לעק רויך נישט געלאָזט. די סירענעס זענען שטום געוואָרן, נישט גע-ריסן מער מענטשן פון שלאָף פארטאָג, געלאָזט זיי ליגן ווי לאנג זיי ווילן. דאָס ערשטע האָט באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו גע-שיקט זיינע לאנדשטורמער, זיי זאָלן פון פאבריק צו פאבריק גיין און ארָאפּנעמען די טראַנסמיסיעס, די גראָבע לעדערנע פּאַסן פון די רעדער.

די לאָדזשער פאבריקאנטן האָבן אויסגעוויילט א דעלעגאַציע, וואָס זאָל אריבערגיין רעדן מיטן אָבערסט, בעטן אים, ער זאָל די פּאַסן נישט נעמען. אָן זיי האָבן די רעדער נישט געקאָנט גיין, האָבן די פאבריקן נישט געקאָנט ארבעטן. אויסגעפּוצטע אין די שווארצע קליידער און ווייסער וועש איז די דעלעגאַציע געגאַנגען צו אשכנזים פּאַלאַץ. צווישן זיי איז אויך געווען יאקוב אשכנזי אין זיינע עלעגענטע שווארצע קליידער מיט דער שווארצער צוגע-פּארבטער באָרד. דאָס ערשטע מאָל ווי ער איז אין זיין ברודערס פּאַלאַץ געווען. אין אונטערטעניקסטן דייטש האָבן זיי ביים באַראָן געבעטן נישט צוצושטערן די לאָדזשער אינדוסטריע.

— מיר בעטן אייער עקסעלענץ אין נאָמען פון דער שטאָט לאָדזש, — האָבן זיי געזאָגט, נויגנדיק זיך.

באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו איז געזעסן פאנאנדערגעלייגט אין זיין שטול מיט א זינגערישער ברייטקייט און דורכן מאָנאָקל פאַראַכטנדיק געקוקט אויף די בעטנדיקע לאָדזשער פּאַטענטאַטן, לייבן איינס און איינס.

— ניקס צו מאַכן! — האָט ער געענטפערט קאַלט.

די מענטשן האָבן געפּרוּאווט אָנרירן א געזעלשאַפטלעך אָדערל, רעדן אין נאָמען פון די ארבעטער, וואָס וועלן דאַרפן

אומקומען פון הונגער אָן ארבעט. דער באַראָן איז געבליבן קאַלט. אז די מענטשן האָבן גענומען רעדן דרייסטער, שאַרפער, האָט דער באַראָן פאָן היידעל היידעלאָו זיי איבערגעריסן און א קלאַפּ געטאָן מיט דער פויסט אין טיש.

— וואָס גייען מיך די מענטשן אָן? — האָט ער געשטו־רעמט. — איך דענק וועגן מיינע סאָלדאַטן!

ווי א רוימישער פּאַטריציער, וואָס געפאַנגענע זענען געקומען פאַלן צו זיינע פיס, אזוי האָט דער אָבערסט געצאָרנט אויף די לאָדזשער פאַרשטייער און געקריצט אויף זיי מיט זיינע איינגע־שטעלטע ציין.

די פאַבריק־פאַסן זענען פון זייער גוטן און גראָבן לעדער גע־מאַכט געוואָרן, וואָס מען האָט פון זיי די בעסטע זוילן צו זעל־נערישע שטיוול געקאָנט אויסשניידן. און באַראָן פאָן היידעל היי־דעלאָו האָט אַלע טראַנסמיסיעס פון די פאַבריקן אין לאָדזש און אין דער אומגעגענט געלאָזט אראָפּנעמען און וואַגאָנענווייז זיי קיין דייטשלאַנד געשיקט. נאָך זיי האָבן די פאַבריקאַנטן געמוזט ארויס־געבן די קופּערנע קעסלען און אויוונס, וואָס דער אָבערסט האָט אַוועקגעשיקט קיין דייטשלאַנד. פון אומעטום האָט מען דעם קו־פּער גענומען, פון די שפּיצן פון די קירכעס, פון די מנורות פון די שולן, פון די קליאַמקעס פון די טירן, פון די אידישע שבתדיקע פענדלעך צו פיש, פון די לייכטער, און פריער פון אַלעמען פון די פאַבריקן. דאָס האָט מען קוילן געדאַרפט כדי צו שלאָגן דעם פיינט, אָבער דייטשלאַנד האָט ווייניק קופּער געהאַט, און מען האָט די פאַבריק־קעסלען ארויסגענומען, צעשמאָלצן זיי און קוילן אויס־געארבעט. נאָכדעם האָט דער באַראָן גענומען ארויספירן טיילן פון די מאַשינען, וואָס נאָר עס האָט אין דייטשלאַנד געקאָנט א נוצן ברענגען, ארויסגעריסן מיט יעדן טאָג נייע גלידער פון די לאָדזשער פאַבריקן.

אָנגעהויבן האָט ער עס ביי זיין פּאַלאַץ אַליין, ביי אשכנזים פאַבריק. דורך דער אונטערערדישער ליניע, וואָס האָט ביז צו דער באַן־ליניע געפירט, זענען יעדן טאָג געגאַנגען קופּער און מעש, פאַסן און רוי־שטאָף, פּאַרטיקע סחורות פון די לאַגערס און האָלץ פון נאָנטן וואַלד. מאַדאַם אשכנזי האָט אין איר שלעכטן רוסיש־

לעבן דייטש מיט גראָבע „רישן“ יעדן מאָל אויפסניי פּראָטעסטירט, אָפּגעשלאָגן די שוועלן, טענות געהאט, געריסן זיך מיטן פארקוועטשטן שירם אין האנט צום אייגענעם פּאלאץ, צום באראָן אליין, נאָר מען האָט זי נישט אריינגעלאָזט.

— וועק, צוטריט פערבאָטן! — האָבן די וואכן פארטריבן.

פאר די סחורות און רוי-שטאָפן, וואס מען האָט וואגאָנענווייז ארויסגעפירט, האָט מען איר בלויז צעטעלעך געגעבן, צעטעלעך, אין וועלכע די סחורה איז אָפּגעשאצט געוואָרן אין גראָשנס און פאר וועלכע מען דארף קריגן אויסגעצאָלט נאָך דער מלחמה. מאדאם אשכנזי איז געזעסן איינע אליין אין גרויסן פאבריק-קאבינעט גאנצע טעג, כאָטש עס איז גאָרנישט געווען וואָס צו טאָן. זי האָט, ווי א מאנסביל, געהיט די פאבריק, אלץ געהאט אויפן קאָפּ, געוואוסט פון יעדער קלייניקייט, נישט ערגער ווי איר מאן אמאָל. זי האָט די דייטשע צעטעלעך איינגעשלאָסן אין דער אייזערנער קאסע, דאָס שליסעלע אויפן האלז זיך אָנגעהאנגען און אזוי געזעסן אין קאבינעט, איינע אליין אין דער פרעמדער שטאָט. די איינציקע קונדן זענען געווען די דייטשן, וואס זענען יעדן טאָג געקומען מעלדן וועגן נייע טראנספּאָרטן, וואס זיי דארפן ארויספירן. זי איז אין ערגעץ נישט געגאנגען, מיט קיינעם זיך נישט צונויפגעקומען אין דער שטאָט. זי איז בלויז אין פאבריק-קאבינעט געזעסן, אלטע רעכענונגען דורכגעזען, ביז עס איז נאכט געוואָרן. דעמאָלט האָט זי זיך געלאָזט צו איר נייער וואוינונג, צו די איינזאמע שטובן, וואו דער דירעקטאָר אלברעכט האָט אמאָל זיין פעט בחוריש לעבן געפירט, ווען די שפּולערקעס פלעגן קומען צו אים אויפרוימען. אין זיין ברייט בעט איז זי גאנצע נעכט מיט אָפענע אויגן געלעגן, איינשלאָפן נישט געקאָנט און געווארט אויף דעם מאָרגן, זי זאל שוין קאָנען אין פאבריק גיין, ווידער אמאָל א טאָג אין פוסטן קאבינעט אָפּזיצן. פון אלע דינסטן האָט זי זיך בלויז איין קאמער-מיידל איבערגעלאָזט, וואס האָט געראומט, געקאָכט און פארן שלאָף איר די שיטערע גרויע האָר אין קורצע צעפּעלעך פארפלאָכטן און מיט זיידענע סטענגעס פארבונדן, ווי דעמאָלט, ווען איר מאן איז נאָך געווען אינדערהיים.

אויף דעם באלוט האָבן די האנט-שטולן זעלטן געארבעט.

מערסטנס זענען זיי געשטאַנען איבערגעדעקטע מיט ליילעכער. שניידערס, זאָקן-מאַכערינס, נייטאָרינס, טריקאָטאַזש-אַרבעטער, גאַלאַנטעריע-אַרבעטער, שוסטערס, רימערס, אַלע האָבן זיי פאַר-האַנגען זייערע מאַשינען און ווערקשטאַטן מיט טישטעכלעך, ווי אויף שבת אמאָל. די שטאָט, וואָס האָט שטענדיק געקאָכט, געציי-טערט פון אַרבעט, האַנדל און באַוועגונג, איז געשטאַנען שטיל, קיין מאַשין האָט נישט געקלאַפּט, קיין קוימען האָט נישט גערויכערט, קיין סירענע האָט נישט גערופן. די ריינקייט פון די גאַסן האָבן אין ריינקייט פון בית-עולם-סטעזשקעס דערמאָנט. די פּוילישע אַרבעטער, וואָס זענען געקומען פון דערפער, זענען זיך צוריק אין די דערפער צעלאָפן; די שטאָטישע אַרבעטער, די אידן אויפן באַלוט, זענען אַרומגעגאַנגען פוסט און פּאַסט איבער די גאַסן און געסלעך, מיט איבעריקע הענט, וואָס ווילן אַרבעטן, נאָר האָבן נישט ביי וואָס, מיט טרוקענע צונגען אין די מיילער, מיט בלאַסע פּנימער, אויסגעצערטע און הונגעריקע.

לאָדזש האָט געהונגערט. ביי אַלע וועגן און ראָגאַטקעס זענען דייטשע זעלנער אין פּיקעלהויבן געשטאַנען און נישט אַריינגע-לאָזט, נישט אַרויסגעלאָזט. זיי האָבן געזוכט אין היי פון פּויערי-שע פורן, כדי אויסצוגעפינען אַ באַהאַלטן זעקל תבואה, אַ הון, אַ קעזל, אַ פּאַטשיילע אייער אָדער אַ זעקעלע פּוטער, וואָס אימיצער פּירט אין שטאָט אַריין צו פאַרקויפן. זיי האָבן אַרומגעטאַפּט די מענטשן, מיט די הענט אין די קליידער זיי געקראָכן, כדי צוצונעמען אַ ברויטל, אַ שטיקל פליייש, אפילו אַ ביסל קאַרטאָפל, אויב מען פּירט. זיי האָבן ביי ווייבער די קליידער פאַרהויבן, אין די בוזעמס און שויסן געזוכט, טאָמער באַהאַלט מען אוים אַ ביסל שפּייז.

אַליץ, די תבואה אויף די פעלדער, די קאַרטאָפל אין די קע-לערס, די בהמות אין די שטאַלן, די הינדלעך, וואָס פּיקן זיך פון די אייער אַרויס, יעדער נייע געבוירן קעלבל, יעדער טראָגעדיק חזיר איז געווען פאַרצייכנט, געהאַלטן אויפן אויג, כדי צו רעק-ווירירן און אַוועקשיקן קיין דייטשלאַנד. זיי האָבן אַראָפּגענומען די פרוכטן פון די ביימער, די וואָל פון די שאָף, דאָס גראָז פון די לאָנקעס. און די וועלדער האָבן זיי די ביימער געלעכערט, זוויג-

מאַשינקעס אריינגעשטעלט אין די שטאָמען, דעם זאַפט פון זיי ארויסגעצויגן און אוועקגעשיקט קיין דייטשלאַנד. זיי האָבן ביי די יעגער די ביקסן צוגענומען, כדי אליין די האָזן, פוקסן, ווילדע חזירים, הירשן און ווילדע קאַטשקעס אויסצופאַנגען און לעבעדיקע אָדער געשאָסענע ארויסצופירן פון לאַנד. זיי האָבן די נעצן פון די פישערס צוגענומען, כדי דעם גאַנצן פיש־פאַנג פאַר זיך אליין צוצונעמען. אפילו די הפקרדיקע הינט און קעץ, וואָס האָבן זיך ביי די ליידיקע מיסטקאַסטנס געגראַבלט, האָבן זיי געכאַפּט און געפאַנגען, כדי אָפּצושינדן פון זיי די פעלן און ארויסצוציען פון זיי די פעטסן. מיט זייערע נבלות האָבן זיי די חיות פון די דייטשע טיר־גאָרטנס געשפּייזט.

א חוץ די דייטשע לאַנדשטורמער, אָפיצירן און באַאמטע, וואָס האָבן טאָג־טעגלעך שפּייז־פּעק אוועקגעשיקט צו זייערע אייגענע, זענען נאָך אויך ציווילע דייטשן אָנגעקומען, פלײשיקע פאַרשוינען אין גרינע בערג־קליידער און מיט פעדערלעך אין די קאַפּעלושלעך. מיט די געלע שטולפּן אויף די באַנאָגלטע שיך, נישט אויסצורייבן די פּאָדעשוועס, זענען זיי ארומגעגאַנגען איבער די דערפער, רעקווירירט, אויפגעקויפט פאַר גראָשנס, צוגענומען, אָפּגערייניקט, אָפּגעפרעסן דאָס לאַנד ווי א היישעריק. אין די שטעט און שטעטלעך האָט מען די סחורות צוגענומען פון די קראָמען, די קופּערנע פאַנען פון די קיכן, די הענג־לייכטער פון די באַלקנס, די מעשענע קליאַמקעס פון די טירן, דאָס מעל פון די זעק, דאָס לעדער פון די גאַרבערייען, די תבואה פון די שפּייכלערס. די בעקערס, מילנערס, קצבים, גאַרבערס, שפּייז־סוחרים און קרעמער, הענדלער און באַלמעלאָכעס — אלע זענען גענומען געוואָרן אין די הענט, מען האָט נאָכגעקוקט יעדן טריט זייערן, יעדן קער און ווענד, נישט אָפּגעלאָזט זיי פון אויג, אויף די פינגער זיי געקוקט, זיי זאָלן נישט טאָן עפּעס אָן קאָנטראָל. דאָס ברויט איז צו די מענטשן אין די שטעט אויסגעטיילט געוואָרן לויט שפּייז־קאַרטן. אויך האָבן זיי קיין ריין ברויט נישט געטאָרט עסן, זיי זאָלן קיין סך מעל נישט פאַרברויכן. די בעקערס האָבן געמוזט אריינמישן אין ברויט מעל פון געמאָלענע קאַשטאַנעס, שאָלן פון קאַרטאָפל אריינקנעטן. דאָס ברויט האָט זיך געקלעפּט אין מויל ווי ליים, גע־

ליגט זיך שווער אויפן האַרץ, נישט גערעטיקט. קינדער זענען קראַנק געוואָרן דערפון.

די פאַרמעגלעכע האָבן געשמוגלטע שפּייזן געקויפט ביי די פיל שמוגלער, וואָס האָבן זיי אין די שטעט דורך באַהאַלטענע וועגן אריינגעשוואַרצט. אָבער די אָרעמע, די אַרבעטער, די באַל-מעלאָכעס, די אַרבעטסלאָזע האָבן געהונגערט, אויפגעגעסן אין דער ערשטער וואָך דאָס קאַרטן-ברויט, וואָס איז פאַר א גאַנצן חודש געווען אויסגעטיילט, און די ווייטערדיקע וואָכן אַרומגעגאַנגען עלנטע, פאַרשוואַרצטע, מיט ברענענדיקע אויגן פון הונגער, מיט שלאַבעריקע טריט. קינדער זענען געפאַלן פון די פיס. קלעפּיקע קראַנקהייטן זענען אַרומגעגאַנגען איבער די לאָדזשער אויסגע-קערטע גאַסן, געשניטן לעבנס, ווי די דייטשן האָבן געשניטן פעלדער.

באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו האָט די מיליציאָנערן באַפוילן אָפּצושליסן די קראַנקע הייזער, פאַרחתמענען די שטובן, אויפ-שריפטן „אַנשטעקנד" אויסהענגען, א סך קאַלך גיסן אין די גאַסן, מיט קאַרבאָל די אָרעמע געגנט באַשפּריצן. אויך האָט מען גאַנצע גאַסן מיט מענטשן אין די נעכט פון די שטובן אַרויסגעפירט, אין די ענטלויזונגס-באַראַקן אוועקגעפירט, וואו מען האָט זיי טעג אין הונגער אָפּגעהאַלטן, מיט קאַלטע און הייסע שטראָמען אָפּגע-גאָסן, די קעפּ אָפּגעגאָלט, כדי אויסצורוימען ביי זיי די עפּידע-מיעס. זייער ענערגיש האָבן די דייטשע לאַנדשטורמער געגאָסן די שטראָמען וואַסער און דיזענפעקציע-פליסיקייטן אויף די בלאַסע קראַנקע מענטשן, נאַקעטע, אויסגעדאַרטע, קנאָכיקע. זיי האָבן געשפּאָט פון די בערדיקע אידן, וואָס האָבן זיך מיט די הענט פאַר-שטעלט די בערד, מען זאָל זיי נישט אַראָפּנעמען. זיי האָבן גראָבע וויצן געמאַכט אויף די מיידלעך, וואָס האבן זיך מיט די הענט זייער נאַקעטקייט פאַרשטעלט, זיי האָבן חוזק געמאַכט פון די אָרעמע, עלטערע ווייבער מיט די טאַרביקע ברוסטן, אָנגעבלאָזענע בייכער און דינע פיס.

— הערונטער מיט דעם שמוץ! — האָבן זיי געוואָלדעוועט און געגאָסן שטראָמען וואַסער.

זיי האָבן געריייניקט, פעסט געריייניקט, ווי דער קאָמענדאַנט

פון שטאָט האָט געהייסן אין זיינע באַפעלן פון פּאַלאַץ אַרויס. אָבער וואָס מער מען האָט די מענטשן געריייניקט, אַלץ מער האָבן זיך די עפּידעמיעס צו זיי געקלעפּט. דאָס וואַסער, וואָס מען האָט זיי געגעבן אָנשטאָט ברויט, האָט די עפּידעמיעס נישט אָפּגעוואַשן. די חברה־קדישא האָט נישט אויפגעהערט פירן צום בית־עולם. מען האָט שוין מער נישט געפירט אין קיין עגלות, ווייל עס זענען אַזויפיל פערד און עגלות נישט געווען. אויף די הענט, אויף קוילן־וועגעלעך האָט מען די מתים געפירט צו די בית־עולמס, אָן תכריכים אפילו, בלויז אין שטרוי.

און ביי אשכנזין אין פּאַלאַץ איז דער קאָמענדאַנט פון שטאָט, דער באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו, געזעסן און פאַרפּאַסט יעדן טאָג אַלץ נייע באַפעלן, נייע פאַראָרדענונגען. יעדן טאָג האָט ער אויך די מיליטערישע קאַפּעליעס אַרויסגעשיקט, זיי זאָלן פאַר די באַזיגטע מענטשן דייטשע מאַרשן אויפשפּילן, פּאַטריאָטישע לידער. מיט פּאַראַד־טריט, מיט פּיקעלהויבן, מיט די באַנאָגלטע שטיוול האָבן די לאַנד־שטורמער פּעטסט איבער די לאָדזשער גאַסן מאַר־שירט, לידער וועגן רהיין געזונגען, וועגן דייטשלאַנד, וואָס איז איבער אַלץ אין דער וועלט.

לאַססעט שטיין דען ערנטע־וואַגען
זיגרייך ווערדען וויר די פראַנצאָזען שלאַגען...

האָבן די לייט אין די גרויע פעלד־אוניפאָרמען געריסן די העלזער.

באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו איז געשטאַנען אויפן באַלקאָן פון זיין פּאַלאַץ און דורכן מאָנאָקל אַראָפּגעקוקט אויף דער שטאָט, וואָס איז אים געלעגן צופוסנס.

— יאָ, בעדער און פאַרוויילונגען דאַרף מען דעם פאָלק געבן, — האָט ער אָפּגעמאַכט ביי זיך.

ער האָט האָפּערדיק אַרויסגעשטעקט די ברוסט מיט אַלע מע־דאַלן, מיט דעם אייזערנעם קרייץ, וואָס ער האָט געקריגן פאַר זיין העלדישקייט אין קאַליש, און ער האָט זיך געפילט ווי אַ רוימער, אָן עראָבערער פון קאָפּ ביז די פיס.

## קאַפּיטל פיר

נאָך קיינמאָל האָט קיילע, דאָס ווייב פון טוביה דעם וועבער, וואָס מען רופט אים „טוביה ס'איז נישט הפקר א וועלט", נישט געלעבט אזא גוטע צייט, ווי איצט, ווען די דייטשן האָבן געהערשט אין לאָדזש.

פאַר אלע יאָרן פּיין, נויט און צרות, האָט זי אויף דער עלטער געהאַט פאַרגיטיקונג. זי האָט געקאָכט גרויסע טעפּ פלייש אין מיטן דער וואָך, זי האָט דאָס גאנצע פּייפּער-געסל פאַרשמעקט מיט אירע פעטע פאַרעס, געפּרעגלטע לעבערס, געריישטע ציבעלעס און נע-ברענטע זופּן. פון אלע שכנים איז מען צו איר געקומען באָרגן א לעק מעל, א קאַרטאָפל, א פיצל ברויט פאַר א קינד, און זי האָט געגעבן, קיילע.

נישט טוביה איז עס געווען, וואָס האָט איר פאַר אלע יאָרן צרות אזויפיל נחת איצט געגעבן. ער איז געווען דער אייגענער וואָס תמיד. גאנץ קהל געהאַט אויף זיין קאָפּ, ארומגעפירט זיך מיט אינגלעך, ביכלעך געלייענט, פאַרפאַלן געוואָרן אויף גאנצע טעג, ווי ער וואָלט נאָך א אינגל געווען, גלייך נישט זיין געשוירן בערדל וואָלט שוין געווען גרוי, זיין פּנים צעקנייטשט פון עלטער און צרות. אפילו אין די גוטע צייטן, ווען לאָדזש האָט געאַרבעט, האָט זי געליטן ביי אים, קיין האָניק נישט געלעקט. וואָרום קיינ-מאָל האָט ער נישט געוואָלט הערן אירע רייד, קיילעס, צו קומען אליין צו א צוויי שטולן און אריינגעמען א געזעלן, מען זאָל קאָנען עפּעס פאַרדינען ביי אים.

— איך וועל נישט ווערן קיין עקספּלואַטאַטאָר, ניין! — האָט ער געענטפערט אויף קיילעס טענות. — איך זאָל אפילו די קאַפּי-טעם דאַרפן אויסציען.

קיילע האָט אים געזידלט, געמאַכט אויסצודרייען, אָבער ער האָט נישט נאָכגעגעבן. ס'גאנצע לעבן זיינס האָט ער אָפּגעאַרבעט ביי לוינקעטניקעס, וואָס האָבן אים אָפּט פאַר דער אַרבעט נישט

אָפּגעצאָלט, אָנגעזעצט. אין דער פרייער צייט איז ער אַרומגעלאָפן מיט די אחדותניקעס, פארפאלן געוואָרן אויף גאנצע נעכט. אַ סך מאָל האָט קיילע אויך געהאט פון אים חרפּות און בושות אויסצו-שטיין. מען האָט דעם מאן אירן אין טורמע איינגעזעצט. זי האָט געמוזט, גלייך מיט אלע ווייבער פון די גנבים, שטיין ביי די טוי-ערן פון קרימינאַל און דעם מאן פּעקלעך עסן טראָגן. ניין, זי האָט ביי אים קיינמאָל קיין מזל נישט געהאט. אין די בעסטע צייטן, ווען לאָדזש איז געגאנגען אין גאָלד, איז אין איר שטוב געווען דלות, נויט. זי האָט קיינמאָל נישט געקאָנט געבן עסן צו דער זעט די קינדער אין שטוב, נישט געקאָנט די מיידלעך אַ ליטיש קליידל אָנ-טאָן, ווי ביי לייטן.

איצט, אז לאָדזש האָט זיך אָפּגעשטעלט, אז אומעטום איז געווען פּוסט און לער, האָט טוביה אינגאנצן נישט געארבעט. קיילע וואָלט טאקע געמעגט אויסציען די פיס אויף דער עלטער, אָדער שטיין מיט אן אויסגעשטרעקטער האנט אויף ליטיש געלעכטער. אָבער קיילע האָט געהאט אַ גרויסן גאָט אין הימל. כאָטש דער מאן אירער, דער משוגענער, האָט איר שטענדיק איינגערעדט, אז ס'איז קיין גאָט נישטאָ, האָט זי אים קיינמאָל נישט געגלויבט. דאָס האָט ער געמעגט איינרעדן די אינגלעך און די מיידלעך פון די ביר-זשעס, נישט איר, קיילען. זי האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט אָפּ-היטן מילכיקס און פליישיקס אין שטוב, צינדן שבת-ליכט, פרעגן אַ שאלה ביים מורה-הוראה און אויסגיסן דאָס עסן אויף פרייטאָג-צו-נאַכטס, אויב עס איז אונטערגעלאָפן אַביסל מילך אונטער דער יויך. טוביה האָט געשריגן, געלאכט פון איר, חוזק געמאכט, גע-כעסט זיך אויפן רב, וואָס ברענגט אוים ארבעטער-געלט, און גע-וואָלט עסן דאָס טריפהנע עסן. אויך די קינדער האָט ער געהייסן עסן די טריפהנע יויך. אבער זי, קיילע, האָט אים געהערט ווי דעם הונט אין גאס. מיט כוח האָט זי אים אָפּגעשטופּט פון טריפהנעם טאָפּ און ארויסגעגאָסן דאָס עסן אין מיסט אריין.

— ביי דיינע לייט מעגסטו דיר זיין אַ גאנצער חכם, — האָט זי אים געזאָגט. — ביי מיר ביסטו נישט ווערט דעם רבס מינדעסט נעגעלע. ביי מיר וועסטו קיין טריפות נישט פרעסן.

אמת, זי האָט נישט געקאָנט פועלן ביי אים, ער זאָל מאכן

קידוש. ער האָט עס נישט געוואָלט. אליין האָט זי אויך קיין קידוש נישט געקאָנט מאכן, זי האָט קיין עברי נישט געקענט, און זי האָט געמוזט אריינגיין יעדן פרייטאָג-צו-נאכטס און יום-טוב, ווי אַן אַלמנה, צום שכן, אויסצוהערן דעם קידוש. דערצו האָט זי גאָרנישט געקאָנט טאָן. אבער די קיך איז געווען אירע, די טעפּ אירע. דאָ איז זי געווען די באַלעבאָסטע, און זי האָט זיך געפירט ווי אַלע אידישע טעכטער. ער האָט געמוזט עסן ביי איר כשר. אפילו ער זאָל די צונג אויסציען, האָט זי אים נישט געגעבן קיין ציקאָריע פון מילכיקן טאָפּ פאר זעקס שעה נאָך דער גריץ מיט פעטס גע-שמאָלצן. אפילו די מזוזה פון דער טיר האָט זי נישט געלאָזט טוביהן אראָפּנעמען. פונקט אזוי האָט זי געלערנט אירע קינדער אידישקייט, געלערנט זיי מאכן המוציא פאַרן עסן, קריאת-שמע ליי-ענען ביינאכט. איין טאָכטער האָט ער טאקע געהאט אריינגעצויגן צו דער שמד, באַשקען. וויפל זי, קיילע, האָט איר נישט געוואָרנט, זי זאָל מיטן משוגענעם טאַטן קיין עסקים נישט האָבן, נישט צו-הערן זיך צו זיינע רייד, ווייל זי וועט האָבן אַ שלעכטן סוף, האָט דאָס מיידל נישט געפאָלגט, געקלעפּט צו אים. און גאָט האָט זי טאקע געשטראָפט, נעבעך, דערפאר. יונגערהייט איז זי אוועק פון דער וועלט. די אנדערע קינדער דערפאר האָט זי אָפּגעצויגן פון פאָטער, זי האָט אים געמאכט פאר זיי מיט דער בלאָטע צוגלייך, אַ וויסטן מזל אים אויסגעריכט אין זייערע אויגן, און זי האָט זיי אָפּגעראטעוועט פון אים. עטלעכע פון זיי זענען באצייטנס אוועק קיין אמעריקע מיט חתנים. די אינגסטע זענען פארבליבן אין לאָדזש. אבער זיי האבן גאָרנישט מיטן פאָטער געוואָלט רעדן אפילו, געהאַלטן אים פאר א צעדרייטן, אַ שלימזל, וואס זאָרגט נישט פאר קינדער, וואָס טראַכט נישט וועגן חתנים פאַר זיי, נאָר האָט אין זינען פרעמדע געשעפטן. זיי האבן טאקע אליין גענומען זייער גורל אין די הענט אריין.

איצט איז טוביהס טעכטער גאָר גוט געגאנגען אין דער שלעכ-טער צייט אין לאָדזש. זיי האָבן געשמוגלט אויף וואס די וועלט שטייט, גוט פארדינט און, ווי געטרייע קינדער, אַלץ אין שטוב אהיימגעברענגט. זיי האָבן דער מוטער אַ ניי שווארץ שייטל געלאָזט מאכן, אַ גרויס און אַ קאַרבירטס, וואס האָט זייער מאָדנע און

פרעמד אויסגעזען צו איר אלטן צעגאָסענעם גרויען קאָפּ. זיי האָבן איר קליידער געמאכט, וואָכעדיקע באַזונדער און שבתדיקע באַזונדער. זיי האבן איר אהיימגעבראכט פון אלעם גוטען פון די וועגן, מעל און גרויפּן, פלייש און פּוטער, א קעזל און עטלעכע אייער. זיי האָבן אויך נייע בעטן איינגעקויפט אין שטוב אריין, צוגעשלאָגן צו די ווענט עטלעכע געשניצטע פּאָליצעס, אויף וועלכע זיי האָבן א סך פּאָטאָגראַפיעס אויסגעשטעלט. די ווענט האָבן זיי באַצירט מיט פארביקע ליטאָגראַפישע בילדער, ווי נעגערס קנעכט ברענגען א בלאָנד נאקעט מיידל מיט צעלאָזטע האָר פאר א שוואַרץ-בערדיקן סולטאַן און ווי אזוי שלמה המלך הייסט צעשניידן מיט א שווערד דאָס קינד, איבער וועלכן צוויי מוטערס קריגן זיך. זיי זענען אפילו ארויס פון קעלער און גענומען א שטוב מיט א קיך אויפן ערשטן שטאָק אויף דעם פּייפּער-געסל אין באלוט, א שטוב מיט גאז-באַלויכטונג און מיט וואסער-ליַיטונג.

גאָט האָט רחמנות געהאט אויף קיילען דערפאר, וואָס זי האָט אזוי אָנגענומען זיך פאר אים אלע יאָרן, געפירט מלחמה פאר אים מיט איר מאן דעם איבערגעקערטן. פאר דעם האָט ער איר אָפּגע-צאָלט איצט, אָפּגעגעבן פאר אלע ציַיטן, און טאקע אין דער ערג-סטער ציַיט, ווען ארום און ארום איז ביטער, שלעכט. נאָך קיינמאָל האָט זי נישט געקאָכט אזעלכע גרויסע טעפּ עסן, נאָך קיינמאָל האָט זי נישט געוואוינט אין אזא ליַיטישער דירה, נאָך קיינמאָל איז זי נישט געגאנגען אזוי באַלעבאַטיש אָנגעטאָן ווי איצט, ווען אלע זע-נען זיי אזוי אַראָפּ. און זי האָט טאַקע גאָט געלויבט, קיילע, כאָטש זי האָט נישט געקענט דאַווענען, זי האָט אָרעמע שכנות ברויט גע-געבן, אביסל מעל, א טראָפּן מילך פאר א קינד. אויך האָט זי גע-וואָרפן גראָשנס אין דער פּושקע פאר ר׳ מאיר בעל הנס, וואָס האָט ביי דער טיר, ביי דער פארפעטסטער מזוזה, געהאָנגען. וויפל מאָל טוביה האָט דאָס פּושקעלע אראָפּגעריסן, האָט זי עס צוריק צוגע-שלאָגן און געוואָרפן גראָשנס דעריין, בעטנדיק מיט די גראָבע ליפּן ביי גאָט און ביי דעם ר׳ מאיר, זיי זאָלן אויך אויף וויַיטער נישט אָפּטאָן זייער גענאָד פון איר הויז, זיי זאָלן אָפּהיטן די טעכטער פון בייז אין דעם שמוגל, וואָס זיי פירן, אויך זיי זאָלן איבערקערן דאָס הארץ פון איר מאן טוביה, וואס א משוגעת איז זינט יאָרן

אריין אין זיין קאָפּ און ער ווערט אָן די וועלט און יענע וועלט.

זי האָט געהאַט צוליב וואָס צו וואַרפן גראַשנס אין ר׳ מאיר בעל הנס פּושקע, פאַרוואָס צו בעטן ביי גאָט. וואָרום פּונקט ווי די שטוב איז געווען פול מיט גוטס, איז זי אויך געווען פול מיט סכנה. די דייטשן האָבן אָפטע רעוויזיעס געמאַכט אין די הייזער, געזוכט שמוגל, און ביי וועמען מען האָט געכאַפּט, האָט מען צוגענומען די סחורות. נאָך עטלעכע מאָל כאַפּן, האָבן זיי אויך איינגעזעצט. קיי־לעס שטוב איז פול געווען מיט שמוגל. אין די הויך־פאַרבעטע בעטן, איבערגעדעקטע מיט גרינע קאָלדרעס, וואָס זענען פול מיט ליבן, טיגערס, פּאַפּוגעס און בלומען, צווישן די קישנס, אין שטרוי, איז פלייש געלעגן באַהאַלטן, גאַנצע זייטלעך, וואָס די טעכטער האָבן דורך וועגן און אומוועגן בגנבה געבראַכט פון די אַרומיקע שטעטלעך. אונטער די בעטן זענען געלעגן קאַרטאָפל, הויפּטלעך קרויט, בוראַקעס. אין דער אַלטער שאַנק, צווישן די קליידער פאַר־שטעקט, איז געווען אויסבאַהאַלטן מעל אין קליינע זעקלעך, גרויפּן אַלערליי. אין די איינשיטעכצן פון די קישנס איז געווען פאַרשטעקט צוקער אין טאָרבעלעך. אפילו הינטער די בילדער אויף די ווענט איז שמוגל געלעגן. צופוסנס שלמה המלך ביים סאַמע טראָן, וואָס צווייַ ליבן מיט אַרויסגעשטעקטע צונגען באַוואַכן, זענען קליינע פּע־קעלעך סאַכאַרין געלעגן, וואָס מען האָט אין אָרעמע שטובן אָנשטאָט צוקער גענוצט. כאָטש אַלץ איז געלעגן אַזוי גוט פאַרשטעקט, איז מען נישט זיכער געווען דערמיט, ווען די דייטשן זאָלן אַריינקומען זוכן. זיי האָבן פון אונטער דער ערד געקאָנט אויסגעפינען, די לאַנדשטורמער אין די פּיקעלהויבן, נאָך מער די פעלד־זשאַנדאַרמען מיט די בלעכן אויף די ברוסטן. מיט די שפּיזן האָבן זיי קישנס אויפגעריסן, אין די באַהאַלטנסטע ערטער געקראָכן, אפילו די מענטשן אויפן הויזן לייב באַטראַכט, אבי עפּעס צו געפינען. און קיילע האָט יעדן טאָג נייע גראָשנס געוואָרפן צו ר׳ מאיר בעל הנס אין דער פאַרראָסטעטער פּושקע און געבעטן אים מיט גראָבע פרו־מע ליפּן, ער זאָל אָפּהיטן די טעכטער אירע פון שלעכטס און די שטוב פון בייז.

— אין זכות פון מיין כשר־האַלטן, אין זכות פון מיין צדקה צו אָרעמע לייט, — האָט זי געבעטן ביים בלעכערנעם פאַרראָס־

טעטן פושקעלע, — בעט פאר מיר, גרויסער צדיק, ר׳ מאיר, און היט און באשיץ מ י ך , מיינע קינדער און מיין שטוב.

אין מיטן דער וואָך זענען די טעכטער נישט געווען אינדער-היים. אין טיכלעך אויף די קעפּ, אין פעסטע שיך, וואָס מען קאָן מיט זיי גיין איבער וועגן און שטעגן, מיט זעקלעך אויף די פּלייצעס, זענען זיי ארומגעקראָכן איבער דערפער, אויפגעקויפט ביי די פּויערן אביסעל מעל, א פעקל פּוטער אין פּויערישער לייוונט פאר-פּאקט, א שאָק אייער, א קעזל — וואָס עס האָט זיך געלאָזט. נישט מיט די שאָסייען, וואו די דייטשע וואכן זענען אויסגעשטעלט, נאָר דורך קרומע, זייטיקע וועגן, דורך פּויערישע סטעזשקעלעך, גע-שלענגלטע וועגעלעך, אָפּטמאָל דורך ראָוועס, זומפּן, האָבן זיי זיך געשלייכט פון דאָרף צו דאָרף, פון וועג צו וועג, געבויגן אין דרייען אונטער דער משא, שווער אָטעמענדיק און באגאָסן מיט שוויים, כדי אריינצושמוגלען אביסל שפּייז אין שטאָט אריין און פארדינען אויפן לעבן.

פארשידנס האָבן זיי דורכגעמאכט אין די וועגן. זיי האָבן גע-מוזט נעכטיקן אין פּויערישע שייערן, אָפטמאָל אין וואלד אליין. שקצים האָבן זיי פארטשעפּעט. אמאָל האָבן זיי די דייטשע וואכן געכאפּט און געוואָלט אָפּפירן אין דער קאָמענדאנטור. זיי האָבן זיך אָפּגעבעטן מיט עטלעכע מארק, מיט א ווייבעריש חנדל, מיט אלערליי קונצן און דריידלעך, וואס די הארטע צייט האָט זיי אויס-געלערנט. ניין, זיי האָבן זיך נישט געהאט אויף וועמען צו פארלאָזן אין דער ביטערער צייט; ווייניקער פון אלעמען אויפן אייגענעם טאַטן. זיי האָבן געמוזט זייער שטעטל אליין באשטיין. א ביטער שווער לעבן האָבן זיי געפירט אין די וואכן-טעג אויף די וועגן, וואָס זענען פול מיט די דייטשע פּיקעלהויבן.

אָבער דערפאר, אז עס איז געקומען א שבת, א יום-טוב, האָבן זיי זיך אָפּגענומען פאר דער גאנצער וואָך. קיילע האָט אָנגעבאקן לאַנגע בלעכן מיט חלות און קיכלעך. זי האָט גרויסע טעפּ אָנגע-קאָכט, א פעטן טשאָלנט געשטעלט. די מיידלעך האָבן די שטוב שיין אויפגערוימט, די פּאָדלאָגע אויסגעוואשן און מיט געלן זאמד אויסגעשיט, די אייזערנע רייפן פון די שעפלעך ביז א גלאַנץ אויס-געפּוצט, די צינערנע לייכטערלעך, אָנשטאָט די מעשענע, וואָס די

דייטשן האָבן צוגענומען, מיט קאַלך געריייניקט. אַלע טעפּ, פּאַנען און פּענדלעך אויסגעשייערט, דאָס געבלימלטע גלאָזווארק אויסגעשטעלט און נייע פּארביקע בלומען און שפּיצן פון פּאַפּיר אויסגעשניטן און פארפּוצט מיט זיי די פאַרהענגלעך ביי די פענסטער, די ווייס-געשייערטע שענקעלעך און פּאָליצעס פון די כלים. די פּארביקע בילדער אויף די ווענט האָבן געשיינט, די אויסגעשטעלטע טעלערס מיט בלויע בלומען האָבן געשפּיגלט. און א סאַמעטן חלה-טישטיכל, אויסגעהאַפטן מיט לייש-גאָלד-אותיות און מיט א „מגן-דוד“, האָט באַדעקט די געגרייטע געפלאָכטענע קוילעטשן. טוביה האָט טאַקע פארשעמט דעם טיש, נישט געוואָלט קיין קידוש מאַכן, די חלות נישט אָנגעהויבן מיט המוציא. אבער קיילע האָט אירס געטאָן, געגרייט א טיש ווי ביי אידן. אפילו וויין האָט זי אויסגעקוועטשט פון געקאָכטע ראָזשינקעס אין א האַנטוכל. די מיידלעך האָבן זיך געוואַשן, געפּוצט, געצוואָגן די קעפּ, די מידע אויסגעהאָרעוועטע לייבער געזייפט און געוואַשן, דינע דאַמען-וועש ארויפגעצויגן אויף זיך, מיט שמעקעדיקע וואַסערן זיך באַשפּריצט, קליידלעך פון דער סאָמער לעצטער מאָדע אָנגעטאָן.

קיילע האָט נישט געדאַרפט מער אָנקומען צו א פרעמדער שטוב, צו א שכן, ער זאָל איר באשיינען דעם שבת, קידוש מאַכן. אין שטוב זענען איצט אייגענע מאַנסבילן געווען, די טעכטערס חתנים, וואָס האָבן דאָ אין די שבתים און אין די פרייע טעג שטענדיק פאַרבראַכט, געגעסן, אפילו די שבתדיקע אָנצוגן דאָ געהאַט הענגען, די וועש ליגן. נישט קיין אויסגעצערטע וועבער-געזעלן, מיט אויסגעוואַקסענע אָפּגעכוימלטע אָנצוגן, זענען דאָס געווען, נאָר בחורים ברייט-פּלייציקע, פריילעכע, אין הויכע שטיוול און אין קורטקעס, שמוגלערס — איינס אין איינס, פאַרדינער גוטע, וואָס א מאַרק איז ביי זיי א ממזר, וואָס קענען זיך אויס אין לעבן, קאָנען א מאַרק פאַרדינען און א מאַרק אויסגעבן. זיי זענען נישט געווען אַזעלכע ביטערע, ווי טוביה. כאָטש זיי זענען קיין גרויסע צדיקים נישט געווען, געגאָלט די בערד, געלט אום שבת געטראָגן, אפילו שטילערהייט א פּאַפּיראָסל פאַררויכערט, האָבן זיי נישט אָפּגעזאָגט, ווען קיילע האָט זיי דערלאַנגט א בעכערל ראָזשינקע-וויין צו מאַכן קידוש, אָדער אָנצוהויבן די חלה מיט א ברכה. וואָס צו נאָט איז

צו גאָט, האָבן זיי געוואוסט, און וואס צו ליט איז צו ליט. די ליכט ביים טיש האָבן געפינקלט, דאָס פארביקע טישטוך האָט געבלאַנקט, די מיידלעך האָבן געלויכטן, די חתנים האָבן גערעדט, געלאַכט, פריילעכע מעשיות פון די וועגן, דייטשן און שמוגל דערציילט, בריהשאפטן ארויסגעוויזן, העלדישע געשיכטן אויספאַנטאַזירט. קיילע, אין שבתדיקן שווארצן הויכן שייטל אויפן קאָפּ, אין ברייטן פארטוך, האָט זיך געפּאָרעט ביי די גרויסע טעפּ, געטיילט היפּשע פּאָרציעס, אָנגעגאָסן פולע טעלערס. זי האָט זיך געשפיגלט אין די טעכטער, אין זייער גראַטנקייט און שיינקייט, געבאפּט מאַמישע בליקן צו די חתנים, די רויט-באַקיקע, אָפּגעברענטע און לעבנס-לוסטיקע, און אירע גראָבע ליפּן האָבן פרום געשעפּטשעט תפילות צו גאָט, געבעטן וועגן נחת, חתונות, ניאַנטשען אייניקלעך און האָבן א רואיקע עלטער.

נאָך פריילעכער ווי אין די פרייטאָג-צו-נאַכטסן, זענען געווען די שבתים בייטאָג. צו די טעכטער זענען חברטעס געקומען, די חתנים האָבן זייערע חברים געבראַכט. מען האָט געטאַנצט, גע-שפּילט אין פאַנטן, לידער געזונגען. א סך מאָל איז א דייטש גע-קומען, א באַקאַנטער פון די חתנים, וואָס האָט זיי געהאָלפן אין שמוגל. דער דייטש האָט זיך גערויטלט אין דער פרעמדער געזעל-שאפט, דייטשע לידער געזונגען, גערעדט שלעכטס אויף די עלט-סטע און געגעבן די בחורים זיינע מיליטערישע קליידער אָנצוטאָן. קיילע האָט געוואוסט, אז אין אזעלכע שעהן איז בעסער, זי זאָל אין שטוב נישט זיין, אז קינדער דארפן נישט קיין מאַמען, ווען בחורים זענען דאָ ביי זיי, און זי איז ארויס צו א שכנה אויף דער שוועל, כדי אויסצוהערן לייענען דעם טייטש-חומש, וואָס זי אליין האָט נישט געקענט, אָדער צו רעדן וועגן יקרות אויף קארטאָפל.

א פרעמדער, אן עלנטער, א פארלוירענער האָט זיך ארומגע-בלאָנקעט אין דער אייגענער שטוב טוביה, דער באַלעבאָס פון הויז.

סיי דאָס ווייב און סיי די טעכטער האָבן געקוקט אויף אים מיט שפּאָט, געשאָקלט אויף אים מיט די קעפּ. זיי האָבן נישט פארלאַנגט פון אים, ער זאָל ארבעטן און פארדינען. זיי האָבן גע-וואוסט, אז עס איז נישטאָ קיין ארבעט אין שטאָט. אויך איז ער

שוין אלט און שוואך צו אן אנדער ארבעט צו גיין. זיי האָבן אויך נישט אויסגעקוקט אויף זיינע פארדינסטן. זיי האָבן זיך זייער שטעטל געקאָנט באשטיין, די טעכטער, זיי האבן גענוג אין שטוב אריינגעברענגט און זיי וואָלטן אים אויסגעהאלטן. קיין שום ראָלע האָט נישט געשפילט ביי זיי צו שפייזן דעם פאָטער. ס׳עסן אזוי פיל, וואָלט געגעסן נאָך אימיצער. אבער פארלאַנגט האָבן זיי פון אים, ער זאָל זיין א מענטש, ער זאָל שבת זיצן ביים טיש, מאַכן קידוש, די חלות אָנהויבן, די שטוב באשיינען. אויך זאָל ער א טאטע זיין צו די קינדער, רעדן מיט א בחור, וואָס קומט אריין, זיין נאָנט מיט די חתנים, דערמאָנען אין א חתונה, וואס מען דארף שוין מאַכן, ווייל וויפל איז דער שיעור ארומצוגיין חתן-כלה? קיילע האָט עס אליין געזאָגט, די בחורים דערמאָנט, אָבער דאָס איז נישט געווען גענוג, מען האָט געדארפט א טאטנס וואָרט, א מאַנס-ביל, וואס איינגערע פון אים האָבן פאר אים דרך-ארץ. בחורים פילן מער אָפּשיי פאר טעכטער, ווען א טאטע איז דאָ אין שטוב.

אָבער טוביה האָט קיין טאטע נישט געוואָלט זיין, קיין בכבודער באַלעבאָס אין שטוב נישט געווען. ווי תמיד, איז ער גאַנצע טעג ארומגעלאָפן מיט ביכלעך אין די קעשענעס פון אלע זיינע מלבושים, ארומגעפירט זיך מיט אינגלעך, געסודעט זיך, איינגעטענהט, פרעמדע געשעפטן געהאט אויפן קאָפּ אָנשטאָט די אייגענע שטוב און קינ-דער. נישט ער האָט די טעכטער געפרעגט ווי אזוי זיי לעבן, וואָס זיי טוען, נישט ער האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי זיי וועגן א תכלית, וועגן נחת. ער האָט אפילו נישט געוואָלט זיין אויף די תנאים זייערע, וואס זענען געפראוועט געוואָרן אין שטוב מיט א מורה-הוראה, א מנין אידן און טעלער-ברעכן. די טעכטער האָבן אים געבעטן, קיילע האָט געוויינט, נאָר ער האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן.

— איך זיץ נישט מיט קיין כלי-קודש ביי איין טיש! — האָט ער געזאָגט און אנטלאָפן פון הויז.

זעלטן פלעגט ער אין שטוב אריינקומען, בלויז נאָר שפעט אין די נעכט, אָפּצושלאָפן די עטלעכע שעה.

די חתנים האָבן אים מכבד געווען מיט פאַפּיראָסן, געוואָלט מיט אים רעדן פאָליטיק, נאָר ער האָט זיי אויסגעמיטן. ער האָט גאָרנישט געפילט קיין נאָנטקייט צו די יונגען אין די הויכע שטיוול,

וואָס האַלטן אין רעדן וועגן שמוגל, דייטשן און געלט. זיי האָבן געחוזקט פון אים.

— ווען טרייבט איר שוין ארויס דעם דייטש, ר׳ טוביה ? — האָבן זיי אים געפרעגט. — איר קעמפט דאָך עפּעס מיט זיי.

— זיי וועלן ארויס, ארויס, ווי די רוסן, — האָט טוביה געענטפערט. — ווען איר וואָלט געהאַט אויגן, וואָלט איר עס געזען.

— איר וואָלט בעסער מיטגעפאָרן מיט אונז אויפן שמוגל, מחותן, — האָבן די חתנים אים געזאָגט. — נעבן אונז וואָלט איר לייכט נאָך געקאָנט פאַרדינען א מאַרק...

ער האָט נישט געקאָנט ליידן די שטוב, די אויסגעפּוצטע מיט די ליטאָגראַפישע בילדער, קיילען מיטן שווארצן שייטל אויפן קאָפּ, די מזוזה אויף דער טיר, די ר׳ מאיר-בעל-הנס-פּושקע, די חתנים אין די שטיוול, די אייגענע טעכטער, וואָס ווילן גאַרנישט פון אים זיך לערנען, די אַלע נייע לייט, וואָס קומען צו זיי אין שטוב אריין, די דייטשע סאָלדאַטן, די זעקלעך מיט שמוגל. ער האָט נישט גע-וואָלט הנאה האָבן פון די גוטע עסנס, וואָס קיילע האָט אים מיט רחמנות צוגעטראָגן. ער האָט נישט געוואָלט קומען אויף די שמחות אין שטוב. אַלץ איז געווען קעגן זיין ווילן, קעגן זיין געשמאַק. דאָס איינציקע, וואָס איז אים טייער געווען, איז די פאַרגעלטע פאָ-טאָגראַפיע פון זיין באַשקען, וואָס איז ביי די באַריקאַדן אומגעקו-מען. יעדעס מאָל אויפסניי איז ער צוגעגאַנגען צום בילדל, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט, צווישן אַלערליי משפחה-פאָטאָגראַ-פיעס, און איינגעקוקט זיך לאַנג דערינען, ווישנדיק דערנאָך די גלעזלעך פון די ברילן, וואָס זענען פאַרלאָפן פון טרערן.

ער האָט זיך געשעמט מיט זיין שטוב, דער קליינבירגערלעכער און באַלעבאַטישער, געשעמט זיך מיט די קינדער. ער האָט נישט געקאָנט קיין אייגענעם מענטש צו זיך אריינבעטן. און ער האָט זיך אריינגעכאַפּט ווי אַן אורח, אָפּגעשלאָפן די עטלעכע שעה אין א ווינקל שטוב, ווייל די טעכטער זענען געשלאָפן אין די בעטן, און מיטן טאָג צוגלייך האָט ער זיך שוין אָנגעטאָן, כדי אוועק וואָס פריער פון אייגענעם הויז, אוועק צו זיין אַרבעט אין קלוב, אין דער אַרבעטער-קיך.

נאָך די שבת-צו-נאַכטסן איז אין שטוב געשטאַנען אַן אום-אָרדענונג, אַ מושב; שאָלן פון ניסלעך, עפּל, נישט-דערטרונקענע גלעזער, מונדשטוקן פון פּאַפּיראָסן, אַלץ האָט זיך געמישט און געוואַלגערט. אויף די שטולן זענען ווייבערישע קליידער געווען צע-וואָרפן, זאָקן, אונטערוועש. אין די ווינקלען אויף אויסגעבעטע בענקלעך איז אַ פאַרבליבענער חתן געלעגן, וואָס האָט זיך פאַר-זעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט. זיינע הויכע שטיוול זענען ווי לע-בעדיקע געשטאַנען אין מיטן שטוב, די הויזן האָבן געהאַנגען אויף די הויזנטרעגער. דאָס קעלנערל מיטן קראַוואַט האָבן האָפּערדיק ארויסגעשיילט זיך פון דער טונקלקייט, דערציילט וועגן צו-נאָנטער מאַנסבילישער היימישקייט אין דער שטוב. אין די בעטן זענען גע-לעגן די טעכטער. מיט צעשויבערטע קעפּ, מיט צעוואָרפענע הענט און פיס, אָפּגעדעקטע פון דער היץ אין שטוב, מיט די אָנגעוואָר-פענע קעמלעך, האָר-נאָדלען, ביוסטהאַלטערס און אַלערליי ווייבע-רישע זאַכן, זענען זיי זייער ווייט און פרעמד געווען דעם אייגענעם פאָטער. ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיי, טוביה, נישט געוואַגט אויף זיי צו קוקן.

גיך האָט ער זיך אָנגעטאָן, אריינגעשטופּט אין אַלע קעשענעס די צייטונגען און ביכלעך, וואָס ער האָט שטענדיק מיט זיך גע-טראָגן, אָפּגעוואַשן דאָס פּנים און די הענט, און ארויס.

— שכנא, וואו לויפסטו? — האָט קיילע אים גערופן מיט שפּאָט און רחמנות. — וואַרט אויס, וועל איך דיר געבן כאָטש אַ לעק קאַווע אויפן ניכטערן האַרץ.

— כ׳וועל שוין עסן אין דער ארבעטער-קיך, — האָט ער אַ ברום געטאָן און איז ארויס.

קיילע האָט אים נאָכגעקוקט, געזען זיין אויסגעדאַרט פּנים, זיין געבויגענעם רוקן און זי האָט צעשאָקלט דעם קאָפּ מיט דער ווייסער שלאָף-קאָפּקע אויף רויטע סטענגעס.

— רבונו-של-עולם, — האָט זי געפרעגט ביי גאָט, — פאַר-וואָס קערסטו נישט איבער זיין קאָפּ? נישט די וועלט האָט ער דאָך און נישט יענע וועלט וועט ער האָבן...

זי איז מיט די באָרוועסע שווערע פיס צו צו דער קיך, ארויס-געטריבן די פּריסן, וואָס האָבן זיך אין די ליידיקע טעפּ איבער

נאכט באַזעצט, און זי האָט געזאָגט די מאָרגנדיקע קריאת-שמע, פול מיט איבערגעדרייטע ווערטער און גרייזן.

פון דרויסן האָט א האָן געקרייט, געריסן זיך מיט א הייזעריקן קוויטש אויף דער פוסטער שטאָט, וואָס האָט מער קיין סירענע-פייף נישט געהערט.

## קאַפּיטל פינף

דער איינציקער אין לאָדזש, וואָס האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן דעם קאָמענדאַנט באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו, איז געווען טוביה וועבער, דער פירער פון די אחדותניקעס, דער פאָר-זיצנדער פון אויספיר-קאָמיטעט. עס איז אָנגעגאַנגען א שטענדיקע מלחמה צווישן דעם קאָמענדאַנט אין פּאַלאַץ און צווישן טוביהן אין דער ארבעטער-קיך. וויפל דער באַראָן האָט נישט אַרויסגע-געבן זיינע באַפעלן, מיט יעדן טאָג אַלץ נייערע, האָט טוביה גלייך ארויסגעגעבן זיינע באַפעלן, וואָס האָבן געהייסן נישט אונטערגעבן זיך דעם באַראָנס באַפעלן. אין מיטן דער נאַכט, פאַרטאָג, האָבן די אחדות-לייט, טוביהס מענטשן, ארויסגעלאָזט זיך מיט אַן עמער קלעפּעכץ, מיט פּראָקלאַמאַציעס הינטער דער פּאָלע און אויף די קאָמענדאַנטישע באַפעלן זייערע פּראָקלעמאַציעס אָנגעקלעפּט.

באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו איז געוואָרן רויט ביז די אויערן, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז עפּעס אַן אויספיר-קאָמיטעט האָט די העזה קעגנצושטעלן זיך זיינע באַפעלן.

— קיין שפּור! — האָט ער געוואַלדעוועט און געטופּעט מיט די שטיוול אויף דעם געל-וואַנסעדיקן הינקעדיקן פּאָליציי-פּרעזי-דענט שוואַנעקע. — אויסראָטן די אידישע לויז-באַנדע! זי זינד פּעראַנטוואָרטליך!

דער הינקעדיקער פּאָליציי-פּרעזידענט שוואַנעקע האָט מאָבי-ליזירט אַלע זיינע שוץ-לייט אין די בלויע פּעלערינעס, זיי זאָלן לאָקערן אויף די פּאַרטאָגעדיקע פּראָקלאַמאַציע-קלעפּער. אויך אָגענטן האָט ער פונאַנדערגעשיקט, זיי זאָלן זיך אין די טויערן אויסבאַהאַלטן און כאַפּן די נאַכט-קלעפּער. עטלעכע האָט מען גע-

כאַפּט. שוואַנעקע האָט זיי אַליין מיטן הינקעדיקן פוס געשטויסן אין די בייכער. דעם גאַנצן כעס און באַליידיקונג פון קאָמענדאַנט האָט ער צו די אויסגעצערטע בחורים אויסגעלאָזט. מיט אַלע פּאָ-ליציאישע קונצן האָט ער געוואָלט אַרויסקריגן פון זיי די נעמען פון די פירער, אָבער די אַרעסטירטע האָבן נישט געזאָגט. מיט די ציין האָבן זיי פאַרהאַקט און קיין וואָרט נישט אַרויסגעזאָגט. שוואַ-נעקע האָט זיי געהאַלטן אין געפענגניש עטלעכע וואָכן צייט אויף בלויז אַ פּערטל פונט ברויט אַ טאָג און איין טאָג אין דער וואָך — אַ תענית. אָבער זיי האָבן געשוויגן ביי אַלע אויספאָרשונגען, קיין פּיפּס נישט געטאָן. שוואַנעקע האָט געזען, אַז מיט בייזן גייט עס נישט, און ער האָט זיי גענומען איבערקויפן. ער האָט זיי צוגעזאָגט אַרויסצולאָזן פון געפענגניש, צוריקשיקן זיי צו דער אַרבעט, נאָר בלויז פון צייט צו צייט זאָלן זיי צו אים קומען, אינטערעסאַנטע נאַכריכטן ברענגען, פאַר וואָס ער וועט זיי באַלוינען, שיינע עטלע-כע מאַרק געבן. אָבער זיי האָבן נישט אָנגענומען. שוואַנעקע האָט געזען, אַז ער וועט פון זיי קיין נחת נישט האָבן, האָט ער זיי אַרויס-געשיקט קיין דייטשלאַנד אויף צוואַנגס-אַרבעט.

— דאָרט וועט מען אייך שוין לערנען געהאָרכזאַמקייט, לויז-באַנדע! — האָט ער געדראָט.

ער האָט טאַקע וועגן דער שטראָף אויף די פּראָקלאַמאַציע-קלעפּונג אַ מעלדונג אַרויסגעלאָזט, כדי אָפּצושרעקן אַלע אַנדערע. אָבער גלייך ביינאַכט האָט דער אויספיר-קאָמיטעט געלאָזט פאַר-קלעפּן אַלע פּאָליציייאישע מעלדונגען און גערופן צו ווייטערדיקן קאַמף קעגן דעם קאָמענדאַנט און דער פּאָליציי.

אָנגעהויבן האָט זיך די מלחמה צווישן באַראָן און טוביהן צוליב שפּייז.

דער באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו, וואָס האָט נישט אויפגע-הערט טראַכטן ביי זיך אין פּאַלאַץ, ווי אַזוי אַלץ מער שפּייז פון זיין געגנענט אַרויסצוציען און איבערשיקן עס אין פאָטערלאַנד, האָט אַן אויג געוואָרפן אויף די אַרבעטער-קיכן. דער בירגער-קאָמיטעט, אין וועלכן עס זענען געזעסן די רייכסטע פון שטאָט, אויך דער די-רעקטאָר יאַקוב אשכנזי, האָט קיכן פאַר אָרעמע געמאַכט אין לאָדזש, וואו אַרבעטער האָבן געקריגן אַ מאָגערע זופּ און אַ קליין

שטיקעלע ברויט דערצו. אין אלע אָרעמע גאַסן זענען די קיכן געווען, אויך אויף באַלוט פאַר די אַרבעטסלאָזע װעבער. געלט דערויף האָט געגעבן די שטאָט. אָבער באַראָן פאָן היידעל היידעל-לאָו האָט קרום געקוקט אויף די דאָזיקע ארבעטער-קיכן.

זיי האָבן אַ סך שפּייז פאַרנוצט, די קיכן, קאַרטאָפל, מעל, גרויפּן. באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו האָט בעסער געוואָלט די שפּייז קיין דייטשלאַנד אַוועקשיקן, און ער האָט אַלעמאָל פאַרקלע-נערט די פּאָרציעס, וואָס מען גיט ארויס אין די קיכן. צום ערשט האָט ער די פירער פון בירגער-קאָמיטעט געלאָזט רופן צו זיך אין פּאַלאַץ און געהייסן זיי מישן וואָס מער פּסולת אין ברויט אריין, אָנשטאָט מעל.

— עקסעלענץ, מיר מישן שוין גענוג, — האָבן די פירער פון קאָמיטעט געענטפערט. — דאָס ברויט וויל זיך שוין מער נישט האַלטן פון די ערזאַצן, עס צעפאַלט זיך.

— אַריינטאָן די פּליסיקייטן, וואָס דער שעף-ארצט מיינער האָט ערפונדן, און עס וועט זיך האַלטן, — האָט דער באַראָן געגעבן אַן עצה. — איך זועל מער אַזויפיל מעל נישט ארויסגעבן.

ווען די מענטשן האָבן אים פּרובירט זאָגן, אַז דערמיט מאַכט מען קראַנק די באַפעלקערונג, מען פאַרגרעסערט די עפּידעמיעס, די שטערבלעכקייט, האָט זיך דאָן דער באַראָן אויפגעקאָכט.

— פאַראַן גענוג ערד צו באַגראָבן טויטע אין לאָדזש! — האָט ער געשריגן. — אַדיע!

די מענטשן זענען אוועק פאַרשעמטע אָבער געהאַרכזאַמע. גלייך האָט מען גענומען אויסבאַקן דאָס ברויט פאַר די קיכן לויטן קאָמענדאַנטס באַפעל. אז דער באַראָן האָט דורכגעפירט מיטן ברויט, האָט ער גענומען טראַכטן אויך וועגן אַנדערע זאַכן, וועגן שפּאָרן גרויפּן, קאַרטאָפל, פעטס. איין טאָג האָט ער באַפוילן, מען זאָל די זופּן מער נישט שמעלצן מיט פעטס, נאָר מיט עטוואָס אייל. דאָס פעטס האָט ער אַוועקגעשיקט אַהיים. דערנאָך האָט ער געהייסן אַראָפּנעמען פון די גרויפּן. צום סוף האָט ער גאָר דער-טראַכט זיך, אז דערמיט, וואָס מען שיילט די קאַרטאָפל, ברענגט מען אוים זייער אַ סך און ער האָט ארויסגעגעבן אַ באַפעל, מען זאָל קאָכן די קאַרטאָפל צו די זופּן מיט שאָלן. דער שעף-ארצט זיינער,

וואָס האָט ערפונדן די פּליסיקייט צו דערהאַלטן ברויט מיט ווייניק מעל, האָט גלייך אויסגעפונען איצט, אַז די שאָלן פון קאַרטאָפל זענען זייער געזונט צום עסן, קרעפטיק און נאַרהאַפטיק. דער באַראָן האָט געלאָזט רופן צו זיך די פּרעסע־לייט, די דייטשע, פּוילישע און אידישע, און געהייסן זיי שרייבן אַרטיקלען וועגן דעם דאָקטאָרס קאַרטאָפל־שאָלן־טעאָריע. דער דאָקטאָר האָט מיט אַ סך פּרעמדע מעדיצינישע אויסדריקן געשילדערט פאַר די פּרעסע־מענטשן די טובה פאַרן געזונט, וואָס קומט פון עסן קאַרטאָפל מיט די שאָלן, און דער באַראָן האָט אָנגעשטעלט דעם מאָנאָקל אויף די רעפּאָרטערן.

— אַלזאָ, ברייט פּראָפּאַגאַנדירן די זאַך! — האָט ער באַפוילן.

די פּרעסע האָט געשריבן, די פאָרשטייער פון בירגער־קאָמיטעט האָבן די באַפעלן אויסגעפירט. בלויז טוביה מיט זיינע לייט האָבן זיך די נייע באַפעלן נישט אונטערגעגעבן. ער איז איצט געווען דער עלטסטער אין לאָדזש, טוביה, דער פירער. ניסן איז געווען אין רוסלאַנד, די אַנדערע חברים זיינע פאַרשיקט אין אויסלאַנד, אויפן פראָנט. טוביה אַליין איז געבליבן. אויף אים איז געבליבן די גרויסע שטאָט, אויף זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט, און ער האָט געטראָגן זיי אויף זיינע געבויגענע פּלייצעס. ער האָט אַליין אָרגאַניזירט אַ קאָמיטעט פון אַרבעטער, נייע מענטשן אַריינגעצויגן, אין אַרבעטער־קיך געשאַפן, געהאַלטן די זאַך אין די הענט. ער איז געווען דער עלטסטער, דער אויסגעפּרוואַווטסטער. ער האָט געדאַרפט זאָרגן פאַר די אַרבעטער, אָננעמען זיך פאַר זיי אין דער ביטערער צייט, וועקן זייער מוט, רופן זיי צו קאַמף. און ער איז מיט עקשנות אַרויס קעגן דעם קאָמענדאַנטס באַפעלן. ער האָט אַ פּייערדיקע פּראָקלאַמאַציע אָפּגעדרוקט, אַ פּראָקלאַמאַציע קעגן די מיליטאַריסטישע אונטערדריקער, וואָס האָבן די אַרבעטער צוערשט אַרויסגעוואָרפן פון דער אַרבעט, אין בעטלער זיי פאַרוואַנדלט, און איצט ווילן זיי אַפילו דאָס לעצטע שטיקל ברויט פון מויל זיי אַרויסרייסן, קאַרטאָפל אין די שאָלן צווינגען צו עסן, ווי די חזירים. די פּראָקלאַמאַציעס זענען אויסגעקלעפּט געוואָרן ביי אַלע קיכן, אויף אַלע ראָגעס, אויף די קאָמענדאַנטישע באַפעלן. אויך האָט טוביה

געלאָזט מיטינגען איינאָרדענען, געהיימע פארזאמלונגען און גערופן צו פּראָטעסטן, מלחמה.

באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו האָט אויפגעהערט צו פארלאָזן זיך אויף דעם הינקעדיקן פּאָליציי-פּרעזידענט און גענומען אַליין לערנען דרך-ארץ די ווידערשפּעניקער. אין מיטן עסן זענען זיינע סאָלדאַטן באַפּאַלן די ארבעטער-קיכן, אַרעסטירט די אינגסטע און קרעפּטיקסטע און זיי אַוועקגעשיקט קיין דייטשלאַנד אויף צוואנגס-אַרבעט. באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו האָט, ווי א געניטער יעגער, געוואָלט שיסן צוויי האָזן מיט אמאָל: אי ביי די אַרבעטער ארויס-נעמען די אינגסטע, די ענערגישסטע, כדי די איבערגעבליבענע, די עלטערע און שוואַכע, זאָלן זיך אליין צעקריכן; אי טאָן א גוטע זאַך פאַרן פּאָטערלאַנד, שיקן מענטשן אויף אַרבעט. מיט יעדן טאָג מער האָט מען אין פּאָטערלאַנד די ארבעטער אַוועקגענומען פון די פּאַבריקן, די פּויערן פון דער ערד און זיי אַוועקגעשיקט אויף די פראָנטן אָדער אין הינטערלאַנד פון די אָקופּירטע לענדער. אפילו זקנים האָט מען מאָביליזירט. די פרויען אליין האָבן נישט געקאָנט טאָן אלע מענערישע ארבעט. מען האָט געדאַרפט מענער צו די קוילן-גרובן און צו אנדערע שווערע ארבעטן. און פון גענעראַל-שטאַב זענען געקומען באַפעלן, וואס מער ציווילע מענער פון פּוילן אַוועקצונעמען און שיקן קיין דייטשלאַנד. באַראָן פאָן היידעל היי-דעללאָו האָט אויסגעקלעפּט גרויסע פּלאַקאַטן אומעטום און גערופן די מענער צו ארבעט קיין דייטשלאַנד. אָבער די מענער האָבן זיך נישט געמאָלדן. זיי האָבן שוין געוואוסט פון די פריערדיקע, וואָס זענען דאָרט ארויסגעפאָרן, אַז מען גיט זיי נישט צו עסן אין די פּאַבריקן און קוילן-גרובנס; אז מען האַלט זיי אין קאַלטע נאַסע באַראַקן, מען באַוואַכט זיי, מען גיט זיי גאָר קיין מנוחה נישט אין דער ארבעט און מען באַגייט זיך מיט זיי ווי מיט אַרעסטאַנטן. אויך לאָזט מען מער נישט ארויס די, וואָס זענען פרייוויליק געגאַנגען צו דער אַרבעט. קיינער האָט זיך מער אויף די אַרבעטס-מעלדונגען נישט אָפּגערופן.

נעבן די ארבעטס-מעלדונגען פון קאָמענדאַנט האָט טוביה זיינע מעלדונגען געלאָזט אויסהענגען וועגן דעם, ווי אזוי מען באַ-גייט זיך דאָרט אין דייטשלאַנד מיט די אַרבעטער. די הונגעריקע

מענטשן האָבן מער זיך צוגעהערט צו טוביהס ווערטער, ווי צום באָראָנס.

דער באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו האָט דעריבער גענומען אַרעסטירן אַרבעטער און אַוועקשיקן זיי אויף צוואַנגס־אַרבעט. דאָס האָט בעסער געלונגען. אי מען האָט אַזעלכע מענטשן אינגאַנצן נישט געדאַרפט צאָלן, אי זיי האָבן געאַרבעט אונטער מיליטערישער וואַך, ווי די קריגס־געפאַנגענע.

אומעטום האָבן זיי זיך געדרייט, די דייטשע שוצלייט, פעלדזשאַנדאַרמען, לאַנדשטורמער און אַרעסטירט אַרבעטער אין גאַס. פאַר דער מינדסטער קלייניקייט, פאַר שטיין אין גאַס אין אַ רעדל, פאַר זאַמלען זיך ביי די קיכן, פאַר שטיין אין די רייען נאָך קאַרטןברויט, האָט מען די אָרעמע מענטשן געכאַפּט, אַוועקגעפירט אין דער קאָמענדאַנטור, צונויפגעשטעלט פּראָטאָקאָלן קעגן זיי, אַז זיי האָבן געמאַכט פיינטלעכע מאַניפעסטאַציעס, און זיי אָפּגעשיקט מיט די לאַסט־וואַגאָנען, אונטער מיליטערישער וואַך, קיין דייטשלאַנד. די מיליציאָנערן מיט די שטעקעלעך האָבן אַרעסטירט שמוציקע, אומריינע מענטשן. וואו נאָר זיי האָבן געזען אָפּגעריסענע, באָרוועסע, האָבן זיי זיי אַרומגערינגלט און אָפּגעפירט אין די אַנטלויזונגס־בעדער. דאָרט האָט מען די אַלטע אַרויסגעלאָזט צוריק; אָבער די יונגע האָט מען אין דער קאָמענדאַנטור אַוועקגעשיקט און אויף צוואַנגס־אַרבעט גענומען.

אָבער וואָס מער דעם קאָמענדאַנטס סאָלדאַטן האָבן די מענטשן אַרעסטירט, אַלץ מער האָבן זיי די פּראָקלאַמאַציעס קעגן קאָמענדאַנט אויף די גאַסן אָנגעקלעפּט, וועגן זיינע אומגעזעצלעכע מעשים דערציילט, זיינע אכזריותן באַשריבן. אפילו פּראָטעסטן ביי די פאַמיליעס פון די אַרעסטירטע האָבן זיי געזאַמלט, פּראָטעסטן קעגן דעם באַראָן, וואָס מאָביליזירט ציווילע מענטשן צו צוואַנגסאַרבעט, כאָטש דאָס איז קעגן די אינטערנאַציאָנאַלע געזעצן.

ניין, ער האָט נישט גערוט, טוביה. אַן עלנטער, אַן אַרבעטסלאָזער, אַ הונגעריקער, קוים די נשמה צו דערהאַלטן אין די שווערע ביטערע טעג, אַ פאַרקנאָספּירירטער, נעבעטיקנדיק אין באַהאַלטענע וואוינונגען אַלע נאַכט ערגעץ אַנדערש, האָט ער געפירט מלחמה קעגן דעם הערשנדיקן באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו אין

זיין פּאַלאַץ. ער האָט אָנגערייצט קעגן אים די מענטשן, אויסגעלאַכט אים אין די פּראָקלאַמאַציעס, און אפילו געהיימע מסירות אויף אים צו די דייטשע סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן קיין בערלין אָוועקגעשיקט וועגן זיינע רדיפות אויף די ציווילע אַרבעטער. אויך די ליסטעס מיט פּראָטעסטן פון די פאַמיליעס פון די אַרעסטירטע האָט ער באַוויזן איבערצושיקן. מען האָט אפילו פון בערלין אָנפראַגעס וועגן דעם געשיקט צום קאָמענדאַנט.

מיט דעם צעקנייטשטן וועליסאָפּעדן-היטל פּאַררוקט איבערן שטערן, מיט דעם אַלטן אויסגעטריקנטן אָדערדיקן האַלז, אויף וועלכן דאָס פּאַפּירענע קראַגנדל ליגט לויז און פּאַרדרייט, מיט אויסגעריבענע שיך, מיט אָפּגעטראָגענע קליידער, מיט פולע קעשענעס, וואָס שטייען אָפּ פון די אָנגעפּאַקטע ציישונגען, ביכלעך, בראָשורן, פּאַפּירן, מיט אויגן פאַרצוקטע, צאָרנדיקע, וואָס קוקן דורך פאַרלאָפּענע דראָטענע ברילן, איז ער אומעטום געווען פול, אַלץ אויפן קאָפּ געהאַלטן, צו אַלעם זיך געמישט, פון אַלעם געליטן אין דער פינסטערער צייט.

אים האָט געוויטאָקט דאָס האַרץ אויף די אַרבעטער, וואָס מען האָט פון זיי גאַסן-הענדלער געמאַכט, שנאָרערס, שמוגלערס. ער האָט זיי געטראָפן אין די גאַסן, אַרומקריכנדיק מיט עמערס זויערע אוגערקעס, מיט קעסטלעך צוקערלעך, מיט אַלערליי אַלטוואַרג. זיי האָבן זיך געשעמט אין די אויגן צו קוקן.

— הענדלער געוואָרן, חבר טוביה, — האָבן זיי געמורמלט מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. — ס׳פּנים פּלאַמט פון בושה.

אַנדערע זענען איבער די הויפן מיט זעקלעך אַרומגעגאַנגען, די העלזער זיך אויסגעריסן וועגן דעם אַלטוואַרג, וואָס זיי קויפן, נאָר קיינער האָט נישט פאַרקויפט. שוואַכערע האָבן זיך אָפּגעלאָזט, די הענט נאָך נדבות אויסגעשטרעקט צו די פאַרמעגלעכע. שפּולערקעס, נייטאָרינס, שניידערקעס, האָבן זיך מיט דייטשע סאָלדאַטן אַרומגעפירט, פאַרקויפט זיך פאַרן שטיקל ברויט אין דער ביטערער צייט. אַנדערע, וואָס האָבן אַמאָל אין דער פּאַרטיי געאַרבעט, האָבן געשמוגלט, פאַרדעכטיקע קאַוואַירניעלעך געעפנט, מיט סאָלדאַטן עסקים געהאַט און פאַרגעסן אין דער פריערדיקער אַרבעט. אַ סך זענען געפאַלן, אומגעקומען פון הונגער און נויט, פון אויסצערונג

און עפּידעמיעס. טוביה האָט געליטן איבער דעם, וואָס מען האָט געמאַכט פון די אַרבעטער, געוויטאָקט איבער דער פיזישער און מאָראַלישער צעפאַלונג. אַלץ, אויף וואָס מען האָט אַזויפיל יאָרן געאַרבעט, געקעמפט, אָרגאַניזירט, באַוואוסטזיניק געמאַכט, איז איצט צעקראָכן, צעפאַלן, צעבלאָזן געוואָרן ווי שטויב, ווי פּליעוועס פון ווינט.

ער האָט דעם גלויבן זיינעם נישט פאַרלוירן. ער איז געווען פעסט אין זיינע איבערצייגונגען, אין דער סאָציאַליסטישער אָרדע־נונג, וואָס וועט מוזן קומען. פון בלוט, רציחה, פּיין וועט זי אויס־שפּראָצן, ווי קערנער פון מיסט אַרויס. אָבער דערווייל איז געווען חושך, יאוש, די גאַנצע וועלט האָט זיך אין בלוט געוויקט. די פירערן און אַרבעטער זענען פון פּאַטריאָטיזם פאַרכאַפּט געווען, די בורזשואַזיע האָט אויפגעהעצט פאָלק קעגן פאָלק, נאַציע קעגן נאַציע, כדי דעם צאָרן פון אַרבעטער־קלאַס פון זיך אָפּצואַווענדן. דער טשאַד האָט אַזוי פאַרנעפּלט, אַז באַוואוסטזיניקע אַרבעטער, אָרגאַניזירטע, זענען אין די מערב־לענדער אין קריג מיט שמחה גע־לאָפן. און אפילו די פירער, די סאָציאַליסטישע פירער, זיי האָבן אין פיל לענדער געשטיצט די קריגס־בודזשעטן, מיטגעטאַנצט מיט דער בורזשואַזיע, אין אָפיצירן־קליידער אַריינגעקראָכן, אויף מי־ניסטאָרן־בענקלעך זיך אָוועקגעזעצט. טייל האָבן זיך אפילו מבזה געווען, פאַר די קעניגליכע און קייזערלעכע טראָנען זיך גענויגט, קיין רוסלאַנד צום בלוטיקן צאַר געפאָרן און זיך מיט אים געקושט. די מלחמה־באַקעמפער האָט מען אין די טורמעס אַריינגעזעצט.

דאָס אַלץ איז געווען צו שווער פאַר די אויסגעהאָרעוועטע, אויסגעבויגענע פּלייצעס פון דעם אַרבעטסלאָזן אַלטן האַנט־וועבער. וואָלט ער כאָטש געהאַט ניסנען נעבן זיך, אַנדערע געלערנטע מענטשן, וואָס זאָלן אים דערקלערן, קלאָר מאַכן, אַביסל ליכט אַריינטראָגן אין זיין פאַרצווייפלטן קאָפּ. אָבער קיינער איז נישט געווען. אויף אים אַליין, אויף אַן אַלטן, אויסגעהאָרעוועטן אַר־בעטסלאָזן אַרבעטער, איז געבליבן די שטאָט. ער האָט געלייענט, געשלונגען די צייטונגען, פאַרטיפט זיך אין די מאַרקסיסטישע בראָ־שורן, אָבער קיין גרויסע זאַכן דערגייין האָט ער נישט געקאָנט. צו אָרעם איז ער געווען אין בילדונג, נישט צוגעגרייט, ער זאָל זען

א ליכטיקן וועג אין דער גרויסער, שווערער פינסטערניש. ער, דער אַלטער און צעבראָכענער, אָן א היים, אָן א שטוב אריינצוקומען, א פאַראַכטעטער פון די אייגענע ווייב און קינדער, האָט דאָס גע-דאַרפט אויף זיינע אקסלען האַלטן די שטאָט, מונטערן די שוואַכע, אויפקלערן די פאַרצווייפלטע, באקעמפן די סקעפּטיקער, פירן מלחמה מיט די הערשער און אונטערדריקער, מיט דעם באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו און זיינע לייט. ליגנדיק אין די נעכט אויף זיין אָרעם געלעגער, האָט ער אָפט פינסטערע געדאַנקען געטראַכט, געדאַנקען, וואָס זענען געווען אזוי שוואַרץ, ווי די נאַכט אַרום אים. די גרילן פון די ווינקעלעך האָבן אים אין זיינע אויערן טרויעריקע קינות געקלאָגט.

אָבער אין דער גאַנצער צעפאַלונג, אין זומפּ האָבן ליכטיקע פייערלעך, ווי גלי-פליגן פון שוואַרצקייט אַרויס, אויפגעלויכטן, ווי פאָספאָר-פייערלעך פון פוילונג. יונגע אַרבעטער, אַרבעטערינס האָבן זיך אַרום אים, טוביהן, געהאַלטן, נישט אָפּגעטרעטן פון אים, געגאַרט נאָך זיין וואָרט און פירונג. זיי זענען געבליבן טריי דער פּאַרטיי, זיך אַליין. זיי האָבן געהונגערט, אָבער נישט דעקלאַסירט זיך, נישט צוגעלייגט קיין האַנט צו קרעמעריי, צו שמוגל.

— ווי לאַנג קרענקט ער, דער קאָמענדאַנט, חבר טוביה, — האָבן זיי געזאָגט. — מיר וועלן בלייבן אַרבעטער ווי געווען, נישט פאַרקויפן זיך.

זיי האָבן טוביהן געהאָלפן אין דער אַרבעט, פּראָקלאַמאַציעס פאַרשפּרייט, אַלע זיינע באַפעלן אויסגעהערט, אויף פאַרזאַמלונגען זיך צונויפגעקומען, נייע מענטשן אריינגעצויגן. זיי האָבן אים אויך געהאָלפן אָן אַרבעטער-קיך אָרגאַניזירן, וואָס אין אָוונט איז זי א קלוב געוואָרן. אין א רויטער ציגל-מויער, וואָס איינער א לאָדזשער נגיד האָט געלאָזט אויפבויען פאַר דער מלחמה און זי צוליב דעם קריג נישט פאַרענדיקט, אין די גרויסע זאַלן, וואָס זענען אָן פענס-טער און טירן געשטאַנען און די ווענט פון אינעווייניק זענען אפילו נישט געטינקט געווען, נאָר מיט די ציגל אַרויסגעקוקט, האָבן די מענטשן אויף דעם באַלוט, ווי נאָר די רוסן זענען אַוועק, אָן אַר-בעטער-קיך געמאַכט. די ציגל-ווענט מיט קאַלך אָפּגעשמירט, מיט די פּאָרטרעטן פון קאַרל מאַרקס, ענגעלס און לאַסאַל אויסגעצירט,

מיט ארבעטער-לאָזונגען אויסגעהאנגען. די מיידלעך האָבן דעם שווארצן באלקן מיט פארביקע פאפירענע לאמטערנדלעך און פאר-פוצונגען אויסגעהאנגען. עטלעכע סטאָליארעס אייגענע האָבן בענק צוזאמענגעקלאפט, א קליינע הילצערנע עסטראדע אויבנאָן אוועק-געשטעלט, איבער איר די רויטע פאָן אויסגעהאנגען. און הונדער-טער מענטשן, ארבעטסלאָזע וועבער, שפולערקעס, שניידערינס, אפילו ארבעטער, וואס האָבן קלעפיקע צוקערלעך פארקויפט איצט אין די גאסן, האָבן זיך געזאמלט אין דער קיך, בייטאָג נאָך אביסל שיטערער זופ און א פענעצל קלעפיק ברויט און אין די אָוונטן נאָך אנדערע שפייז, נאָך פאָרלעזונגען, לעקציעס, דיסקוסיעס.

די בחורים מיט די מיידלעך האָבן אויך יום-טובים געמאכט אין די ביטערע טעג, היימישע פאָרשטעלונגען געגעבן, א כאָר צו-נויפגעשטעלט, אפילו אן אָרקעסטער אן אייגענעם. אין אָט דער קיך אין רויטן נישט-פארענדיקטן ציגל-הויז אויף באלוט האָט טוביה זיין מלחמה געפירט קעגן קאָמענדאנט אין זיין רייכן פאלאַץ. דאָ האָט ער געהיימע פארטיי-בעראטונגען מיט זיינע קאָמיטעט-מענטשן אָפגעהאלטן, פראָקלאמאציעס געשריבן, באשלוסן אָנגענו-מען. דער קאָמענדאנט האָט געהאט אן אויג אויף אָט דער קיך אין רויטן ציגל-הויז. ער האָט טאקע דאָרט אָפט זיינע אגענטן גע-שיקט. אבער אויך טוביהס מענטשן האָבן געהאלטן אויג, און ווי נאָר א פארדעכטיקער פארשוין האָט זיך באוויזן, זענען שוין די מענטשן געזעסן ביי די טישן און געגעסן די אָרעמע זופן, צוגלייך מיט אלע אנדערע אָרעמע עסערס. כאָטש די סאָלדאטן זענען אָפט באפאלן די קיך, ארעסטירט מענטשן, צעטריבן, האָבן זיך מאסן מענטשן אין די אָוונטן דאָרט צוזאמענגעקומען, די נישט-פארענ-דיקטע שטובן אָן טירן זענען געווען געפאקט, קאָפּ אויף קאָפּ איז מען געשטאנען, אויסצוהערן די רעדעס, לעקציעס.

מיטן לאנגן אָדערדיקן האלז, אויף וועלכן דאָס פאפירענע קעלנערל פאלט לויז אראָפּ, מיט אויגן, וואָס ברענען דורך גרינ-לעכע שייבלעך פון די דראָטענע ברילן, איז טוביה געשטאנען אויף דער קליינער הילצערנער עסטראדע און רייד, ווי פיילן, געוואָרפן קעגן אלע הערשער, אונטערדריקער און שונאים פון די ארבעטנ-דיקע. די שארפסטע ווערטער, כאָטש באהאלטן אין רמזים און אָנ-

צוהערענישן, האָט ער געוואָרפן צו דער זייט, וואָס פירט צום פּאַ-לאַץ פון באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו, דעם קאָמענדאַנט פון דער באַזעצטער שטאָט.

— אייער צייט וועט קומען! — האָט ער גערופן און געדראָט מיטן שפּיציקן פינגער פון זיין איינגעשרומפּענער אָדערדיקער אויס-געהאָרעוועטער האַנט, וואָס איז לויז אַרויסגעקראָכן פון ברייטן צעקנייטשטן, אויסגעריבענעם אַרבל. — ווייל אַזוי איז דאָס איי-זערנע געזעץ פון אונזערע גרויסע לערער.

ער האָט מיט גלויבן אַרויפגעקוקט צו די דריי קעפּ, וואָס האָבן געהאָנגען איבער אים, באַצירט מיט רויטע בענדער און פאַרפּוצט מיט גרינע נאָדל-צווייגן.

## קאַפּיטל זעקס

אין אשכנזים מאַנופאַקטור-פאַבריקן, אין פּעטערבורג, האָט זיך די אַרבעט אָפּגעשטעלט. צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע אַרבעטער פון דער רעזידענץ-שטאָט, האָבן אויך די טויזנטער אַרבעטער און אַרבעטערינס פון אשכנזים פאַבריקן פאַרשטרייקט. מיליטער איז געשטאַנען ביי די טויערן, ביי אַלע אַריינגאַנגען און געהאַלטן וואַך.

אשכנזי איז געווען אויסער זיך פאַר אויפרעגונג און אומ-געדולד.

אין דער הויפּט-קוואַרטיר האָט מען זיך געגרייט שטאַרק צו אַ נייעם פרילינגס-אָנגריף, כדי די דייטשן און עסטרייכער צו געבן אַן ענדגילטיקן קלאַפּ און צו פאַרטרייבן זיי פון דער דעראָבערטער רוסישער ערד. מען האָט מאָביליזירט די רעזערוון פון די העכסטע יאָרן, מיליאָנען נייע סאָלדאַטן אונטער דעם געווער געשטעלט. אויך האָבן די געווער-פאַבריקן שטאַרק געאַרבעט און מאַסן אַמוני-ציע פאָרגעבורייט. פּונקט אַזוי האָבן געאַרבעט די שיף-ווערקשטאַטן, די מאַנופאַקטור-פאַבריקן. מען האָט געגרייט קליידער, וואַטע, באַנ-דאַזשן, וואָל און ביינוול. די גענעראַלן פון דער הויפּט-קוואַרטיר האָבן געוואָלט נעמען די פיינט מיט שטורעם, מיליאָנען באַוואָפנטע מענער, גוט-באַשוכטע, ניי-באַקליידטע, אַרויסשיקן מיטאַמאָל אויף

די מזרח-פראָנטן. צו דער אייגענער צייט האָבן אויך די פאַרבינ-דעטע אויף מערב געדאַרפט אָנגרייפן אויף זייער זייט, כדי מיט איין קלאַפּ אָפּצוהאַקן דעם פיינט.

מיט דער גרעסטער ענערגיע האָט געטריבן די אַרבעט אין זיינע פאַבריקן מאַקס אשכנזי. ער האָט געאַרבעט לייוונט, ביינוול, אפילו מאַשינען אויף וואָס האָט ער אוועקגעשטעלט. פון אונטער דער ערד האָט ער מאַשינען אַרויסגעקריגן, געהאַלטן אין איין צובויען, צומויערן, פאַרגרעסערן, פאַרברייטערן. די הויכע מיליטער-לייט פון הינטער-לאַנד, וואָס האָבן זיך אין געוויינלעכע זעלנערישע גרויע שינעלן געצירט, ווי זיי וואָלטן געווען אויפן שלאַכט-פעלד, די ציווילע מענער אין די האַלב-מיליטערישע אוניפאָרמען, אין די גאַליפע-הויזן און פרענטשן, זענען גוטע קונים געווען, וואָס אַזעלכע האָט גאָר אשכנזי קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געהאַט. זיי האָבן געשאָטן מיט געלט, ריזיקע באַשטעלונגען געמאַכט, פריער אוים באַצאָלט, איידער די סחורה איז געליפערט געוואָרן. מען האָט געאַרבעט פאַר מזומן, פאַרגעסן גאָר, אַז עס זענען פאַראַן וועקסלען אויף דער וועלט. די אַרבעט האָט געברענט אונטער די הענט. אשכנזי איז געוואָרן רייכער מיט יעדן טאָג. יעדער קלאַפּ פון די מאַשינען האָט פאַר אים געלד אויסגעשלאָגן, מטבעות געמינצט.

ער האָט דאָס געלט אין די באַנקן נישט געהאַלטן. ער האָט איינגעקויפט גיטער, הייזער, פאַבריקן, מויערן. וואָרום ער האָט געזען, אשכנזי, אַז ווערט-פּאַפּירן זענען נישט מער אייביק, אַז זיי קאָנען אַנטווערט ווערן. אַנדערש איז עס מיט הייזער, גיטער, פאַבריקן. זיי האָבן שטענדיק אַ ווערט. אַרום אים האָבן זיך נעדרייט איצט אַלערליי מעקלערס, אַגענטן, וואָס האָבן אים נייע הייזער פאָרגעלייגט, נייע געשעפטן, עסקים. ווי אין לאָדזש פריער, איז ער כסדר איצט אַרומגעפאָרן מיט דער קאַרעטע אין אַ פּאָר שוואַרצע פערד, וואָס איז געפירט געוואָרן פון אַ שוואַרץ-בערדיקן, פעטן רוסישן קוטשער. מיט אַ ברייטן סויבלענעם פעלץ און היטל, מיט אַ פּאָרטפעל, אָנגעשטאָפּט מיט פּאַפּירן, איז ער גאַנצע טעג אַרומגעפאָרן איבער דער גרויסער שטאָט, געאיילט איבער ברייטע מאַרמאָרנע טרעפּ פון באַנקן, געיאָגט איבער אייזערנע טרעפּ פון מיניסטעריומס, אַמטן, אינטענדאַנטסטוועס, פונקט ווי ער האָט זיך

אויך אָפּגעריסן, כדי צו כאַפּן אַ בליק אויף די הייזער, וואָס ער קויפט, אויף די פאַבריקן, אין וועלכע ער טרעט אַריין אין שותפות.

די פאַבריק זיינע האָט גאָרנישט אויפגעהערט קלאַפּן. טויזנטער מענער, מער נאָך ווייבער, האָבן געאַרבעט בייטאָג און ביינאַכט, געגרייט סחורה פאַר דעם מיליטער. פּלוצלינג האָבן זיי זיך אָפּגע־שטעלט. די אַרבעטער האָבן געוואָרפן די אַרבעט.

אָנגעהויבן האָט זיך עס צוליב ברויט. די רעזידענץ פון דער אימפּעריע האָט נישט צוגעפירט גענוג ברויט פאַר אירע איינוואוי־נער. די באַנען זענען געווען פאַרנומען מיט פירן אַמוניציע, מילי־טער, פאַרוואונדעטע. די ברייט־בערדיקע קרעמער מיט די ווייסע פאַרטוכער אויף די פּעלצלעך האָבן באַהאַלטן די ווייניקע שפּייזן אין די קראָמען און פאַרקויפט זיי נאָר צו די, וואָס קאָנען צאָלן אַ גוטן פּרייז. פאַר די אָרעמע אַרבעטער־ווייבער מיט די טיכלעך אויף די קעפּ האָבן זיי גאָרנישט געהאַט צו פאַרקויפן.

— נישטאָ, מומענקע, — האָבן זיי געזאָגט מיט פאַנאַנדערגע־נומענע הענט. — ביי גאָט, עס איז גאָרנישט דאָ.

זיי האָבן געוויזן אויף הייליקע מוטערס, וואָס האָבן געהאָנגען אויבנאָן, באַלויכטן מיט רויטע אָדער גרינע נר־תמיד־לעמפּלעך.

די ווייבער, אויסגעהאָרעוועטע, פאַרצוקטע, זענען געגאַנגען אַהיים מיט ליידיקע אָדערדיקע הענט און נישט געהאַט וואָס צו גריי־טען די טישן פאַר קינדער און מענער. זיי האָבן זיך געזאַמלט פאַר די שטאָט־קראָמען, געקלאַפּט מיט די פיס אין די געפרוירענע שטיינער, געוואָרט, געשריגן, אָבער די קראָמען זענען געווען גע־שלאָסן. זיי האָבן קיין ברויט נישט געהאַט. עלטערע אַרבעטער אין וואַלינקעס, אין פּעלצלעך, אין פוטערנע היטלען זענען אַרויס צו די ווייבער, געברומט, געשלאָסן, געשפּיגן:

— עך, אַ לעבן אַ ביטערס, אַרבעטסט אַ גאַנצן טאָג און אַז דו קומסט אַהיים, האָסטו נישט וואָס אין מויל צו נעמען, פאַרשאָל־טענע!

— מען דאַרף די קראָמען אויפּרייסן, — האָבן שטימען זיך געהערט, — זיי באַהאַלטן אויס.

— מען דאַרף די אַרבעט אָפּשטעלן. אָן עסן קאָן מען נישט אַרבעטן.

— ברויט זאָלן זיי געבן!

— ברויט!

די פּריסטאַוועס פון די פּאָליציי-צירקלען האָבן פּאָליציאַנטן אַרויסגעשיקט צו די קראָמען, כדי פאַנאַנדערצוטרייבן די צאָרנדיקע מענטשן אין די רייען.

— פאַנאַנדערגיין זיך, אַהיים! — האָבן די פּאָליציאַנטן געטריבן. — ווען עס וועט זיין ברויט, וועט מען צואַווויסן געבן. נישט זאַמלען זיך אויף די גאַסן!

אָבער די מענטשן פאַר די קראָמען האָבן נישט געוואָלט אַוועקגיין.

— ברויט זאָל מען אונז געבן, חזירישע פּיסקעס, — האָבן די ווייבער געשריגן, — מיר קאָנען אָן ברויט נישט קומען צו אונזערע קינדער!

— וואָס טרייבט איר, קהלישע פרעסערס? — האָבן די מענער זיך קעגנגעשטעלט. — איר קריגט ברויט, מיר פאַרלאַנגען אויך! מירן נישט אַוועקגיין!

די פּאָליציי האָט גענומען שלאָגן, קלאַפּן מיט די שיידן פון די שווערדן, אָבער דאָס פאָלק איז זיך נישט פאַנאַנדערגעגאַנגען. אײנגלעך האָבן געכאַפּט שטיינדלעך, שטיקלעך אייז, שניי און געוואָרפן די פּאָליציאַנטן. אַנדערע האָבן שטיינער געוואָרפן אין די שויבן פון די שטאָטישע געשלאָסענע קראָמען. די פּאָליציי האָט אויסגעשאָסן, צום ערשט אין דער לופט און דערנאָך אין די מענטשן. א פרוי אין א מענעריש פעלצל מיט שטיוול האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און באַגאָסן דעם שניי מיט א רויט שנירל בלוט. די פּאָליציאַנטן האָבן געמיינט, אז איצט וועט דער עולם זיך פאַנאַנדערלויפן, אָבער ער איז נישט געלאָפן. פאַרקערט, דאָס בלוט אויף דעם ווייסן שניי האָט אָנגעצונדן די געמיטער, אויפגעקאָכט.

— שלאָגן די מערדער, די קעפּ זיי אָפּדרייען! — האָבן די מענטשן געשריגן און געלאָזט זיך אויף די פּאָליציאַנטן. — ברויט ווילן מיר!

דער אינערן-מיניסטער פּראָטאָפּאָפּאָוו האָט אַנשטאָט אַרויסשיקן פאַר דער באַפעלקערונג ברויט, אַרויסגעשיקט קעגן איר מילי-

טער, דאָס וואָלינער פּאָלק, וואָס האָט נאָך אינם פינפטן יאָר ארוים-געוויזן טריישאפט צום זעלבסטהערשער און געשלאָגן אין פּוילן די רעוואָלוציאָנערן. ביי די פאבריקן, ביי די אַמטן, ביי אלע בריקן האָט מען מיליטער אוועקגעשטעלט און באפוילן שיסן אויף די בונ-טאָווטשיקעס. אליין א שוואַכלינג, א פּחדן, א חונף און א שטיקל צעדרייטער, נישט גאָר ביי די קלאָרע געדאנקען, האָט מיניסטער פּראָטאָפּאָפּאָוו, ווי אלע פּחדנים, געהאלטן, אז די איינציקע רפואה קעגן אלע אומצופרידענע איז דער פּחד, אָפּשרעקן מיט געווער. וויי-ניקער פון אלע אנדערע איינוואוינער פון דער רעזידענץ האָט ער געוואוסט, וואָס טוט זיך אין שטאָט. ער איז גאָרנישט געקומען אין מיניסטעריום אין אייגענעם, וויניק געזעסן אויף די מיניסטאָרן-באראטונגען. אָפּגעזעסן איז ער אין צארסקאָיע סעלאָ ביי דער קיי-זערין, כדי צו דינען איר אין דער צייט, ווען דער קייזער אליין איז געווען אין דער הויפּט-קוואַרטיר אין מאָהילעוו, צו זיין א געטרייער דינער איר, ווען אלע האָבן זי געהאסט. נאָך פריער האָט ער גע-היטן איר כבוד, דער מיניסטער פּראָטאָפּאָפּאָוו. זייער נישט קיין לייטישע וויצן האָבן די פּעטערבורגער לייט געמאכט וועגן איר, דער גאָטס-געזאָלבטער. יעדעס מאָל, ווען מען האָט געוויזן אויף די בילדער, ווי דער קייזער גיט די פּארוואונדעטע זעלנער דעם קרייץ פון הייליקן געאָרגי, האָבן די מענטשן געחוזקט: — דער צאר איז מיט געאָרגין און זיין צארין מיט גריגאָרין...

דאָס האָט מען געמיינט גריגאָרי ראספּוטין, וואָס מען האָט אים געהאלטן פאר דער קייזערינס געליבטן...

פּראָטאָפּאָפּאָוו האָט געהייסן דער פּאָליציי אכטונג געבן און נישט דערלאָזן צו אזא לעסטערונג.

צוליב איר, דער קייזערין, איז ער אינערן-מיניסטער געוואָרן. פריער האָט ער געחנפהט ראספּוטינען, נאָכגעקראָכן די הויף-זנאַ-כערס. זיי האָבן פאר אים גוטס גערעדט פאר דער קייזערין און זי האָט אים פאָרגעשטעלט פארן צאר צו מאכן אים פאר דעם רעטער פון רוסלאנד און דער מאָנארכיע קעגן אלע רעוואָלוציאָנערן און קאָנסטיטוציאָנאליסטן. פאר דאנקבארקייט איז ער אָפּגעזעסן גאנצע טעג ביי דער קייזערין, גערעדט מיט איר וועגן הייליקע, זנאַכערס און נסים, געפירט זי צו דעם קבר פון דעם דערמאָרדעטן פּאָטערל ראס-

פוטין. ווענן דעם לאנד, ווענן דער באפעלקערונג אין שטאָט האָט ער גאָרנישט נישט געוואוסט, נישט געוואָלט וויסן. ווען די ווייבער זענען אין די גאסן ארויס און געפאָדערט ברויט, ווען די מענער האָבן די ארבעט אין די פאבריקן געוואָרפן און זיך געזאמלט אין די גאסן, האָט ער מיליטער ארויסגערופן און געהייסן שיסן.

אָבער די ארבעטער האָבן זיך פאר די זעלנערישע וואכן און פּאַטרולן נישט אָפּגעשטעלט און אָנגעפילט אַלע גאסן און פּלעצער, איבערהויפּט דעם ניעווסקי פּראָספּעקט. פּראָטאָפּאָפּאָוו האָט געלאָזט באוואכן די בריקן, כדי נישט אריינצולאָזן די ארבעטער פון דער וויבאָרגסקער זייט אין שטאָט אריין. אבער די ארבעטער זענען איבער דער געפרוירענער ניעווא אריבערגעגאנגען. זיי האָבן זיך געזאמלט אין די טויזנטער, געגערדט, געפאָדערט ברויט און פרייהייט. אַלעמאָל האָט זיך פון אן אנדער רעדל א רויטע פאָן אויפגעהויבן, א רעדנער האָט זיך אויף די אַקסלען פון די מענטשן ארויפגעדראַפּעט און א רעדע געהאלטן. ארום דעם דענקמאָל פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן האָבן די מענטשן א רויטע פאָן ארויפגעצויגן און מיט הילכיקע קולות גערופן:

— זאָל לעבן די רעפּובליק! נידער מיט דער מאָנארכיע!

די אָפיצירן אויף די פערד, מיט די אנטבלויזטע שווערדן אין די הענט, האָבן זייערע סאָלדאטן קעגן דעם המון אוועקגעשטעלט.

— פונאנדערגיין זיך. מיר וועלן הייסן שיסן! — האָבן זיי גערופן.

דער עולם איז נישט געגאנגען.

— דאָס געווער גרייט! — האָבן זיי באפוילן די סאָלדאטן.

די סאָלדאטן האָבן אָנגעשטעלט די ביקסן.

אָבער די מענטשן זענען נישט אוועק פון די ערטער.

— נו, שיסט אויף מאמעס, וואָס ווילן ברויט פאר זייערע קינדער! — האָבן די ווייבער ארויסגעשטעלט די ברוסטן קעגן די באַיאָנעטן.

— נו, פארגיסט בלוט פון אייערע מאמעס און שוועסטער, וואָס מען האָט זיי די מענער און זין צוגענומען צו דער מלחמה און מען גיט זיי אפילו נישט קיין ברויט פאר זייערע קינדער.

די אָפיצירן האָבן מורא געהאט צו לאָזן זייערע סאָלדאטן

אויסהערן די רייד פון די ווייבער און זיי האָבן באַפוילן שיסן.

— פייערן! — האָבן זיי געדופן מיט הויכע שטימען.

אָבער די סאָלדאַטן האָבן נישט געשאָסן, דאָס געווער צו די פיס אוועקגעשטעלט.

— הוראַ! — האָט דאָס פאָלק באַגריסט די סאָלדאַטן און געהויבן פאַר זיי די היטלען אין דער הויך.

— זאָלן לעבן די חברים סאָלדאַטן! — האָבן די ווייבער גע־שריגן און ארויפגעפאַלן קושן די מענער אין די גרויע שינעלן.

פון אַלע טויערן, הייזער, פאַבריקן, ווערקשטאַטן, פון אַלע לעכער און ווינקלען האָבן אָנגעהויבן ארויסשטראָמען מענטשן, אַלטע און קינדער, מענער און ווייבער, געשטראָמט ווי כוואַליעס פון אַן אויסגיסנדיקן טייך. ווי אָפּגערעדט זיך, זענען אַלע גע־גאַנגען צום טאַווריש פּאַלאַץ, צו דער דומע. די דעפּוטאַטן זענען זיך אָנגעקומען פון אַלע זייטן, מיט קאַרעטן און צופוס, מיט אוי־טאָמאָבילן און פיאַקערס. צוזאמען מיט די דעפּוטאַטן האָבן זיך מאַסן מענטשן אריינגעריסן אין פּאַלאַץ, אין די געעפנטע טירן און טויערן.

סטודענטן, ארבעטער, פרויען, זענען אוועק צו די קאַזאַרמעס, צום ליטעווסקן פאָלק אין שטאָט.

— חברים סאָלדאַטן! — האָבן זיי געדופן צו די גרויסע קאַ־זאַרמע־פענסטער און געפאָכעט מיט די היטלען אין די הענט. — קומט אַרויס צו אונז!

אין עטלעכע קאַזאַרמעס האָבן די אָפיצירן אָפּגעשלאָסן די טויערן, די סאָלדאַטן אין די קאַזאַרמעס פאַרמאַכט און ביי די טירן וואַכן אוועקגעשטעלט, זיי זאָלן קיינעם נישט ארויסלאָזן. אָבער אין אַנדערע קאַזאַרמעס האָבן די אָפיצירן זיך נישט געמישט, צו־געקוקט זיך שווייגנדיק צו דעם, וואָס טוט זיך. די סאָלדאַטן זענען אַרויס צו די ארבעטער, באַגריסט זיך. צוזאמען זענען זיי איצט אוועק צו די פאַרשלאָסענע קאַזאַרמעס און די פאַרמאַכטע טויערן אויפגעריסן. אויפן רוף פון די סאָלדאַטן אין דרויסן, האָבן זיך די איינגעשלאָסענע זעלנער פון זייערע ערטער אויפגעהויבן, די וואַכן פון די טירן אוועקגערוקט און ארויס פאַר די טויערן. די גאַסן זענען פול געווען מיט ארבעטער, ווייבער, מיליטער.

— שלאָגן די פאראַאָנען! — האָבן די מענטשן געשריגן יאָגנדיק די פּאָליציאַנטן אין די ראָגן.

די פּאָליציי-לייט זענען געלאָפן, פארשוואונדן, אויסגערונען געוואָרען פלוצלינג פון דער שטאָט. דער אינערן-מיניסטער פּראָטאָ-פּאָפּאָוו איז געזעסן א פארלוירענער און דערשראָקענער אין צאַר-סקאָיע סיעלאָ ביי דער צאַרין. וואָלט דער הייליקער פּאָטערל ראַס-פּוטין געלעבט, וואָלטן זיי אים געפרעגט, וואָס צו טאָן און אלע זיינע עצות געפּאָלגט. אבער ראספּוטין איז נישט געווען. די שונאים פון פּאָטערלאנד האָבן אים אומגעבראכט. קיינער איז נישט געווען, אויסער דער שרעק. פון מורא האָבן זיי די אויגן פארמאכט, נישט געוואָלט זען, וואָס עס טוט זיך, די אויערן פארשטאָפּט, נישט גע-וואָלט הערן די שלעכטע בשורות. זיי האָבן גרויסע דעפּעשן אין דער הויפּט-קוואַרטיר צום צאַר קיין מאָהילעוו געשיקט.

אויף די טעלעגראַף-דראָטן, וואָס האָבן זיך געבויגן אונטער דער משא פון שניי און פראָסט, האָבן צווייערליי דעפּעשן זיך אי-בערגעיאָגט, ארויסגעשיקטע פון דער רעזידענץ קיין מאָהילעוו. פון דער דומע האָבן גרויסע טעלעגראַמעס אומרואיקע ידיעות דערציילט און געבעטן ביים זעלבסטהערשער א ניי מיניסטעריום צו באַשטי-מען, א פאראַנטוואָרטלעכס צו דער דומע. פון צאַרסקאָיע סיעלאָ זענען ווייבערישע דעפּעשן געגאַנגען, פול מיט געטלעכע פסוקים, ליבע-ווערטער און געזאַלבטער גרויסקייט.

— זיי הארט, נישט נאָכגיביק, ניקי, ווייל דו ביסט דער גע-זאַלבטער פון גאָט, — האָט די צאַרין גערופן דורך די טעלעגראַף-דראָטן צו איר מאַן, — איך בין מיט דיר, דיין ענגל, דיין ליבנדיק ווייבל, וואָס בעט גאָט פאר דיר, וואָס בעט ביים קבר פון אונזער אויסלייזער און רעטער גריגאָרי; ווייז דעם פאָלק דיין מאַכט, דיין אייזערנע האַנט, שיק טריי מיליטער קעגן די בונטאָווטשיקעס.

דער צאַר, אין א קאָזאַקן-שינעל, מיט א פּאַפּאַכע אויפן קאָפּ, ווי עס פּאַסט פאר א הערשער אין צייט פון קריג, האָט זיך ארומ-געדרייט א צעטומלטער אין דער הויפּט-קוואַרטיר, ווי שטענדיק, ווען ער האָט געדאַרפט אָננעמען א באַשלוס און ער האָט נישט געהאַט קיין ריכטיקע ראַטגעבער ביי דער האַנט. ער האָט נישט געקאָנט טראַכטן. זיין קאָפּ אונטער דער גרויסער קאָזאַקישער פּאַ-

פאַבע האָט נישט פאַרטראָגן קיין געדאַנקען. קיין זאַך האָט אים נישט אַזוי געמאַטערט ווי פאַרטראַכטן זיך וועגן עפּעס. ער האָט געוואָלט מנוחה. פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס ער איז געווען אין דער הויפּט-קוואַרטיר, האָט ער געפירט אַ זייער געמיטלעך לעבן, אַ סך אַ רואיקעס ווי אין פרידנס-צייט אין דער רעזידענץ. דאָ זענען נישט געווען קיין מיניסטאָרן, קיין באַראַטונגען. יעדן טאָג האָט ער שפּאַצירט מיט זיינע פליגל-אַדיוטאַנטן, געשפּייזט מיט זיי צוזאַמען ביים טיש, פון וועטער מיט זיי גערעדט, דערנאָך האָט ער ביי זיך אויסגעלייגט פּאַסיאַנס, געשפּילט אין דאָמינאָ, איבערגע-לייענט אַ צייטונג, דורכגעקוקט בריוו, אויסגעהערט קורצע באַריכטן וועגן פראָנט, געלייענט פראַנצויזישע ראָמאַנען, געפירט אַ טאָג-בוך, געשיקט טעלעגראַפיש גרוסן צו דער פרוי קיין צאַרסקאָיע סיעלאָ, און געדאַוונט.

די געשעענישן אין זיין טאָג-בוך זענען געווען קורצע, קאַלענ-דאַרישע. ער האָט באַשריבן דאָס וועטער, פאַרצייכנט ווי לאַנג ער האָט געשפּילט אין דאָמינאָ, וואָסער עסן מען האָט דערלאַנגט. אַמאָל איז אויך געווען אַן אויסערגעוויינלעכע נייעס פון יאַגד, ווען אים האָט זיך איינגעגעבן צו שיסן אין וואַלד אַ האָז אָדער אַ ווילדע קאַטשקע. די טעלעגראַמעס צום ווייב זענען געווען גרעסערע, נישט אַזעלכע טרוקענע.

— ווייבעלע מיינס, — האָט ער אין די אָוונטן טעלעגראַ-פירט, — ענגל, טייבעלע, איך קוש דיך היים, דריק דיך אין מיינע אָרעמס און בעט גאָט פאַר דיר. אַ סך הייסע קושן, דיין ניקי.

טראַכטן איז נישט געווען צוליב וואָס. די גענעראַלן אין די שטאַבן האָבן שוין אַלץ אַליין געטאָן, אים, דעם צאַר, דעם קאָפּ נישט פאַרדרייט.

מיטאַמאָל איז זיין רו אין הויפּט-קוואַרטיר צעשטערט געוואָרן. אין דער רעזידענץ איז אומרואיק געווען. פון אַלע זייטן זענען דע-פּעשן אָנגעקומען, טעלעגראַמעס, וואָס האָבן זיך דורכגעקרייצט. די פּאָליטיקער האָבן געבעטן אין די טעלעגראַמעס נאָכצוגעבן, ווי לאַנג נאָך ס'איז צייט, אַנישט וועט זיין צו שפּעט. דאָס ווייב האָט גערופן אין די טעלעגראַמעס צו זיין שטאַרק, אומבויגיק, נישט צוצוהערן זיך צו די רייד פון די שונאים. מען האָט געדאַרפט

אנטשיידן, אָננעמען א באַשלוס, פאַרטראַכטן זיך. אָבער טראַכטן האָט דער צאַר פון רוסלאַנד נישט געקאָנט. די געדאַנקען האָבן זיך צו זיין קאָפּ נישט געקלעפּט. וואָלט ראַספּוטין געלעבט, וואָלט ער אים אַרויסגערופן צו זיך, אָדער טעלעגראַפיש אים עצות גע־פרעגט. ווי לאַנג דער פּאָטערל האָט געלעבט, האָט ער נישט איינ־מאָל עצות אים געגעבן. אפילו ווען ער, דער צאַר, איז געווען פון דערווייטנס, ביי דער הויפּט-קוואַרטיר, האָט אים דער פּאָטערל ראַספּוטין נישט פאַרלאָזט. „פאַרגעס נישט צו האַלטן אין דער רעכטער האַנט די איקאָנע, וואָס איך האָב דיר מיטגעגעבן, און שאָקל מיט איר זיבן מאָל איידער דו גייסט אויף א באַראַטונג אין שטאַב" — האָט ער אים געשיקט א דעפּעשע אין דער הויפּט־קוואַרטיר. א צווייט מאָל, ווען ער האָט אים צוגעשיקט א ניי הייַ־ליק בילד, האָט ער נישט פאַרגעסן אים צו טעלעגראַפירן, אַז ער זאָל אומבאַדינגט אויסקעמען די האָר פון הייליקן מיט א קעמל, איידער ער וועט אָננעמען א באַשלוס. אויך ברכות האָט ער אים אָפט געשיקט, ברכות און עצות, וואָס ער האָט אָנגענומען און געפאָלגט.

איצט איז קיינער נישט געווען. און ער האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן. די פליגל-אַדיוטאַנטן זיינע זענען געווען אַזוי אומ־אַנטשלאָסן, ווי ער אליין, חונפים, צובאָמקער, וואָס א חוץ מילי־טערישע צערעמאָניעס און כיבודים האָבן זיי גאָרנישט נישט גע־וואוסט. די גענעראַלן זענען געווען פרעמד. ער האָט נישט גע־וואוסט, דער צאַר, ווער פון זיי איז א שונא, ווער א פריינט. א ווײַלע האָט ער גאָרנישט נישט געטאָן. נישט קאָנענדיק זיך צו קיין זאַך דערטראַכטן, האָט ער געלאָזט גיין ווי עס גייט. ער האָט ווי שטענדיק אויסגעלייגט פּאַסיאַנס, געשפּילט אין דאָמינאָ, פאַר־שריבן דאָס וועטער אין טאָג-בוך און געשפּייזט מיט זיינע פליגל־אַדיוטאַנטן. אַז די טעלעגראַמעס זענען שוין געוואָרן גאָר צודרינג־לעכע, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף זיין ווייבס עצה, ווי יעדער פאַנטאָפלמאַן, וואָס האַלט דאָס ווייב פאַר א חכמה.

איצט, האָט ער געזען, איז געקומען די העכסטע צייט צו ווייזן זיין ווייב, אַז ער איז א מענטש מיט כאַראַקטער. שטענדיק האָט זי אים געמוסרט, פאַרוואָס ער איז נישט שטאַרק, פאַרוואָס ער איז

נישט ווי זיינע אבות — פּעטער דער גרויסער און יאָהאַן דער גרויזאַמער, פֿאַרוואָס ער ווייזט נישט דעם פֿאָלק זיין שטאַרקע אייזערנע האַנט. איצט וועט ער אים איר באַווייזן. ניין, ער וועט נישט גיין אויף קיין הנחות, ווי די ראַטגעבער די שונאים זיינע זאָגן אים אונטער. ער וועט גיין מיט קראַפט, אויסראָטן די שונאים און בונטאָוושטשיקעס. ער וועט זיין דער אייזערנער צאַר, דער גאָטס-געזאַלבטער, דער אומבויגיקער, ווי זיינע זיידעס די שטאַרקע הערשער. שטויב און אַש וועט ער מאַכן פון זיינע פיינט!

און ער האָט געלאָזט רופן צו זיך דעם גענעראַל איוואַנאָוו, דעם ערגסטן, וואָס ער האָט געקאָנט אויסקלייבן, ווי תמיד זיין טבע איז געווען — דעם אומפּעאיקסטן מענטש צו דער וויכטיקסטער זאַך אויסצואויילן, און אים געשיקט אין דער רעזידענץ, כדי מיט באַיאָנעטן און קוילן די צעבונטעוועטע אונטערטאַנער צו דערשטיקן. גלייך נאָך אים איז ער אליין מיט זיין סוויטע אין קייזערלעכן צוג ארויסגעפאָרן קיין צאַרסקאָיע סיעלאָ, כדי אין קאָזאַקישן מונדיר און מיט דער פּאַפּאַכע אויפן קאָפּ אַריינצופאָרן זיגעריש אין דער רעזידענץ גלייך נאָכדעם, ווי דער גענעראַל וועט די שטאָט באַזיגן.

אָבער אויף דער סטאַנציע ליכאָסלאַוול האָבן די אייזנבאַן-באַאַמטע געקריגן א דעפּעשע פון דער רעזידענץ, אונטערגעשריבן פון דעם קאָמענדאַנט פון דער סטאַנציע, דעם „סאָטניק“ גרעקאָוו, אַז זיי זאָלן דעם קייזערלעכן צוג נישט פירן קיין צאַרסקאָיע סיעלאָ, נאָר צושטעלן אים קיין פּעטערבורג, צו דער פאַראָרדענונג פון אים, דעם קאָמענדאַנט.

אַז דער צאַר האָט דערהערט, אַז איינער עפּעס א „סאָטניק“ מיטן נאָמען גרעקאָוו האָט ארויסגעגעבן א באַפעל קעגן אים, דעם אימפּעראַטאָר פון רוסלאַנד, זאָגט אים דעות וואוהין צו פאָרן, איז אים אין מוח געוואָרן איינגאַנצן פּוסט. קיין ברעקל געדאַנק האָט זיך שוין מער נישט געקאָנט האַלטן אין זיין קאָפּ אונטער דער קאָזאַקישער פּאַפּאַכע. דער נאָמען פון סאָטניק גרעקאָוו האָט אים ווי מיט א פלאָקן איבער דעם שאַרבן דערלאַנגט. פון גרויס איבערראַשונג איז ער אַזש געוואָרן רואיק. די סוויטע איז געשטאַנען בלאַס אַרום זייער באַוועגונגסלאָזן מאָנאַרך. עמיצער פון זיי האָט

ארויסגעזאָגט דאָס וואָרט פּסקאָוו, די שטאָט, וואוהין מען וואָלט געדאַרפט פאָרן. דער צאַר האָט צוגעשאָקלט. אומעטום, אַבי נישט צו דעם סטאַנציע-קאָמענדאַנט, צו דעם חוצפּהדיקן „סאָטניק" גרע-קאָוו. ער האָט געשיקט קיין צאַרסקאָיע סיעלאָ א טעלעגראַמע צו דעם ווייב, וואָס האָט אים דערוואַרט.

— דאָס וועטער איז טרוקן און פּראַקטיק, — האָט ער טע-לעגראַפירט. — איך בענק נאָך דיר, דריק דיך אין מיינע אָרעמס, קוש דיך היים און בעט גאָט פאַר דיר. ניקי.

אומזיסט האָט דער צאַר געוואַרט אין זיין קייזערלעכן צוג אויף דעפּעשן פון זיין ווייב, אויף ראַפּאָרטן פון זיין מיניסטער פּראָטאָפּאָפּאָוו. איבער דער רעזידענץ, איבער אלע רעגירונגס-גע-ביידעס, אמטן און קאַזאַרמעס האָבן די רויטע פאָנען געפלאַטערט. פון די אָפיצירישע מונדירן האָבן די סאָלדאַטן די עפּאָליעטן אָפּ-געריסן. דער אינערן-מיניסטער פּראָטאָפּאָפּאָוו, דער מאַן מיט די נישט-קלאָרע געדאַנקען, אויף וועמען דער צאַר האָט איבערגעלאָזט אין זיינע הענט זיין פאַמיליע, די רעזידענץ און דאָס לאַנד, איז געזעסן, צוזאַמען מיט אלע אַנדערע צאַרישע מיניסטאָרן, אַרעס-טירט אין פּעטראָפּאַוולאָווסקי פעסטונג, באַוואַכט פון סאָלדאַטן, וואָס די ציטווייליקע רעגירונג האָט אַוועקגעשטעלט.

## קאַפּיטל זיבן

נישט איבערראַשונג, נאָר שמחה, האָט אַרומגענומען דעם אַרעסטאַנט ניסן אייבעשיץ פון לאָדזש, ווען אין קאָרידאָר פון פּעטערבורגער טורמע „קרעסטי" האָט זיך פּלוצלונג א טומל דער-טראָגן, שליסלען האָבן ביי די טירן פון די קאַמערן געסקריפּעט און קולות האָבן גערופן:

— חברים פּאָליטישע, אַרויס פון די קאַמערן, די רעוואָלוציע באַפרייט אייך!

ער האָט אויף דעם רוף געוואַרט, ניסן אייבעשיץ, געוואַרט יעדן טאָג, יעדע שעה, יעדע רגע פון זיין לעבן, געגלויבט אין דעם,

אז עס וועט קומען, וועט מוזן קומען. ווי זיין פֿאָטער דער מורה-הוראה, וואָס איז געווען צוגעגרייט אין זיין לעבן יעדע רגע צו דער גאולה, צו דערהערן דעם שופר פון משיח, אזוי איז ניסן גע-ווען צוגעגרייט שטענדיק צו דער רעוואָלוציע, צום פאַלן פון דער אַלטער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג און צו דער אנטשטייאונג פון דער נייער, סאָציאַליסטישער. ער האָט נישט געקאָנט אויסרעכע-נען גענוי, ער איז נישט געווען בטוח, צי ער וועט עס נאָך דער-לעבן, אָבער אז עס וועט קומען, איז ביי אים אויף קיין איין מי-נוט קיין ספק נישט געווען. ער האָט דאָס געזען לויט די אייזערנע געזעצן פון מארקסיזם.

מער נאָך איז געשטארקט געוואָרן זיין זיכערקייט פון דעם טאָג אָן, וואָס די מלחמה האָט אויסגעבראָכן. ער האָט פון דער מלחמה געליטן, געזען דאָס אומגליק, טויט און פארוויסטונג, וואָס זי ברענגט, דעם ווילדן נאַציאָנאַליזם און פאַטריאָטיזם, וואָס זי פארשפרייט צווישן די מאסן. דאָס האָט אים ווייט געטאָן. אָבער פון דער אַנדערער זייט האָט ער געזען, אז די צעפאַלונג פון דער בורזשואַזיע קומט אָן, די אַלטע וועלט גייט מיט שנעלע טריט צו איר אייגענעם קבר.

אויף דער געהיימער פּארטיי-קאָנפערענץ אין דער סאַמע רע-זידענץ, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ערשטן יאָר פון דער מלחמה, האָט ער טאַקע זייער אַ האָפערדיקע דיאַגנאָזע געשטעלט איבער דער קראַנקער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, איבער די קריגערישע לענדער, וואָס אין זייער גייעג נאָך פּארכאַפּן מערק, געטריבן פון גאָלד-לוסט, האָבן זיי זיך געמוזט אריינוואַרפן אין קריג, באַוואָ-פענען דעם פּראָלעטאריאט, וואָס וועט זיך שטעלן מיט די ביקסן קעגן זיינע באַדריקער. די אַנדערע דעלעגאַטן האָבן אים אָפּגע-גאָסן מיט קאַלט וואסער, געהאַלטן אים פאַר אַ היץ-קאָפּ, וואָס טיילט זיך שוין מיטן בער, נאָך איידער ער איז געפאַנגען. זיי האָבן נישט געגלויבט, אז שוין די איצטיקע מלחמה וועט ברענגען צו דער צעפאַלונג פון דער בורזשואַזיע. אָבער ער איז געבליבן פעסט ביי זיין גלויבן. ער האָט געזען אין דער מלחמה, צו וועלכער אַלץ נייע לענדער זענען צוגעשטאַנען, די אינערלעכע סתירות פון דעם צעפוילטן קלאַס. ווי אַן אַלטער קערפּער, צו וועלכן אַלערליי

קראנקהייטן טשעפּען זיך מיט איין מאָל, אַזוי אַז איינע שטערט דער צווייטער אין דער היילונג, און מוז צוליב דעם זיך פּאַנאַנדער-פאַלן, אַזוי האָט ניסן געזען די סתירהדיקע קראַנקהייטן און פּלאָגן פון דעם אָפּגעלעבטן בורזשואַזן קערפּער, וואָס ווערט צעפרעסן פון די אינערלעכע חולאתן און פּלאָגן. ער האָט טאַקע אויף דער קאָנ-פערענץ רעזאָלוציעס וועגן דער טאַקטיק פון דער גיך-אָנקומענדי-קער רעוואָלוציע אַריינגעטראָגן, ווי זי, די רעוואָלוציע, וואָלט שוין געשטאַנען פאַר דער טיר. די חברים זיינע האָבן אים באַקעמפט, געהאַלטן, אַז ער רעדט וועגן פריצייטיקע זאַכן, וואָס האָבן איצט נישט קיין אָרט, און פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל פאַרנעמען זיך מיט מער אַקטועלע פראַגן, אָבער ער איז געבליבן ביי זיינס.

די געהיימע קאָנפערענץ איז פאַרשיט געוואָרן. אינמיטן דער באַראַטונג האָט פּאָליציי אַרומגערינגלט דאָס הויז, אַריינגעריסן זיך אין דער קאָנספּיראַטיווער דירה און אַלעמען אַרעסטירט.

— אָט האָסטו דיר דיינע רעוואָלוציעס, — האָט איינער פון די דעלעגאַטן, אַ פּעסימיסט, געזאָגט ניסנען, ווען מען האָט זיי צו-זאַמען אין דער „קרעסטי" אָפּגעפירט.

— נאַרישקייטן, — האָט ניסן אָוועקגעמאַכט, — וועסט זען מיינע רייד.

פאַר דער גאַנצער צייט זיצן אין טורמע, האָט ער נישט אויפ-געהערט גלויבן, אַז אָט, אָט, און מען וועט עפענען די טירן פון די קאַמערס און מען וועט אַלע באַפרייען אין נאָמען פון דער רעוואָ-לוציע. ער האָט וועגן דעם גערעדט מיט די אַרעסטירטע, דערמאָנט עס ביי יעדער געלעגנהייט, וואָס האָט אַרויסגערופן שפּאָט ביי די איבעריקע. יעדער מאָל, ווען מען פלעגט סקריפּן ביי די טירן פון די קאַמערן, האָבן די אַרעסטירטע געוועקט ניסנען.

— חבר, די דעלעגאַציע גייט מיט איר באַפרייאונג, — האָט מען זיך געוויצלט.

ווען די טירן פון די קאַמערן האָבן זיך אין איינעם אַ סוף פעברואַר-טאָג געעפנט און קולות האָבן גערופן די פּאָליטישע אַרויס-צוגיין, זענען אַלע געבליבן דערשטוינט. זיי האָבן זייערע אייגענע אויערן נישט געגלויבט. אַנדערש איז עס געווען מיט ניסנען. ער האָט זיך גיך אָנגעטאָן און אַרויס אין קאַנצעלאַריע נאָך דעם ביסל

זאכן, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין צעכהויז, און נאָך דעם ביסל געלט, וואָס ער האָט געהאַט אין דער טורמע-קאַנצעלאַריע.

— חבר אייבעשיץ, זייט אונז מוחל! — האָבן די טורמע-חברים אים איבערגעבעטן. — איר זענט געווען ווייט-זעענדיקער.

— חברים, לאָמיר זיך צעקושן! — האָט ניסן געזאָגט אַ שיינענדיקער און געקושט זיך מיט אַלעמען, אַפילו מיט די סאָל-דאַטן, וואָס זענען געשטאַנען מיט געווער ביי די קאַמערן.

נישט קיין איבערראַשונג האָט ניסנען אַרומגענומען, נאָר שמחה, אומגעהויערע שמחה, וואָס דאָס, וואָס האָט געדאַרפט קו-מען, איז געקומען אַזוי גיך, וואָס ער האָט עס נאָך דערלעבט צו זען.

מיט שמחה איז ער אַרויפגעקראָכן אויף דעם גרויסן לאַסט-אויטאָמאָביל, צוזאַמען מיט אַנדערע באַפרייטע חברים, און גע-פאָרן איבער די פעטערבורגער גאַסן, וואָס זענען פול געווען מיט אַרבעטער, סאָלדאַטן.

— הוראַ, זאָלן לעבן די חברים פּאָליטישע אַרעסטאַנטן! — האָבן די מענטשן אויף די גאַסן זיי באַגריסט.

— זאָל לעבן די רעוואָלוציע! — האָבן געשריגן די באַפרייטע אויפן אויטאָמאָביל.

ניסן האָט, ווי אַ אינגל, וואָס קומט דאָס ערשטע מאָל אין אַ גרויסער שטאָט, נישט געוואוסט וואו פריער צו קוקן. יום-טוב איז געווען אויסגעשפּרייט אויף די גאַסן, אויף די מויערן, אויף די פּנימער פון המון, אויף די סאָלדאַטן. אַלץ האָט אים אָנגעפילט מיט שמחה. מיט גליק אין זיינע שוואַרצע אויגן האָט ער געקוקט אויף דעם טאַורישן פּאַלאַץ, וואָס איז געווען באַקלעפּט פון אַר-בעטער, סטודענטן און סאָלדאַטן.

— זאָלן לעבן די חברים רעוואָלוציאָנערן! — האָבן די מאַסן באַגריסט די אָנקומענדיקע אויטאָמאָבילן.

— זאָלן לעבן די באַפרייטע מאַסן פון באַפרייטן לאַנד! — האָט ניסן געשריגן און געפאָכעט מיט זיין היטל.

עפּעס אַ פרוי האָט זיך געוואָרפן קושן די באַפרייטע און גע-וויינט פון גליק. ניסן האָט מיט הייסע ליפּן צוריקגעקושט די פרוי, וואָס ער האָט זי קיינמאָל אין לעבן נישט געזען. אַלץ איז אין זיינע

אוינן געווען גוט, ליכטיק און שיין אין די יום-טובדיקע שעהן: די מענטשן, די מויערן, אפילו די בעטלער אין די גאסן. פונקט אזוי שיין האט אויסגעזען דער דיקער ברייט-פלייציקער און ברייט-בערדיקער אומבאקאנטער פארשוין, וואס איז ארוים פון דער דומע און מיט א באסישער גלחישער שטים באגריסט די אנקומענדיקע ארעסטאנטן. גארנישט רעוואלוציאנעריש האט אויסגעזען דער באגריסער. סיי מיט זיין צעקעמטער בארד, סיי מיט זיין באס-שטים, האט ער דערמאנט גיכער אין א מעטראפאליט איידער אין א רעוואלוציאנער, א פארשטייער פון די באפרייטע פראלעטאריער, ווי ער האט זיך דאס פארגעשטעלט. אבער אין ניסנס אויגן האט ער דעם זיבעטן חן געהאט. די שמחה איז אים געלעגן אין די ביינער. א ווארעמקייט האט אים ארומגענומען, א גליקזעליקייט. ער האט אלעמען ליב געהאט, אלעמען ארומנעמען געוואלט, העגט דריקן, קושן. אט די שמחה איז נישט מער אפגעטרעטן פון אים פון איצט אן, אין בלוט אים אריין.

ניסן האט אין דער באפרייטער שטאט מיט לייב און לעבן זיך ארייגעווארפן, פון פארטאג ביז שפעט אין דער נאכט אויף די פיס געווען, געארבעט, גערעדט, געטאן.

די שטאט, וואס האט געדארפט אנפירן מיטן גאנצן לאנד, מיט העכער אנדערהאלבן הונדערט מיליאן מענטשן, איז אליין געווען צעטומלט, הפקר און כאאטיש. די פאבריקן האבן געשטרייקט, די טראמווייען זענען געווען אפגעשטעלט, די פאליציי צעלאפן, די רעגירונג צעקראכן. די סאלדאטן האבן נישט געוואוסט, וועמען צו פאלגן, וואס צו טאן. אין דער דומע, וואו עס זענען געזעסן די דעפוטאטן, די פארטיי-פירער, איז געווען אן אומארדענונג, ווער עס האט געוואלט איז אריין, ארוים, ווער עס האט חשק געהאט, האט געגעבן באפעלן, פאראָרדענונגען. דער צייטווייליקער קאמיטעט איז געווען צונויפגעשטעלט פון מענטשן פון פארשידענע לאגערן און פארטייען, פון מאנארכיסטן, וואס האבן געוואלט איבערלאזן דעם צאר ביי דער מאכט און בלויז שאפן א רעגירונג, וואס זאל זיין פאראנטווארטלעך פאר דער דומע, ביז פראגרעסיסטן און רעוואלוציאנערן. מען האט געהאלטן אין איין רעדן, דיסקוטירן, פירן פאלעמיקעס. פון אלע זייטן האבן סאלדאטן געבראכט צו פירן הער-

שראָקענע און צעשלאָגענע זשאַנדאַרמען, פּאָליציאַנטן, הויכע באַ-אַמטע. מען האָט זיי געהאַלטן אונטער דער וואַך, אָבער עס איז נישט געווען קיינער, ווער עס זאָל זיי אויספאָרשן, באַפעלן וואָס צו טאָן מיט זיי. פּאָלקן סאָלדאַטן זענען געקומען צו דער דומע, גע-וואַרט אויף באַפעלן. זיי האָבן מער קיין אָפיצערן נישט געהאַט, פאַנאַנדערגעטריבן זיי, די עפּאָליעטן ביי זיי אַראָפּגעריסן. זיי האָבן געדאַרפט האָבן נייע פירער, ווער עס זאָל באַפעלן געבן, אָבער קיין פירער זיינען נישט געווען, און זיי זענען געקומען צו דער דומע, הערן אַ באַפעל. דער דיקער ברייט-בערדיקער פאַרשוין,' וואָס צוליב זיין הדרת-פנים און באַס-שטים, האָט ער זיך אַליין אַרויס-גערוקט אין דער צעטומלטער צייט, איז יעדער מאָל אויפסניי אַרויס באַגריסן די אָנקומענדיקע פּאָלקן. ער האָט זיי גליק געוואונטשן צום זיג פון דער רעוואָלוציע. זיי האָבן צו דריי מאָל הורא געשריגן, אָבער וואָס צו טאָן האָבן זיי נישט געוואוסט.

פונקט אַזוי האָבן נישט געוואוסט וואָס צו טאָן די באַוואָפנטע וואַכן ביי די וואָקזאַלן, בריקן, פּאָסט, טעלעגראַף און אַנדערע וויכ-טיקע פונקטן. עס זענען אָנגעקומען מיליטערישע טיילן, אָבער מען האָט נישט געוואוסט, צי זענען זיי פאַר דער רעוואָלוציע אָדער קעגן, צי וועלן זיי אויסשטעלן די ביקסן פאַר דער רעוואָלוציע אָדער פאַרן צאַר, וואָס איז נאָך אַלץ געווען פון דער צווייטער זייט. ביי דער מינדעסטער קלייניקייט, ביי יעדן שאָס, זענען זיך די וואַכן צעלאָפן פון די ערטער. זיי האָבן נישט געוואוסט, ווער עס איז שונא און ווער פריינט. אפילו אין דער דומע אַליין זענען די פאַרזאַמעלטע געווען צעטומלט. אַלערליי קלאַנגען און נייעסן האָבן זיך אַרומגע-טראָגן. מען האָט גערעדט וועגן באַוואָפנטע טיילן, וואָס קומען אָן, טרייע צום צאַר, גרייט אַלע בונטאָווּשטשיקעס צו דערשיסן. אינ-מיטן די באַראַטונגען האָבן די פאַרזאַמלטע אַליין גענומען לויפן אין פאַניק צו די טירן.

אין די אָנגעפילטע זאַלן און צימערן פון דער דומע האָבן מענטשן זיך באַראַטן, גאַנצע נעכט אָפּגעזעסן, כדי צו שאַפן דער-ווייל אַ רעגירונג, אַן אָרדענונג אין צעטומלטן לאַנד. אָבער די מענטשן האָבן נישט געקאָנט דורכקומען צווישן זיך. אַלערליי אידעען און ריכטונגען, וועלט-אָנשויאונגען און גלויבנס האָבן זיך

אין דעם געדיכטן פּאַלאַץ צונויפגעקוועטשט. פּאַרטייען אַלערליי, מאָנאַרכיסטן און קאַדעטן, פּראָגרעסיסטן און סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, באָלשעוויקעס און סאָציאַל-דעמאָקראַטן. צווישן די רעוואָלוציאָנערן אַליין האָבן זיך די מענטשן ווידער געטיילט אויף רעכטע און לינקע, מעסיקע און צענטריסטן. ווער עס האָט געוואָלט אַ מאָנאַרכיע, בלויז מיט דעם טראָן-פּאָלגער אָנשטאָט דעם צאַר, און ווער עס האָט געוואָלט, מען זאָל די צאַרישע פּאַמיליע אַריינזעצן אין טורמע און די מאַכט איבערגעבן צו די אַרבעטער און פּויערים. ווער עס האָט געוואָלט מען זאָל גלייך פונאנדערטיילן די ערד און איבעררייסן די מלחמה, און ווער עס האָט געוואָלט, אַז מען זאָל ווייטער פירן די מלחמה ביז אַ לעצטן זיג און ערשט דערנאָך איינפירן סאָציאַליזם פאַר די זיגנדיקע אַרבעטער און פּויערים. ווער עס האָט געוואָלט אַ רעפּובליק און ווער אַ דיקטאַטור פון די אַרבעטער און פּויערים. ווער עס האָט פון די מאַרקסיסטישע ביכער אויסגעטייטשט, אַז מען מעג זיצן מיט די בורזשואַזע פאָרשטייער אין איין רעגירונג, כדי מיט געמיינזאַמע כוחות אַריינברענגען אָרדענונג, וואָס זאָל געבן די מעגלעכקייטן די פּראָלעטאַריער דערנאָך צו בויען דעם סאָציאַליזם, און ווער עס האָט פון די אייגענע מאַרקסיסטישע ביכער אויסגעטייטשט, אַז רעוואָלוציאָנערן טאָרן פאַר קיין פאַל נישט זיצן מיט זייערע קלאַסן-שונאים ביי איין טיש, ווייל דאָס איז פאַרראַט צו די אַרבעטנדיקע מאַסן.

אין די זייטיקע צימערן האָבן רעוואָלוציאָנערן געשאַפן דעם סאָוויעט פון די אַרבעטער און סאָלדאַטן, וואָס זאָל שטיין אויף דער וואַך און אָפּהיטן די צייטווייליקע רעגירונג, וואָס שאַפט זיך, נישט אַוועקצוגיין אויף אַנטי-רעוואָלוציאָנערע וועגן. דערצו האָט מען געדאַרפט, אַז די אַרבעטער זאָלן ווילן זייערע פאָרשטייער אין די פאַבריקן און די סאָלדאַטן זייערע פאָרשטייער אין די קאַזאַרמעס. אָבער אין שטאָט זענען די פאַבריקן געווען געשלאָסן און די סאָלדאַטן זענען פול געווען אין די גאַסן ; עס איז שווער געווען זיי צונויפצונעמען און לאָזן זיי ווילן. ווער עס האָט געוואָלט, האָט זיך פאַר אַ דעלעגאַט אָנגעגעבן.

און אין מיטן אַלע באַראַטונגען און רעדענישן, האָבן זיך גאָר מענער און ווייבער אַריינגעריסן און געפּאָכעט מיט די הענט :

— איר רעדט און רעדט, — האָבן זיי געזשריגן, — און דער־ווייל גייען די אַרבעטער אויס פֿון הונגער אין שטאָט. שאַפֿט ברויט פֿאַר אונדז! עפֿנט די שפּייז־קראָמען! מיר הונגערן!

די שטאָט איז געשטאַנען הפֿקר, אָפֿן פֿאַר יעדער שונא, צע־טומלט, הונגעריק, צעריסן. מען האָט געדאַרפֿט טאָן, רעדן, אָרגאַ־ניזירן, ברויט שאַפֿן, אָרדנונג אַריינטראָגן. און ניסן האָט זיך מיט הענט און פֿיס אַריינגעוואָרפֿן אין דער הפֿקרדיקער שטאָט.

ער איז אַריין אין קאָמיסיעס, געאַרבעט ביים צונויפֿשטעלן דעם סאָוויעט, ווי ביים שאַפֿן ברויט פֿאַר דער באַפֿעלקערונג, גע־היצט זיך ביי טעאָרעטישע דיסקוסיעס וועגן אויסטייטשונג פֿון מאַרקסיזם, ווי ביי פֿירן אונטערהאַנדלונגען מיט גענעראַלן און אַדמיראַלן וועגן איבערגעבן די מאַכט צו דער נייער אָרדענונג. ער איז מיט מיליטערישע לאַסט־אויטאָמאָבילן געפֿאָרן אין קאַזאַרמעס, גערעדט פֿאַר שיקן דעפּוטאַטן אין סאָוויעט, און געלאָפֿן איבער פֿאַבריקן, כדי צו אָרגאַניזירן די וואַלן פֿון די אַרבעטער־דעלעגאַטן. נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרומלויפֿן, רעדן, דיסקוטירן ביז הייזעריקייט, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אַפֿילו נישט געגעסן, קיין גלאָז טיי נישט אויסגעטרונקען, און ער האָט געכאַפּט אַ שטיקל טרוקן ברויט, אַ גלאָז טיי, וואו עס האָט זיך געלאָזט, און אונטערגעהאַלטן זיך דאָס האַרץ. פֿון זיינע עטלעכע רובל, וואָס ער האָט געהאַט איבערגעלאָזט אין טורמע־קאַנצעלאַריע, האָט ער ווייניק צוריקגע־קריגן. דאָס געלט איז פֿאַרשוואונדן געוואָרן צוזאַמען מיט דעם טורמע־נאַטשאַלניק. ער האָט נישקשהדיק צוגעהונגערט אין דער באַפֿרייטער שטאָט נאָך דער טורמע. פּונקט אַזוי האָט ער נישט געהאַט קיין דאַך איבערן קאָפּ. ער האָט גענעכטיקט וואו עס האָט זיך געלאָזט. נאָך די גרויסע פּאַלאַצן, וואו ער האָט פֿאַרבראַכט אין די טעג, האָט ער אין קליינע אָרעמע שטיבלעך, אויף אַ שמאָל בעטל אָדער גאָר אויף עטלעכע בענקלעך, איבערגעכאַפּט די עטלעכע שעה שלאָף. אָבער די שמחה איז ביי אים נישט פֿאַרשוואונדן. אויף קיין רגע נישט אַרויס פֿון זיין בלוט. וויפֿל מאָל אויפֿסניי ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען די רויטע פֿאָנען, די סאָלדאַטן מיט די רויטע שלייפֿלעך ביי די באַיאָנעטן, די אָנגעשטאָפּטע גאַסן מיט אַר־בעטער, די קייזערלעכע דענקמעלער, אויף וועלכע אַרבעטער און

סאַלדאַטן שטייען און רעדן, איז אים אָן אומגעהייערע פרייד ווידער־אַמאָל אויפסניי באַפאַלן און אים דאָס בלוט אין אַלע אברים אויפגעקאָכט פון גליק.

— זי איז געקומען, — האָט ער געמורמלט צו זיך אַליין, — איך האָב עס דערלעבט.

## קאַפּיטל אַכט

ניי־לאַדזש אין פּעטערבורג האָט זיך צוריק געעפנט. אַנשטאָט די פריערדיקע צוועלף שעה אַ טאָג, וואָס די אַרבעטער האָבן געאַרבעט, אַזוי, אַז די פאַבריק האָט צוויי שיכטן אין מעת־לעת געטוישט, האָט מען איצט געאַרבעט בלויז צו אַכט שעה אַ טאָג, דריי שיכטן אין מעת־לעת. אַנשטאָט פריער, ווען פאַר נאַכט־אַרבעט האָט מען געצאָלט מיט אַ קלײנעם פּראָצענט טייערער, ווי פאַר טאָג־אַרבעט, האָט מען איצט געצאָלט פאַר נאַכט־אַרבעט טאָפּלט אַזוי פיל. אויך האָבן די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וואָס זענען איצט אַנטשטאַנען אין שטאָט, געפאָדערט גרויסע לוינען פאַר די אַרבעטער, פאַר די ווייבער פונקט ווי פאַר די מענער. די אַרבעט איז אויך געגאַנגען שוואַך. מען האָט מער דיסקוטירט ביי די שטולן ווי געאַרבעט. דערצו נאָך זענען אַלע טעג געווען נייע יום־טובים, פאַראַדן, אויף וועלכע די פאַבריק האָט אַרויסגעשיקט דעלעגאַציעס, און אַראָפּרעכענען פאַר די ליידיקע צייט האָט מען נישט געטאָרט. צו דעם אַלעם זענען אָפּטע דעלעגאַטן און רעדנער אַראָפּגעקומען אין פאַבריק, פאַרשטייער פון אַלערליי פּאַרטייען, מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס, עסערן פון אַלערליי פאַרב, רעכטע און לינקע. יעדער פון זיי האָט די אַרבעטער אָוועקגענומען פון די שטולן, פון די קעסלען און געהאַלטן פאַר זיי לאַנגע רעדעס, פאַר וואָס די אַרבעטער האָבן זיי אָפּגעצאָלט מיט רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן, כאָטש יעדער האָט גערדשנט עפּעס אַנדערש.

אשכנזי איז נישט געוואוינט געווען צו אַזאַ אַרבעט. ער האָט פון אַזאַ אַרבעט נישט געהאַלטן. אָבער ער האָט געשוויגן.

אין די ערשטע טעג, ווען די פאבריק זיינע האָט זיך אָפּגע-שטעלט און די ארבעטער זענען אין די טויזנטער אין די גאסן ארויס, האָט ער נישט קיין גרויסן גלויבן געהאַט אין דער אָנקומענ-דיקער רעוואָלוציע. ער האָט נאָך גוט געדענקט די אַלע זאכן פון לאָדזש אין פינפטן יאָר, ווען די ארבעטער האָבן זיך אויף די גאסן ארויסגעלאָזט און געפּאָדערט פרייהייט און ברידערלעכקייט. א סך פון די לאָדזשער פאבריקאנטן האָבן זיך דעמאָלט דערשראָקן, גע-מיינט, אַז די רעוואָלוציע קומט אָן, און זיי זענען באַצייטנס אנט-לאָפן קיין אויסלאַנד. אשכנזי האָט דערפון נישט געהאַלטן. ער האָט געוואוסט, אַז דער שוסטער וועט סוף-כל-סוף מוזן צוריקגיין צו דער דראַטווע, דער וועבער צו דער שטול, די דינסט אין קיך אריין און דער פאבריקאנט צו זיינע געשעפטן. און אַזוי איז טאַקע געווען. די וועלט איז געוואָרן צוריק וועלט. ווער עס איז געווען א קבצן, איז געבליבן א קבצן און ווער עס האָט געהאַט די אַפּותיקי, האָט ווידער געמאַכט געלט, א סך מער נאָך ווי פריער, פאַר די בונטן. ער איז געווען א לאָדזשער, פון קינדווייז אָן האָט ער געקענט די ארבעטער, געוואוסט, אַז אַלעמאָל צעבונטעווען זיי זיך אויפסנייע, טומלען אָן, שרייען זיך אויס, און דערנאָך מוזן זיי צוריקגיין צו דער ארבעט, אראָפּבויגן די קעפּ. אַזוי איז שוין אויף דער וועלט, אַזוי מוז זיין. יעדער צו זיינס. אויף דער וועלט מוזן זיין רייכע און אָרעמע, הערשער און באַהערשטע, גליקלעכע און אומגליקלעכע. אַזוי איז עס געווען זינט די וועלט שטייט, אַזוי איז עס און אַזוי וועט עס זיין שטענדיק. ווער עס קאָן, דער מאַכט זיך בעסער. יעדער אויף זיין אָרט. שוסטער צו דער דראַטווע און רב צו דער בית-דין-שטול! אנישט וואָלט די וועלט קיין קיום נישט געהאַט.

דערפאַר טאַקע האָט ער זיך נישט שטאַרק איבערגענומען, ווען די ארבעטער אין זיין פאבריק האָבן געוואָרפן די ארבעט און ארויס אויף די גאסן.

— קוואַטש, אומזין, — האָט ער געזאָגט צו די לאָדזשער זיינע, וואָס האָבן אים דערציילט, אַז מיט דער מאַכט האַלט שמאַל.

זינט ער האָט געלעבט האָט ער געוואוסט, אַז ארבעטער בונ-טעווען זיך, אַז סטודענטן העצן אויף, וואַרפן פון צייט צו צייט א באָמבע אויף א הערשער, אָבער ווייטער פון דעם גייט עס נישט. ווי

נאָר דאָס מיליטער גייט אַרויס און גיט זיי פּולווער צו שמעקן, צע-לויפן זיך אַלע ווי די מייז און דערנאָך ווערט ווידער שטיל און עס פּירט זיך ווי עס דאַרף צו זיין. ווייניקער נאָך ווי פון די לאָדזשער אַרבעטער האָט ער געהאַלטן פון די רוסישע אַרבעטער. ער האָט זיי געזען אין זיין פאַבריק, געהערט זייערע רייד, און זיי האָבן ביי אים גאָר קיין פּנים נישט געהאַט.

— קאַצאַפּעס, פּאַניע קוואַס! — האָט ער גערעדט וועגן זיי מיט פאַראַכטונג. — ס׳איז דאָ פון וועמען צו רעדן!...

ער איז אַרומגעפּאָרן איבער די גאַסן אין זיין קאַרעטע, צוגע-קוקט זיך צו דעם טומל, צו די געשלעגן צווישן די אַרבעטער, ווייבער און פּאָליציאַנטן, און זיך ווייניק דערמיט איבערגענומען. זאָלן נאָר די סאָלדאַטן אַרויס, די קאָזאַקלעך מיט די פּיקעס, וועט קיין איינער פון די בונטאָוושטשיקעס אויף קיין רפואה נישט בלייבן. ווי די מייז וועלן זיי זיך צעלויפן און קומען צוריק אין די פאַבריקן אַריין.

אַז די קאָזאַקלעך מיט די פּיקעס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו שיסן אויף די בונטאָוושטשיקעס, איז אַשכנזי אַנטוישט געוואָרן. דאָס ערשטע מאָל האָט ער געהערט, אַז זעלנער זאָלן נישט פאָלגן די באַפעלן פון די עלטסטע. אָבער ער האָט נאָך אַלץ דעם גלויבן אין דער מאַכט נישט פאַרלוירן. אַ צופאַל, האָט ער געקלערט. באַלד וועלן אַנדערע סאָלדאַטן אָנקומען און זיי אַליין, די פריערדיקע זעלנער, אַרעסטירן. נישקשה, פאַראַן גענוג זעלנער אין רוסלאַנד. אַז גאַנצע פּאָלקן האָבן זיך גענומען אויסצירן אין רויטע שלייפּ-לעך און אַראָפּרייסן ביי די אָפיצירן זייערע עפּאָליעטן פון די אַקסלען און אַמאָל אויך די קעפּ פון די העלזער, האָט אַשכנזי פאַר-לוירן זיין זיכערקייט און אָנגעהויבן קוקן מיט מורא אויף די מענטשן אין די גאַסן.

— ניכט צו בעגרייפן, — האָט ער געמורמלט, — זאָ עטוואַס!

מיט יעדן טאָג מער האָבן אים די געשעענישן אַלץ שטאַרקע-רע אַנטוישונגען געגעבן. דאָ האָט מען אַרעסטירט מיניסטאָרן. פּראָסטע זעלנער האָבן זיי איבער די גאַסן, ווי אַרעסטאַנטן, געפירט, ווי עפּעס גאַסן-יונגען אָדער קעשענע-גנבים. אַשכנזי האָט זיינע אייגענע אויגן נישט געגלויבט. מיניסטאָרן! די גרעסטע מענטשן

פון דער מלוכה. דאָס אַרעסטירן דעם קייזערלעכן צוג און צווינגען דעם קייסער צו אַבדיקירן, האָט אשכנזין שוין צולעצט פריטשמע-ליעט. נישט דער רחמנות, די ליבשאַפט צום קייסער איז עס געווען, וואָס האָט אשכנזין אַזוי פריטשמעליעט. ער האָט קיינמאָל דעם קייסער פאַר זיינע אויגן נישט געזען, נישט געוואוסט קיין סך וועגן אים. ער האָט אַפילו געלייענט אין די צייטונגען, אַז דער קייסער האָט פּאָגראָמשטשיקעס באַגנעדיקט, און איינמאָל אין אַ שטאָט, ווען אידן האָבן אים אַנטקעגן געטראָגן אַ ספר-תורה, האָט ער זיך אויף איר נישט אומגעקוקט און צוגעגאַנגען בעסער צו די גלחים. דאָס אַלץ האָט אים קיין גרויס ליבשאַפט צום קייסער נישט געגעבן. ער האָט בכלל וועגן אים נישט געטראַכט. אָבער געוואוסט האָט ער, אַז ער איז דאָס גרעסטע פון לאַנד, דאָס מעכטיקסטע, דאָס שטאַרק-סטע. ווייטער גייט נישט מער. דאָס איז ביי אים געווען אַזוי פעסט און זיכער, ווי זיכער און פעסט עס איז גאָלד, די גלאַנציקע גאָלד-שטיקלעך מיט דעם קייסערס קאָפּ. און אשכנזין האָט זיך אין מוח נישט געלייגט דאָס אַלץ, וואָס איז אַזוי שנעל געקומען אין די אומרואיקע טעג.

— עס לעגט זיך מיר יאָ ניכט אין מיינעם קאָפּ, — האָט ער געזאָגט צו זיינע לאָדזשער. — אונבעגרייפליך...

צום ערשטן איז אים אַ שרעק באַפאַלן, אַן אינערלעכע מורא פאַר דעם, וואָס איז געקומען, אַ פחד פאַר די אַרבעטער, וואָס ער האָט אַזוי ווייניק פון זיי אַלעמאָל געהאַלטן.

ער האָט דערזען אַ ריזיקן כח אין אָט די קאַצאַפּעס, אין די פּאָניע-קוואַס-פאַרשוינען, וואָס אַרבעטן פאַרקאָפּטשעטע אין די פאַבריקן, וואָס קענען רעכט נישט אונטערשרייבן זיך, אַ קראַפט, פאַר וועלכע מען דאַרף ציטערן, היטן זיך, זי זאָל נישט פאַרניכטן, צעטרייבן. אויב זיי האָבן געקאָנט אַראָפּוואַרפן דעם צאַר, דעם אַל-מעכטיקן הערשער; אויב זיי האָבן געקאָנט בייקומען אַזאַ קראַפט, וואָס האָט געהאַט אַזויפיל זעלנער, פּאָליציי און זשאַנדאַרמען, אַזויפיל געווער — וואָס פאַר אַ ראָלע שפּילט איצט אַ פאַבריקאַנט, אַ סוחר?

אַן אונטערטעניקער, אַ דערדריקטער, האָט אשכנזי געעפנט זיין פאַבריק נאָך די ערשטע עטלעכע וואָכן פון דער רעוואָלוציע.

ער האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי צו רעדן איצט צו אַן אַרבעטער, ווי אַזוי באַפעלן צו געבן. אויף די שפּיץ פינגער איז ער געגאַנגען, אויף אַ האַלבער שטול איז ער געזעסן אין זיין קאַבינעט. ווי דורך אַ זיידן טיכל האָט ער צו די מענטשן אין זיין פאַבריק אַ וואָרט אויסגערעדט. נאָך איידער די דעלעגאַטן האָבן פאָדערונגען גע־שטעלט, האָט ער שוין נאָכגעגעבן. מיט אַ האַנט פאַרן אויער און־טערגעשפּאַרט, האָט ער זיך פון זיין קאַבינעט ביי דער פאַבריק אונטערגעהערט צו אָט די אַלע דיסקוסיעס און גערעדערייען, וואָס די אַרבעטער האָבן געפירט צווישן זיך. ער האָט געוואָלט אויפ־כאַפּן, פאַרשטיין; פון דעם מבול ווערטער, פון דעם גאַנצן פּלאָנ־טער, באַגרייפן דאָס, וואָס איז פאַר זיין קאָפּ געווען אומבאַגרייפ־לעך.

מער נאָך האָט ער זיך צוגעהערט צו די רעדנער, וואָס זענען אַראָפּגעקומען אין דער פאַבריק אַריין האַלטן רעדעס פאַר די אַר־בעטער. פאַרשידן זענען זיי געווען, די רעדנער, און פאַרשידן זענען געווען זייערע מיינונגען. טייל האָבן געהאַלטן, אַז מען מוז דורכ־אויס ווייטער פירן די מלחמה ביז אַן ענדגילטיקן נצחון און דער־נאָך ערשט איינפירן סאָציאַליזם, און טייל האָבן געשריגן, אַז מען דאַרף גלייך אויפהערן די מלחמה און באַלד פאַנאַנדערטיילן די ערד און די פאַבריקן צווישן פאָלק; יעדער פון זיי האָט גערעדט מיט פייער, מיט איבערצייגונג, אויפגעוויזן די אייגענע גערעכטיקייט און די קעגנערס פאַלשקייט. די אַרבעטער האָבן אַלעמען גלייך הייסע אָוואַציעס געמאַכט, יעדן רעכט געגעבן, ווען ער האָט גערעדט.

אַשכנזי האָט זיך נישט אַריינגעמישט, קיין וואָרט וועגן די זאַכן מיט קיינעם פון די פאַבריק-מענטשן נישט אויסגערעדט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אין אַזאַ צייט איז דאָס בעסטע צו שווייגן, צו זען, הערן און האַלטן די צונג צווישן די ציין. אָבער ביי זיך אין געדאַנק האָט ער גלייך געשטעלט זיך אויפן צד פון זיי, וואָס זענען מעסיקער, איינגעהאַלטענער, איבערהויפּט פון די, וואָס ווילן, אַז מען זאָל פירן די מלחמה ביז דעם ענדגילטיקן זיג.

אַשכנזי איז נישט געווען קיין מלחמה-פּאַטריאָט. ער האָט קיינ־מאָל פון קיין מלחמות נישט געהאַלטן. ער האָט אויף קיין ביקס נישט געקאָנט קוקן. ער האָט טאַקע ביי זיך אין פאַבריק אין פּע־

טערבורג נישט איין יונגנמאַן אַריינגענומען, כאָטש ער האָט אים נישט שטאַרק געדאַרפֿט, כדי אים אָפּצוראַטעווען פֿון גיין אין פֿעלד. אָבער ער האָט געקוקט אויף דער מלחמה פֿון אַ געשעפֿט-לעבן שטאַנדפּונקט. ער האָט זייער גוטע געשעפֿטן געמאַכט ביי אויסאַרבייטן קריגס-שטאָפֿן. ער האָט זי נעדאַרפֿט, די מלחמה שטאַרק געדאַרפֿט. ער האָט זיך קוים איינגעהאַלטן נישט צו אַפּלאָ-דירן, ווען די רעדנער האָבן גערופֿן צו מלחמה ביז דעם ענדגיל-טיקן זיג. ביי זיין גאַנצער פּרעמדקייט צו קריג, צו שלאָגן זיך, ביי זיין עקל צו בלוט, איז ער אָבער קודם-כל געווען אַ געשעפֿטס-מאַן, אַ פֿאַבריקאַנט, וואָס דאַרף אַ סך פּראָדוצירן, יאָגן, בייטאָג און ביינאַכט אַרבעטן. אין דער אַרבעט האָט ער גאָר פֿאַרגעסן דעם זין פֿון מלחמה. ער האָט נישט געזען די שיסערייען, ער האָט געהערט בלויז דאָס וואָרט. מלחמה איז ביי אים געווען אַ באַגריף, ווי פֿרי-לינג, אַ שטייגער, איז ביי אים געווען אַ צייט, ווען ס׳איז דער סע-זאָן פֿאַר זומער-סחורות, הערבסט — דער סעזאָן פֿון ווינטער-סחורות, טריקעניש — אַ שלעכטער סעזאָן און גערעטעניש — אַ גוטער סעזאָן. אויך מלחמה איז געווען פֿאַר אים אַ וואָרט, אַ נאָ-מען פֿאַר גוטע געשעפֿטן, פֿאַר אַ סך אַרבעט און גרויסע פֿאַר-דינסטן. ער האָט דעריבער נישט געקאָנט הערן די רעדנער, וואָס האָבן געהעצט קעגן דער מלחמה און הנאה געהאַט פֿון די, וואָס רופֿן צו ווייטערדיקן קריג. זיי זענען דאָך גערעכט, האָט ער גע-טראַכט ביי זיך, ווען מען וועט אָוועקוואַרפֿן דאָס געווער, וועלן די דייטשן אַריינקומען און פֿון זיי וועט מען קיין נחת נישט האָבן. זיי וועלן דאָס גאַנצע ברויט אַרויספֿירן, מען וועט קיין געשעפֿטן נישט קאָנען מאַכן.

נאָך די ערשטע פּאָר וואָכן פֿון צעטומלעניש, האָט זיך אשכנזי באַרואיקט. ער האָט זיך איינגעלעבט מיטן נייעם, צוגעוואוינט זיך, אָנגענומען עס, ווי ער איז געוואוינט געווען אָנצונעמען יעדן פֿאַקט, אונטערצואוואַרפֿן זיך יעדער געשעעניש. ווי אַ געניטער לעבנס-מענטש, האָט ער געוואוסט, אַז אַלץ איז פֿאַרגענגלעך, אַז אַלץ, וואָס שטורעמט, באַרואיקט זיך, שוימט זיך אויס, און אַז נאָכן יום-טוב מוזן אָנקומען וואָכן-טעג, טעג פֿון אַרבעט און בויען. אַנדערש גייט עס נישט. זיי וועלן זיך אויסרעדן, אויסשרייען, מיד ווערן פֿון רעדן,

שרייען „זאָל לעבן“ און פּאַראַדירן מיט די רויטע פענער, און צו־ריקגיין צו דעם, וואָס מען מוז. יעדער אויף זיין אָרט.

ער האָט געזען, אַז דאָס, וואָס איז געווען, וועט שוין מער נישט זיין. מען וועט נישט מער אַרבעטן אַזויפיל ווי פריער, אויך וועט מען כסדר האָבן עסקים מיט די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, געבן די אַרבעטער אורלויבן, צאָלן פאַר קראַנקהייטן, פאַר פאַרקריפּלונג ביי דער אַרבעט, פאַר אַנדערע זאַכן. אויך וועט מען מער נישט טאָרן אויסרעדן אַ וואָרט אין דער אייגענער פאַבריק. מ׳עט מוזן מאַכן אויף אַלץ אַ שוויינ. אָבער דאָס זענען פאַרפאַלענע זאַכן. קעגן דעם קאָן קיינער גאָרנישט זאָגן. אשכנזי האָט אפילו נישט געהאַט קיין פאַריבל דערויף. אויב זיי האָבן געקאָנט אָפּטאָן אַזאַ שטיקל אַר־בעט, זענען זיי ווערט. יעדער טוט פאַר זיך, און ווער עס זיגט, דער איז אויפן פערדל. ער איז נישט געווען פאַרביסן קעגן די אַר־בעטער, ער האָט צו זיי גאָרנישט געהאַט. זיי זענען נאָר תמיד גע־ווען ביי אים ציפערן, אַ טייל פון זיינע חשבונות. די סוחרישע קאַל־קולירונג האָט געזאָגט, אַז ווען אַ פאַבריק קריגט אַרויס אַ סך סחורות פאַר ווייניק לוין, איז עס גוט פאַרן געשעפט, און פאַרקערט — איז שלעכט פאַרן געשעפט. אשכנזי האָט אַלעמאָל געוואָלט גוטע גע־שעפטן. איצט האָבן זיי זיך אַרויפגעכאַפּט. זיי זענען די באַלעבאַ־טים און זיי פאָדערן זייערס. מען קאָן צו זיי גאָרנישט נישט האָבן. ער אויף זייער אָרט, חלילה, וואָלט אויך נישט בעסער געווען.

וואָס אים האָט אינטערעסירט אין דער גאַנצער רעוואָלוציע, איז געווען איין זאַך — ווי אַזוי אויך איצט, ביי די אַלע נייע זאַכן, צו אַרבעטן ווייטער און מאַכן געלט. ער האָט געוואוסט אַז ביי אַלע זיגן פון אָט די אַרבעטער וועט פונדעסטוועגן די וועלט גיין מיט איר אַלטן גאַנג — שוסטער צו דער דראַטווע און רב צו דער בית־דין־שטול. רעוואָלוציע היינט, רעוואָלוציע מאָרגן, אָבער ווער עס איז אַן אינזשיניר, וועט פירן די אינזשיניריע, דער בעמיקער וועט צונויפשטעלן פאַרבן, דער צייכענער וועט צייכענען, דער מע־כאַניקער וועט קאָנטראָלירן די מאַשינען, דער פאַבריקאַנט וועט פירן דאָס געשעפט און דער קעסל־הייצער וועט זיצן אַ פאַרסמאָ־ליעטער ביים קעסל. אַזוי גייט די וועלט און אַזוי וועט זי ווייטער מוזן גיין. נאָך אַלע רעדעס, וועט דער אַרבעטער מוזן צוריקגיין צו

זיין שטול און צו זיין קעסל, און ער, אשכנזי, וועט ווייטער פירן די פאבריק ווי ביז איצט. די וועלט בלייבט וועלט. ער האָט געוואָלט וויסן בלויז איין זאַך, ווי אזוי צו מאכן געלט אויך איצט. ער האָט זי גענומען, די רעוואָלוציע, פון א ריין סוחרישן שטאַנדפונקט, ווי אַלץ אין דער וועלט, ווי די צייטן פון יאָר, ווי טריקעניש און נערע־טעניש, ווי שריפות, עפּידעמיעס און מלחמות. ער איז א סוחר, און ער האָט איין שטאַנדפונקט — דעם געשעפטלעכן.

אין דעם גאַנצן טומל און גערודער, צווישן די אַלע רעדעס און דיסקוסיעס, האָט ער דערווייל געאַרבעט, נישט אזוי אינטענסיוו ווי פריער, אָבער געאַרבעט האָט ער. ער האָט געגרייט א סך סחורות. פּונקט ווי פריער, איז ער צו בענק, סוחרים און אמטן געפאָרן, מיט די נייע מענטשן פון די אינטענדאַנטסטוועס געשעפטן געפירט, קריגס־סחורות געליפערט און פאַרדינט. ער האָט געשטעלט א פּרייז, אָפּגענומען זיך פאַר אַלע שאָדנס, וואָס די רעוואָלוציע האָט אים אריינגעבראַכט, פאַר אַלע אורלויבן, קלענערע אַרבעטס־שעהן, רע־דעס, פּאַראַדן און אַנדערע לייַדיקגייעריי. די פּרייזן זענען געשטיגן אויף אַלץ. מען האָט געגעבן צו פאַרדינען, אָבער מען האָט אַליין אויך פאַרדינט. דערצו האָבן די נייע מענטשן קיין כּאַבאַר נישט געפאָדערט, ווי די אַלטע, נישט גערודנגען זיך, עס איז געווען צו לעבן און לעבן צו לאָזן. בלויז אויסערלעך האָט ער זיך צוגע־פּאַסט צו דער אַרבעט. ער איז נישט געפאָרן מער אין דער קאַרעטע, נאָר בעסער גערודנגען א פיאַקער, אָדער געגאַנגען צופוס. אויך האָט ער אויסגעטאָן דעם סויבעלנעם פעלץ און אָנגעטאָן אַן אַלט טולופּל, אַן אָפּגענוצטס און א שמאָלס. ער האָט זיך נישט געוואָלט וואַרפן אין די אויגן אויף די גאַסן, וואָס זענען פול געווען מיט אַרבעטער, סאָלדאַטן און מאַטראָסן. פאַרן געלט האָט ער געקויפט ווערט־זאַכן, גאָלד, בריליאַנטן, וואָס בלייבן אייביק. ער האָט נישט גע־וואָלט האַלטן דאָס פּאַפּיר־געלט, וואָס ער האָט אַזויפיל געמאַכט איצט.

אין איינעם א טאָג איז אין זיין פאַבריק אַן אייגענער מענטש אַראָפּגעקומען האַלטן א רעדע פאַר די אַרבעטער. כאָטש דער מאַן אין די אָרעמע קליידער, מיט אַן אַרבעטער־היטעלע אויפן קאָפּ, איז שוין געווען אין די יאָרן, מיט א גרויליך צעשויבערט אידיש בערדל

און מיט באַקן-בערד, וואָס נעמען אָן דעם אויסזען פון פּיאות, האָט אשכנזי גלייך אין אים דערקענט זיין אַמאָליקן חדר-חבר, ניסן ר׳ נאָסקעס מורה-הוראה׳ס זון, מיט וועמען ער האָט נישט איינמאָל דאָרט אין לאָדזש עסקים געהאַט. א ווײַלע איז אים געוואָרן ענג אין האַרץ פון אָט דעם וויזיט. ער האָט מורא געהאַט זיך צו געבן צו דערקענען צו דעם מענטש, וואָס איז איצט געווען אויפן פערדל. ווער ווייסט, צי ער וועט זיך איצט נישט אָפּרעכענען פאַר אַלע צייטן? ער קאָן אים נאָך אַרעסטירן, ווי אַ שונא פון די אַרבעטער. אַלץ קאָן טרעפן. אָבער ניסן האָט אין זיין רעדע קיין נקמה נישט געפאָדערט, אויך קיין שווערע דראָאונגען קעגן דער בורזשואַזיע, ווי אַנדערע רעדנער, נישט געוואָרפן פאַר די אַרבעטער. ער האָט בלויז גערופן צו פּראָלעטאַרישער איינהייט, צו שיצן די רעוואָלוציע, אַפילו צו אַרבעטן דערווײַל מיט די פּראָגרעסיסטן, ביז מען וועט איינפירן אַ טאָלק און נעמען בויען די סאָציאַליסטישע אָרדענונג. און אַשכנזי האָט זיך באַרואיקט. יעדע מורא איז אויסגערונען פון זיין האַרץ.

ווי אַ פּאָליטיקער, האָט ער אַפילו פאַרכאַפּט די פּיש פאַר דער נעץ, אַליין צוגעגאַנגען צו זיין בן-עיר און אים אויסגעשטרעקט אַ האַנט.

— שלום-עליכם, ניסן, — האָט ער געזאָגט נישט אין דייטש, נאָר אין לאָדזשער אידיש, — טורא בטורא לא פגע, אינש באינש פגע. — איר דערקענט מיך...

— אָ, ווי אַ בייזן שילינגער! — האָט ניסן געזאָגט מיט אַ שמייכל.

אַ ווײַלע האָבן זיך די מענטשן אָנגעקוקט, קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. ענדלעך האָט אַשכנזי איבערגעריסן די שטילקייט.

— איר זענט גערעכט געווען, נישט איך, — האָט ער געזאָגט, צעשפּרייטנדיק די הענט. — איזהו חכם הרואה את הנולד! איר האָט אונז באַזיגט!

— אונז וועט נאָך אויסקומען ווייטער צו פירן מלחמה, הער אַשכנזי, — האָט ניסן געענטפערט אין רוסיש, כדי די אַרבעטער זאָלן פאַרשטיין. — אַרבעט דערווײַל, קאָנצענטרירט דעם קאַפּיטאַל, אַנטוויקלט די פאַבריק, מיר וועלן איינגיכן זי דאַרפן פאַר אונז...

אַשכנזי האָט אַראָפּגעלאָזט די נאָז. ער האָט צוריק דערפילט אַ מורא פאַר דעם מענטש אין אַרבעטער-היטעלע, מיט וועלכן ער האָט אַמאָל געהאַט עסקים אין לאָדזש.

— אויב עס איז געקומען צו סכסוכים, — האָט ער געמורמלט אַ פאַרלוירענער, — איז עס נישט געווען פון בייז ווילן, נאָר פון אומשטענדן. אויך מיר, פאַבריקאַנטן, זענען נישט אַלעמאָל געווען פריי צו טאָן, וואָס מיר האָבן געוואָלט ווי מענטשן, נאָר ווי גע-שעפטס-לייט. מען איז פאַרשקלאַפט צום געשעפט, צו די אומ-שטענדן... איצט זענען מיר ביידע קליגער געוואָרן, דערפאַרענער פון דער צייט... איך האָף, אַז איר טראָגט אויף מיר נישט מער קיין שנאה...

— איר האָט געהאַנדלט, ווי איינער פון אייער קלאַס דאַרף, — האָט ניסן געזאָגט, — פּערזענלעכע זאַכן אינטערעסירן מיך נישט... אַלס אייער קלאַסן-שונא וועל איך האַנדלען נישט ערגער פון אייך, הער אַשכנזי. לאָמיר נאָר זיך איינזעצן אין זאַטל, געווינען דאָס פאָלק אויף אונזער זייט און מיר וועלן אָפּנעמען אונזערס. די פאַ-בריקן וועלן אַריבער צום פאָלק, צו די אמתע בויער זייערע.

ער האָט געוויזן אויף די אַרבעטער אַרום זיך, וואָס האָבן זיך געשטויסן אַרום די צוויי מענטשן, צוצוזען דעם דועל צווישן בור-זשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט.

— אויך די אַרבעטער וועלן דאַרפן אַ גוטן געשעפטס-פירער, — האָט אַשכנזי געענטפערט מיט אַ שמייכל. — אַליין וועלן די גע-שעפטן נישט גיין...

ניסן האָט זיך איינגעהילט אין זיין אָרעמען מאַנטל און אַוועק מיטן לאַסט-אויטאָמאָביל צו אַנדערע פאַבריקן רעדן.

## קאַפּיטל ניין

אין הויז פון יאַקוב אַשכנזי אין לאָדזש, דעם דירעקטאָר פון פלידערבוימס פאַבריק, איז געווען אומעטיק און שלעכט. די פאַבריק איז געשטאַנען די גאַנצע צייט זינט די דייטשן זענען אַריין אין

שטאָט. ווי פון אַלע אַנדערע פאַבריקן, האָט דער קאָמענדאַנט, באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו, אויך פון פּלידערבוימס פאַבריק אַרויסגענומען וואָס עס האָט זיך געלאָזט און אַוועקגעשיקט קיין דייטשלאַנד. מען האָט אַרויסגעפירט טראַנסמיסיעס, קעסלען, טיילן פון מאַשינען. וואָס אָן זיי איז די פאַבריק געוואָרן פּאַראַליזירט. אָבער מער פון אַלץ האָט באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו אַרויסגעפירט סחורות פון די פאַבריק-לאַגערס. די דייטשע קריגס-רוישטאָף-שטעלע, וואָס אידן האָבן איר גלייך אַ נאָמען געגעבן קריגס-רויב-שטאָף-שטעלע, האָט טאָג-טעגלעך געריניקט די לאַגערס, אַרויסגעפירט וואַגאָנען-ווייז פאַרטיקע סחורות, רוי-שטאָפן. די סחורות זענען אָפּגעשאַצט געוואָרן דורך די דייטשע באַאַמטע שפּאָט ביליק, אָבער אויך דאָס האָבן זיי נישט באַצאָלט, נאָר אַרויסגעגעבן צעטלעך, פאַר וועלכע מען וועט קאָנען קריגן געלט נאָך דעם קריג. אָט די צעטלעך זענען געווען פול אין לאַנד. עס האָבן זיי געהאַלטן פאַבריקאַנטן און סוחרים אין די פוסטע אייזערנע קאַסעס. אידישע קרעמערלעך, וואָס מען האָט ביי זיי צוגענומען דאָס לעצטע פון קרעמל, די קליאַמקעס פון די טירן, האָבן די דייטשע קוויטלעך באַהאַלטן אין די פּסחדיקע הגדות, אין די סליחות; פּויערים אין די דערפער, וואָס מען האָט ביי זיי צוגענומען פערד און קי, האָבן די צעטלעך באַהאַלטן אונטער די הייליקע בילדער אויף די ווענט. אָבער קיין גראָשן פאַר זיי האָט מען נישט געקאָנט קריגן. זיי האָבן נישט געצאָלט, די דייטשן. זיי האָבן אַלץ אָפּגעלייגט אויף נאָכן קריג, ווען זיי וועלן געזעלעך צעשלאָגן די לויזיקע רוסן, די סיפיליטישע פראַנצויזן און די גאָט-פאַרדאַמטע ענגלענדער. אָנשטאָט געלט האָבן זיי געצאָלט דער באַפעלקערונג מיט פּאַפּירלעך, מיט מיליטערישע מאַרשן און מיט פּראָפּאַגאַנדע-בילדער אויף די ווענט, מיט פאַרביקע מאַלערייען, ווי איין דייטש שטעכט צענטליקער שונאים. ווי פאַר איין דייטשיש זעלנערל לויפן גאַנצע פיינטלעכע מחנות. מער פון אַלץ און אַלע האָט מען אויפגעקלעפּט אויף די גאַסן די פּאָרטרעטן פונם קייזער און הינדענבורג. מיט ראָזע בעקעלעך, ווי דאָרפישע כלה-מיידלעך צו דער חופּה, מיט שפּיזיקע וואָנסן אַרויף, ווי די באַיאָנעטן, מיט אַרויסגעזעצטע ברוסטן באַהאַנגען מיט מעדאַלן און קרייצן, מיט הענט אָנגעשפּאַרט אויף די שווערדן,

האָבן זיי אַראָפּגעקוקט פון אַלע אַלטע מויערן, פון אַלע ווענט און פּאַרקאַנעס. נעבן זייערע פּיס זענען געלעגן קרומע, הויקערדיקע, מיט קרומע קרוינען אויף די קעפּ, דער רוסישער צאַר, די ענגלישע, בעלגישע און סערבישע קעניגן. אויף אַנדערע פּלאַקאַטן זענען גע-וויזן געוואָרן דער אונטערשיד פון דייטשלאַנד ביז די פיינטלעכע מלוכהס. אויף דער דייטשער זייט איז דאָס גראָז געווען שטאַרק גרין, בלומען האָבן געשפּראָצט, אַ בלאָנד-האָריקע פּאַסטוכין האָט גרויסע ריזיקע קי מיט שווערע אייטערס געפּיטערט. אויך די חזירים זענען געווען ראָזע, העל, גרויס און גליקלעך. אויף דער זייט פון די פיינטלעכע לענדער, אין פראַנקרייך, ענגלאַנד, רוסלאַנד זענען די פעלדער געווען נאַקעט און אויסגעקראָכן, די קי דאַר און קוואַר, די חזירים נעבעכדיק, הויט און ביין. אונטן זענען געווען אָפּגע-דרוקט זייער פּאַטריאָטישע און סאָלדאַטיש-הומאָריסטישע גראַמען, וואָס האָבן זיך פאַרענדיקט מיט דער בקשה צו גאָט, ער זאָל שטראָפן ענגלאַנד און מיט דער ביטע צו דער באַפעלקערונג, זי זאָל מאַכן קריגס-אַנלייהעס, אַריינטראָגן די אָפּגעשפּאָרטע געלטער אין די דייטשע קאַסעס, פאַרוואָס מען וועט נאָכן דייטשן זיג איבער די פיינט זייער גוטע פּראָצענטן קריגן.

ער האָט געריייניקט די שטאָט, דער באַראָן פאָן היידעל-היי-דעללאָו, געריייניקט גרינטלעך, פּינקטלעך. די גאַסן זענען פול גע-ווען מיט מיליטערישע מאַרשן, פּלאַקאַטן, ציווילע לוויות, אַנטלוי-זונגס-בעדער. בעדער און מעאַטער פאַרן פאָלק — האָט באַראָן פאָן היידעל-היידעללאָו געגעבן, ווי פאַר אַ יורש פון די רוימער שטייט אָן. מער פון אַלע אַנדערע האָט ער געריייניקט די גרעסטע פאַבריקן — מאַקס אשכנזי און פלידערבוימס. ער האָט גאָרנישט אויפגעהערט צו פירן פון זיי, טאָג נאָך טאָג.

ביים דירעקטאָר יאַקוב אשכנזי אין הויז איז געווען אומעטיק, די זאָרג איז אין אַלע ווינקעלעך געלעגן.

פלידערבוימס יורשים האָבן פון קיין זאַך נישט געוואוסט. ווי תמיד, זענען די זין פאַרטאָן געווען אין זייערע מיסטישע סעאַנסן. אויסלייגן פּאַסיאַנס, אַרומפירן זיך מיט גלחים. זיי האָבן אָפּט זייערע פאַרשטאָרבענע עלטערן אַרויסגערופן פון יענער וועלט און מיט זיי לאַנג גערעדט. די טאָכטער, כאָטש שוין אַן עלטערע, האָט

נאָך אַלץ אַרומגעיאָגט זיך נאָך ליבעס. וואָס עלטער זי איז געוואָרן, אַלץ נאָך אינגערע געליבטע האָט זי זיך אַרומגעטריבן. זיי האָבן פון קיין זאַך נישט געוואוסט אין פאַבריק, נישט פאַרשטאַנען אין מסחר, נישט רעכט באַגריפן די צייט, און נאָר איין זאַך געוואוסט — צו פאָדערן געלט פון דירעקטאָר. וויפל ער האָט זיי נישט געגעבן, איז געווען צו ווייניק. דאָס געלט איז זיי פון צווישן די פינגער צערונען.

— געלט, נאָך געלט! — האָבן זיי געשטעקט הענט צו יאקוב אשכנזי.

אָבער יאקוב אשכנזי האָט נישט געהאַט פון וואַנען צו נעמען. די רוסישע בענק, אין וועלכע די פאַבריק-געלטער זענען געלעגן, זענען אוועק, נישט אויסצאָלנדיק קיין גראָשן. די אַלע ווערט-פּאַפּירן, אָבליגאַציעס, וואָס זענען פול געווען אין אַלע אייזערנע קאַסעס, האָבן קיין ווערט נישט געהאַט. ווי פּגרים זענען זיי געלעגן, די גרויסע שטייפע פּאַפּירן מיט די אָדלערס. די אַרבעטער האָבן זיך געזאַמלט אַרום דער פאַבריק, געשטאַנען מיט היטלען אין די הענט בלאַסע, דאַרע, אומגליקלעכע. וויפל די פאַבריק-וועבטער און די מיליציאַנטן האָבן זיי נישט געטריבן פון די פאַרמאַכטע פאַבריק-טויערן, זענען זיי נישט אָפּגעטרעטן. ווי אויסגעהונגערטע באַשע-פעניש, וואָס אין זייער הונגער פאַרלירן זיי יעדער שרעק און לאָזן זיך נישט אָפּטרייבן פון שוועלן, כאָטש מען יאָגט זיי און מען וואַרפט אויף זיי שטיינער, אַזוי האָבן די הונגעריקע מענטשן נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון זייערע שטייענדיקע פאַבריקן. קיין שום פּאָליציייאישע קלעפּ האָבן זיי נישט אָפּגעשראָקן.

— ברויט, — האָבן זיי גערופן, — מיר זענען הונגעריק!

פון די ברויט-קאַרטן, וואָס די דייטשן האָבן אויסגעטיילט פאַר אַ חודש פריערדיקס, האָט מען קוים געקאָנט אַ וואָך צייט זיך דערנערן. אויך איז דאָס ברויט געווען קלעפּיק און ליימיק. עס האָט מער צערייצט ווי געזעטיקט. ווער עס האָט געהאַט עפּעס געלט, האָט אויף די ווינקל-גאַסן ביי די קאַרטן-הענדלער געהיים ברויט-קאַרטן געקויפט, אמתע אָדער פאַלשע. די אָרעמע, די אַרבעטסלאָזע האָבן אפילו נישט געהאַט די עטלעכע גראָשן דאָס ביליקע קאַרטן-

ברויט צו קויפן. און זיי זענען געשטאַנען ביי די פאַרמאַכטע טויערן פון די פאַבריקן און דאָרט העַנט אויסגעשטרעקט.

— ברויט! — האָבן זיי געשריגן. — מיר קאָנען שוין מער נישט הונגערן!

די פאַבריקאַנטן האָבן געמוזט אַריינוואַרפן זיי צו ביסלעך געלט. דער קאָמענדאַנט אַליין האָט עס די פאַבריקאַנטן געלאָזט וויסן. ער האָט נישט געוואָלט קיין אומרוען אין שטאָט, קיין אַר־בעטער־רעדלעך. ער האָט געוואָלט רו, מיליטערישע מאַרשן און ריינע גאַסן, פון וועלכע די קריגס־קאָרעספּאָנדענטן זאָלן לעקן די פינגער, באַשרייבן זיי אין די בערלינער צייטונגען. צוזאַמען מיט דעם פאָטער פון דער שטאָט, דעם מוסטערהאַפטן באַראָן פאָן היי־דעל היידעללאָו.

אין אָנהויב האָט יאַקוב אשכנזי געגעבן. ווי שטענדיק איז ער געווען אַ קנאַפּער בעל־תכלית, נישט געזאָרגט וואָס שפּעטער וועט זיין, געלעבט מיטן טאָג און געהאַט בטחון, אַז עס וועט שוין ווי נישט איז זיך אַרויסדרייען. פאַר מאָרגן זאָל גאָט זאָרגן. ער האָט פון די געבליבענע געלטער געטיילט מיט אַ ברייטער האַנט פּלידער־בוימס יורשים, אַליין אויסגעגעבן, די אַרבעטער געלט אַריינגעוואָרפן, צדקה פאַר די שטאָטישע קיכן געטיילט.

זיין ווייב גערטרוד, די יונגע און שיינע, האָט, פּונקט ווי איר באָבע פריוועט, געהאַט זייער שיטערע פינגער. אוצרות זענען דורך זיי צעשוואומען. זי האָט געמוזט האָבן די שענסטע קליידער, די טייערסטע פוטערס, די ווערטפולסטע צירונג, די עלעגאַנטסטע קאַ־רעטעס, די בעסטע בעלער מאַכן, אַזוי, אַז קיינער זאָל זי נישט איבער־יאָגן, זי זאָל קיניגן איבער אַלעמען, זאָלן די מענטשן צעפּלאַצט ווערן! ווי די באָבע אירע, האָט זי כסדר אויסגעשטרעקט די ווייסע פינגער נאָך געלט.

— נאָך, נאָך, יאַקוב! — האָט זי געמאָנט.

שוין אין די ערשטע יאָרן נאָך דער חתונה, האָט זי דעם מאַן און אָנקל אירן געוויזן נעגל, געצייגט, אַז זי איז שמחה מאירס טאָכטער, אַ הערשערין און אַ דעספּאָטין. אין די ערשטע חדשים איז זי געווען דעספּאָטיש אין איר ליבע. זי האָט אים געליבט, דעם אָנקל אירן, וואָס איז מער ווי טאָפּלט אַלט געווען פון איר, שטאַרק

געליבט, אָבער אין דער ליבע אירער האָט זי דעם מאַן אויפגע־פרעסן, ווי די שפּינעבע, וואָס פרעסט אויף איר זכר. זי האָט פאַר־לאַנגט זיין ליבע בלויז פאַר זיך, איינגאַנצן פאַר זיך. זי האָט אים נישט געלאָזט רעדן מיט קיין מענטשן, נישט קוקן אויף קיין פרוי, נישט מאַכן קיין אָוואַציעס די אַקטריסעס אין די טעאַטערן. נאָר בלויז ער זאָל זיין מיט איר, כסדר קוקן אויף איר, שפּיגלען זיך אין איר פּנים. זי האָט אים אָפּגעצויגן פון מענטשן, וואָס ער האָט אַזוי ליב צו פאַרקערן מיט זיי, אָוועקגעשלעפּט אים פון פריינט, באַקאַנטע. זי איז געווען אייפערזיכטיק אויף יעדן, נישט נאָר אויף ווייבער, וואָס ער האָט אַזויפיל געקענט, נאָר אויך אויף מענער, אויף פריינט זיינע, קאָלעגן און באַקאַנטע. אין יעדן האָט זי געזען אַ קאָנקורענט פאַר זיך. אַז דער מאַן האָט צו עמיצן געלאַכט, פריינטשאַפט אַרויסגעוויזן, איז עס געווען, ווי יענער וואָלט ביים מאַן אירן צוגערויבט דאָס, וואָס קומט איר, בלויז איר. זי האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן, ווען דער מאַן רעדט צו אימיצן פריינט־לעך, ווייזט אַרויס ליבשאַפט. דאָס איז געווען ביי איר, ווי מען וואָלט זי באַרויבט. זי איז געווען דעם טאַטנס טאָכטער. זי האָט נישט באַנוגנט זיך מיט עפּעס, מיט האַלבע זאַכן. זי האָט געוואָלט אַלץ.

זי האָט אים דערווייטערט פון מענטשן, אָפּגעריסן פון פריינט, אין קאַפע נישט געלאָזט גיין, נאָר ער זאָל זיצן נעבן איר, נאָר איר אַליין אַרויסווייזן זיין ליבע, זיין איבערגעגעבנהייט.

אַליין אַ שקלאַפין פון ליבע, וואָס אין גרויסער ליידנשאַפט קאָן זי זיך וואַרפן דעם מאַן צו די פיס, קושן זיינע טריט אין עקסטאַז און בעטלען מענערישע לאַסקעס און צערטלעכקייטן, איז זי אויך געווען אַ הערשערין; זי האָט נישט געוואָלט וויסן פון זיינע שטימונגען און באַגערן, פון זיינע נייגונגען און געפילן, פון זיינע געוואוינהייטן און לוינען, פון זיינע כחות און עלטער. זי האָט אים אויפגעגעסן, פאַרצערט, פאַרשקלאַפט, אויסגענאָגט.

מיטן זעלבן אימפּעט, ווי זי האָט זיך פריער געוואָרפן אויף אים, האָט זי שפּעטער אָפּגעוואָרפן אים, אָוועקגעוואָרפן פון זיך ווי אַן אויסגענאָגטע פרוכט, וואָס מען דאַרף נישט מער. זי האָט זיך נישט לאַנג געקאָנט האַלטן אין קיין זאַך. איר איז גיך געפעלן

נעוואָרן און גיך אויפגעהערט צו געפעלן. זי האָט אַלעמאָל געזוכט נייעס, געוואָלט גיין, לויפן ראַשיק, נישט שטיין אויף קיין אָרט. נאָך די ערשטע ווילדע חדשים פון ליבע־באַגער, האָט זי אַנדערע באַגערן געקריגן, באַגערן צו גלאַנצן מיט ברייטקייט, איבערצוויאָגן אַלעמען מיט לוקסוס, צו פירן שטאַט. יאַקוב איז קיין קאַרגער נישט געווען. ער האָט אַליין געוואָרפן מיט געלט, מער אויסגעגעבן, ווי גערעכנט. אָבער זי, גערטרוד, איז ווילד געווען אין איר אויסבריינ־גערישקייט. מיט אַ גוואַלטיקן אימפעט האָט זי איר הויז אויס־מעבלירט, די ווענט מיט טייערע זיידנס באַדעקט, די קאָסטבאַרסטע מעבלען, טעפּיכער, בראָנזן, מאַלערייען, גלאָזוואַרק איינגעהאַנדלט. זי האָט נישט געוואָלט באַזעצן זיך אין הויז ביי דער פאַבריק, וואָס איז פאַר אַ דירעקטאָר אויסגעבויט געווען. עס איז איר נישט אָנגע־שטאַנען צו וואוינען אין דעם קליינעם הויז, וואָס זעט אוים ווי אַ צולאָג צו פּלידערבוימס פּאַלאַץ. זי האָט אַליין אַ קליין פּאַלאַצל אויסגעזוכט, אַ פּאַלאַצל מיט געשניצטע באַלקאָנען, מיט זיילן, פיגורן און מיט אַ רונדן צופאָר פאַר קאַרעטן, וואָס אַ באַנקראָ־טירנדיקער פאַבריקאַנט האָט פאַרקויפט.

גאַנצע טעג און נעכט איז זי אָפּגעלעגן ביי דעם פּאַלאַצל, וואָס זי האָט רעמאָנטירט און אויסמעבלירט. זי האָט זיך אַרומגעריסן מיט די מוליאַרעס, מיט די סטאָליאַרעס, מיט די טאַפּעצירער, אַלע־מאָל פאַרלאַנגט עפּעס אַנדערש, מען זאָל איבערמאַכן, איבערבויען, איבערשמירען. זי איז געקראָכן איבער טרעפּ, איבער ברעטער, איבער רושטאָוואַניעס, אַרומגעיאָגט מיט דעם מאַנס קאַרעטע איבער די געשעפטן, איינגעהאַנדלט זאַכן, צוריקגעגעבן, אויסגע־ביטן, חרטה געהאַט, ווידער איינגעהאַנדלט. יאַקוב האָט שוין אָנ־געהויבן זיך פאַרבענקען נאָך איר, אָבער זי האָט נישט געהאַט קיין צייט צו אים. איר משוגעת איז געווען איצט דער פּאַלאַץ, די מעבלען. זי האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון זיינע הענט, ווען ער האָט זי אַרומגענומען.

— שרעקלעך פאַרנומען, — האָט זי געזאָגט און געלאָפן, אויסשטרעקנדיק די האַנט נאָך געלט. — נאָך, נאָך געלט, יאַקוב, גאָר אַ סך...

יאַקוב האָט געגעבן, אומגעציילט געגעבן. אז דער פּאַלאַץ איז

פארטיק געוואָרן, האָבן זיך אָנגעהויבן בעלער, איינלאַדונגען. שטענדיק זענען דאָ געווען מענטשן, תמיד האָט מען דאָ געטאַנצט, געשפּילט, געטרונקען, געוויילט זיך. דאָס גאַנצע רעדל האָט געפירט גערטרוד. זי האָט צונויפגעשטעלט די צעטלעך פון די מענטשן, וואָס מען דאַרף איינלאַדן. זי האָט אויסגעשטראָכן דעם מאַנס באַקאַנטע און פריינט, וואָס זענען נישט געווען גענוג אָנגעזען און וויכטיק, און אַריינגעצויגן מענטשן, וואָס דער מאַן האָט נישט געליטן, אָבער דערפאַר זענען זיי געווען פון די הויכע פענסטער, מיוחסים און אַריסטאָקראַטן.

יאַקוב, וואָס איז שוין געווען אין די העכערע פּערציקער, מיט ערשטע סימנים פון מידקייט, מיט אַ ווילן צו רו און מנוחה נאָך אַ צו־שטורמיש לעבן, מיט אַ באַגער צו תכלית און איינגעזעסנקייט, איז מיד געווען פון די שטענדיקע הוליאַנקעס און בעלער, פון טומל און לוסטיקייט. ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין באַלעבאָס ביי זיך אין הויז, קיינמאָל קיין מנוחה נישט געהאַט. אָדער גערטרוד האָט געמאַכט בעלער, אָדער זי איז געגאַנגען אויף בעלער. אויך מיט די חשבונות איז געגאַנגען נישט גלאַטיק. די גרויסע געהאַלטן זיינע אין פלידערבוימס פאַבריק זענען ווייט הינטערשטעליק געבליבן ביי די ריזיקע הוצאות. אַלץ מער און מער האָט ער גענומען אונטערשרייבן וועקסעלעך, נעמען הלוואות.

ער האָט נישט גערעדט דערפון, אָבער געגעבערט אין מוח האָט עס אים. ווען ער איז איינער אַליין געלעגן וואַך אין די נעכט, וואַרטנדיק ביז פאַרטאָג אָן שלאָף, כדי צו דערהערן גערטרודס אָנקומען פון די בעלער. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן איז ער שלעכט געשלאָפן אין די נעכט, צום טיש אָן אַפּעטיט צוגעגאַנגען און זאָרג אָנגעטאָן שמחה געהאַט אין בלוט.

ווען זי פלעגט אַמאָל אָפּרוען זיך פון די טומלדיקע נעכט און פאַרברענגען מיט אים אַליין אַן אָוונט, איז ער געווען גליקלעך, גליקלעך מיט איר ליבע צו אים. ווי אין די ערשטע חדשים נאָך דער חתונה, פלעגט אויף איר פּלוצלינג אַ ליבע צו איר מאַן אָנפאַלן. ווידער איז זי געווען זיין שקלאַפין, ווידער געלעגן ביי זיינע פיס און געבעטן זיך.

— בער, האָריקער בער מיינער, פרעס מיך אויף.

זיכער אין זיין מענלעכן שטאָלץ, האָט ער וועגן אַ קינד גע־נומען רעדן.

— גערטרוד, וועסט זען ווי גליקלעך מיר וועלן זיין. אַ מיידע־לע וועט עס זיין, מיט גאָלדענע לאָקן, ווי דו...

ווי אַלע מענער אין די יאָרן, האָט ער געוואָלט האָבן אַ קינד, און דוקא אַ טעכטערל, אַ גאָלד־לאָקיקס און אַ צערטלעכס. שוין באַלד נאָך דער חתונה מיט זיין ערשט ווייב האָט ער געוואָלט האָבן אַ קינד. זי איז געווען אַ שוואכע, אַ קראַנקע, זי האָט אים קיין קינד נישט געגעבן. אָבער ער האָט שטענדיק דערנאָך געבענקט. מיט רוישיקע קושן פלעגט ער באַפאַלן קינדער ביי זיינע באַקאַנ־טע, איבערהויפּט מיידעלעך. ער איז אויסגעגאַנגען צו האָבן אַ טעכטערל. אויסער דעם, האָט ער אויך געהאַט אַ שטיקל מיין דערביי. ער האָט געוואָלט זי צווימען, די גערטרוד, וואָס וואָלט געקאָנט זיין זיין טאָכטער. צופיל איז זי אַרומגעשפּרונגען. שלעכטס האָט פון אירע אויגן אַרויסגעקוקט, דעם טאַטנס בליק, אומרואי־קייט און משוגעת. ער האָט מורא געהאַט פאַר איר, איינגעמען זי געוואָלט, און קיין בעסער מיטל ווי אַ קינד צו האָבן, פאַר אַ מאַ־מען זי מאַכן, האָט ער נישט געזען.

אָבער זי האָט נישט געוואָלט הערן.

מיט אַ מענלעכער עקשנות, וואָס האָט גאָרנישט געפּאַסט זיך פאַר איר ווייבערישקייט, האָט זי אָפּגעשאָקלט זיך דערפון.

— יאַקוב, קיין וואָרט מער, — האָט זי אים געדראָט מיט אַ פינגער. — איך וויל זיך נישט באַגראָבן שוין אין בעטגעוואַנט און אין ווינדעלעך, איך האָב צייט!

זי האָט באַטראַכט איר קערפּער, דעם בויגיקן און שיינעם, און זי האָט געשמייכלט מיט ווייבערישער פאַרבאָרגענער לוסט אין די שלעכטע בלויע אויגן.

— פוי, ווי עקלהאַפט דאָס איז אַרומצוגיין מיט אַ בויך ביז דער נאָז, — האָט זי זיך פאַרקרימט, — בררר.

נאָך עטלעכע יאָר, ווען זי איז שוין אַ פרוי פון דרייסיק יאָר געווען, איז זי אַ מאַמע געוואָרן, אַ קינד געבוירן, און טאַקע אַ מיידל, ווי יאַקוב האָט געוואָלט. יאַקוב איז געווען גליקלעך. אַן עטלעכע פּופּציקער שוין, מיט גרויע האָר אין דער שוואַרצער

באָרד, האָט ער מיט דעם קינד זיינעם, ווי אַ אינגל, זיך געשפּילט, געלייגט זיך אויף דער ערד, געבילט, געשפּרונגען, געטאַנצט דער־מיט. משוגע געוואָרן פון פאָטערלעכער פרייד. אָבער זי, די מו־טער, האָט זיך גאָר ווייניק געפרייט מיט איר קינד. נישט זי האָט עס געוויגט, נאָר איבערגעגעבן עס צו אַ פּולבלוטיקער דייטשער אַם מיט צעוואַקסענע בריסטן; נישט זי האָט זיך רעכט אומגעקוקט דערויף. ווי פריער, האָט זי זיך געוויילט, אַרומגעיאָגט מיט דער קאַרעטע איבער לאָדזש, געקויפט אין די מאַגאַזינען, געגאַנגען אויף בעלער און אָפּגענומען זיך פאַר דער גאַנצער צייט פון טראָגן, ווען זי האָט געמוזט זיצן אין שטוב.

יאַקוב איז געווען די מאַמע. ער האָט מיט דער גרויסער צע־וואַקסענער דייטשער אַם גערעדט וועגן קינדס עסן, געזונט. ער האָט זיך דערמיט געשפּילט, געסמאָטשקעט דערצו מיט די פולע ליפּן, געשאָקלט עס, אויף די הענט גענומען און אָנגעקוואָלן. ער האָט גאָר מער נישט געוואָלט גיין אין ערגעץ. גלייך פון פאַבריק איז ער געלאָפן אין קינדס ווייסן צימער, געטאַנצט דערמיט, גע־טוליעט עס צו זיך. ער האָט מער קיין חשק נישט געהאַט אין די יאָרן צו בעלער, צו ווילן זיך. ער האָט ליב געהאַט די שטוב, דאָס ווייסע קינדער-צימער, געוואָלט איצט לעבן אַ רואיק לעבן, גליק-לעך מיטן אייגענעם ווייב און קינד. אים האָט אפילו געצויגן צו אַ גרויס פאַמיליע-לעבן, ער האָט געוואָלט נאָך קינדער ברענגען אויף דער וועלט. ער האָט שוין געהאַט גענוג דאָס פרייִלעכע שטורמישע לעבן, איבערגעזעטיקט געווען דערמיט. ער האָט געבענקט אין די נעכט נאָך געטרודן, וואָס איז, נאָכן האָבן, נאָך שענער און ווײַ־בערישער געוואָרן. אָבער זי האָט נישט געוואָלט טיילן מיט אים איר לעבן. זי האָט געוויילט זיך, גאַנצע נעכט אויף בעלער אַרומגעלאָפן, געפּוצט זיך, געצירט. אויפן טעכטערל פלעגט זי בלויז געבן אַ בליק, אַ קוש אַריינוואַרפן איר און ווייטער לויפן.

יאַקוב איז געווען פאַרביטערט, בייז, אויך פון די געשעפטן זיינע האָט ער קיין נחת נישט געהאַט. זינט די דייטשן זענען אַריין אין שטאָט און די פאַבריק האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז גאָר געווען נישט פרייִלעך ביי אים אין הויז. די פאַבריק האָט נישט געגעבן, די יורשים פלידערבוימס האָבן פאַרלאַנגט, דאָס אייגענע ווייב האָט

געפּאָדערט, זי האָט גאָרנישט געוואָלט וויסן זיינע חשבונות, די בי־טערע צייט. זי האָט געדאַרפט א סך. וויפל דער מאן האָט איר נישט געגעבן, איז עס צווישן אירע ווייסע פינגער צערונען. כאָטש זי האָט אליין פון איר אייגענעם ווילן חתונה געהאט מיטן עלטערן פעטער, אָנגעוואָרפן זיך אויף אים, האָט זי פונדעסטוועגן געפילט, ווי עס וואָלט איר אן עולה געשען דערמיט, וואס זי האָט א מאן א פיל עלטערן פון זיך, א מידן שוין און א באַלעבאטיש. דערפאר טאקע האָט זי געוואָלט כאָטש געניסן, אויסגעבן וויפיל זי וויל, לעבן אין לוקסוס, וואָס זאָל זיין איר א פארגיטיקונג. כדי צו פאר־נעמען זיך די צייט, האָט יאקוב זיך אריינגעוואָרפן אין קהל־זאכן, ער האָט געהערט צו קאָמיטעטן, געפירט פילאנטראָפּישע געזעל־שאפטן, געקהלט זיך, גענאָסן פון כיבודים.

גערטרוד זיין ווייב האָט איצט אָפּענע בעלער ביי זיך אין פּאַ־לאַץ איינגעאָרדנט. פארשווענדעריש האָט זי דעם מאָנס לעצטע געלטער אויסגעגעבן, רייכע הוליאנקעס געמאכט און איינגעלאַדן יונגע פרויען און מענער. אפילו עטלעכע דייטשע לייטענאנטן מיט שראמען אויף די געזיכטער, אויסגעשטייפטע, גאוהדיקע און אָנ־געצויגענע, ווי זיי וואלטן געטאָן גענאָד די פּאָלנישע שווינען און די לויזיקע אידן דערמיט, וואס זיי לאָזן זיך אראָפּ און קומען אין זייערע הייזער, האָבן זיך געדרייט אין יאקוב אשכנזים הויז, גע־טאנצט מיט דער באַלעבאָסטע, איר האלב־סענטימענטאַלע און האלב גראָבע מיליטערישע קאָמפּלימענטן געמאכט, סיי פאר אירע וויינען, סיי פאר איר שיינקייט.

— היפּש, זייער היפּש, גנעדיקע פראַו, — האָבן זיי גע־מורמלט. — זי זינד יאָ איינע ראָזע אין דער מיסט־שטאָט לאָדזש...

אשכנזי האָט געשטערקט הענט צו די יונגעלייט, צו די דייטשע לייטענאנטן, געזאָגט, אז ער איז זייער צופרידן די הערן צו זען אין זיין הויז, אָבער זיין בלוט איז גערונצלט געוואָרן פון פאַרדרוס און אייפערזוכט. יאָ, ער איז געווען אייפערזיכטיק אויף די יונגע מענער אין זיין הויז. ער האָט נאָך געדענקט פון זיינע יונגע יאָרן, מיט וואָס פאר א חוזק ער האָט געקוקט אויף די עלטערע מענער, וואָס האָבן אים געזאָגט „זייער אנגענעם", ווען זייערע יונגע שיינע ווייבער האָבן אים פאר זיי פאָרגעשטעלט. ער האָט געוואוסט, אז

די מענער ווילן אים שיקן צו אלדי רוחות, און טאקע דערפאר האט ער אויף זיי מיט שפאט געקוקט און געלאכט פון זיי אין הארצן דערפון, וואס די ווייבער זייערע, די יונגע און די שיינע, קוקן אים מיט ליבע אין די אויגן אריין. ער האט געקענט די קאמעדיע. איצט האט ער זי דורכגעמאכט ביי זיך אין שטוב.

ער האט געקענט די ווייבער, מיט אלע זייערע באהאלטענע ווייבערשע כיטרעקייטן און שלויקייטן. ער האט געוואוסט, וויפל לײדנשאפט זיי פלעגן קענען אריינלייגן אין די טענץ מיט אים, ווען ער איז יונג געווען, וויפל זינדיקייט זיי קענען אריינגעבן אין די כלומרשט אומשולדיקע טענץ מיט א מאן, וואס זיי האבן ליב. ער פלעגט עס ארויספילן פון יעדער ווייבערישער נאכגיביקייט צו זיינע באלאנסירונגען, אין האלטן די האנט, אין צודריקן דעם פוס, אין בארירן מיט די האר, אין יעדן בויג און קנייטש. ער האט גע-דענקט וויפיל זינדיקע זיסקייט עס קענען ארויסברענגען די ווײ-בערישע ליפן אין זייערע שטילע נעשפרעכן מיט מענער אין די ווינקעלעך פון די זאלן, ביי געדעמפטער רויטער ליכט. טויזנטער ווענן האבן זיי ווי אזוי צו רעדן צו א מאן, ווי אזוי דאס בלוט אים אנצוצינדן, אין א דרוק פון א האנט, אין אנשפארן זיך אין אן ארעם, אין זיצן אין א קארעטע, אין יעדן ריר און קער. אין די אויגן פון זייערע מענער, פלעגן זיי אים זייער הייסע ליבע ארויס-ווייזן, נענארט זיי, די מענער, אין זייער קעגנווארט. מיט וואסער הנאה פלעגט ער דאס אליין אמאל עלעגאנט זיך דערנענטערן צו א טיש, וואו א יונגע שיינע פרוי זיצט מיט איר עלטערן מאן, בעטן ביים מאן אן ערלויבעניש צו טאנצן מיט זיין פרוי, און אים די פרוי פון די הענט ארויסנעמען. זיי זענען אים דאנקבאר געווען, די פרויען, דערפאר, וואס ער האט זיי אויסגעלייזט פון זייערע נודנע מענער. די וויצן, וואס די מענער אליין האבן געמאכט אי-בער זיך, כדי צו ראטעווען זיך מיט א שפאס פון דעם ווייטאג און פארדרוס, זענען געווען נעבעכדיק און פאלש. ביידע, אי ער אליין, אשכנזי, אי די פארטנערין זיינע, האבן געפילט די נארישקייט דער-פון, געשפאט אן ווערטער פון אלטן נאר און זיך שטארקער גע-טוליעט צו זיך אין טאנץ. א, ער האט די אלע זאכן געקענט. ער האט געקענט די תירוצים פון די פרויען, ווען זיי קומען אהיים צו

שפּעט, די איבערגעטריבענע צערטלעכקייט זייערע צו די מענער נאָכדעם ווי זיי נאַרן זיי, דעם שפּאַס און חוזק פון די ווייבער אי־בער זייערע פאַרדאַרטע מענער, ווען זיי זענען אין די אָרעמס פון זייערע געליבטע. וויפל האָבן זיי דאָס פאַר אים אליין אויסגעשפּעט זייערע מענער, אויסגעלאַכט, ווען זיי האָבן זיך געצאַפּלט אין זיינע אָרעמס, אַזוי, אַז אים אַליין איז שוין געוואָרן איבערדריסיק פון דער ווייבערישער פאַלשקייט איבערן מענלעכן מין זיינעם. ער האָט זיי געליבט, נישט געקאָנט לעבן אָן זיי, אבער ער האָט געוואוסט זייער שלויקייט, זייערע באַהאַלטענע זינד. געגנוג האָט ער זיך דער־מיט באַגענגט. איצט האָט ער זיך אַליין געזען אין דער לאַגע פון אָט די מענער. ער האָט געזען מיט וואָסער מענלעכער גאווה די קאַ־וואַליערן טוליען זיין ווייב צו זיך אין טאַנץ, די חוצפּהדיקע אויגן, וואָס זיי מאַכן, די שפּאָטישע בליקן צו אים. ער האָט אויפגעכאַפּט יעדע ווייבערישע נאָכגיביקייט פון זיין שיין יונג דעקאָלטירט ווייב, ווען זי גייט נאָך ווי א שקלאַפין די טריט פון אירע טענצער און פאַרערער. און אים האָט זיך איינגעשרומפּן דאָס האַרץ, דאָס בלוט איז אים גערונען געוואָרן.

ער איז אַוועק צו דעם ווייסן קינדער־צימער, אויף א קליין בענ־קעלע זיך נעבן קינדס בעטעלע אַוועקגעזעצט, אויסגעהערט דאָס גלייכע און נאָרמאַלע קינדערישע אָטעמען און ער האָט געפילט א טרייסט אין זיין לעבן. פון די ווייטערע שטובן איז זיין שווינגער דינהלע אַרויס און אויף די שפּיץ פינגער אַריין אין קינדער־שטוב.

זי האָט געוואוינט ביי איר טאָכטער נאָך דעם ווי די עלטערן אירע זענען געשטאָרבן. זי איז געבליבן אַליין, עלנט. איר גאַנץ פאַרמעגן איז געבליבן שטעקן אין א רוסישער באַנק. פון איר זון איגנאַץ אין פּאַריז האָט זי נישט געהערט. ער האָט איר בלויז גע־שריבן אין אָנהויב מלחמה, אַז ער איז פרייוויליק אַריין אין א פראַנצויזישן רעגימענט. מער האָט זי פון אים נישט געוואוסט. און זי איז אין איר עלנט אַריבער צו איר טאָכטער אין פּאַלאַץ. שווייגנ־דיק, אָן איין וואָרט אויסצורעדן, איז זי געזעסן ביים טיש צוזאַ־מען מיט איר טאָכטער, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט דעם, וועמען זי האָט אַזוי שטאַרק און אַזוי שטיל געליבט. ווי שטענדיק איז זי געזעסן ביי אירע ביכלעך, געלעבט מיטן לעבן און די טראַגעדיעס

פון די העלדן און העלדינס. אויסער די ביכלעך, האָט זי געהאַט דאָס קינד, דאָס אייניקל. מער נאָך ווי צום קינד פון איר טאָכטער, האָט זי געפילט א שטארקע ליבע צום קינד פון אים, יאָקובן. אין איר קושן און האלזן דאָס קינד, פלעגט זיך איר אויסדראַכטן, אַז דאָס איז איר אייגן קינד, וואָס זי האָט געהאַט מיט אים, יאָקובן. זי פלעגט עס איינגאַנצן דעמאָלט מיט קושן פון קעפּל ביז די פיס־לעך באַדעקן.

— פריוועשי, טרייסט מיינע, — האָט זי געצערטלט דאָס איי־ניקל, וואָס האָט נאָך איר מוטער געהייסן.

אויך איצט, כאָטש עס איז שוין געווען שפּעט, איז זי נישט געשלאָפן. זי האָט נישט געקאָנט הערן רואיק די מוזיק און טענץ, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון זאַל, און זי איז אַריין צום קינד. א ווײַלע איז זי געבליבן שטיין ביי דער טיר, ווען זי האָט יאָקובן דערזען ביים קינדס בעטעלע. ער איז געזעסן א געבויגענער, א גע־בראָכענער, מיט א געזונקענעם קאָפּ. איר האָט ביים האַרץ פאַר־קוועטשט. באַלד איז זי צוגעגאַנגען אויף די שפּיץ נעגל און אים אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן קאָפּ.

— יאָקוב, — האָט זי אים געמונטערט, — גיי שלאָפן. איך וועל זיצן ביים קינד.

יאָקוב האָט זי אָנגעקוקט מיט גרויסע שוואַרצע אומעטיקע אויגן.

— איך בין נישט שלעפעריק, — האָט ער געזאָגט, — איך קאָן נישט שלאָפן.

— איך שלאָף אויך נישט אין די נעכט, יעקב, — האָט זי א טרויעריקע געמורמלט.

זי האָט אים גערופן מיטן נאָמען פון אַמאָל, ווען זיי פלעגן זיך שפּילן ביידע אין יאָגעלעך, אין ר׳ אברהם הערשס מויער אויף דער אַלטער שטאָט.

## קאַפּיטל צען

ווי אַלע רעוואָלוציאָנערן, וואָס זענען צוריקגעקומען פון קאַטאָרגע, פאַרשיקונג, פון טורמעס און פון אויסלאַנד צום באַפרייטן רוסלאַנד, האָט מען אויך דעם צוריקגעקומענעם באָלשעוויסטישן פירער באַגריסט אין פעטערבורג מיט רעדעס, מוזיק און רויטע פאָנען. אָבער דער קליינגעוויקסיקער פולער מאַן מיטן נאַקעטן שאַרבן און טאָטערישן פּנים איז נישט ווייך געוואָרן, ווי אַנדערע, דערזעענדיק דאָס פרייע רוסלאַנד. ער האָט נישט געוויינט פון פרייד, ווי א סך פון די אַנדערע רעוואָלוציאָנערן, נישט אָפּגעענטפערט מיט הויכע רייד אויף די רעוואָלוציאָנערע ווערטער פון די באַגריסער.

אַ פירעקיקער, מיט הויך-אויפגעהויבענע אַקסלען, מיט די הענט אין די הויזן-קעשענעס אַריינגעשטעקט, אַרויסשפּאַרנדיק די ברוסט פאָראויס, מיט אַן אַרויסגעשטרעקטן נאַקעטן קאָפּ, וואָס פאַרענדיקט זיך ביים קין מיט אַ געלבלעך שפּיץ בערדעלע, אַ נישט-אָנזעעוודיקער, אָבער אַ האַרטער, ווי אַ דעמבן פירעקיק קלעצל, וואָס וואָס קלענער עס איז, אַלץ שטאַרקער איז עס, איז ער געשטאַנען אַ האַרטער, אַ טרוקענער, אַ זיכערער אין דער יום-טובדיקער שטאָט, וואָס דורכן שנייִ אירן האָט דער פרילינג שוין גענומען אַרויסקריכן. ער האָט געקוקט אַרום זיך אויף די רויטע פענער, געשפּיגלט זיין נאַקעטן קאָפּ אין די גלאַנציקע מעשענע מיליטערישע טראָמייטן, וואָס האָבן געשפּילט די „מאַרסעלעזיע" לכּבֿוד אים, געמרוזשעט די אויגן אויף די רעפּרעזענטאַבעלע רעדנער, די באַגריסער זיינע, הדרת-פּנימער איינס און איינס מיט שיינע פיגורן, שיינע האָריקע קעפּ און בערד, און ער האָט געקנייטשט דעם הויכן שטערן זיינעם. די יום-טוביקע רעדעס זענען אים אין איין אויער אַריין און דורכן צווייטן אַרויס. אַן איינגעהאַלטענער איראָנישער שמייכל איז אים געלעגן אין די ווינקלען פון די אויגן, אין די ליפּן, אין שפּיץ געלבלעכן בערדעלע, אַפילו אין געקנייטשטן שטערן, וואָס איז אים פאַרקראָכן אין נאַקעטן שאַרבן אַריין.

ער האָט געלאַנגוויייליקט אויסגעהערט די קלינגנדיקע טענאָרן,

די ברוסט-טיפע באסן פון די רעפרעזענטאבעלע שיין-אויסזעענדיקע רעדנער, וואָס יום-טוב און פּאָעזיע רינט פון זייערע ליפּן, כדי ענד-לעך אליין צו נעמען דאָס וואָרט און מיט קאַלטע וואסער אָפּגיסן זייערע געהויבענע האָפערדיקע און פייערדיקע רייד.

ניין, נישט קיין זינדיקן טענאָר, נישט קיין גלעטנדיקע ברוסט-שטים האָט דער קליינער פירעקיקער מאן פארמאָגט, ווי די באנרי-סער זיינע. זיין שטים איז געווען טרוקן, הארט, ווי זיין פיגור, די קליינע און קלעצלדיקע. אויך האָט ער נישט באנוצט קיין שיינע ווערטער, קיין ציטאטן פון דיכטער נישט אריינגעפלאָכטן אין זיינע רייד, זיינע זאצן מיט פּאָעזיע נישט באווירצט. אבער איין גוטע קאָרט האָט ער געהאט אין דער האנט, וואָס האָט ביי די סאָלדאטן, וועלכע האָבן געקוועטשט זיך ארום די רעדנער, בעסער אויסגענומען פון אלע שיין-קלינגנדיקע, יום-טובדיקע און פּאָעטישע רעדעס פון די רעפרעזענטאבעלע מענער.

— חברים, די גאנצע מאכט דעם פראָלעטאריאט, — האָט ער גערופן, — חברים, פארלאָזט די פראָנטן, פארגיסט נישט אייער אר-בעטער-בלוט פאר די אימפעריאליסטישע מלחמות. שטעלט אָן די ביקסן קעגן אייער איינציקן שונא — דער בורזשואזיע. נעמט צו ביי די פאבריקאנטן די פאבריקן, ביי די פּריצים די ערד און טיילט עס איין צווישן זיך! נאָך אייך וועלן עס נאָכטאָן די ארבעטער און פויערים פון דער גאנצער וועלט. אוים מלחמה!

תחילת האָט מען דעם מאן מיט די גרילצנדיקע וואָכעדיקע רייד אין יום-טובדיקן לאנד באגעגנט מיט שפּאָט, חוזק. מען האָט אים אויסגעלאכט, אין די אויגן פון פאָלק פארמיאוסט. די ערשטע זענען ארויס די צייטונגען. אָ, מען האָט געקאָנט דערוואַרטן אזוינס פון איינעם, וואָס איז געקומען אהער, אין באפרייטן רוסלאנד, מיט דער הילף פון שונא — דייטשלאנד. אין א פארפלאָמבירטן דייטשן וואגאָן איז ער געקומען. דאָס האָבן אים די דייטשע מיליטאריסטן ספּעציעל געשיקט קיין רוסלאנד, כדי צו דעמאָראליזירן די מאסן, כדי אויפצוהעצן די סאָלדאטן קעגן דער מלחמה, צו פארלאָזן די פראָנטן, אזוי, אז דאָס דייטשע מיליטער זאָל גלייך קאָנען פארכאפּן רוסלאנד. א רוס, וואָס האָט געקאָנט גיין אויף אזא וועג, קומען קיין רוסלאנד מיט דער הילף פון שונא, איז אַ פאררעטער, א שפּיאָן,

וואָס די באַפרייטע רוסישע מאַסן וועלן אים אויסשפּייען, וועלן זיך אָפּקערן מיט עקל פון אים און זיינע לייט.

אויף מיטינגען, פאַרזאַמלונגען, האָבן די רעדנער פון אַנדערע פּאַרטייען געמאַכט אויסצודרייען פון דעם מאַן, וואָס איז אין אַ דייטשן פּלאַמבירטן וואַגאָן געקומען. נאָר אַ פאַנאַטיקער, אַ דאָק-טרינער, וואָס האָט נישט קיין זין פאַר רעאַלע זאַכן, האָט זיך גע-קאָנט צו אַזאַ אומזין דערקלערן, אַז דאָס נייע באַפרייטע רוסלאַנד זאָל פּחדניש פון פראָנט אָפּטרעטן, זאָל אירע פאַרבינדעטע פאַר-ראַטן, זאָל עפענען רוסלאַנד פאַר די דייטשע סאָלדאַטן, פאַר די דייטשע רעאַקציאָנערן, וואָס וועלן עם דערדריקן, די אַרבעטער און פּויערים צוריק פאַרשקלאַפן. אומזין, דאָס רוסישע פאָלק, די רוסי-שע אַרבעטער און פּויערים זענען נישט קיין פּחדנים. זיי האָבן זייער לעבן אָפּגעגעבן פאַר דער פרייהייט, פאַר דעם וואויל פון לאַנד און זיי וועלן אויך ווייטער העלדיש קעמפן ביז אַן ענדגילטיקן זיג, כדי אין זיגערישן לאַנד דעם סאָציאַליזם צו בויען.

ניין, עס האָבן נישט קיין אָרט אין רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד די פאַנאַטישע רייד פון דעם דאָקטרינער און זיינע נאָכלויפער. דאָס בעסטע איז, מען זאָל זיי לאָזן לויפן. נישט נעמען זיי ערנסט, נישט פאַרפאָלגן זיי, נישט פּאָפּולער זיי מאַכן ביי די מאַסן. דאָס פרייע רוסלאַנד אונטערדריקט נישט קיינעם, לאָזט יעדן האָבן זיין מיינונג. אָ, זיי וואַרטן נאָר דערויף, מען זאָל זיי אונטערדריקן, זיי ווילן ווערן מאַרטירער, וואָס זאָל זיי טויגן צום עסק. אָבער מען דאַרף זיי די טובה נישט טאָן. דאָס בעסטע איז צו איגנאָרירן זיי, לאָזן זיי גיין זייער וועג, ביז זיי וועלן זיך אַליין פאַנאַנדערפאַלן, צעקריכן זיך, אויסגיין ווי אַ קאָפּטשענדיק חלבן ליכטל. די מאַסן אַליין וועלן זיי אָפּשטויסן פון זיך, פאַריאָגן, אָפּקערן זיך פון זיי, ווייל זיי רעדן קעגן די אינטערעסן פון באַפרייטן רוסלאַנד, קעגן דעם ווילן פון די מאַסן, וואָס שטייען ווי אַן אייזערנע מויער פאַר דער באַפרייאונג.

די הומאָריסטן אין די צייטונגען, די צייכנער אין די בלעטער און זשורנאַלן, האָבן שפּאָטישע פריילעכע קאַריקאַטורן געמאַכט פון דעם קליינגעוויקסיקן מאַן, וואָס איז אין אַ פאַרפּלאָמבירטן דייטשן וואַגאָן געקומען. ער האָט געהאַט אַ דאַנקבאַרן קאָפּ און פיגור פאַר קאַריקאַטורן, דער פאַרהאַסטער מאַן. זיין קורץ פיגורל, די אונטער-

געהויבענע אקסלען, דאָס טאָטערישע פּנים, דאָס שפּיץ בערדעלע, און מער פון אַלץ דער נאַקעטער שאַרבן, ווי אַ קויל פון אַ ביליאַרד, האָבן די צייכנער גוט געדינט. זיי האָבן אים אין די מיאוסטע געשטאַלטן פאַרגעשטעלט פאַרן פאָלק.

דער קליינגעוויקסיקער מאַן האָט זיך נישט געמאַכט פון די קאַריקאַטורן זיינע, וואָס ער האָט יעדן טאָג געזען אין די צייטונגען. ער האָט אַליין הנאה געהאַט פון זיי, געשמייכלט פון זיין לעכערלעכער געשטאַלט. ער האָט זיך בכלל גאָר נישט געמאַכט פון קיין שום זאַך וועגן זיין פּערזאָן אָדער וועגן זיין נאָמען. ער האָט זיך נישט פאַרענטפערט אויף די באַשולדיקונגען, וואָס ער איז מיט אַ דייטשן וואַגאָן געפאָרן, ער האָט נישט-וויסנדיק זיך געמאַכט דערפון, וואָס מען באַשולדיקט אים, אַז ער האָט גענומען געלט ביי די דייטשן, ער האָט מיט קיין איין וואָרט נישט געענטפערט אפילו, ווען מען האָט אים אָפן אין שפּיאָנאַזש-דינסט לטובת די דייטשן באַשולדיקט.

— חבר, איר מוזט אַרויסטרעטן קעגן דעם, רופן אַן ערן-געריכט און זיך ריינוואַשן, דאָס וואַרפט אַ פלעק אויף אייך, — האָבן די מענטשן זיינע געזאָגט.

דער קליינגעוויקסיקער מאַן האָט געשמייכלט.

— צו וואָס? — האָט ער געפרעגט, קוקנדיק מיט חוזק אין די אויגן. — די אַרבעטער און סאָלדאַטן לייענען נישט קיין בלעטער, און די אינטעליגענטן זענען מיר גלייכגילטיק. מיר דאַרפן איין זאַך, שלום און ערד. דאָס וועלן די סאָלדאַטן און פּויערים פאַרשטיין...

— אָבער מאָראַליש, — האָבן די מענטשן זיינע געמורמלט.— עס וואַרפט אַ פלעק אויף אונז.

— מיר זענען נישט קיין באַלעבאַטישע כלה-מיידלעך, וואָס דאַרפן היטן די אומשולד, — האָט דער קליינגעוויקסיקער מאַן געענטפערט. — מיר האָבן איין זאַך אין זינען, די רעוואָלוציע...

ער האָט געוואוסט, וואָס ער זאָגט, דער קליינגעוויקסיקער מאַן. די סאָלדאַטן אין די גאַסן, די מידע, פאַרהונגערטע פון די דריי יאָר קריג, פאַרבענקטע נאָך זייערע דאָרפישע היימען, נאָך דעם אַקער און שניידמעסער, נאָך זייערע ווייבער און נאָך זייער ערד, האָבן

נישט געלייענט די בייסיקע אַרטיקלען אין די צייטונגען, האָבן נישט געזען די קאַריקאַטורן אין די זשורנאַלן אויף דעם קליינגעוויקסיקן מאַן. זיי האָט נישט געאַרט, וואָס דער מאַן איז אין אַ דייטשן פּאַרפּלאָמבירטן וואַגאָן געקומען, זיי האָט נישט געקימערט, וואָס רוסלאַנד האָט די פאַרבינדעטע אַ וואָרט געגעבן און זי דאַרף מיט דער נייער אָפּענסיווע אָפּציען לודענדאָרפס אָנגריף אויף די פראַנצויזן. דאָס אַלץ איז זיי געווען פרעמד, נישט דערגאַנגען צו זייערע אויערן, וואָס ליגן באַהאַלטן אונטער פוטערנע היטלען, נישט דערגרייכט צו זייערע הערצער, וואָס ליגן אונטער לייזיקע העמדער. מיט געעפנטע מײַלער, מיט אויפגעשפּיצטע אויערן, מיט אויפגעריסענע העלע אויגן, מיטן גאַנצן לייב און לעבן האָבן זיי זיך צוגעהערט צו די רייד פון קליינגעוויקסיקן מאַן און זיינע תּלמידים, די צוויי קלאָרע, פּראָסטע, היימישע פאַרשטענדלעכע ווערטער — שלום און ערד. דאָס האָבן פאַרשטאַנען די פּויערן, די זעלנער, די מאַטראָזן פון די קריגס-שיפן, אַלע די, וואָס זענען מיד געווען פון מלחמה, לייז, פּוילן אין שוץ-גרובן, מיליטערישער דיסציפּלין, וואָגלען און וואַלגערן זיך. מיט דער גיכקייט פון אַ פייער, וואָס ווערט געטראָגן פון ווינט איבער אויסגעטריקנטע הילצערנע הייזער, האָבן זיך די רייד גענומען טראָגן איבער גאַסן, קאַזאַרמעס, פּאָרטן, שוץ-גרובן, אַרבעטער-קלובן, פּלעצער און סקווערן.

אַז די מיניסטאָרן, פּאַרטיי-פירער, קריגס-לייט און צייטונגסשרייבער האָבן דערזען, אַז די זאַך ווערט געפערלעך, האָבן זיי אויפגעהערט שפּאָטן און גענומען קעמפן קעגן פאַרהאַסטן מאַן. איבער אַלע גאַסן, פּלעצער און ווינקלען האָט מען וועגן אים און זיינע לייט מיטינגען אָפּגעהאַלטן, די בעסטע רעדנער אַרויסגעשיקט, מאַניפעסטאַציעס מיט מוזיק און רעוואָלוציאָנערע לידער איינגעאָרדנט, כדי צו וועקן ביי די סאָלדאַטן דעם ווילן צו העלדישקייט, צו קריג. מען האָט נייע מאָביליזאַציעס גערופן, די סאָלדאַטן גוט באַוואָפנט, באַקליידט, באַשוכט און מיט דער מאַרסעלעזיע צום נייעם פרילינגס-אָנגריף געשיקט. אָבער דער גרויסער מיליטערישער גוף האָט שוין אין זיין בלוט אַ קליינעם באַציל געהאַט, וואָס דער קליינגעוויקסיקער מאַן מיטן נאַקעטן שאַרבן האָט אין אים אַריינגעלאָזט — אַ באַציל פון שלום און ערד. דאָס האָט דעם גרויסן גוף צעפרעסן, פאַרצערט.

די סאָלדאטן האָבן געוואָרפן די ביקסן, פארלאָזט די שוץ-גרובן און מיט באַנען און צו-פוס געלאָפן פון די שלאַכט-פעלדער, געיאָגט צו זייערע הייזלעך, ערד, ווייבער און פי.

נאָך דעם ערשטן אויפשטאַנד, וואָס דער קלייִנגעוויקסיקער מאַן האָט אין דעם הייסן יולי-חודש אויף די פעטערבורגער גאַסן גע-מאַכט, האָט שוין די רעגירונג מער נישט גענוצט קיין רייד, נאָר גע-ווער. מיט ביקסן האָט מען די אויפשטענדער צעטריבן. אויך האָט מען דעם פירער צוזאַמען מיט זיינע נאָנטע מענטשן אַנגעקלאָגט אין פאַררעט, אין פאַרבינדן זיך מיטן דייטשן גענעראַל-שטאַב. עטלעכע פון זיינע נאָנטע מענטשן האָבן זיך אַליין איבערגעגעבן צו דער מאַכט, מען זאָל זיי שטעלן פאַר א משפט, אויף וועלכן זיי וועלן אָפוואַשן פון זיך די באַשולדיקונגען. דער קלייִנגעוויקסיקער מאַן האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין קראָנשטאַט ביי די מאַטראָזן און נישט געוואָלט הערן אפילו פון שטעלן זיך צו א געריכט.

— חבר, מען באַשולדיקט אייך און אייערע חברים אין שפּיאָ-נאַזש, — האָבן די מענטשן זיינע געזאָגט. — איר דאַרפט זיך שטעלן צו א געריכט און אָפוואַשן פון זיך דעם פלעק. דאָס פאָדערט די ערע.

— אומזין! — האָט דער קלייִנגעוויקסיקער מאַן געענט-פערט. — מיר האָבן נישט קיין צייט צו שפּילן זיך אין ערע, נאָר מאַכן די רעוואָלוציע, איינפירן די דיקטאַטור פון די אַרבעטער און פויערן. מירן ווייטער אָנגיין מיט דער אַרבעט.

ער האָט חוזק געמאַכט פון די חברים זיינע, וואָס האָבן זיך געשטעלט צום געריכט און אָנגעוויזן אויף דעם געטרייען תלמיד זיינעם, וואָס איז צוזאַמען מיט אים אַנטלאָפן.

— אָט ער איז ביים שכל, — האָט ער אָנגעוויזן אויף אים מיט א פינגער, — ער איז געגאַנגען מיט מיר.

איינער פון זיינע מקורבים האָט אים עטלעכע שלעכטע רייד וועגן זיין געטרייען תלמיד געזאָגט:

— אויף אים קאָן מען זיך נישט שטאַרק פאַרלאָזן, חבר. ער לויפט וואו דער ווינט בלאָזט. ביי אים איז עס געווען נישט קיין רעוואָלוציאָנערע טאַקטיק, נאָר פּחדנות...

— איר ווייסט דאָך דאָס רוסישע פאָלקס-ווערטל, — האָט דער קליינגעוויקסיקער מאן געזאָגט מיט א חוזק-שמייכל. — אין א גוטער ווירטשאפט קומט יעדער פאסקודסטווע צונוץ... ער טוט גוטע ארבעט פאר דער רעוואָלוציע...

צום ערשטן איז ער געווען זיכער, אז די רעגירונג וועט אים אליין, צוזאמען מיט אלע מענטשן זיינע, אויסגעפינען און דער-שיסן. א ווײַלע האָט ער געגלויבט אין זייער גלייכן שכל און גע-ריכט זיך אויפן טויט. אבער באלד האָט ער זיך ארומגעזען, אז זיי זענען, צום גליק, נאָך אלץ וויסטע דעמאָקראַטן, וואָס האָבן מורא צו טאָן א געוואגטע נויטיקע זאך. און ער האָט ווייטער גענומען פירן זיין ארבעט פון דער באהעלטעניש ארויס, פארפלייצן דאָס מי-ליטער מיט אגיטאציע פאר דעזערטירן פון פראָנט, פאר שלום און ערד.

איבער דעם גאנצן גרויסן רוסלאנד האָבן די פארטיי-פירער פאנאנדערגעשיקט מענטשן, אין אלע דערפער, שטעט, פאבריקן, קלובן. אויף גאסן און מערק האָבן רעדנער אגיטירט, גערעדט, צו די פאלן פון דער קאָנסטיטואנטע גערופן, כדי מיט די אויסגעוויילטע פון פאָלק א פארלאמענט איינצושטעלן און אין זיין ווילן צו רעגירן. דער קליינגעוויקסיקער מאן האָט געוואוסט, אז זיינע מענטשן זענען נישט אימשטאנד קעגנצושטעלן זיך אלע און אריבערציען דאָס פאָלק אויף זיין זייט, דעריבער האָט ער אָנגעשטעלט זיין גאנצע קראפט אויף ארבעטן צווישן די סאָלדאטן, אין די גארניזאָנען, אויף די קריגס-שיפן, צו געווינען די מענער מיט געווער, דער עיקר די פון דער הויפט-שטאָט. די קעגנער זיינע האָבן גענומען דעם קערפער, דאָס גרויסע רוסישע פאָלק, די צענטליקער מיליאָנען אין די שטעט און אין די דערפער. דער קליינגעוויקסיקער מאן האָט געזוכט דעם קאָפ — פעטערבורג. דער עיקר, האָט ער געוואוסט איז דער קאָפ.

און צו הערבסט, אז עס איז געקומען, אין א ווינטיקער נאכט אין אָקטאָבער, איז ער מיט זיינע קראָנשטאטער מאטראָזן אין דער הויפט-שטאָט געקומען און זי פארכאפט. וואָקזאלן, טעלעגראף, טעלעפאָנען, וואסער-לייטונג, גארניזאָנען, געווער-פאבריקן — אלץ איז פלוצלונג באזעצט געוואָרן. אויף דעם ווינטער פלאץ, וואו די

רעגירונג האָט אָפּגעהאַלטן א מיניסטאָרן-באַראַטונג, זענען אָנגעשטעלט געוואָרן די אָפענע פּיסקעס פון האַרמאַטן.

אין די ערשטע טעג, ווען דער קלייַנגעוויקסיקער מאַן האָט זיך נאָך נישט געפילט זיכער אין זאָטל און מורא געהאַט פאַר דער פאַרטריבענער רעגירונג, וואָס דערנענטערט זיך אויף דער הויפּטשטאָט, האָט ער געשיקט שלוחים צו זייַנע קעגנער, די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן און די סאָציאַל-דעמאָקראַטן, כדי צו שאַפן צוזאַמען א רעגירונג פון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. די חברים זייַנע האָבן אים נישט פאַרשטאַנען.

— ווי אַזוי וועלן מיר קאָנען זיצן מיט זיי צוזאַמען?

— נאַרישקייטן, דערוויַיל זענען זיי אונז נוציק, וועלן מיר זיי אַרייַננעמען, דערנאָך, אַז מיר וועלן זיך באַפעסטיקן, וועלן מיר זיי שיקן צום טייוול... — האָט דער קלייַנגעוויקסיקער מאַן געזאָגט מיט חוזק אין זייַנע אויגן.

די קעגנערישע פּאַרטייען האָבן זיך געטרייסט מיט זייער נצחון ביים פאָלק. פון די זיבן הונדערט און דריי דעפּוטאַטן, וואָס זענען זיך צונויפגעקומען פון אַלע עקן רוסלאַנד אין טאַווורישן פּאַלאַץ צו דער עפענונג פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, זענען בלויז הונדערט און זעכציק געווען באָלשעוויקעס. די איבעריקע האָבן געהערט צו די עסערן, סאָציאַל-דעמאָקראַטן און אַנדערע פּאַרטייען. די הערשער זענען געווען אומרואיק. דאָס פאָלק איז נישט געווען מיט זיי. אָבער דער קלייַנגעוויקסיקער מאַן האָט געהאַט בלויז חוזק אין זייַנע אויגן. ער האָט געוואוסט, אַז זייַנע קעגנער האָבן שטימען און ער — די מאַכט. אַלע גאַסן, פּלעצער, טעלעגראַף, וואָקזאַלן, פעסטונגען, טורמעס, באַנען, זענען געווען באַזעצט דורך מיליטער, דורך זייַנע סאָלדאַטן און מאַטראָזן. און ער האָט געלאַכט פון די אומרואיקע חברים זייַנע. שוין אין טאָג פון דער עפנונג האָט ער געהייסן, אַז די סאָלדאַטן זאָלן מיט געווער אין די הענט צעטרייבן די מאַניפעסטאַציעס, וואָס זענען אַרויס איבער די פּראָספּעקטן, כדי צו דעמאָנסטרירן לכבוד דער ערעפענונג פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג.

דערנאָך האָט ער די דעפּוטאַטן אַליין, די אויסדערוויילטע פון פאָלק, געגעבן פעפער צו שמעקן.

ווי דורך א בראַנד זענען די אויסדערוויילטע דורכגעגאַנגען צום טאַורישן פּאַלאַץ. די באַוואָפנטע מאַטראָזן און סאָלדאַטן האָבן זיי געזידלט, געשאָלטן, אויסגעשפּיגן פאַר זיי.

— קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן, פאַרקויפטע נשמות, דינער פון קאַפּיטאַל, מלחמה-פּאַטריאָטן! — האָבן די באַוואָפנטע ליט אויס-געגרופן צו דעפּוטאַטן, וואָס האָבן זיך דורכגעשאַרט צווישן זיי. — אויף די לאַמטערנעס דאַרף מען אייך אויפהענגען!

צווישן די העכער 700 דעפּוטאַטן פון גרויסן רוסלאַנד צו דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג אין פּעטערבורג, האָבן זיך געטראָפן די צוויי לאָדזשער רעוואָלוציאָנערן — ניסן אייבעשיץ און פּאַוועל שטשינסקי.ביידע זענען זיי צוזאַמען אין סיביר געזעסן, טעג און נעכט די מאַרקסיסטישע ביכער געלערנט, שפּעטער, ביים יאַפּאַנישן קריג, פון דאָרט אַנטלאָפן, אין לאָדזש געאַרבעט, דערנאָך ווידער אין טורמע זיך באַגעגנט. די רעוואָלוציע האָט זיי ביידע באַפרייט. איצט זענען זיי ביידע געגאַנגען אין טאַורישן פּאַלאַץ צו דער עפֿע-נונג פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, אויסגעוויילטע פון רוסישן פאָלק. אבער אי זייערע קליידער, אי זייערע וועגן זענען געווען אַנדערע ביי יעדן פון זיי. שטשינסקי איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין א מיליטערישן פרענטש מיט שטיוול און מיט א רעוואָלווער אין טאַש. ער איז געווען פון די, וואָס האָבן געהאַלטן די מאַכט איצט אין די הענט. מיט דער אייגענער עקשנות, ווי ער האָט פריער אַרומגע-טראָגן זיך מיט די מאַרקסיסטישע ביכער, נישט אַרויסגעלאָזט זיי אויף קיין ווײַלע, און פיינט געהאַט, געהאַסט אַלעמען, וואָס נויגן אָפּ פון זיי, אזוי האָט ער איצט נישט אַרויסגעלאָזט דעם רעוואָלווער פון קעשענע, אַרומגעטראָגן זיך מיט אים אומעטום, און געהאַסט אַלעמען, וואָס גלויבן נישט אין קליינגעוויקסיקן מאַן מיטן נאַקעטן שאַרבן, דעם פירער פון דער רעוואָלוציע. ניסן איז געגאַנגען אין זיין צעקנעפּלטן מאַנטל מיט אָפּשטייענדיקע קעשענעס פון צייטונ-גען, בראָשורן, טעזיסן און רעזאָלוציעס. ער האָט, ווי שטענדיק, געגלויבט אין כוח פון וואָרט, גערעכטיקייט, אין דער שטים פון פאָלק, וואָס איז ווי די שטים פון גאָט.

— הענגען די פאָלקס-פאַררעטער, שיסן, מיט דינאַמיט אויפ-

רייסן! — האָבן די באוואָפנטע מאַטראָזן געשריגן מיט רציחה. — פּאַרקויפטע נשמות, דינער פון קאַפּיטאַל!

ניסן האָט אָנגעכאַפּט שטשינסקין ביים אָרבל פון זיין מילי־טערישן פּרענטש.

— הערט! — האָט ער געזאָגט. — שניידט דעם קאָרן, וואָס איר האָט פאַרזייט!

שטשינסקי האָט גענומען עפּעס מורמלען. ניסן האָט אים איבערגעריסן.

— דאָס בין איך דאָס דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, דער דינער פון קאַפּיטאַל, די פאַרקויפטע נשמה? זאָגט!

שטשינסקי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ער האָט נישט גע־וואַגט ניסנען קוקן אין די אויגן אַריין.

דער גרויסער טאַווריטשער פּאַלאַץ האָט אויסגעזען ווי אַ קאַ־זאַרמע, נישט ווי אַ פּאַרלאַמענט. סאָלדאַטן מיט ביקסן, מיט האַנט־גראַנאַטן זענען געווען פול אומעטום. די שטאָלענע באַיאָנעטן האָבן געגלאַנצט מיט קאַלטער רציחה. אויף דער גאַלעריע איז געווען פול מיט טאַטואירטע מאַטראָזן.

— צעשיסן דאַרף מען די גאַנצע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע געסט, מיט מאַשין־געווער אויסראָטן! — האָבן זיי מיט רויע קולות געוואַלדעוועט און די פינגער ביי די צינגלעך פון די מויזערס און נאַגאַנען געהאַלטן, גרייט אַ דריק צו טאָן, ווען מען וועט דאַרפן.

די דעפּוטאַטן זענען געווען בלאַס, אויפגערעגט. דער צאָרן פון די סאָלדאַטן און מאַטראָזן האָט אָנגעפילט דעם גרויסן זאַל, איבער די קעפּ זיך געטראָגן, ווי גיפטיקער גאַז. צו יעדער מינוט האָט געקאָנט אויפרייסן. די קאָרעספּאָנדענטן פון די אויסלענדישע ציימונגען זענען געזעסן דערשראָקענע. דאָס ערשטע מאָל האָבן זיי אַזאַ פּאַרלאַמענט־עפענונג דורכגעמאַכט.

די ערשטע זענען אַרויסגעטרעטן די תלמידים פון קליינגעוויק־סיקן פירער. זיי האָבן פאָרגעלייגט, אַז די קאָנסטיטואַנטע זאָל, פאַר אַלעמען, אָנערקענען די מאַכט זייערע און באַשטעטיקן אַלע געזעצן, וואָס זיי האָבן אַרויסגעגעבן.

די דעפּוטאַטן פון אַנדערע פּאַרטייען זענען געוואָרן אויפגע־קאָכט.

— אראָפּ, נידער מיט די דיקטאַטאָרן! — האָבן קולות געררופן.

— נישט די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג דאַרף אייך זיך אונטער־וואַרפן, נאָר איר דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, דעם ווילן פון פאָלק!

דעמאָלט האָט איינער פון זיי ארויסגענומען א גרייטע רעזאָ־לוציע, וואָס דער קליינגעוויקסיקער מאַן האָט באַצייטנס אָנגעשריבן און אים מיטגעגעבן, און פאָרגעלייענט זי פאַר די פאַרזאַמלטע.

— צוליב דעם, וואָס די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג איז א פאַר־עלטערטע פאָרם פון פאָלקס־פאָרשטייערשאַפט, — האָט דער פאָר־שטייער געריסן זיך אין גרויסן טומל, — א פאָרם, וואָס איז נישט צוגעפּאַסט פאַר דער איצטיקער צייט, ווען דעם פאָלק דראָט די פאַר־ניכטונג מצד זיין שונא דער בורזשואַזיע און די רעוואָלוציע איז אין געפאַר, ווערט די פאַרזאַמלונג ערקלערט פאַר געשלאָסן.

די דעפּוטאַטן האָבן גענומען שרייען, פּראָטעסטירן, קלאַפּן אין די טישן, פאָכען מיט די הענט. אָבער אין דעם בליק האָט דער לאַ־דזשער איינוואוינער פּאַוועל שטשינסקי, דער הויכער מאַן מיטן בלאָנדן בערדעלע און מיטן מיליטערישן פרענטש, א סיגנאַל געגעבן צו די באַוואָפנטע סאָלדאַטן און מאַטראָזן, אַז זיי דאַרפן זיך נעמען צו דער ארבעט. מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן, מיט מויזערס און נאַגאַנען אין די הענט האָבן די באַוואָפנטע מענער גענומען אָפּ־רייניקן דעם זאַל, טרייבן די אויסדערוויילטע פון פאָלק.

געבויגענע, פאַרשעמטע זענען די דעפּוטאַטן געגאַנגען איבער די פינסטערע פּעטערבורגער גאַסן. די טראַמוויען זענען נישט גע־גאַנגען, די לאַמטערנעס זענען געווען צעבראָכן, די טויערן פאַר־קלאַפּט. אויף די פּוסטע גאַסן איז בלויז מיליטער געווען. מיט ביקסן, מיט האַנט־גראַנאַטן, מיט מאַשין־געווער, מיט קוילן־פּאַסן באַהאַנגען, האָבן די סאָלדאַטן און מאַטראָזן ארומגעדרייט זיך אי־בער דעם ניעווסקי פּראָספּעקט, גערויבערט, געלאַכט און געשאָלטן.

אויף די פּלעצער, ביי די דענקמעלער, זענען האַרמאַטן גע־שטאַנען אויסגעשטעלט מיט די פּיסקעס אין דער הויך. זעלנערישע קיכן האָבן געקאָכט, פונקען געשאָטן ארום זיך. א מאַטראָז האָט געשפּילט אויף א האַרמאָניע א פרייל עכע קאַמאַרינסקע. ניסן איז געגאַנגען א געבויגענער איבער די פּעטערבורגער גאַסן, א פאַר־שעמטער פון דעם, וואָס האָט געטראָפן, א דערנידעריקטער.

וויפל ער האָט געוואַרט אויף אָט דער צייט, אויף דער ער-שטער זיצונג פון די פאָלקס-אויסדערוויילטע פון פרייען רוסלאַנד! וויפל האָט ער געקעמפט דערפאַר, וויפל טורמעס אויסגעזעסן, פיין אויסגעשטאַנען! ער האָט עס דערלעבט. אפילו אַליין פון פאָלק אויסגעוויילט געוואָרן צו דער קאָנסטיטואַנטע. איצט האָט מען אים פאַרטריבן, מיט געוועהר און קללות ארויסגעיאָגט. און ווער? אייגענע סאָלדאטן און מאַטראָזן, אייגענע חברים רעוואָלוציאָנערן. ער האָט זיך געפילט אזוי דערשלאָגן ווי דעמאָלט אין לאָדזש, ווען די פוילישע ארבעטער האָבן אין מאַי א פּאָגראָם אויף די אידישע וועבער אין באַלוט געמאַכט.

א מידער, א דערשלאָגענער, א צעבראָכענער האָט ער זיך אין זיין אָרעם צימערל אויפן שמאָלן בעטל אוועקגעוואָרפן, דעם קאָפּ אין קישן איינגעגראָבן און געוויינט, געיאָמערט אויף דעם יום-טוב, צו וועלכן ער האָט דערלעבט, נאָר מען האָט אים פון אים פאַרטריבן.

אין דרויסן האָבן ביקסן נישט אויפגעהערט קנאַלן אין דער נאַכט.

## קאַפּיטל עלף

צווישן די פוילישע לעגיאָנערן, וואָס דער קאָמענדאַנט מאַר-טשין קוטשינסקי, דער פירער פון דער שלאָג-אָרגאַניזאַציע פון דער פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָט ארויסגעשיקט קיין לאָדזש, כדי צו ווערבירן יונגנט פאר זיינע לעגיאָנערן, און צווישן די דייטשע סאָלדאטן אין שטאָט איז כסדר געקומען צו רייסערייען, סכסוכים.

זיי האָבן נישט ליב געהאַט זייערע פאַרבינדעטע פון עסט-רייך, די דייטשע סאָלדאטן, פון אָנהויב קריג אָן. ערשטנס, האָבן זיי זיך נישט געקאָנט מיט די עסטרייכער אַלעמאָל צונויפרעדן. אַלערליי פעלקער זענען צווישן די עסטרייכישע סאָלדאטן געווען, אונגאַרן, טשעכן, פּאָליאַקן, אידן, רוטענער, באָסניער, רומענער,

ציגיינער. מערסטנס פון זיי האָבן, א חוץ דער קאָמאַנדע, קיין וואָרט דייטש נישט געקאָנט אויסרעדן. די דייטשע סאָלדאַטן האָבן דאָס נישט ליב געהאַט. זיי האָבן זיך מיט זייערע פאַרבינדעטע נישט געקאָנט צונויפרעדן ביי א קופעל ביר, ביי א ציגאַר. א סך פון זיי זענען גאָר געווען שונאים פון די דייטשן, אָפן זייער שנאה אַרויסגעוויזן, ווען זיי האָבן זיך אָנגעטרונקען. די דייטשן האָבן דאָס נישט געקאָנט פאַרטראָגן. געוואוינט ביי זיך אין לאַנד צו אַן איינהייטלעך דייטשלאַנד, צו איין שפּראַך, צו די אייגענע מנהגים, האָבן זיי געקוקט מיט פאַראַכטונג אויף די דייטשן פון עסטרייך, וואָס האָבן נישט זייערע פעלקער גענומען אין די הענט און נישט געמאַכט פון זיי קיין דייטשן.

— העי, דו, קיטשע, טשיטשי, פּיטשי! — האָבן זיי נאָכגעשפּעט די עסטרייכישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן אין זייערע לשונות גערעדט.

אויסער דעם זענען זיי שלעכטע קריגער געווען, די עסטרייכער. אַלעמאָל אויפסניי האָבן זיי פאַרשפּילט ביי די רוסן, און זיי, די דייטשן, האָבן געמוזט זיי גיין צו הילף, אָפּטרייבן דעם שונא פון זייער ערד. זיי האָבן דעריבער געקאָכט פאַר צאָרן אויף די סאָלדאַטן אין די וויקל-בענדער אויף די פיס און מיט די קליינע היטעלעך, פול מיט פאַטריאָטישע בלעכלעך אויף די קעפּ.

די דייטשע אָפיצירן האָבן געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די עסטרייכישע אָפיצירן. צווישן די עסטרייכישע אָפיצירן זענען ווייט נישט אַלע געווען פון די העכערע ספערן. אַלערליי פּעבל האָט מען דאָרט געקאָנט געפינען, אַלערליי שוואַרצהאָריקע, פרעמד-שפּרעכנדיקע לייט, זין פון קרעמער און פויערים, אפילו גאַליציאַנער אידן פון טאַרנאָפּאָל און קאָלאָמייע. מען איז קיינמאָל נישט געווען זיכער אויף א באַל אין אָפיצירן-קאַסינאָ, אויף וועמען מען קאָן אַלץ אָנטרעפן, מיט וועמען מען באַגעגנט זיך. און זיי האָבן אויסגעמיטן, די דייטשע בלאָנד-האָריקע, העל-אויגיקע און פאַררייסענע לאַנד-באַזיצער און יונקערס, צו טרעפן זיך מיט די עסטרייכישע אָפיצירן. אויך ביים דינסט, אין די ערטער, וואו זיי זענען געשטאַנען צוזאַמען, האָבן די דייטשן באַהאַנדלט זייערע פאַרבינדעטע מיט פאַראַכטונג. זיי זענען געווען די ערשטע צו פאַרכאַפּן פאַר זיך די בעסערע וואוינונגען,

איבערלאָזנדיק די ערגסטע פאַר די עסטרייכער. זיי האָבן איבערגענומען די העכסטע אַמטן. אַרויסגעגעבן די באַפעלן און די גאַנצע מאַכט אַריינגענומען צו זיך אין די הענט, וואָס האָט די עסטרייכער אַ סך בייז בלוט געמאַכט.

די דייטשע סאָלדאַטן האָבן אָפט געמאַכט זיך נישט זען, ווען אַן עסטרייכישער אָפיציר איז פאַרבייגעגאַנגען, און נישט סאַלוטירט פאַר אים. אָדער אפילו, ווען זיי האָבן שוין יאָ סאַלוטירט, האָבן זיי עס געמאַכט נישט אַזוי גרינטלעך און זעלנעריש אויסגעשטייפט ווי פאַר די אייגענע אָפיצירן, נאָר גיך, אָפּגעלאָזן, אַבי יוצא צו זיין. די עסטרייכישע אָפיצירן האָבן זיך באַליידיקט צוליב דער שלעכטער זעלנערישער אויפפירונג און אָפט אָנקלאַגעס אין דער קאָמענדאַטור ביי די פאַרבינדעטע געמאַכט. די דייטשע אָפיצירן האָבן געבייזערט זיך אויף זייערע סאָלדאַטן פאַר זייער נאַכלעסיקייט, אָבער די סאָלדאַטן האָבן געזען, אַז דאָס איז נישט מער ווי פליכט און אַז אין דער אמתן זענען זיי שטאַרק צופרידן פון דער שלעכטער באַציאונג צו די שלימזלדיקע פאַרבינדעטע. און זיי האָבן ווייטער שלעכט באַגריסט די עסטרייכישע אָפיצירן, איגנאָרירט זיי.

נאָך די לעצטע מפּלות, וואָס די עסטרייכער האָבן ווידער געכאַפּט ביים רוסישן פרילינגס-אָנגריף און די דייטשן האָבן זיי געדאַרפט קומען צו הילף, איז די שנאה פון די דייטשן צו די עסטרייכער גאָר שטאַרק געווען. די סאָלדאַטן האָבן אפילו זייער נישט קיין שיינע ווערטער צונויפגעשטעלט פון די ק. און ק. — קייזערלעך און קעניגלעך עסטרייך, ווערטער, וואָס האָבן די עסטרייכער אָנגעצונדן פאַר צאָרן און באַליידיקונג.

מיט נאָך מער פאַראַכטונג האָבן די דייטשן געקוקט אויף די פּוילישע לעגיאָנען אין די געפּאַלדעוועטע היטעלעך, וואָס האָבן זיך אין עסטרייך געשאַפן און געפירט זיך אַ באַזונדערע אַרמיי, מיט אייגענע עלטסטע, קאָמאַנדע און אוניפאָרמען. זיי האָבן נישט פאַרטראָגן סיי זייער שפּראַך, סיי זייערע היטעלעך, וואָס זעען אויס ווי ציווילע, סיי זייערע געזאַנגען אויף די גאַסן. ווי נאָר די לעגיאָניסטן האָבן זייערע פּוילישע לידער גענומען זינגען, האָבן די דייטשע לאַנדשטורמער זיי איבערגעשריגן מיט זייער ליד וועגן די סלאַוון:

זיינע באָמבען אונד קאָזאַקען,
זיינע לויזע אונד פּאָליאַקען
האַבען וויר דעם רוסע ניע מיסגענונט,
ברידער, נון אופּס פּעלל איהן ברענט!

די גאַליציאַנער לעגיאָניסטן, וואָס האָבן פאַרשטאַנען דייטש, זענען אויפגעקאָכט געוואָרן פון דעם באַליידיקנדיקן לידל. אָבער די דייטשן האָבן עס נישט אויפגעהערט זינגען. אויף די אָפיצירן פון די לעגיאָניסטן האָבן זיי זיך, די לאַנדשטורמער, אַפילו נישט אומגעקוקט. זיי זענען זיי פאַרבייגעגאַנגען פאַר דער נאָז און נישט אויפגעהויבן די האַנט צו א גרוס, כאָטש דער באַפעל איז געווען, אַז פאַרבינדעטע אָפיצירן געניסן פון די זעלבע האָנאָרן, וואָס די אייגענע. דעם קאָמענדאַנט פון לאָדזש, אָבערסט באַראָן פאָן היידעל-היידעללאָו, איז דאָס בלוט אָנגעלאָפן אין קאַרק, ווען אין זיין שטאָט זענען די פּוילישע לעגיאָנערן אָראָפּגעקומען, מיט דאָרפישע ליטער-וואָגנס, געשפּאַנט אין קליינע פּויערישע פערדלעך, כדי צו העלפן ווערבירן די פּוילישע יוגנט אין זייערע רייען.

— אַך דיזע לאַוז-באַנדע! — האָט ער געוואָרטשעט, ווען דער אדיוטאַנט זיינער האָט אים געמאָלדן וועגן זייער אָנקומען.

ער האָט זיי פון שטענדיק אָן פיינט געהאַט, די פּאָליאַקן, נאָך פון זיין גוט אין אָסט-פּריסן, וואו זיי האָבן ביי אים געאַרבעט. ער פלעגט האַלטן זיי אין זיין גוט, וואָרום זיי זענען געווען ביליק און אַרבעטסזאַם. אין די זומערן צום שניט און קאַרטאָפל גראָבן האָט ער אויך פּוילישע פּויערטעס פון דער רוסישער זייט גענומען צו דער אַרבעט. זיי האָבן זייער ביליקן לוין געפאָדערט, געאַרבעט פון זונען-אויפגאַנג ביז זונען-אונטערגאַנג. אויך האָבן זיי זיך באַנוגנט מיט שלאָפן אין די שטאַלן, אַפילו אויף דער הוילער ערד. עס איז זייער באַקוועם געווען ·מיט זיי צו אַרבעטן, בעסער ווי מיט די דייטשן. אָבער געקוקט אויף זיי האָט ער אַלעמאָל נישט ווי אויף מענטשן, נאָר ווי אויף אַרבעטס-פי. ווי אַלע אָסט-פּריסישע לאַנד-באַזיצער, האָט אויך באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו געקוקט שטענדיק אַריבער דער גרענעץ, אָן אָנהענגער געווען פון דראַנג נאָך אָסטן, וואו ערד איז דאָ א סך און די מענטשן אַרבעטן ביליק.

איצט האָט ער טאַקע געריייניקט די דעראָבערטע שטאָט, אין די הענט זי געהאַלטן. ער האָט געוויזן די לויזיקע פּאָליאַקן און אידן זיין פויסט, אָפּגעוואווינט זיי פון דער פריערדיקער רוסישער חזירישער ווירטשאַפט. מיטאַמאָל האָט מען אים פוילישע לעגיאָניסטן אריינגעשיקט, זיי זאָלן זיך אים דאָ ארומשלענדערן מיט זייערע אוניפאָרמען און שפּראַך. ער האָט עס נישט געקאָנט פאַרטראָגן.

ער האָט געמוזט זיי אויפנעמען אין שטאָט, ווי דער באַפעל האָט געהייסן. באַפעל איז באַפעל. אָבער געכעסט האָט ער זיך אויף די הערן אין גענעראַל־שטאַב, וואָס האָבן אים די פוילישע באַנדע אָנגעשיקט. אַלץ די עסטרייכער, די גאָט־פאַרדאַמטע פאַרבינדעטע, וואָס קיין שום הילף האָט מען נישט פון זיי, בלויז קאָפּדרייעניש און צרות. אין דייטשלאַנד וואָלט קיינמאָל אַזאַ זאַך נישט אָנגעגאַנגען, מען זאָל אין אייגענעם לאַנד לעגיאָנען לאָזן מאַכן, מיט אַ באַזונדערער שפּראַך, קאָמאַנדע און אַלע איבעריקע זאַכן, אַן ארמיי אין אַן ארמיי. אין דייטשלאַנד גייען נישט אָן אַזעלכע געשיכטן. יעדער מוז זיין דייטש, ווער אין רייך לעבט און עקזיסטירט. אויך דאָרט זענען דאָ פּאָליאַקן, אָבער מען האָט זיי אין די הענט גענומען, פאַר דייטשן געמאַכט, נישט געלאָזט זיי האַלטן זיך מיט זייערע נארישקייטן און פוסטע טרוימען. אויך דאָ, אין אָקופּירטן לאַנד, וועט מען מאַכן אָרדענונג, דייטשע אָרדענונג, ווי נאָר מען וועט פאַרטיק ווערן מיטן קריג.

— אָבער די גאָט־פאַרדאַמטע עסטרייכער, די האָבן גאָר קיין שכל נישט, זענען ווייך, ווייבער צעקראָכענע, וואָס ווייסן נישט ווי אַזוי די מאַכט צו האַלטן אין דער האַנט. אַן אמתער דור־הפלגה איז ביי זיי אין לאַנד, אַ געמיש פון פעלקער, נאַציעס, שפּראַכן. איצט זעען זיי, וואָסער צעקראָכענע ארמיי זיי האָבן, קוואַטש פון ערשטן סאָרט. נישט קיין קריגער זענען זיי, נאָר פּאָליטיקאַנטן, דיפּלאָמאַטן פאַרדאַמטע. אַלץ גייט מיט פּאָליטיק. איצט האָבן זיי אויך מיט זייער פאַרדאַמטער פּאָליטיק פאַרדרייט אַ קאָפּ די הערן אין גענעראַל־שטאַב און געפּועלט, מען זאָל די פוילישע לעגיאָנערן דאָ אריינשיקן אין די גרעסערע פוילישע שטעט, כדי צו ווערבירן נייע סאָלדאַטן פאַר זיי צווישן דער יוגנט.

באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו האָט געקריצט מיט די קינסט־

לעבע ציין זיינע פאַר כעס. ער האָט זיי געמוזט אָננעמען, די צוגע-שיקטע לעגיאָנערן, קוואַרטירן פאַר זיי שאַפן, אָבער ער האָט זיי געגעבן די סאַמע ערגסטע פּלעצער, אַ חרובע רוסישע קאַזאַרמע, וואו עס רעגנט אַריין דורך דעם לעכערדיקן דאַך, און טיר-און-פענ-סטער זענען צעבראָכן, וויסט. ניין, ער האָט נישט געוואָלט זיי פאַר-שאַפן קיין פאַרגעניגן אין לאָדזש. ער האָט זיי דאָ נישט געדאַרפט. ער האָט אַזוי אויך גענוג געהאַט צו פירן מלחמה מיט די אַלע גע-היימע מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין שטאָט און אַרומגעטראָגן זיך מיט נאַרישע פאַנטאַזיעס וועגן אַן אייגענער פּוילישער מלוכה. ער האָט זיי אויסגעוואָרצלט, אין די געפאַנגען-לאַגערן פאַרשיקט. איצט, מיטן אָנקומען פון די לע-גיאָנען, וועלן אָט די אַלע לייט ווידער קריגן שטימונג, ווערן האָפער-דיק ביי זיך און אַרויסקריכן אויף דער ליכטיקער וועלט.

צווישן די אָפיצירן אין די לעגיאָנען, וואָס זענען דאָ אַראָפּגע-קומען, איז אויך געווען דער לאָדזשער פּוילישער רעוואָלוציאָנער פעליקס פעלדבלום, דער נאָנטסטער פאַרטיי-חבר פון מאַרטשין קו-טשינסקי, וואָס איז איצט דער קאָמענדאַנט פון די פּוילישע לעגיאָ-נען געווען.

נאָכן פאַנאַנדערפאַלן זיך פון דער רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט“, איז פעליקס פעלדבלום, צוזאַמען מיט זיין חבר מאַרטשין קוטשינסקי, אין דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פאַרטיי אַריין, אין דער פאַרטיי, וואָס צוזאַמען מיטן קאַמף פאַרן סאָציאַ-ליזם האָט זי אויך געפירט אַ קאַמף פאַר אַן אייגן אומאָפּהענגיק פּוילן. פּונקט ווי פריער אין „פּראָלעטאַריאַט“, אַזוי האָט פעליקס פעלדבלום שפּעטער געאַרבעט צוזאַמען מיט זיין חבר מאַרטשין קוטשינסקי אין לאָדזש פאַר דער ניי-געשאַפענער פאַרטיי. ער האָט געדרוקט פּראָקלאַמאַציעס אין געהיימע דרוקערייען, צוזאַמענגע-שטעלט די פאַרטיי-ציַיטונג, אָרגאַניזירט קרייזלעך צווישן די פּוילישע אַרבעטער, איבערגעזעצט סאָציאַליסטישע ביכער, געפאָרן אויף גע-היימע פאַרטיי-קאָנפערענצן, געזעסן אין טורמע, אַנטלאָפן, ווידער אַריינגעפאַלן. אין דער צייט פון יאַפּאַנישן קריג האָט פעלדבלום שטאַרק געאַרבעט אין לאָדזש. זיין פאַרביסנסטער קעגנער און באַ-קעמפער איז געווען דער פּאָליאַק פּאַוועל שטשינסקי, דער סאָציאַל-

דעמאָקראַט, וואָס האָט אין דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי געזען שאָוויניזם, רעאַקציע און נאַציאָנאַליזם. אַליין אַ געוועזענער שילער פון אַ גלחישער שול, האָט ער פיינט געהאַט אַלע פּוילישע סאָציאַליסטן, וואָס ווילן זיך אָפּרייסן פון רוסישן אַרבעטער, וואָס טרוימען וועגן אַן אייגענער פּוילישער מלוכה. ער האָט אויסגעלאַכט פעלדבלומען דעם פּאָליאַק, חוזק געמאַכט פון זיין פּוילישער מיסיע, מיט וועלכער ער האָט זיך אַרומגעטראָגן, אויפגעוויזן זיין פּאַרבלענדקייט, צעקראָכענער ראָמאַנטיק.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז פעלדבלום געווען אין גאַליציע, אויסבאַהאַלטן זיך פּאַר דעם זשאַנדאַרמען-פּאָלקאָווניק קאָניצקי, וואָס האָט אים שטאַרק געזוכט. צום ערשט האָט מען אים אַרעסטירט, ווי אַ רוס. באַלד אָבער האָט זיין חבר קוטשינסקי געשאַפן לעגיאָנען, פּוילישע לעגיאָנען, וואָס זאָלן מיט געווער אין די הענט העלפן אַרויסטרייבן די רוסן פון פּוילן, כדי צו שאַפן אין לאַנד אַן אייגענע פּוילישע מלוכה און איינפירן דאָרט די סאָציאַליסטישע אָרדענונג. אַ סך פון די פּוילישע סאָציאַליסטן האָבן אָנגעטאָן די בלויעלעכע פּוילישע מונדירן און היטעלעך און אַריין אין די לעגיאָנען. פעליקס פעלדבלום איז אויך מיט זיי געגאַנגען. ווי מערסטנס פּוילישע סאָציאַליסטן, האָט ער אויך געגלויבט, אַז דער גרעסטער שונא פון דער פרייהייט איז — רוסלאַנד. ווי מערסטנס פון זיינע חברים האָט ער געגלויבט, אַז אין באַפרייטן פּוילן, וואָס וועט נישט האָבן איבער זיך דעם רוסישן יאָך, וועט מען איינפירן פרייהייט און ברידערלעכקייט. ער האָט זיך געשטעלט נעבן זיין חבר מאַרטשין קוטשינסקי, געקעמפט צוזאַמען, ווי אַמאָל ביי די פּראָקלאַמאַציעס אין בוידעם-שטיבל אין לאָדזש.

נישט זייער קריגעריש האָט אויסגעזען דער לעגיאָנער פעליקס פעלדבלום אין זיין זעלנערישן מונדיר. ער איז שוין געווען אין די יאָרן. אין זיין שוואַרצער געקרייזלטער טשופּרינע און בערדל האָבן זיך שוין פיל גרויע האָר דורכגעוואָרפן. אויך זיינע פענסנע, וואָס רייטן אויף זיין געבויגענער נאָז און האָבן אַלעמאָל אַ טבע אַראָפּצוגליטשן זיך אויפן בענדל, האָבן זיך נישט שטאַרק געפּאַסט צום זעלנערישן הלוך. אַ הויכער, אַביסל אַן איינגעבויגענער, מיט ראַשיקע טריט און לעבהאַפטע באַוועגונגען, אַ שטיקל צעטראָגענער.

אויף וועלכן דער מונדיר איז געשוואומען, דאָס זעלנערישע היטל האָט זיך פאַררוקט, האָט ער גאָרנישט קריגעריש אויסגעזען. אָבער אַ סאָלדאַט איז ער געווען אַ גוטער, אַ געטרייער, מיטן גאַנצן לייב און לעבן, ווי תמיד, ווען ער האָט זיך צו עפּעס גענומען. צוגלייך מיט די יונגע איז ער געגאַנגען אין שלאַכט-פעלד, געלעגן אין די שוץ-גראָבנס, אפילו אליין זיך אויף אויסשפּיר-פּאָסטנס אָנגעבאָטן. אינגיכן האָט ער זיך פון אַ פּראָסטן זעלנער ביז אַן אָפיציר דער-דינט. זיין חבר דער קאָמענדאַנט האָט אים די האַנט געדריקט און אַ העכערן ראַנג געגעבן.

איצט איז ער, צוזאַמען מיט אַנדערע אָפיצירן, מיט זייערע סאָלדאַטן קיין לאָדזש געקומען, אין זיין שטאָט, כדי צו ווערבירן נייע זעלנער פאַר זיינע רייען. מיט אַן אָפיצירישן מונדיר, מיט אַ שווערד ביי דער זייט, איז ער אַרומגעגאַנגען איבער די לאָדזשער גאַסן, אויף וועלכע ער האָט אַמאָל באַריקאַדן געבויט, דעמאָנסטראַ-ציעס געמאַכט, אַ קאָנספּיראַטיוו לעבן געפירט, אויסבאַהאַלטן זיך, פון פּאָליציי און אַגענטן זיך אָפּגעיאָגט. ערגער ווי צו די אַנדערע פּוילישע אָפיצירן, האָבן זיך די דייטשע סאָלדאַטן באַצויגן צו פעלדבלומען, דעם מאַן מיטן בערדל און ברילן, וואָס דורך אַלע זיינע עפּאָלעטן און געווער שרייט אַרויס דער אידישער אינטעליגענט. אויך פון די אייגענע לעגיאָנערן האָט פעלדבלום דער אָפיציר אָפט שפּאָטישע בליקן באַגעגנט. די שקאָצים מיט די פאַררויסענע נעזלעך און בלאָנדע קעפּ האָבן גאָרנישט באַפעלערישעס געזען אין דעם איבערגעוואַקסענעם עלטערן אָפיציר מיטן צעשויבערטן בערדל און פּענסנע אויפן בענדל. ער האָט גיכער אויסגעזען אויף אַ לערער איידער אויף אַ מיליטער-מאַן.

אויך צווישן די אָפיצירן איז ער געווען אַ פרעמדער. נישט אַלע זענען זיי געווען קעמפער, די אָפיצירן אין די לעגיאָנען. עס האָבן זיך אַריינגעקריגן מענטשן פרעמדע, וואָס האָבן גאָרנישט גע-וואוסט פון סאָציאַליזם, קאַמף, וואָס האָבן קיין אַנונג נישט געהאַט וועגן פעלדבלומען און זיינע פאַרדינסטן. זיי האָבן, ווי אַלע מי-ליטער-לייט, געלעבט מיט קאָרטן, טרינקען, ראַנגעס, ווייבער און זעלנערישע וויצן. אויף פעלדבלומען האָבן זיי געקוקט מיט חוזק. ער איז זיי געווען פרעמד, ווי זיי אים. נישט ער האָט געשפּילט,

נישט געטרונקען, נישט קיין אנעקדאָטן געקענט. ער האָט אפילו נישט אומגעקוקט זיך, ווען די דייטשן זענען פאַרביי אים אָן אַ סאַלוט. אויך מיט די זעלנער זיינע איז ער געווען דעמאָקראַטיש, חבריש, גאָרנישט ווי אַן אָפיציר. די אָפיצירן, וואָס האָבן געקלונגען מיט די שווערדלעך, געצירט זיך אין די מונדירן, האָבן אויף אַזעלכע גענג נישט געקאָנט קוקן.

ניין, ער האָט זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין דער סביבה, פּע־ליקס פעלדבלום. אַנשטאָט אַרומצושפּאַצירן אין גאַס און פּאַראַדירן מיטן מונדיר, גיין אויף הוליאַנקעס צו ווייבער, וואָס מאַכן אָוונטן פאַר די הערן אָפיצירן פון דער פּוילישער אַרמיי, איז ער גאָר גע־גאַנגען אין ביבליאָטעקן אין דער פרייער צייט, געלייענט ביכער, בראָשורן, געשריבן, איבערזעצט. ער האָט נאָך אַלץ געלעבט אַ לעבן פון אַן אינטעלעקטואַליסט, געגריבלט זיך מיט די קורצזיכטיקע אויגן אין ביכער, פּאַפּירן.

ער האָט געליטן, פעלדבלום. ער האָט געזען, ווי זיינע אייגענע חברים, אַמאָליקע קעמפער, זענען אין די לעגיאָנען פאַרסאָלדאַטע־וועט געוואָרן, פאַרגרעבט. די אָפיצירן האָבן געקריגן פּריצישע מאַניערן, אַ שלעכטע באַציאונג צו די סאָלדאַטן. דער קאָמענדאַנט, זיין אַמאָליקער פּאַרטיי־חבר, האָט מיט יעדן טאָג מער פאַרגעסן אין זיין סאָציאַליזם און אַריינגעקראָכן אין זעלנערישקייט. ער האָט גערעדט גראָבע סאָלדאַטסקע רייד, אַרומגערינגלט זיך מיט פרעמדע מענטשן, אָפּגעטיילט זיך פון אַמאָליקע חברים. אפילו מיליטע־רישע גלחים האָט ער אַריינגענומען צו זיך, וואָס פּראַוון גאָטעס־דינסטן מיט די סאָלדאַטן. די לידער אין די לעגיאָנען זענען פּאַט־ריאָטישע, נאָר קיין רעוואָלוציאָנערע נישט. דאָס האַרץ האָט פעלד־בלומען געשראָקן צוליב דעם אַלעמען.

כדי זיך אַליין צו פאַרבלענדן, האָט ער ליטעראַרישע אָוונטן איינגעאָרדנט, גערעדט מיט זיינע חברים אין פעלד וועגן דעם פּוי־לישן מעסיאַניזם, וועגן דער באַזונדערער שליחות, וואָס פּוילן האָט, כדי מיט איר פּיין אויסצולייזן די וועלט. ער האָט זיך אָנגעצונדן ביי די ווערק פון מיצקעוויטש, נאָרוויד און וויספּיאַנסקי, געזען פאַר זיך אַ פּוילן, וואָס וועט זיין אַ מוסטער פאַר פעלקער מיט איר יושר און רעכט. דעמאָלט איז אים געוואָרן צוריק גוט, לייכט. ער

האָט דערזען, אז ער קעמפט פאר אן אידעע, פאר א גרויסער זאַך, פאר וועלכע עס איז כדאי לייב און לעבן אָפּצוגעבן. די מענטשן האָבן אים אויסגעהערט, אָבער זיינע רייד זענען געווען זיי פרעמד. א מויער איז געשטאַנען צווישן דעם שוואַרץ-אויגיקן איבערגעבוי-גענעם מאַן אין די ברילן אויף דער געבויגענער נאָז און צווישן די אויסגעשטייפטע, פארקנעפּלטע, בלאָנד-האָריקע און העל-אויגיקע גוים, וואס דער זעלנער איז זיי געלעגן אין די ביינער.

— א מאָדנער מענטש, — דער פעלדבלום, — האָבן זיי גע-רעדט צווישן זיך, — א פרעמדער און אומהיימלעכער.

— א איד, — האָבן אנדערע געמורמלט שטיל.

## קאַפּיטל צוועלף

מען איז געקומען איינגיכן צו מאקס אשכנזי נאָך זיינע פאר-מעגנס, וואָס ער האָט אָנגעזאמלט, נאָך דעם קאַפּיטאַל, וואָס ער האָט קאָנצענטרירט, ווי ניסן אייבעשיץ האָט אים נביאות געזאָגט. אמת, ער אליין, ניסן, איז נישט געקומען, אבער אנדערע זענען געקומען.

די וועלט איז נישט געוואָרן צוריק וועלט, ווי מאַקס אשכנזי האָט געגלויבט. דער שוסטער איז נישט צוריקגעגאנגען צו זיין קאָפּיטע און דער פאבריקאנט צו זיין קאַבינעט. די וועלט האָט זיך איבערגעקערט.

אין די פּאַלאַצן זענען די רויטע גוואַרדייער ביי די קאַמינען גע-זעסן און געוואַרעמט זייערע פיס ביי די געשניצטע מעבלען, וואָס זיי האָבן געוואָרפן אין פייער. קיין האָלץ, קיין קוילן זענען נישט געווען אין דער שטאָט, און די גוואַרדייער האָבן אלץ צעבראָכן, די טייערסטע מאַהאָגען, רויט-האָלץ, בילדער מיט די ראַמען, כדי אָנ-צוואַרעמען זיך אין די גרויסע קאַלטע שטובן פון די פּאַלאַצן. פון דעם לעדער אויף די פּאָטעלן האָבן זיי מיט די זעלנערישע מע-סערס אויסגעשניטן שטיקער אויף צו פאַרריכטן שטיוול. פון פּליוש און סאַמעט האָבן זיי זיך אָניטשעס געמאַכט. אפילו פון די זיידן-געדעקטע ווענט האָבן זיי פּאַסן אויסגעריסן, כדי אַרומצואוויקלען

די פיס אָדער געבן א מויד א מתנה אויף א טיכל. די רייכע און הערשער זענען ארומגעגאנגען נידעריקע, פארשעמטע, הונגעריקע און דערשראָקענע. די בענק זענען געווען פארנומען, די סעיפן פארחתמעט, די געשעפטן געשלאָסן, די פאבריקן נאציאָנאַליזירט, די הייזער הפקר. אויף די מויערן האָבן באפעלן געהאָנגען, אונטער־געשריבן פון קאָמענדאנט פאוועל שטשינסקי, וועגן נאציאָנאַליזי־רונג, רעקוויזיציעס, ארעסטן. איבער דער ברייט פון די גאסן האָבן גרויסע לאָזונגען געפלאטערט אין ווינט, רויטע לייוונטן מיט ווייסע אויפשריפטן, אז די פאַלאצן געהערן צו די אָרעמע פון די קליינע שטיבלעך, אז די גאנצע מאכט איז ביי די סאָוויעטן, אז מען זאָל רויבן ביי די רויבער דאָס אָנגערויבטע. ריזיקע לייוונטן האָבן גרויסע פארביקע בילדער געוויזן, בילדער, ווי א רויט־גווארדייער שטופט זיין באיאָנעט אין א גראָבן בורזשואזן בויך, פון וועלכן בלוט שפריצט ווי פון א פאָנטאַן, ווי א פויער דריקט צו מיט זיין שטיוול דעם פעטן קארק פון א ברייטן פריץ, ווי ארבעטער מיט מוסקולירטע הענט ווארפן ארויס א פאָפ, א קסיאָנדז, א רב און א מופטי, אלע גראָב־בייכיקע און גיריקע, יעדער מיט זיין הייליקייט אין די הענט.

אין איינעם א טאָג זענען זיי געקומען צו אים, מאַקס אשכנזי, רויבן ביי אים דאָס אָנגערויבטע.

מיט אָפענע שינעלן, צעריסענע, וואס האָבן אויף די אַקסלען נאָך סימנים געהאַט פון די אָפּגעריסענע עפּאָליעטן, מיט ביקסן אויף שטריקלעך אָנגעהאָנגען, מיט ווילד־צעשויבערטע טשופּרינעס פון ארויפגערוקטע זעלנערישע פוטערנע היטלען, מיט געוויקלטע פּאַ־פּיראָסלעך אין די מיילער אָדער מיט קערלעך צווישן די ליפּן, מיט רויטע שלייפלעך אויף די ברוסטן און מיט צעריסענע שטיוול אויף די פיס — זענען זיי אריינגעקומען ברייט אין דער פאבריק און זי באזעצט.

— חברים ארבעטער, קיינער זאָל נישט פארלאָזן זיין ווערק־שטאט, אלע זאָלן איבערבלייבן אויף די פּלעצער! — האָט דער פּי־רער, א יונגער בחור, אין א סטודענטיש היטל און מיט א ביקס אויף דעם אָפּגעריבענעם ציווילן מאנטל, גערופן. — די פאבריק גייט

איבער צו דער ארבעטער און פויערים־מאכט. באלד וועט אָפּגע־האַלטן ווערן א מיטינג.

מיט ענערגישע טריט איז דער בחור אריין צו אשכנזין אין קאבינעט און צוגעגאנגען צום שרייב־טיש.

— מיט וואָס קאָן איך דינען? — האָט אשכנזי געפרעגט מיט א געמאכטער רואיקייט און העפלעכקייט אין טאָן, גלייך ווי ער וואָלט גאָרנישט וויסן, וואָס אזוינס עס קומט פאָר. — זיצט!

ער האָט אָנגעוויזן אויף א שטול אקעגנאיבער זיך.

— הויבט זיך אויף פון אָרט און לאָזט מיר צו, — האָט דער בחור געענטפערט, — מיין פּלאַץ איז דאָ.

ער האָט אָנגעוויזן אויף דעם טיפן ברייטן לעדערנעם פאָטעל, וואו אשכנזי איז געזעסן.

אשכנזי האָט ארויסגענומען א שליסעלע און גענומען אויפ־שליסן די אייזערנע קאסע. דער בחור אין סטודענטישן היטל, וואס ער האָט נישט אויסגעטאָן, האָט א מאך געטאָן מיט דער האנט.

— לאָזט שטעקן דאָס שליסעלע, קיין זאך נישט רירן!

— נישט קיין געלט, — האָט אשכנזי זיך פארענטפערט, — בלויז פּריוואטע זאכן.

— נישטאָ קיין פּריוואטע זאכן! — האָט דער בחור גע־לערנט. — אלץ געהער דער ארבעטער און פויערים־מאכט. איר וועט איבערגעבן אלע שליסלען. דערנאָך וועט איר זיין פריי.

כאָטש ער האָט זיך געריכט דערויף אין די לעצטע טעג, דער־ווארט עם מיט יעדער מינוט, איז מאקס אשכנזי געווען פונדעסט־וועגן איבעררֿאשט, ווען ער איז ארוים אויף דער גאס און דאָס פאבריק־טירל האָט זיך פאר אים פארמאכט מיט א טראסק. ער איז געבליבן אפילו שטיין א ווײלע א געליימטער פאר דער פאבריק־וואנט.

ארויסגעוואָרפן! — האָט ער נישט געקאָנט באגרייפן, טאַקע פּראָסט פּשוט געוויזן די טיר, ווי א הונט!

ער האָט נישט געוואוסט וואו צו גיין. דער בחור אין סטודענ־טישן היטל האָט אים געזאָגט, אז ער איז פריי, ער קאָן גיין וואו ער וויל. אבער ער האָט נישט געהאט וואו צו גיין, וואס צו טאָן.

דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן ווי ער איז געווען אָן ארבעט, אָן באשעפטיקונג. ער איז געשטאנען פונקט אזא איבעריקער, מיט פרעמדע הענט, ווי אמאָל זיינע ארבעטער אין לאָדזש, ווען מען פלעגט זיי אָפּזאָגן פון דער ארבעט און פארהאקן זיי אונטער דער נאָז דאָס פאבריק-טירל מיט א טראַסק.

ער איז געווען אַן איבעריקער אין דער גרויסער שטאָט, א הוילער. זיינע הייזער זענען געווען צוגענומען, די געלטער אין די בענק פארכאַפּט, די סעיפן פארחתמעט, די אָבליגאציעס און ווערט-פּאַפּירן אנטווערטעט. ניין, נישטאָ קיין אייביקע זאכן, האָט אשכנזי דערזען. נישט נאָר פּאַפּיר-געלט און ווערט-פּאַפּירן, נאָר אפילו הייזער, גיטער, וואָס ער האָט איינגעקויפט, כדי צו זיין זיכער מיט זיי, האָבן קיין האַפט נישט אויף דער וועלט, ווען דאָס רעדל קערט זיך איבער. פון זיין גאנצן פארמעגן, וואס ער האָט דאָ אין דער מלחמה געמאכט, פון אלע מאשינען, הייזער, גיטער איז אין איין טאָג גאָרנישט געבליבן. ער איז ארויס ריין, בלויז מיטן סויבעלנעם פּעלץ און היטל, וואָס מען האָט אפילו נישט געקאָנט טראָגן אין דער שטאָט פון צעריסענע שינעלן און באוואָפנטע מענער.

אין די ערשטע וואָכן איז מאקס אשכנזי געווען צעטומלט, ווי פון א שטארקן קלאַפּ, וואס מען כאַפּט איבערן קאָפּ און מען קאָן צו זיך נישט קומען. ווײ, ווײ, וויפל ער האָט אריינגעלייגט מי, ארבעט, נישט געגעסן, נישט געשלאָפן, נישט גערוט, וועלטן גע-קערט, ביז ער האָט זיך צו אזא פארמעגן דערשלאָגן. ער האָט אין זיינע אויסרעכענונגען אויף רוסלאנד זיין געבורט-שטאָט פארלאָזט, די פאבריק אויף הפקר געלאָזן, די מאשינען און סחורות ארויסגע-פירט. אליין איז ער דאָ אין דער פרעמדער רוסישער שטאָט געווען, נישט געוואוסט פון קיין רו, פון קיין לעבן, נאָר געבויט, געשאפן, הייזער אָנגעקויפט, גיטער, פלעצער. שטיין-רייך איז ער שוין גע-ווען, ווייט אין די מיליאָנען געהאלטן. ער האָט שוין גאָר אליין נישט געוואוסט וויפל ער פארמאָגט. איצט האָט עס דער טייוול גענומען, אין איין העלן טאָג איז אלץ אויסגערונען. אשכנזי האָט זיך געפילט געקריוודעט, שטארק באַעולהט פון דער וועלט. דאָס איז רויבעריי, האָט ער זיך געקאָכט, אליין זיך א לעבעדיקן אויפגע-געסן, דאָס איז גזילה, ערגער ווי מען שעכט עמיצן. עס איז דאָך

הימלשרייענדיק! מען נעמט א מענטש, וואָס האָט מיט די אייגענע הענט א פארמעגן געמאכט, וואָס האָט לייב און לעבן אוועקגעגעבן, דער מוח איז אים אויסגעטריקנט געוואָרן, וואָס האָט געטראַכט, גע-זוכט, געפלייסט זיך ווי אזוי צו אַ פאַרמעגן צו קומען, און מען נעמט עס אים דיר-נישט מיר-נישט צו און מען הייסט אים גיין!

ער האָט געקוקט אויף די גרויסע אויפשריפטן, וואָס רופן, מען זאָל רויבן ביי די רויבער דאָס גערויבטע, און עס איז אים אין קאָפּ נישט געקראָכן. ער האָט זיך נישט געפילט פאר קיין רויבער, אשכנזי. ער האָט קיינעם נישט באַרויבט. ער האָט בלויז געהאַנדלט, געמסחרט און פאַרדינט. אמת, ער האָט אמאָל עסקים געהאַט מיט סוחרים, מיט שותפים, אבער דאָס איז מסחר, ווער עס איז קליגער, דער נעמט. אנדערש גייט עס נישט. אָבער גע-רויבט האָט ער קיינעם נישט. ער האָט אויסגערעכנט, געוואָלט פאַרדינען, אבער דאָס איז קיין רויבעריי נישט. אזוי פירט זיך אויף דער וועלט. און מיט די ארבעטער, איז אויך די אייגענע זאַך — ער האָט קיינעם נישט געצוואונגען. ער האָט געצאָלט ווי אַלע פאַב-ריקאַנטן, אויסגערעכנט, דאָס געשעפט זאָל האַלטן. ער האָט זיך געפילט ריין, ווי א שעפעלע, אשכנזי, ער האָט גאָרנישט געהאַט אויפן געוויסן אזוינס, וואָס מען זאָל אים קאָנען דערפאַר רויבער אָנרופן. רויבער זענען די, וואָס קומען מיט ביקסן און נעמען צו ביים מענטש דאָס געלט פון די הענט, ווי באַנדיטן, וואָס נעמען די נשמה אַוועק.

זייער עלנט, איינזאַם, צעבראָכן און געקריוודעט האָט ער זיך געפילט אין די אומרואיקע טעג, מער נאָך אין די נעכט, אין וועלכע ביקסן הערן גאָרנישט אויף צו קנאַלן.

מיט א שלעכטן מאַנטל, דעם ערגסטן, וואָס ער האָט נאָר גע-קאָנט אויסזוכן צווישן זיינע מלבושים, מיט אַן ארבעטער-היטל אויפן קאָפּ, כדי נישט צו ווארפן זיך אין די אויגן אויף די גאַסן, איז ער ארומגעגאַנגען איבער דער פרעמדער שטאָט, געבלאָנדזשעט אויף אירע פּראָספּעקטן און פלעצער.

די גרויסע לעבעדיקע שטאָט, וואָס האָט אַלעמאָל געגלאַנצט מיט קארעטן, שליטנס אין דריי פערד געשפּאַנט, מיט עלעגאַנטע דאַמען, שלאַנקע אָפיצירן, געלויכטן מיט געשעפטן, טעאַטערס,

רעסטאָראַנען, לאָקאַלן, איז איצט געשטאַנען אָפּגעלאָזן, פּאַרוואָר-לאָזט, האָט אויסגעזען ווי א קריגס-לאַגער. זייער גיך זענען די מענטשן אריינגעקראָכן אין אָרעמקייט, ארויפגעצויגן אויף זיך דעם דלות. ביי די קאָאָפּעראַטיוון האָבן זיך לאַנגע רייען געצויגן, כדי צו קריגן א שטיקל ברויט, א הערינג. די פּרייזן זענען משוגענער-ווייז געשפּרונגען, מיט יעדער שעה, מיט יעדער מינוט. די פּויער-טעס, וואָס האָבן אריינגעבראַכט א קריגל מילך אין שטאָט, האָבן מורא געהאט עס צו פארקויפן; זיי האָבן גאָר נישט געקאָנט אויס-רעכענען זיך אין די פּאַפּירן-געלטער, וואָס האָבן פארלוירן זייער ווערט פון איין גאַס ביז דער צווייטער. די טויזנטער האָבן זיי צע-מישט.

— איך האָב נישט צו פארקויפן, — האָבן זיי געזאָגט, האַלטנ-דיק די סחורה אין דער האַנט.

זיי האָבן מורא געהאט פאר די באַנקנאָטן, געשראָקן זיך פאר די גרויסע סומען און געצלמט זיך אין פּחד.

אשכנזי האָט די פּאַפּירענע באַנקנאָטן אויסגעליידיקט פון זיינע וויניק-געבליבענע געלטער, ביי די מערק זיך ארומגעדרייט און געקויפט זיך שפּייז, וואָס ער האָט אליין אין שטוב ביי זיך צוגעגרייט. אָבער אין שטוב איז נישט געווען קיין וואַסער, קיין פייער. פרעסט האָבן געהאַלטן שטאַרקע. די וואַסער-לייטונג האָט נישט געאַרבעט, די רערן זענען פון פראָסט פארפרוירן געוואָרן. וואַסער האָט מען געמוזט ברענגען פון ברונעמס צו שלעפּן, פון א צווייטער גאַס. קיין קוילן איז נישט געווען. די מענטשן האָבן דאָס מיסט אין די נעכט דורך די פענסטער אין די הויפן געוואָרפן, אויף די גאַסן.

פון דעם רייכן הויז זיינעם, אויף קאַמיעני אָסטראָווסקי פּראָספּעקט, זענען זיך די מענטשן צעלאָפן. אויף זייער אָרט האָבן זיך ארבעטער אריינגעצויגן, רויט-גוואַרדייער. זיי האָבן צונעמען דאָס מעבל, צעבראָכן, צעקלאַפּט, אייזערנע אויוועלעך אריינגע-שטעלט, רערן דורך די ווענט דורכגעהאקט און דורך די אויסגע-בראָכענע שויבן דורכגעצויגן דעם רויך. די דינערשאַפט איז זיך צעקראָכן, אוועק אין די דערפער, צו זייערע אייגענע, צו עסן דאָס דאָרפישע ברויט און קאַרטאָפל און צו וואַרעמען זיך ביי די גרויסע

אויוונס. אלע טאָג זענען אנדערע סאָלדאטן און מאטראָזן אריינ-געקומען צו אשכנזין אין הויז און אים ארויסגעשטופט פון זיינע צימערן אלץ ווייטער.

— דו, פאָטערל, פון וואָסערע לייט ביסטו? — האָבן זי אים געפרעגט און געקוקט מיט פאַרדאַכט אויף זיין אָנגעצויגענער פּראָ-לעטארישקייט, וואס האָט גאָר נישט געפּאסט צו די טייערע מעבלען פון זיינע צימערן.

אשכנזי האָט זיך פארדרוקט אין א ווינקל פאר די צעוואַק-סענע דעקאָלטירטע מאטראָזן, וואס האָבן געווייעט מיט שמחה, הפקרות, גערעכטיקייט און רציחה צוזאמען.

— איך בין פון די מלחמה-אנטלאָפענע, פון פּוילן, — האָט ער געענטפערט מיט א רחמנות-קול.

— וועסטו זיך, פאָטערל, א ביסעלע אריינרוקן, — האָבן די מענער מיט רויטע געזיכטער געזאָגט מיט שפּאס. — צופיל פּלאַץ פארנעמסטו פאר איין מענטש אין דער איצטיקער צייט, און זאכן האָסטו אויך צופיל, א מעבל-קראָם א גאנצע.

זיי האָבן אים גערוקט פון צימער צו צימער, ביז ער איז ביי איינעם געבליבן. אין די שכנותדיקע צימערן האָבן זיך די סאָל-דאטן באַזעצט, די מאטראָזן. זיי האָבן מיט שמחה די טייערע מעבלען זיינע צעהאַקט און אין די קאָמינען און בלעכערנע אויוועלעך געוואָרפן. יעדער האַק האָט ביי אשכנזין אין הארץ א שניט געטאָן. זיי האָבן מיידן געבראכט, הוליאנקעס געמאכט, היימישן פּויערשן בראָנפן, „סאַמאָגאָן", גלעזערווייז געטרונקען, אויף האר-מאָשקעס געשפּילט, געטאנצט, געלאכט און מיט די מיידן זיך פריי-לעך געמאכט. אשכנזי איז געלעגן ביי זיך אין שטוב אין גרויסן ברייטן בעט, צוגעדעקט מיט אלע קאָלדרעס און פון אויבן מיט דעם סויבלענעם פּעלץ, כדי נישט געפרוירן צו ווערן אין די נעכט, ווען די רערן אין די ווענט פּלאַצן פון פראָסט. אָן ליכט, אָן פייער און וואסער, איז ער געלעגן וואָך אין די גרויסע ווינטער-נעכט און קיין אויג נישט געקאָנט צוטאָן. אין די שכנותדיקע צימערן האָבן די מאטראָזן געהוליעט, געזונגען, געקושט זיך און געשלאָגן זיך. אשכנזי האָט אויסגעשפּיצט זיינע אויערן צו דער פרייד פון די

מענטשן, וואס האָבן גאָרנישט, וואס יעדער טאָג שטייען זיי גרייט צום שלאַכט, און ער האָט זיי מקנא געווען. די ווענט האָבן גע־קנאַקט פון זייערע געלעכטערן, פון זייערע טענץ און קולות. אַלע שוואַכקייטן, שטעכענישן אין די זייטן, ציאונגען ביים האַרץ, ברע־נונג אין די געדערים פון די שלעכטע עסנס, מאָגן־קראַמפּן, אַלע חולאתן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן ביי אים אין זיין עלטערן גוף און נישט אַרויסגעקראָכן אין זיין פריערדיקער פאַרנומענקייט, אין זיין רוישיקן לעבן און שאַפן, זענען איצט אַרויסגעקראָכן, אין קליינעם קערפּער זיינעם אַרומגעקרייזט, געקווילט, גענאָגט. אפילו קיין ביסל וואָרעם וואַסער איז נישט געווען, אפילו קיין אָרט פאַר אַ מענטשלעך געברויך איז נישט געווען אין דער אייגענער שטוב זיי־נער, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט און אָנגעוואָרפן מיט זאַכן. דער פּראָסט האָט אַלץ מיט פייכטקייט און אייזיקייט באַדעקט.

ניין, דער מענטש, וואָס האָט געקענט פירן גרויסע פאַבריקן און געשעפטן, מאַכן פאַרמעגנס, דערטראַכטן זיך צו די גרעסטע איינפאַלן און קאָמבינאַציעס, האָט נישט געקענט באַזאָרגן זיין קליינעם עלטערן גוף, בלייבנדיק אַליין אָן דינער און משרתים.

זיי האָבן געלאַכט פון אים, די מיידן אין די שטיוול, די יונגען אין די פּעלצלעך, ווען ער פלעגט בייטאָג מיט דעם כינעזישן פּאַר־צעלייערנעם קרוג גיין אין אַ זייטיק געסל צום ברונעם נאָך וואַסער. ער האָט זיך געגליטשט אויף דעם פאַרפרוירענעם ברוק, אויף וועלכן אַלע אַנדערע זענען געגאַנגען ווי אויף ברעטער. ער האָט אומגעשיקט צוגעבונדן דעם אויער פון קרוג ביי דעם שטריק פון ברונעם און שלימזלדיק געשעפּט, שיער נישט אַריינפאַלנדיק אין ברונעם אריין. ער האָט מער פאַרגאָסן ווי אַהיימגעטראָגן. זיין האַנט, וואָס האָט אַזוי גיך געאַרבעט מיטן בליישטיפט אויף אַלע פּאַפּירן, טישטיכער, טישן, ביים רעכענען און חשבונען ווי אַזוי געלט צו מאַכן, האָט נישט געקאָנט אויפהייבן קיין האַק צו צע־האַקן עפּעס אַ חפץ פון שטוב און אָנצעוואָרעמען אַ ביסל טיי פאַר זיך. ער האָט אָנשטאָט אין האַרטן האַלץ שיער נישט אין די איי־גענע פיס זיך געטראָפן. אין שטוב איז געווען ביי אים אַ מושב. ער איז געוואָרן אָפּגעלאָזן, פאַרוואָרלאָזט.

ווי אייביקייטן האָבן זיך געצויגן ביי אים די לאַנגע ווינטער־

נעכט אָן שלאָף. ער האָט אויפגעכאַפּט יעדער שאָרך, יעדער קנאַל פון א ביקס אין גאַס. אָפּטמאָל זענען שריפות געווען אין די נעכט. פון די בלעכענע אויוועלעך, וואס מען האָט אומעטום ארייגגע־שטעלט, פון די רערן, וואס מען האָט דורכגעצויגן דורך טיר און פענסטער, האָבן זיך שטובן אָנגעצונדן. קיין וואַסער איז נישט געווען, די פייערלעשער זענען אפילו נישט געקומען. ווי דאָרפישע שייערן האָבן די גרוים־שטאָטישע מויערן געפּלאַקערט אין די נעכט, הפקר און פריי, באַלויכטנדיק די פינסטערע גאַסן. די יאָמערן פון די מענטשן האָבן אָפּגעשלאָגן זיך מיט זייערע ציטערנדיקע ווידער־קולות ווייט אין דער נאַכטיקער שטילקייט.

נאָך מער האָט אשכנזי אויסגעשפּיצט זיינע אויערן צום גלאָק פון טויער. נאַכט ביי נאַכט זענען רעוויזיעס געווען. אין מיטן נאַכט זענען באוואָפנטע מענער באַפאַלן די הייזער, די געוועזענע רייכע און מיוחסים פון די בעטן ארויסגענומען און דורכגעזוכט די שטובן. מיט די באַיאָנעטן זענען די סאָלדאַטן אין די מאַטראַצן ארייננעקראָכן, איבערגעקערט, איבערגענישטערט. מען האָט גע־זוכט געווער, געהיימע פּאַפּירן, אויסבאַהאַלטן גאָלד און בריליאַנטן.

אשכנזי האָט קיין געווער נישט געהאַלטן, אויך נישט קיין פאַרדעכטיקע פּאַפּירן. אים איז גאָרנישט אָנגעגאַנגען אין דער פרעמדער רוסישער שטאָט, וואו ער איז איצט געבליבן פאַרשטעקט. אזוי לאַנג האָט די שטאָט פאַר אים געהאַט א רייץ, ווי לאַנג זי האָט אים געדינט, גוטע געשעפטן געגעבן, געלט, פאַרמעגנס. איצט איז זי פאַר אים געווען פרעמד, ווי א וואָקזאַל, פון וועלכן מען איילט זיך וואָס גיכער צו דער היים. אמת, די נייע מענטשן פון דער שטאָט האָבן אים א סך שלעכטס געטאָן. זיי האָבן אים באַרויבט, באַגזלט, ווי די גזלנים אים פאַרן האַלז געכאַפּט און ארויסגעטריבן פון זיינע הייזער, פאַבריקן, בענק. זיי זענען ווערט מען זאָל לע־בעדיקע פּאַסן פון זיי שינדן, אבער נישט ער האָט געטראַכט זיך צו פאַרנעמען דערמיט. זייער סוף וועט קומען, איז ער געווען זי־כער, ווייל אזעלכע זאַכן קאָנען נישט אויסהאַלטן. די וועלט וועט נישט שווייגן. אבער טאָן וועט דאָס די וועלט, האָט ער געוואוסט, נישט ער. ער, אשכנזי, איז א געשעפטסמאַן, א פאַבריקאַנט, ער האָט איין זאַך צו טאָן, צו האַנדלען און מאַכן געלט. שלאָגן זיך,

ארומקריכן אין די גאסן מיט די ביקסן, האַלטן רעוואָלווערן, דאָס איז נישט זיין זאַך.

ניין, ער האָט נישט מורא געהאַט פאַר די מענער, זיי זאָלן ביי אים געפינען געווער אָדער געהיימע פאַפּירן. ער האַלט נישט פון אַזוינע זאַכן. אָבער אַנדערע פאַרבאָטענע זאַכן האָט ער גע- האָט. ערשטנס, האָט ער אין די אומרואיקע טעג אַביסל סחורות פון זיינע לאַגערן אַרויסגעפירט און באַהאַלטן זיי אין קעלערס אויף יעדער צופאַל, פאַרשטעקט זיי צווישן באַקאַנטע און היימישע. היפּש דערפון איז געלעגן אויך אין די אייגענע קעלערס אין הויף, זייער פּרייז איז געוואַקסן מיט יעדן טאָג. אַשכנזי האָט געוואָלט פון זיי פּטור ווערן וואָס פריער, פאַרקויפן זיי פאַר וויפל עס וועט זיך לאָזן, אַבי אַרויס פון זיי. אָבער עס איז שווער געווען עפּעס צו טאָן דערמיט. נישט מען האָט געקאָנט די סחורות איבערפירן עפנטלעך, נאָר בסוד סודות, נישט מען האָט געקאָנט צונויפקומען זיך מיט סוחרים. אַלע זענען געווען צעטומלט, דערשראָקן.

צווייטנס, האָט ער געהאַט פאַר דער צייט אוועקגעלייגט אַ ביסל בריליאַנטן, גאָלד, וואָס ער האָט אויסבאַהאַלטן נישט אין די סעיפן, נאָר פאַרשטעקט אין באַהעלטענישן ביי זיך אין שטוב, אין גאָר באַהאַלטענע ערטער, וואָס קיינעם וועט נישט איינפאַלן צו זוכן. די בריליאַנטן האָט ער אַליין אין די נעכט אין די מלבושים איינגע- נייט מיט קרומע אומגעשיקטע נעט, אין סויבעלנעם פעלץ, אונטער די קאָלנערס פון די ווינטער-מאַנטלען, מען זאָל עס מיט דער האַנט נישט דערטאַפּן. ער האָט זיך גערעכנט אויף דעם אומגליק, דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז עפּעס שלעכטס וועט אָנקומען אין דעם לאַנד, און ער האָט זיך אָנגעגרייט קאַסטבאַרקייטן אויף דער שוואַרצער שעה, ווען זי וועט קומען.

ער האָט געוואָלט אַנטלויפן פון דער שטאָט, וואָס אַ חוץ רויטע שלייפן, באַפעלן אויף די מויערן, באַוואָפנטע מענער, פולע גאַסן מיט רייד און פּראָקלאַמאַציעס, האָט זי נאָרנישט, קאָן זי אים גאָר- נישט געבן. בלויז געפאַר האָט זי פאַר אים פאַרמאָגט. אָבער אַרויספאָרן איז געווען שווער. מען האָט געמוזט האָבן דערלויבע- נישן אַלערליי, פּאַפּירלעך, און אַשכנזי האָט קיין חשק נישט געהאַט צו דרייען זיך צופיל אין די רויטע אמטן, וואו עס זיצן די נייע

ליט, די מענער מיט די היטלען אויף די קעפּ און די ווייבער מיט די פּויערישע טיכלעך. ער האָט וואָס ווייניקער געוואָלט לאָזן זיך הערן מיט זיין נאָמען אין דער שטאָט, וואו דער לאָדזשער פּאוועל שטשינסקי איז געווען דער קאָמענדאַנט. ער האָט אים נאָך גע-דענקט פון לאָדזש, דעם שטשינסקין, נישט איינמאָל אין פינפטן יאָר עסקים געהאט מיט זיינע ליט, די שטרייקערס. ער האָט גע-וואוסט, אז גאָרנישט קיין גוטס קאָן ער דערוואַרטן פון אָט דעם פאַרשווין, וואָס לעבן און טויט איז איצט ביי אים אין די הענט.

איבעריקנס האָט מען קיין געלט נישט געקאָנט ארויספירן, א חוץ א קליין ביסל פאַפיר-באַנקנאָטן, וואָס האָבן א קליינעם ווערט. אשכנזי האָט געוואָלט אנטלויפן פון לאנד, קיין אויסלאנד זיך ארויסקריגן, כדי פון דאָרט צוריק אריינצוקריגן זיך קיין לאָדזש. אבער ארויספאָרן אָן די אוצרות זיינע האָט ער נישט גע-קאָנט. וואָס וועט ער טאָן אויף דער גרויסער וועלט אָן געלט? און ארויספאָרן מיט די אוצרות איז געווען א סכנה. מען האָט געזוכט אויף טריט און שריט. פאַר אזעלכע זאכן קאָן מען ווערן מיט א קאָפּ קירצער אין די איצטיקע ציטן. ער האָט געזוכט ווי אזוי זיך ארויסצוקריגן פון לאנד געהיים, דורך אייגענע געניטע מענטשן, דורך גוטן כאבאר. אבער נישט אזוי לייכט איז געווען אזעלכע מענטשן צו קריגן, וועמען זיך אָנצוטרויען. די גאנצע וועלט איז פול מיט שווינדלער און באַטריגער. און ער איז דערווייל געזעסן אין דער שטאָט ווי אויף הייסע קוילן. ער האָט געלעבט דערפון, וואָס ער האָט חפצים פון שטוב ארויסגעטראָגן אויף די מערק צו פאַרקויפן, אליין שפייז זיך איינגעקויפט ביי די פּויערטעס, אליין א לעפל עסן זיך אָפּגעקאָכט. די אוצרות האָט ער געהאַלטן אויף ארויסצוקריגן זיך פון דער גיהנום-שטאָט, ווען די גוטע שעה וועט קומען.

און ער האָט געציטערט אין די נעכט, געשראָקן זיך פאַר יעדן קלאַפּ, פאַר יעדן קלונג אין טויער, פאַר יעדן שאָרך אויף די טרעפּ, צי מען גייט נישט אמאָל מיט א רעוויזיע, צי מען קומט נישט נאָך זיינע אוצרות און זיין לעבן. ער האָט זיי אָפט געזען אויף די גאַסן, די לאַסט-אויטאָמאָבילן מיט די ארעסטירטע, ארומגערינגלט מיט זעלנער און ביקסן, ארעסטירטע פאַר אַלטן יחוס, פאַר אויס-

באהאלטן סחורות, פאר שפעקולאציע. מען האט נישט הויך גערעדט אין שטאט וועגן זייער גורל, מען האט מורא געהאט א ווארט פאר די ליפן ארויסצוברענגען, אבער געמורמלט האט מען, אז זעלטן ווער עס קומט צוריק פון די, וואס מען פירט זיי אוועק מיט די לאסט-אויטאמאבילן. ער פארטיקט זיך מיט זיי גיך אפ, פאוועל שטשינסקי. אין די פינסטערע נעכט, זאגט מען, פירט מען זיי הינטער דער שטאט ארויס, מען ראמט זיי אפ און מען פארווארפט זיי אין גריבער, וואס קיינער ווייסט אפילו נישט וואו זייער געביין איז אהינגעקומען. דערפון זאל דאס שטאמען דאס קלאפן פון לאסט-אויטאמאבילן אין די נעכט, דאס קנאלן פון ביקסן.

אשכנזי איז אומרואיק געלעגן אונטער די איבערגעדעקטע קאלדרעס און סויבעלנעם פעלץ אין די שלאפלאזע נעכט. ער האט אויפגעציטערט ביי יעדער שפרונג פון א מייזל, ביי יעדן טריט, וואס האט זיך אפגעשלאגן אין דער גאס. כאטש זיינע אוצרות זע-נען געווען באהאלטן, פארשטעקט, פארנייט, האט ער געציטערט פאר זיי. ווער ווייס, צי די סאלדאטן מיט זייערע עלטסטע וועלן זיי נישט אויסגעפינען, צונעמען זיי ביי אים, אין טורמע אים איינזעצן, אדער אפשר גאר אוועקפירן מיט די לאסט-אויטאמאבילן אין די נעכט.

ער איז נישט געווען זיכער מיט די שכנים אין הויף, וואס האבן געקענט אים פון די פריערדיקע צייטן. אמת, זיי פלעגן אים אלעמאל שיין באגריסן, די היטלען פאר אים אראפנעמען. אבער איצט איז זייער צייט, זיי קאנען מסרן אויף אים. נאך ווייניקער גלויבן האט ער געהאט אין די מאטראזן און סאלדאטן, וואס האבן זיך באזעצט אין זיין דירה. ער האט אלעמאל דערוואַרט, זיי זאלן פלוצלונג אויסהאקן די טיר פון זיין שטוב, וואס ער האלט פאר-קייטלט און פארריגלט, זיי זאלן אים צונעמען דאס לעצטע און אים א קויל אין קאפ געבן, אדער גאר דערשטיקן, אז א האן זאל נישט קרייען. קיינער וועט נישט וויסן אפילו וואו זיין געביין איז אהינגעקומען. ווי א הונט וועט מען אים ערגעץ באגראבן, צוזאמען מיט גוים און שלעפער.

עלנט, פארלאזן, אליין איז געווען מאקס אשכנזי אין די נייע

טעג אין דער שטאָט, וואָס האָט זיך איבערגעקערט, אַ רחמנות האָט אים אַרומגענומען אויף זיך אַליין, אויף זיין עלנט לעבן.

צו וואָס איז ער געקומען דאָ אַהער, אין דער פרעמדער רוסישער שטאָט? נאָך געלט איז ער געקומען. ער האָט זיך אויף רוסלאַנד אָריענטירט, פון דער אייגענער שטאָט געלאָפן, די סחורה אַרויסגעפירט, די מאַשינען פון דער פאַבריק צוגענומען, אַ תל געמאַכט פון זיך, פון געשעפט, פון דער פאַבריק, פון פּאַ-לאַץ. דאָס אייגענע ווייב איבערגעלאָזט, כאָטש זי האָט אים געבעטן, ער זאָל בלייבן. ער האָט געוואָלט געשעפטן מאַכן אין דער רוסישער שטאָט, מיליאָנען, וואָרום ער האָט אין די דייטשן נישט געגלויבט, דעם צוטרוי פאַרלוירן צו דער שטאָט, אָפּגע-ריסן פון רוסלאַנד. ער האָט טאַקע געמאַכט אַ פאַרמעגן, מיליאָ-נען געזאַמלט, דאָס געלט איז אַליין דאָ אים די הענט אַריינ-געלאָפן. אָבער וואָס איז געוואָרן דערפון? גאָרנישט. הויל און נאַ-קעט איז ער אַרויס פון אַלעמען, צום טייוול איז זיין גאַנצע מי, אַר-בעט און אָנשטרענגונג געגאַנגען. ער האָט זיך אַפילו נישט פאַרגו-נען אָפּצורוען ווי געהעריק, נישט אויסצושלאָפן זיך אין די נעכט, כאָטש ער האָט שוין די עלטקייט דערפילט. איצט איז דאָס אַלץ פאַרן רוח אַוועק, פאַר די פּאַניעס מיט די צעריסענע שינעלן.

זיין קאָפּ, זיין איבערקליגלען זיך, פאַרפירט אים אַלעמאָל צום טייוול. ניין, מען דאַרף נישט אַזויפיל איבערטראַכטן, מען דאַרף לעבן ווי עס לאָזט זיך, נעמען פון לעבן ווי עס גייט, ווי זיין ברו-דער יעקב-בונם.

מיט קנאה האָט ער געטראַכט איצט וועגן דעם ברודער זיינעם, וועמען ער האָט שטענדיק אַזוי געהאַסט. איצט האָט ער צו אים קיין שנאה מער נישט געפילט, ער האָט אים בלויז מקנא געווען. ער איז פאַרבליבן אין לאָדזש, ער לעבט זיך מסתמא אַ גוט, רואיק לעבן, אין מנוחה און אין זיכערקייט. ער האָט נישט איבערגע-טראַכט, נישט געקלערט אַזויפיל, נישט געשפּרונגען פון דער הויט. ער איז פאַרבליבן אין לאָדזש ווי אַ סך אַנדערע, געלאָזט גיין מיטן געוויינלעכן וועג. איצט זיצט ער אודאי מיט זיין גערטרוד און מיט די קינדער, וואָס זיי האָבן.

ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין גערטרוד. אַ וואויל מיידל

געוועזן, — האָט ער געטראַכט ווען איר דאָס ערשטע מאָל, — א שיינע און א קלוגע, מיט א מאַנסבילישן קאָפּ. וואָסער גליק דער יעקב-בונם האָט, זי אָנצוקריגן פאַר א ווייב; זי, וואָס וואָלט גע-קאָנט זיין זיין טאָכטער. ער איז אפילו אויף דער חתונה ביי איר נישט געוועזן, אין שטוב צו איר קיינמאָל נישט געקומען, א פרעמ-דער געוועזן. אים האָט עס פאַרדראָסן איצט אין די שלאָפלאָזע נעכט, ער האָט פאַראיבל אויף זיך געהאַט, געפרעסן זיך דערפאַר. פון גערטרודן איז ער אריבער טראַכטן וועגן זיין זון, איגנאַץ׳ן. ער מוז שוין איצט זיין א מענטש אין די יאָרן. ער האָט געפּרואווט ביי זיך אין געדאַנק ארויסרופן זיין בילד, אָבער ער האָט נישט געקאָנט. עפּעס צערונען און אָפּגעווישט איז אַלץ געוועזן. ווי וואָלט ער אים איצט געוואָלט זען. אמת, ער איז קיין ליט נישט געוועזן, א קאָפּ געהאַט א גראָבן, און אים, דעם אייגענעם פאָטער, שנאה ארויס-געוויזן. דאָך וואָלט ער אים איצט געוואָלט זען, וויסן וואָס איז מיט אים, ווי אזוי זעט ער אוים, ווי אזוי לעבט ער. מעגלעך, אז ער האָט שוין גאָר ערגעץ א פאַמיליע, א ווייב, קינדער. און אפשר, אפשר איז גאָר חלילה מיט אים עפּעס געשען? ער האָט געהערט, אז ער זאָל האָבן פרייוויליק אריין אין דער ארמיי צו די פראַנצויזן. אים האָט אַלעמאָל געצויגן צו פּוסטע זאַכן, צו גויאישע און ווילדע. ווער ווייסט, צי ער איז נישט פאַרוואונדעט, אָדער, חלילה, נאָך ער-גער? אשכנזי האָט א ציטער געטאָן פון געדאַנק.

פון דעם זון איז ער אריבער צו איר, צו דינהלען. ווי מיט א סך יאָרן צוריק, איז זי אים פּלוצלונג געשטאַנען פאַר די אויגן, א יונגע, א ווייכע, א שיינע און רייצנדיקע. מיט ווייטאָק האָט ער זיך דערמאָנט אין איר, געדענקט זייער לעבן. אמת, זי האָט אים קיין ליבשאַפט נישט ארויסגעוויזן, פרעמד געווען אים, אָבער אפשר איז זי נישט אינגאַנצן שולדיק געווען. ער איז צופיל געווען פאַרטאָן, פאַריאָגט, נישט פּרובירט זיין נעבן איר, אריינגעמען זי אין די הענט. דאָס גאַנץ זיך איז גאָר געווען א משוגעת. זי האָט עס נישט געוואָלט. ער האָט זי באַליידיקט דערמיט, פאַר מענטשן מבייש געווען. מיט געוואַלט האָט ער ארויפגעצוואונגען אויף איר דעם גט. זי האָט אים אפילו שוין דעמאָלט ליבשאַפט נעגומען ארויסווייזן, קוקן אים אין די אויגן. ער האָט צו איר גאָרנישט געהאַט. זי האָט

אַלעמאָל שטענדיק זיך לייטיש געפירט, קיין חרפּות און בושות, ווי אַנדערע ווייבער אויף זייערע מענער, אויף אים נישט געבראַכט, זיין נאָמען נישט באַשמוצט. גראָד ווען זי איז געוואָרן אַן אַנדערע, גענומען רעדן וועגן לעבן ווי לייטן, וועגן נחת פון קינדער, איז אויף אים אָנגעפאַלן דאָס משוגעת זי צו גטן.

ער האָט זי ליב געהאַט, האָט אשכנזי געדענקט, אפילו ביים גט האָט זי זייער שיין אויסגעזען. אָבער ער האָט זי אָפּגעוואָרפן פון זיך, פאַרביטן אויף די מאַדאַם מרגליות. זי איז אַ קלוגע, דאָס נייע ווייב זיינס, וואָס איז איצט אין לאָדזש אַליין פאַרבליבן. כאָטש זי האָט קיינעם אין לאָדזש נישט געהאַט, איז זי פאַרבליבן דאָרטן, כדי צו היטן זיין פאַרמעגן. זי איז אַ מענטש מיט שכל, אַכטעט אים, האַלט אים בכבוד. אָבער קיין גליק האָט ער ביי איר קיינמאָל נישט געהאַט. זי איז געווען עלטער פאַר אים, מיאוס. ער האָט קיינמאָל ביי איר נישט געקאָנט געפינען קיין גליק נאָך די האַרטע טעג פון האַנדל, קריגערייַ און רייסעניש, קיינמאָל נישט געקאָנט אַריינגראָבן זיין קאָפּ אין איר שויס און פאַרגעסן אין אַלע פּיין, וואָס פאַרשווינדן אין ליבע, וואַרעמקייט און גליק. אַ חבר איז זי אים געווען, נישט קיין ווייב. פּוסט זענען געווען די נעכט מיט איר, אומזיניק. דינהלע איז נאָך ווי אַ רויז געווען, ווען ער איז אַוועק פון איר. און צוליב וואָס האָט ער עס געטאָן? צוליב געלט, פאַר־מעגנס. איצט האָט אַלץ דער טייוול גענומען. עלנט, אַליין, איז ער אין דער פרעמדער שטאָט, גרייט אומצעקומען ווי אַ הפקרדיקער הונט. און אַלץ וואָלט דאָך געקאָנט אַזוי אַנדערש זיין, אַזוי גלייך, גליקלעך, מיט ווייב, קינדער און נחת.

אַ מיטלייד האָט אים אַרומגענומען אויף זיך אַליין, אַ רחמנות אויף זיין לעבן, וואָס ער האָט מיט די אייגענע הענט צע־בראָכן. תמיד האָט ער געטאָן אַלץ, אַבי זיך אַליין שלעכטס צו טאָן.

מיט טרייסט האָט ער געטראַכט וועגן דעם, וואָס ער האָט עפּעס איבערגעלאָזן אין לאָדזש, אַ פאַבריק, אַ פּאַלאַץ, הייזער. עס איז באַשערט געווען, ער זאָל נישט אַלע בריקן פאַרברענען הינטער זיך. איצט וועט ער קאָנען צוריקקערן דאָרט. אָ, ער וועט שוין וויסן איצט ווי אַזוי צו לעבן. ער וועט שלום מאַכן מיט די קינדער, מיטן אייגענעם ברודער. אומזיסט און אומנישט האָט ער

זיך שטענדיק ארומגעקריגט, אפגעריסן זיך פון אלעמען און אלץ. ער וועט שוין קליגער זיין, די צייט האט אים געלערנט, א גוטע לעקציע געגעבן. אפילו איר, דינהלען, וועט ער זיין פריינטשאפט ארויסווייזן, ארויסהעלפן איר. ווער ווייסט, ווי אזוי עס גייט איר דארט?

מיט מענטשן וועט ער לעבן גוט, נישט איינרייסן מער, נישט זיין אזוי הארט. נישטא פאר וואס זיך מוסר-נפש צו זיין. דער מענטש טראכט און גאט לאכט. מען דארף נישט פארזארגן קיין וועלט, מען דארף נישט איינרייסן. ער וועט צדקה געבן, גוטע זאכן טאן. אבי נאר ער זאל ארויס פון דאנען, אנטלויפן פון דעם גיהנום, פון דער פרעמדער רוסישער שטאט, וואס אויסער געפאר האט זי גארנישט מער פאר אים. זאל ער נאר צוריקקומען קיין לאדזש, צו זיין געבורטס-שטאט, צו אייגענע, ער וועט שוין דארט עפעס אויפטאן. נישקשה, אשכנזי איז נאך אשכנזי. אזעלכע פארקויפט מען נישט דריי פאר א גראשן. ער האט אין פעטערבורג געמאכט א פארמעגן און ער וועט אויך דארט צוריק ווערן דער אמאליקער. ער קאן גארנישט אויפטאן אין א לאנד, וואס איז משוגע געווארן, וואו ער, אשכנזי, דארף גאר, צוזאמען מיט שקאצים און שיקסעס, גיין נאך וואסער, האקן האלץ, דינגען זיך אויפן מארק מיט פויערטעס איבער א פלעשל מילך. אבער אין לייטישע מדינות, צווישן מענטשן, וואו מען האנדלט און מען וואנדלט, וועט ער ווייזן זיין כח. און אפילו מיט די דייטשן קאן מען אויך אויסקומען. די וועלט איז אומעטום א וועלט, וואו עס איז נאר נישט איבערגעקערט מיטן קאפ אראפ און די פיס ארויף. ער וועט זיי ווייזן, די דייטשוקעס, אז ער איז דער חכם. נישט זיי. נישקשה, ער האט שוין מיט זיי נישט איינמאל געשעפטן געהאט.

ער האט אפילו מער נישט חרטה געהאט אויף זיינע גרויסע היזקות אין רוסלאנד. כאפט עס דער רוח! זאלן זיי זיך דערווארגן דערמיט. עס וועט זיי סיי-ווי-סיי אויספאלן באקאם. זיי וועלן בלויז דאס לאנד חרוב מאכן. ער פארגינט זיי, זאלן זיי נעמען, זאל זיך אים דאכטן, אז א פייער איז אראפ פון הימל און אלץ פארברענט, אז א מגפה איז געקומען, אן אנשיקעניש. וואס איז געוועזן איז געוועזן. מסתמא איז אזוי באשערט. דער עיקר איז, ער זאל קא-

נען ארויס פון דאַנען, אַרויסקריגן זיך. דאַנקען גאָט, וואָס אים איז איינגעפאַלן נישט אַריינצולייגן אין סייף, נאָר צו האַלטן ביי זיך, אביסל בריליאַנטלעך, גאָלד, אויך סחורות אין די קעלערס. ווען גאָט זאָל העלפן און מען זאָל די סחורות באַצייטנס אָפּשטעקן פאַר אַ לייטישן מקח, מען זאָל אַרויס בשלום מיטן גוף פון דעם ווילדן לאַנד, וועט מען שוין מיט גאָטס הילף נישט פאַרלוירן גיין. מיט געלט קאָן מען נאָך אין לייטישע מדינות אַלץ אויפטאָן. אבי אַרויס-קריגן זיך פון דעם גיהנום.

ער איז גרייט געווען, אַשכנזי, אַוועקצוגעבן אַ גרויסע סומע. אין גאָלד צאָלן, אבי מען זאָל אים דורך אַ זיכערן וועג אַרויס-פירן מיט זיין ביסל אָפּגעשפּאָרט פאַרמעגן פון דאַנען, און וואָס פריער, ווייל דערנאָך קאָן זיין צו שפּעט.

נישט לייכט איז עס געווען. זיינע נאָענטע און באַקאַנטע זענען זיך צעלאָפן, אויסגערונען אין די ביטערע טעג. אין די הייזער, וואו פריער זענען געווען אייגענע, טרעפט מען איצט אָן סאָלדאַטן אַלערליי, מאַטראָזן און אַרבעטער, וואָס ווילן אפילו רעכט נישט ענטפערן, ווען מען פרעגט זיי אויף פריערדיקע באַלעבאַטים. צווישן די נייע לייט, די איצטעקע מיוחסים, האָט ער קיין באַקאַנטע נישט געהאַט. נישט לייכט איז געווען צו טאָן עפּעס, סיי פון די סחורות פּטור צו ווערן, סיי אַרויסקריגן זיך. אַ מורא איז געווען אַ וואָרט גאָר אַרויסצורעדן. אָבער אַשכנזי האָט דעם מוט נישט פאַרלוירן. כאָטש ער האָט שוין אין זיין לעבן געזען, אַז אויסער געלט האָבן מענטשן אויך אַנדערע זאַכן, פאַר וואָס זיי גיבן אַוועק דאָס לעבן, פאַראַן פאַנטאַזיאָרן אַלערליי, צעדרייטע, וואָס ווילן אַליין נישט לעבן און לאָזן אַנדערע דאָס לעבן נישט באַקומען, האָט אַשכנזי פונדעסטוועגן פאַרשטאַנען, אַז בלויז געציילטע זענען משוגעים. מערסטנס מענטשן זענען ביים שכל, ווייסן וואָס אַ מטבע איז און ווילן כאַפּן אַ פאַרדינסטל. אַזוי איז געווען, אַזוי איז און אַזוי וועט זיין.

ער האָט זיי געקענט, די אַלע כאַבאַרניקעס ביי אַלע ציטן און רעגירונגען, און ער איז געווען זיכער, אַז אויך צווישן זיי, די איצטיקע הערשער, זענען דאָ געניג בעלנים אויף אַ גוט פאַר-דינסטל, זענען פאַראַן חבֿרה-לייט, וואָס מיינען נישט די הגדה,

נאָר די קנײדלעך. מען האָט געגנוג גערעדט אין גאַס װעגן די נײַע, װאָס פאַרקױפן אויף די מערק די זאַכן, װעלכע זײ רעקװיזירן בײַ די רײַכע פאַר די אָרעמע. אשכנזי האָט גאָרנישט געטראַכט אַנדערש. ער איז געװען זיכער, אַז פּונקט װי בײַ די אַלטע טשינאָװ-ניקעס, אַזױ אױך בײַ די איצטיקע אין די לעדערנע רעקלעך, קאָן מען פאַר אַ רובל אַלץ מאַכן. דער אומגליק איז נאָר, װאָס מען װײסט נישט װי אַזױ צו זײ צוצוגײן, מ'װײסט נישט װער עס איז בײַם שכל און װער עס נעמט טאַקע ערנסט אָט די אַלע פּלױדערײען אויף די מיטינגען. נאָך ערגער דערפון איז דאָס, װאָס אַפילו מיט קײן אײגענעם איד איז מען נישט מער זיכער. אַמאָל, האָט אשכנזי געװאוסט, איז אַ איד געװען זיכער, אַז װען אײנער הײסט מענדל, מעג מען עסן פון זײַן פּענדל. איצט איז געװאָרן אַ צײַט, אַז אײן גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען. די אידן בײַ די רױטע לײַט זענען נאָך ערגער װי די גוים. אַ איד איז בײַ זײ גאָרנישט. נישטאָ, זאָגן זײ נאָר, קײן איד און גױ, בלױז בורזשוען און פּראָלעטאַריער.

אשכנזי האָט אַ סך געטראַכט אין די שלאָפלאָזע נעכט װעגן צוקריגן זיך צו עמיצן פון די נײַע, און טאַקע צו אַ גדול אַלײן, כּדי מיט אים אָפּצומאַכן דאָס געשעפט, לײטיש באַלױנען אים דערפאַר און כּשר װיָשר אַרױסצוקריגן זיך פון דער שטאָט ערגעץ צו אַ גרע-נעץ. ער איז גרײט געװען צו לאָזן זיך װאו נאָר עס װעט זיך מאַכן, אַפילו ביז יאַפּאַן און כינע, אַבי אַרױס פון דעם לאַנד. קײן זאַך איז פאַר אים נישט װײַט געװען, נישט שװער געװען. ער איז אויך געװען זיכער אין דעם, אַז עפּעס װעט שױן אונטערקומען. װי שטײט עס: יגעתי ומצאתי — אַז מען זוכט, געפינט מען. און געפינען דאַרף מען טאַקע גאָר אַ װיכטיקן העכט. אַלעמאָל איז בעסער צו גײן מיטן קאָפּ אײדער מיטן עק, און זיכערער איז עס אויך. װײַל װאָס עס קאָן טאָן אַ גרױסער, קאָן נישט קײן קלײנער. נײן, ער האָט קײן ספק נישט געהאַט אין דעם, אַז װען ער טרעפט זיך נאָר מיטן ריכטיקן מענטש, װאָלט ער אַלץ דורכגעפירט. און אַזעל-כער װעט אונטערקומען. זיכער װי דער טאָג.

דער עיקר איז נאָר, די פליגל נישט אַרױפצולאָזן, צו זײַן שטאַרק, אין די הענט זיך צו נעמען, מיט צײן און נעגל זיך האַלטן, און נישט אַרײַנפאַלן. נאָר נישט אַרײַנפאַלן, גאָט באַהיט!

ער האָט גענומען צוריק דערנענטערן זיך צו גאָט, מאַקס אשכנזי, געדענקען אין אים, נאָך דעם, ווי ער האָט אים אין זיינע מסחרים געהאַט פאַרגעסן. ער האָט אַפילו געדאַוונט איצט יעדן טאָג, אין שול געגאַנגען, געלייענט קריאת-שמע ביינאַכט. ער האָט געוואָרט אויף גאָטס הילף. מיט אייזערנע צוואַנגען האָט ער זיך געהאַלטן, אבי נישט שוואַך צו ווערן.

און ער האָט געציטערט אין די נעכט פאַר דעם אוצר זיינעם, מען זאָל אים חלילה נישט צונעמען. אָן דעם, האָט ער געוואוסט, איז ער אַ פאַרפאַלענער, וועט ער אויסגיין פאַר הונגער, וועט ער נישט קאָנען אַרויסקריגן זיך, וועט ער אויסציען די קאָפּיטעס אין דער פרעמדער הפקרדיקער רוסישער שטאָט און באַגראָבן ווערן אין איין אַלגעמיינעם גרוב, אַז אַפילו קיין צייכן וועט נישט בלייבן נאָך אים. ער האָט אויסגעשפּיצט זיינע אויערן פון הינטער די קאַלדרעס און דעם איבערגעדעקטן פעלץ, ער האָט געשמעקט מיט דער נאָז אַרום, ער האָט אויפגעכאַפּט יעדן שאָרך פון אַ מייזל אין שטוב, וואָס זוכט אומזיסט וואַרעמקייט און שפּייז, ער האָט זיך צוגעהערט צום קנאַקן פון די געפרוירענע רערן, צו די שעפּטשע-רייען פון די מאַטראַזן און זייערע געליבטע אין די שכנותדיקע שטובן, צו יעדער סקריפּ פון טויער.

די קנאַלן האָבן גאָרנישט אויפגעהערט. מען האָט נישט גע-וואוסט ווער עס שיסט, וואו מען שיסט, וועמען מען שיסט. פון צייט צו צייט האָט אַ לאַסט-אויטאָמאָביל זיך צעטראָגן און גע-וואָרפן מיט אַלע שויבן אין די פענסטער. אשכנזי האָט איבערגע-דעקט דעם קאָפּ מיט די קאַלדרעס, ווי אַ קינד, וואָס זוכט שוץ אין קישן, און געמורמלט מיט ציטערנדיקע פאַרטריקנטע ליפּן תפילות צו גאָט, ער זאָל אים באַשיצן פאַר בייז און אומרעכט און פאַר אַ פּריציייטיקן טויט צווישן פרעמדע און שונאים.

די קנאַלן פון די ביקסן אין די נאַסן האָבן באַגלייט זיינע שטילע שעפּטשענדיקע נאַכט-געבעטן.

## קאַפּיטל דרייצן

דער געזוכטער מענטש האָט זיך באַוויזן מאַקס אשכנזין. אין גאָטס־הויז האָט ער זיך באַוויזן צו אים, ווי אַ גואל.

ביים אַרויסגיין נאָכן דאַווענען פון בית־המדרשל, וואו אידן האָבן געדאַוונט, געזיפצט, גערעדט וועגן קורס פון געלט, וועגן יקרות פון ברויט און וועגן אידישקייט, וואָס גייט אונטער, האָט זיך אַ קליין רונדיק פאַרשוינדל מיט אַ שמייכלענדיק פּנימל, מיט רונדע שוואַרצע וואָנסעלעך און מיט קיילעכדיקע שוואַרצע אויגן, כיטרע און קינדערישע גלייכצייטיק, אָפּגעשטעלט נעבן אשכנזין און פאַר אים זייער טיף און זייער אונטערטעניק אַראָפּ־גענומען דעם הוט, אַ האַרטן הוט, וואָס זעלטן, אַז מען האָט איצט געזען נאָך אַזעלכע אין דער רויטער שטאָט.

— מאַיאָ פּאָטשטעניע, גאָספּאָדין אשקענאַזי! — האָט דאָס רונדע פאַרשוינדל באַגריסט אשכנזין מיט אַ ברייטקייט, נישט ווי זיי וואָלטן זיך געטראָפן אין דער רעוואָלוציאָנערער שטאָט, נאָר פאַר די אַלטע גוטע צייטן, ווען צו אַ גביר האָט געהערט די וועלט. — זייער צופרידן אייך צו זען, זייער!...

מאַקס אשכנזי האָט דאָס טשעקאַווע פאַרשוינדל באַטראַכט און נישט געקאָנט זיך דערמאָנען, וואו ער האָט אים געזען. פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס אשכנזי האָט אויף אים געקוקט, האָט דאָס פאַרשוינדל נישט אויפגעהערט שמייכלען, ווייזן די מילך־ווייסע ציין פון די קויל־שוואַרצע וואָנסעלעך אַרוים. דערביי האָט ער אַזוי צוגעהאָלפן מיט אַלע אברים אשכנזין אין זיין דערמאָנען זיך, ווי אַ געטרייע מאַמע, וואָס וויל העלפן איר קינד אין אַרויסקריגן פון זיך אַ נים, וואָס עס קומט עם שווער אָן.

— נו, נו, נו, — האָט ער אשכנזין אונטערגעגעבן חשק, — קוקט זיך גוט איין, גאָלובטשיק. אוממעגלעך, איר זאָלט זיך נישט דערמאָנען...

וואָלט עס געווען פריער, פאַרן אומגליק, וואָלט מאַקס אשכנזי זיך אויף קיין איין רגע נישט אָפּגעשטעלט מיט אָט אַזאַ אומבאַ־

קאַנט פֿאַרשווינדל. גענוג פֿלעגן זיי אים נאָכיאָגן, אָט די אַלע לייט, אַלערליי וואָיאַזשאָרן, קאָמיסיאָנערן, מעקלערס מיט פֿאַרשי־דענע געשעפֿטן, עסקים. ער האָט זיי אַלעמאָל געוויזן. ער פֿלעגט זיי זעלטן געבן די האַנט, אַ פֿינגער נאָר אַריינשטעקן אַמאָל אויף יוצא זיין, אָפֿטמאָל אַפֿילו אויף זייערע באַגריסונגען נישט געענט־פֿערט, געמאַכט זיך זיי נישט־זען. זיכער, אַז דאָס איז איינער פֿון די פֿיל וואָיאַזשאָרן, וועלכע האָבן זיך געדרייט אַרום אים, וואָס אַלע האָבן זיי אים געקענט, געגריסט זיך צו אים, נאָר ער האָט זיי קיינ־מאָל נישט רעכט אָנגעקוקט, וואָרום אַלע האָבן זיי ביי אים איין פּנים געהאַט. איצט אָבער, אין דער געפֿערלעכער שטאָט, אין די ביטערע צייטן, האָט ער אַנדערש געקוקט אויף מענטשן, אשכנזי. און ער האָט זיך געמאַטערט צו דערמאָנען, וואו ער האָט דאָס טשע־קאַווע פֿאַרשווינדל געטראָפֿן. ער האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָ־נען, כאָטש ער האָט דאָס בערדל זיינס עטלעכע מאָל צעשויבערט. דאָס פֿריילעכע פֿאַרשווינדל האָט אויפֿגעעפֿנט זיינע רונדע שוואַרצע אויגן, וואָס קוקן מיט ביטערקייט און קינדערישקייט גלייכצייטיק, און זיך ענדלעך אַליין פֿאָרגעשטעלט.

— מיראָן מאַרקאָוויטש גאָראָדעצקי, אַ קאָמי־וואָיאַזשאָר, אַן אַלטער קונה אייערער, גאָספּאָדין אַשקענאַזי.

אשכנזי האָט נאָך אַלץ געשויבערט דאָס גרויע בערדל זיינס. דאָס פֿאַרשווינדל האָט אָפּגעזיפֿצט, אָבער אין זיפֿץ זיינעם איז גע־ווען מער שמחה ווי צער.

— ווען איך פֿאַרמאָג איצט אַ העלפֿט דערפֿון, וואָס איך האָב ביי אייך געקויפֿט, וואָלט איך מער נישט געדאַרפֿט, גאָספּאָדין אַשקענאַזי, ניין, ניין... אָבער ניטשעוואָ!

מאַקס אשכנזין האָט גלייך אַ שאָס געטאָן אין קאָפּ אַריין, אַז עס איז כדאי מיט אָט דעם פֿאַרשווינדל צו גיין צוזאַמען אַ שטיקל וועגס און אַריינכאַפּן עטלעכע ווערטער. עפּעס איז אים געפֿעלן גע־וואָרן סיי זיין טשעקאַווע אויסזען, סיי דאָס האַרטע קאַפּעליושל, וואָס ער טראָגט אין דער שטאָט פֿון אַרבעטער־היטעלעך, סיי זיין פֿלינקקייט און שמחה. אַ וועלט מיט בטחון האָט אַרויסגעקוקט פֿון אָט דעם פֿאַרשווינדל. עס האָט דערמאָנט אין די אַלטע גוטע צייטן.

— איר זענט א פעטערבורגער? — האָט אשכנזי אים א פרעג געטאָן, כדי אריינצוקריכן אין א שמועס.

— אליין בין איך אן אָדעסער, — האָט דאָס פארשווינדל גע־זאָגט גיך. — געבוירן געוואָרן אין אָדעס, אָבער געוואוינט האָב איך נאָר וואו א שטאָט אין רוסלאנד, און אז איר ווילט זענען מיר גאָר לאָדזשער; א אינגל בין איך קיין לאָדזש געקומען, געארבעט אין די גרעסטע פירמעס. עך, א וואויל שטעטל לאָדזש, זייער גוט פארבראכט דאָרט, די ווייבער אייערע זענען גאָר א מאכל, קראַ־סאַוויצעס איינס און איינס.

דאָס פארשווינדל האָט ארויסגעשטעקט א שפּיץ רויטע צונג און אָפּגעלעקטביידע וואָנסן איבער די לאָדזשער ווייבער. ער האָט גענומען ווייטער רעדן, דערציילן וועגן זיינע דערפארונגען מיט אָט די לאָדזשער קראַסאַוויצעס, נאָר אשכנזי האָט אים באַ־צייטנס איבערגעריסן. ער האָט קיינמאָל נישט געקאָנט הערן די פוסטע מעשיות פון די סוחרים און וואָיאַזשאָרן וועגן ווייבער און הולטאַיסטווע. איצט האָט ער אודאי נישט געהאַט דעם קאָפּ דער־צו. ער האָט בעסער געוואָלט רעדן וועגן תכלית־זאַכן, אויסטאַפּן ביי דעם פארשוין דעם דופק און דערגיין, צי קאָן ער עפּעס האָבן א נוצן פון אים.

— איצט האָבן זיך די זיבן גוטע יאָר אויסגעלאָזן, גאַספּאָ־דין גאָראָדעצקי, — האָט אשכנזי פאָרזיכטיק נעקניפּט דאָס גע־שפּרעך. — אויס מיט קאָמי־וואָיאַזשאָרן!

דאָס פארשווינדל האָט זיך אָפּגעשטעלט, א פריילעכן קוק גע־טאָן אויף אשכנזין, גענומען אים פלוצלונג אונטערן אָרעם און צוגעבויגן זיינע וואָנסן צו זיין אויער.

— אזויפיל מכות זאָל זיך שטעלן שטשינסקין אין טרייפענעם האַלז, וויפל געשעפטן מיראָן מאַרקאָוויטש גאָראָדעצקי מאַכט נאָך איצט אין פעטערבורג יעדן טאָג, — האָט ער איינגערוימט אשכנזין, קיצלענדיק אים דאָס לעפל מיט די באַוועגלעכע וואָנסן.

— און שטשינסקי וואָס זאָגט? — האָט אשכנזי אָנגעוויזן מיט א פינגער אויף א וואַנט, באַקלעפּט מיט באַפעלן פון אויבן ביז אראָפּ, באַפעלן וועגן רעקוויזיציעס, שטראָפן, ספּעקולאַציע, האַנדל, סחורה־אויסבאַהאַלטן און אנדערע זינד.

דאָס רונדע פּריילעכע פּאַרשוינדל האָט אָנגעקוקט אשכנזין מיט אַזאַ רחמנות-פּנים, ווי ער וואָלט אים געהערט רעדן פון היץ.

— שטשינסקי שרייבט און גאַראַדעצקי הערט אים ווי דעם הונט אין גאַס, — האָט ער געזאָגט שטיל, אומקוקנדיק זיך מיט די רונדע אויגן אויף אַלע זייטן. — ערשט נעכטן האָב איך פאַרקויפט אַ טראַנספּאָרט מאַנופאַקטור און געמאַכט אַ לייטיש קערבל, הלואי ווייטער נישט ערגער...

אשכנזי האָט דערפילט וואָרעם בלוט אין די אָדערן. צו דעם, וועגן וואָס ער האָט אַזוי לאַנג געטראַכט, האָט אים די השגחה אליין געפירט. ער האָט די אייגענע אויערן נישט געגלויבט. דאָס פאַר־שוינדל האָט אים נישט געלאָזט טראַכטן.

— זייער צופרידן, וואָס איך האָב אייך געטראָפן, גאָספּאָדין אשכנזי, — האָט ער גערעדט. — אַזוי, דאַרפט איר וויסן, בין איך אַ קנאַפּער דאַוונער, נאָר איך זאָג קדיש, קום איך אין שול, כאָטש איך בין פאַרנומען. קדיש מוז מען אָפּהיטן...

— געוויס, געוויס, — האָט אשכנזי געמורמלט אַ צופרי־דענער דערפון, וואָס אַט דער מענטש זאָגט קדיש. ער איז זייער פרום געוועזן די לעצטע חדשים, זינט דאָס אומגליק אין לאַנד האָט זיך אָנגעהויבן. דערמיט, וואָס דער נייער מענטש זיינער האָט אים דערציילט וועגן קדיש, וואָס ער היט אָפּ, האָט ער אים אינגאַנצן גענומען. ער האָט אים אפילו גענומען אונטער דער האַנט איצט, ווי אַמאָל ער פלעגט עס טאָן מיט זייער וויכטיקע רוסישע סוחרים.

— איר זענט דער אמתער פויגל, ווי איך זע, — האָט ער אים געזאָגט אַ קאָמפּלימענט.

דאָס רונדע פּריילעכע פּאַרשוינדל האָט דעם קאָמפּלימענט אָנגענומען.

— איך האָב אַלעמאָל געלאַכט פון געזעצן, — האָט ער גע־זאָגט שטיל. — יאָרן-לאַנג האָבן זיי מיך נישט געלאָזט וואוינען אין רוסלאַנד, פאָרן איבער די שטעט, פּראַוואָזשיטעלסטוואָ נישט געגעבן; נו, האָב איך זיי געהאַט אין דער ערד און גאַנץ רוסלאַנד דורכגעפאָרן. נישטאָ דאָס ווינקעלע אין לאַנד, וואו מען זאָל מיראָן מאַרקאָוויטש גאַראַדעצקין נישט קענען. ביי דער פּאָליציי אַליין פלעג איך וואוינען. דאָס איז דער בעסטער וועג, דער זיכערסטער.

איצט מעג מען וואוינען אומעטום, נאָר מען לאָזט נישט האַנדלען, האָב איך זיי ווידער אין דער ערד, און טו מיר מיינס. און ווידער אַמאָל די קאָמיסאַרלעך אונטער דער נאָז... דאָס איז דער זיכער-סטער וועג, גלויבט מיר...

ער האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט, באַטראַכט אשכנזין, ווי ער וואָלט אים געזען דאָס ערשטע מאָל, און געוויזן מיטן פעטן רונדן הענטל אַ קרייז אַרום זיך.

— אַלע זענען זיי ביי מיר דאָ, — האָט ער געוויזן און צו-געמאַכט די האַנט. — לעבן און לעבן לאָסען!...

דאָס פאַרשווינדל איז אשכנזין געפעלן געוואָרן מיט יעדער מינוט מער. אָט דאָס איז עס דאָך, וועגן וואָס ער האָט די גאַנצע צייט געטראַכט, וואָרט אין וואָרט. ער האָט זיך פאַרקלערט אַ ווײַלע, כדי גוט אויסצורעכענען זיך, ווי אַזוי צוצוקומען צום פסוק. אָט דער מין מענטש איז אים פון ערשטן טאָג אָן נויטיק געווען. ער זעט אויס פון די, וואָס קיין שום זאַך אין דער וועלט איז פאַר זיי נישט צו שווער, וואָס קענען אַ וועלט און אַ וועלט קען זיי און וואָס גייען נישט פאַרלוירן אין פייער און אין וואַסער. ער האָט געדענקט אָט די חברה-לייט פון אַמאָליקע צייטן. מיט זייער ענערגיע און פרייַלעכקייט האָבן זיי אַ וועלט געקערט, לאָדזש אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון רוסלאַנד פאַרשלעפּט, די שטאָט רייך געמאַכט. מען האָט זיי ליב, אָט די פאַרשווינער, איבערהויפּט די רוסן גייען נאָך זיי אויס, קווועלן אָן סיי פון זייער פרייַלעכקייט, סיי פון זייערע וויצן, סיי פון זייער קאָנען צונויפפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט. איינס און צוויי שמעקן זיי אָן וועד פון די רעגירער איז אַ כאַבאַרניק, אַ לייכטער פאַרשוין, און מאַכן מיט זיי אַלע טרייפענע עסקים. אשכנזי האָט שטאַרק חשק געהאַט מיט אָט דעם חברה-מאַן זיך צו האַלטן, דורך אים זיינע באַהאַלטענע סחורות אין די קעלערס אָפּשטעקן, פּטור ווערן פון זיי, פון אַלעם איבעריקן מאַכן געלט, און די הויפּט-זאַך, אַרויסקריגן זיך דורך זיינע לייט פון דאַנען, אַוועק ווי לאַנג עס איז צייט. און טאַקע מיט אַ גוטן וועג, מיט דער הילף פון די קאָמיסאַרן אַליין. אַ באַרעכנטער, אַ פאַר-זיכטיקער, ווייל שווייגן איז גאָלד און ווייל דאָס לעבן און דער טויט זענען ביי דער צונג אין דער האַנט, האָט ער נישט געאײַלט

זיך באַלד אַרויסצופּאָרן מיט דער צונג דאָס, וואָס איז אויף דער לונג. ער האָט דורכגעטראַכט יעדער וואָרט. דאָס פּריילעכע פאַר-שווינדל האָט אשכנזין נישט געלאָזט טראַכטן. עס האָט פיינט געהאַט שווייגן.

—ווי אזוי זענט איר עפּעס אַרויס אין דעם אומגליק? — האָט ער פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן אשכנזין, אַ דריק געבנדיק אים ביי דער האַנט.

אשכנזי האָט נישט געענטפערט נישט יאָ, נישט ניין.

— זאָ, זאָ, — האָט ער אַ ברום געטאָן.

דאָס פאַרשווינדל האָט פאַרשטאַנען אויפן וואונק.

— הערט, גאָספּאָדין אשכנזי, — האָט ער גענומען רעדן ערנסט, געשעפטלעך. — איך בין מיך משער, אַז מיר וואָלטן גע-קאָנט מאַכן געשעפט. איך האַלט אייך נישט פאַר אַזאַ נאַר אָפּצו-געבן זיי אַלץ, די באַנדיטן, ווי זיי ווילן. קלוגע סוחרים האָבן באַ-צייטנס פאַרשטעקט ערגעץ סחורות. איצט פאַרקויפן זיי זיי פאַר גוט געלט. סחורה ברענט. איך קאָן אייך קריגן סוחרים וויפל נאָר איר ווילט. וועגן אַרויספירן דאַרפט איר נישט טראַכטן, לאָזט עס איבער צו מיראָן מאַרקאָוויטש גאָראָדעצקי. און וועגן קאָמיסיע, וועלן מיר צום רב נישט גיין...

אשכנזי האָט געשוויגן. ער האָט אַלעמאָל ליב געהאַט אַ זאַך באַרעכענען, נישט גלייך אַרויסשפּרינגען פון די האָלאָביעס. דאָס פאַרשווינדל האָט אים נישט געלאָזט שווייגן.

— אויב איר זענט נישט זיכער מיט ממתקים, קאָן איך אייך געבן אַ קאָנטאָ וויפל נאָר איר ווילט, קערענסקי-געלט, צאַרסקי, וואָס נאָר איר אַליין ווילט. און אפשר דאַרפט איר אויסלענדיש געלט, וועט אויך קיין מניעה נישט זיין. מיראָן מאַרקאָוויטש גאָ-ראָדעצקי האָט פון אַלעם... כ׳ווייס, אַז מען האַלט ביי אַוועקפאָרן, איז אַלעמאָל גלייכער צו האָבן ביי זיך אויסלענדיש געלט...

אשכנזי האָט זיך האַסטיק אָפּגערוקט פון דעם פּריילעכן פּלאַפּ-לענדיקן פאַרשווינדל און אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס.

— ווער האָט דען אייך געזאָגט וועגן אַוועקפאָרן? — האָט ער אים איבערגעפרעגט מיט אומרואיקייט, ווי יענער וואָלט אים אַריינגעקוקט מיט די רונדע אויגן אין סאַמע האַרץ אַריין.

דאָס פריילעכע פּאַרשוינדל איז געוואָרן פּלוצלונג ערנסט.

— הערט, גאָספּאָדין אשכנזי, — האָט ער גערעדט שטיל און געלאַסן, גאָרנישט אויף זיין פּלוטעוואַטן שטייגער, — איך ווייס ווער איר זענט. מילא, איך בין אלעמאָל געווען א קבצן, וועל איך בלייבן. איך האָב נישט וואוהין צו פאָרן. איך וועל שוין דאָ מוזן מיר מיין שטעטל באשטיין. ווי לאַנג מען וועט קאָנען, וועט מען דרייען דאָס רעדל, און אז עס וועט נישט געראָטן, וועט ווערן מיט איין גאָראָדעצקי ווייניקער אויף דער וועלט און מער אויף יענער וועלט. איר וועט אהיימפאָרן, איר האָט צו וועמען און צו וואָס. פאָלגט מיך און איך וועל עס אייך מאכן. איך האָב שוין נישט איינעם פון דאנען ארויסטראַנספּאָרטירט דורך מיינע לייט. איך קאָן אייך ווייזן די בריוולעך פון יענער זייט, וואָס זיי האָבן מיר צוגעשיקט.

איידער נאָך אשכנזי האָט פּרובירט איין וואָרט ארויסרעדן, האָט שוין דאָס פּאַרשוינדל גיך ארויסגעצויגן פון בוזים-קעשענע א גרויסן פּאָרטפעל און געגראַבלט פלינק מיט די קורצע פליישיקע פינגער אין פּעק מיט פּאַפּירן.

— דאָראָגאָי מיראָן מאַרקאָוויטש, — האָט ער גענומען ליי-ענען קליינע צעקנייטשטע צעטעלעך.

אשכנזי האָט נישט געוואָלט הערן די רייד אויף דער גאַס.

— הערט אויף, נאָט איז מיט אייך, — האָט ער אים גע-מוסרט. — און צואוואָס לייענט איר עס מיר?

דאָס פּאַרשוינדל האָט צוריק באהאַלטן די פּאַפּירלעך און נאָכ-געיאָגט מיט די קורצע פיסלעך אשכנזין אין זיינע גיכע שפּאַנען.

— גאָספּאָדין אשכנזי, — גאָט אליין האָט אונז צונויפגעפירט, — האָט ער געזאָגט. — מיר וועלן שוין עפּעס אויפטאָן. און אויב איר ווילט א קאָנטאָ, איז פּאָזשאַלוסטע, וויפל איר פאַרלאַנגט, און אין קערינסקים, נישט אין די נייע שמאַטעס...

אשכנזי האָט קיין געלט נישט געוואָלט נעמען.

— א גוטן טאָג, — האָט ער אים געשטעקט די האַנט. — מיר וועלן נאָך רעדן.

— אין שולעכל, וואו איך זאָג יעדן טאָג קדיש, — האָט דער פּאַרשוין געענטפערט. — מאַיאַ פאַטשטעניע.

ער האָט טיף געצויגן דעם האַרטן הוט, וואָס זעלטן, אַז מען האָט געזען איצט אַזעלכע אין דער רויטער שטאָט, געפּאָכעט מיט דעם רונדן הענטל און צוגעוואָרפן נאָך אַ צולאָג אַ באַגריסונג אין לאָדזשער דייטש:

— האַבע די עהרע, הער דירעקטאָר!

אשכנזי איז אַוועק אַן אומרואיקער און פול מיט האָפענונגען צוזאַמען. מער ווי פריער נאָך איז אים איצט די שטאָט געווען פרעמד. די שטיינער האָבן אים, ווי הייסע קוילן, געבריענט די פיס...

## קאַפּיטל פערצן

דער קליינגעוויקסיקער מאַן מיטן נאַקעטן קאָפּ, דער פירער פון נייעם רוסלאַנד, האָט ליב געהאַט מאַטעמאַטיק.

נאָך פון אינגלווייז אָן, ווען ער האָט אין גימנאַזיע געלערנט, האָט ער בלויז פינפן אַהיימגעבראַכט פון זיינע לערער פאַר זיינע גוטע מאַטעמאַטישע אויפגאַבן. פאַרקערט פון אַלע אַנדערע אינגלעך, וואָס האָבן ליב ליטעראַטור און פאַרנאַכלעסיקן די שווערע רעכן־ביכער, האָט ער ליב געהאַט אָפּצוזיצן שעהן לאַנג ביי די שווערסטע מאַטעמאַטישע אויפגאַבן, ביז ער האָט זיי נישט געלעזט, זיי זאָלן שטימען. פּונקט אַזוי האָט ער ליב געהאַט, אַז אַלץ אין דער וועלט זאָל שטימען. ער האָט נישט פאַרטראָגן קיין צויטן, קיין פלאָנטער, קיין איבעריקייטן. אַלץ דאַרף זיין אויסגערעכנט, שכלדיק און גענוי. פון די לימודים האָט ער נאָר געלערנט דאָס, וואָס איז שכלדיק, גלייך און נוצלעך. דאָס איז אויך געווען אין זיינע מלבושים. ער האָט נישט געטראָגן קיין שלייפעלעך, פאַרפּוצונגען, בלויז קליידער איינפאַכע און נויטיקע צו פאַרדעקן דאָס לייב און צו האַלטן עס אין דער וואַרעם. זיין שפּראַך איז אויך געווען אָן פאַרפּוצונגען, אָן שיינע רייד, דערפאַר זייער פּינקטלעך, קלאָר, לאָגיש און גענוי. פּונקט אַזוי איז געווען זיין שטים, טרוקן און קאַלירלאָז. זיין קערפּער איז געווען קורץ, פּירקאַנטיק, ווי אַ ציפער. צו צוואַנציק יאָר זענען אים אפילו די האָר פון קאָפּ אויסגעקראָכן,

דעם שאַרבן זיינעם געלאָזט קלאָר, ריין און אָן באַלאַסטן.

ווי נאָר ער איז אין דער פריסטער יוגנט אין די געהיימע רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך אריינגעצויגן געוואָרן, האָט ער אויך די נייע אידעע, דעם סאָציאַליזם, גענומען מאַטעמאַטיש, אָן סענטימענטאַלן שלייער, ווי אַלע אַנדערע אין רוסלאַנד. גיך האָט ער זיך אָפּגעשאָקלט פון די ראָמאַנטישע נאַראָדניקעס, וואָס האָבן ביז איבערן קאָפּ געשטעקט אין געפילן, און אריבערגעוואָרפן זיך צום מאַרקסיזם, דעם קלאָרן און שכלדיקן.

ער האָט גענומען די אידעע זיינע מאַטעמאַטיש. די אַרבעטנדיקע אויף דער וועלט, האָט ער געזען, זענען אַ סך און די עקספּלואַטירער זענען ווייניק. אַ גרויסע צאָל, האָט ער געוואוסט, איז וויכטיקער פון אַ קלענערער צאָל, דאָס גרויסע דאַרף איבערוועגן דאָס קליינע. אָבער דורך געשיכטלעכע סיבות איז געשען, אז די קליינע צאָל האָט זיך אוועקגעשטעלט איבער דער גרויסער, ווי אַ ציפער, וואָס ווערט אוועקגעשטעלט אין שפּיץ פון אַ סך נולן און האלט זיי אין די הענט. די נולן פאַר זיך זענען גאָרנישט, אבער ווען זיי שטעלן זיך הינטער דעם ציפער, וואָס פון אויבנאָן, האלטן זיי אין איין פאַרגרעסערן זיין ווערט. דאָס איז נישט ריכטיק, נישט שכלדיק. עס דאַרף זיין גלייכהייט אויף דער וועלט, אָרדענונג. יעדער טעות איז אומזין, כאָאָס, וואָס דאַרף אויסגעריכט ווערן, אויסגעגלייכט ווערן, עס זאָל שטימען. דעריבער דאַרף מען די נולן מאַכן אויס נולן, אין ציפערן זיי פאַרוואַנדלען, אין גלייכע ווערטפולע ציפערן. די, וואָס ווילן די נולן ווייטער עקספּלואַטירן, דאַרף מען אָפּמעקן, ווי אַ שלעכטן ציפער, וואָס כאַפּט זיך אין אַ גלייכן חשבון אריין און צעשטערט די אָרדענונג.

פון דעם טאָג, ווען ער איז צו אָט דער איבערצייגונג געקומען, האָט ער אַלץ געטאָן, כדי צו דערפירן צו דער געשיכטלעכער אָרדענונג — אויפצובונטעווען די נולן, אויסצומעקן די עקספּלואַטירער זייערע.

ער האָט געמעקט די פאַלשע וועלט הארט, אָן רחמנות, אָן געפילן. ער האָט געוואוסט, אז אין מאַטעמאַטיק קאָנען געפילן קיין אָרט נישט האָבן. עס איז אַ פראַגע פון שכל, פון גענויקייט, פון שטימען צו דער האָר. ער האָט נישט געהאלטן פון קיין האַלבע

זאַכן, דער מענטש מיטן נאַקעטן קאָפּ. איינס איז נישט צוויי און דריי איז נישט פיר. זאַכן דאַרפן זיין אַבסאָלוט — גערעכט אָדער אומגערעכט, אמת אָדער ליגן. קיין האַלבע גערעכטיקייטן זענען נישטאָ, פונקט ווי קיין האַלבע אמתן זענען נישטאָ. ווייל אויב אַ גערעכטיקייט איז האַלב, איז זי אומגערעכט; אויב אַן אמת איז האַלב, איז ער אַ ליגן.

אויב די אַלטע וועלט איז אומגערעכט, איז זי אומגערעכט אין אַלעם. איז זי אומגערעכט אין אירע געזעצן און מאָראַל, אין אירע געבאָטן און מנהגים. אויב די נייע אָרדענונג, וואָס מען דאַרף איינפירן, איז גערעכט, איז זי גערעכט אין אַלעם, וואָס זי טוט, כדי צו דערפירן צו דער גערעכטיקייט. עס איז ווי אַ חשבון, און ער האָט אַלץ געטאָן, כדי אויסצומעקן די פאַלשע וועלט און איינצופירן די נייע, די גערעכטע. קיין זאַך האָט אים נישט אָפּגעהאַלטן אין זיין וועג.

ער האָט זיינע מענטשן געהייסן באַרויבן בענק, אָנפאַלן אויף פּאָסט-וואַגאָנען, כדי פאַר די גערויבטע געלטער אָנצופירן אַגיטאַציע אין די פאַבריקן. ער האָט געלאָזט דרוקן פאַלש געלט און עס פאַנדערגעשפּרייט איבער לענדער און שטעט, כדי צו קאָנען טאָן זיין רעוואָלוציאָנערע אַרבעט. ווען די פּאַרטיי-חברים האָבן אים צו ערן-געריכטן גערופן, פּאָרוואורפן געמאַכט קעגן זיינע אומ־מאָראַלישע טאַטן, האָט ער בלויז פאַר זיי חוזק אין זיינע אויגן געהאַט.

— מאָראַל אין באַצוג צו אוממאָראַלישקייט איז אַמאָראַליש, — האָט ער געענטפערט מיט שפּאָט.

— אָבער איר באַפלעקט אייער נאָמען, — האָבן אים די מענטשן געפּרואווט איבערצייגן.

— וואָס אינטערעסירט מיך מיין נאָמען? מיך אינטערעסירט די זאַך, — האָט ער אָפּגעענטפערט גלאַנגווייליקט.

פאַר דער זאַך האָט ער אַלץ געטאָן. פאַר דער זאַך האָט ער זיך אַרומגעוואַלגערט אין די טורמעס, געהונגערט, צעריסן זיך מיט די חברים, פריינט, געצויגן אויף זיך שנאה, אַרומגערינגלט זיך מיט שלעכטע אָבער נוצלעכע מענטשן, געוואָרפן בלבולים אויף קעגנער, וויסנדיק אַליין, אַז דאָס איז נישט אמת, פּאָליטיקירט,

פארטייען געשפּאָלטן, מענטשן אונטערדריקט, געהערשט, געוועל־טיקט; אויף גלייכהייט, יושר און גערעכטיקייט געטרעטן, כדי גלייכהייט, יושר און גערעכטיקייט איינצופירן.

אַליין אַן אַסקעט, וואָס האָט געקאָנט לעבן מיט ברויט און וואַסער, האָט ער פאַרקוקט אויף זיינע פּאַרטיי־מענטשן פון אַ נידעריקער מאָראַל, ווען זיי האָבן אַמאָל פּאַרטיי־געלטער אַראָפּ־געלאָזט אין קעשענע, אויב נאָר זיי זענען געווען נוצלעך פאַר דער אַרבעט. אַליין אַן איינגעהאַלטענער מענטש, וואָס האָט זיך קיינמאָל אין קיין ראָמאַנען און ליבעס נישט אַריינגעלאָזט און אָפּטמאָל געלעבט ווי אַ נזיר, האָט ער זיינע מענטשן באַפוילן מיט רייכע מיידלעך ליבעס צו פאַרפירן, גרויסע נדנס צו נעמען און דאָס געלט אָפּגעבן פאַר דער זאַך. אַליין אַ שונא פון ליגנער, באַרימער און קאַריעריסטן, האָט ער זיך אָפּטמאָל מיט ליגנער, באַרימער און קאַריעריסטן ארומגערינגלט, כדי צו קאָנען דורכפירן, וואָס ער דאַרף, ווייל מיט מענטשן פון בעסערע מידות איז עס שווער גע־ווען דורכצוזעצן. אפילו אַ פּראָוואָקאַטאָר האָט ער אויסגענוצט, כאָטש ער האָט געוואוסט פון זיינע פּראָוואָקאַציעס, אבי דורך זיין מויל לאָזן הערן אין דער רוסישער דומע רעוואָלוציאָנערע רייד פאַר די אַרבעטער און פּויערים.

אים איז געווען אַלץ איינס, ווי אַזוי און מיט וואָסערע וועגן ער מעקט די אַלטע אומגערעכטע וועלט, כדי איינצופירן אַ נייע, אַ גערעכטע.

מיט אַן אייזערנעם בעזעם האָט ער אָפּגעווישט אַלץ, וואָס האָט זיך אים געשטעלט אין זיין וועג צום ציל, איצט, ווען ער האָט פאַרכאַפּט די מאַכט אין די הענט, כדי צו בויען די נייע וועלט. ער האָט נישט געוואוסט פון קיין צוויי גערעכטיקייטן, דער מאַן מיטן נאַקעטן שאַרבן. אויב ער איז גערעכט, זענען דאַן אַלע, וואָס גייען נישט אויף זיין וועג, אומגערעכט. אויב זיין וועג איז דער רע־וואָלוציאָנערער, זענען אַלע אַנדערע וועגן קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע. ס׳איז אַלץ איינס פאַר דער רעוואָלוציע, צי אירע שונאים זענען קלאַסן־פיינט, וואָס ווילן אייגענעם גענוס, צי עס זענען פאַרבלאָנ־דזשעטע, וואָס אין זייער ווילן צו גוטס, טוען זיי שלעכטס. אין רע־זולטאַט זענען זיי שעדלעך. ביידע שטעלן זיי זיך אין וועג, טראָגן

אריין פּאַרטומלעניש, אָפּוועגדונגען, שטערן דער אָרדענונג און פירן צוריק צו אומזין, פּלאָנטער און אַבסורד. אזעלכע דאַרף מען דערווייטערן, אָפּמעקן, ווי א פאלשן ציפער, וואָס כאַפּט זיך אריין על-פּי-טעות אין א גלייכן חשבון. וואָרום איין דורכגעלאָזטער שלעכטער ציפער, וואס מען מעקט נישט אויס צו דער צייט, קאָן די גרעסטע חשבונות קאַליע מאכן. ער האָט צעטריבן די פּאַרטיי-פירער פון די קעגנערישע פּאַרטייען, אייגענע אמאָליקע חברים אין די טורמעס איינגעזעצט, זייערע קלובן געשלאָסן, צייטונגען פאַר-מאַכט, די פירער פאַריאָגט, גערייניקט זיי און געמעקט.

א טייל פון די מענטשן זיינע האָבן אים צום הארצן גערעדט, רחמנות געבעטן, דער מאן מיטן נאַקעטן שאַרבן האָט בלויז פאַר זיי חוזק אין זיינע אויגן געהאַט.

— מיר טאָרן נישט טאָן די זעלבע נאַרישקייטן, וואס די פריערדיקע רעגירונג האָט געטאָן. מיר מוזן באַזייטיקן אלץ, וואס שטייט אונז אין וועג, — האָט ער זיך געבייזערט אויף די מענטשן זיינע, וואָס האָבן אין די ערשטע טעג פון צעטומלעניש אָפּגעשאַפט טויט-שטראָף אין רוסלאנד אָן זיין וויסן. — אָן פיינטס בלוט וועלן די רעדער פון דער רעוואָלוציע נישט גיין.

— אָבער מיר האָבן דאָך אליין באַקעמפט די פריערדיקע רעגירונג פאר איינפירן צוריק טויט-שטראָף אין לאַנד ? — האָבן די מענטשן זיינע נישט פאַרשטאַנען.

— געוויס, ווייל מיר האָבן זיי געוואָלט באַקעמפן ! — האָט דער מאן מיטן נאַקעטן שאַרבן געזאָגט מיט שפּאָט. — איצט זענען מיר ביי דער מאַכט און מיר מוזן אָפּרוימען אלע, וואָס וועלן אונז שטערן.

— אָפּשאַפן דאָס געזעץ וועט מאכן א שלעכטן איינדרוק, — האָבן די מענטשן גערעדט פאַרלוירענע.

— צו וואָס דען אָפּשאַפן ? — האָט דער מאן מיטן נאַקעטן שאַרבן נישט פאַרשטאַנען. — פאַרן געזעץ פון דער רעוואָלוציע וועלן מיר שיסן אומגעזעצלעך...

ער האָט געזען די וועלט קלאָר, ווי אָן אויספּרובירטער כירורג אין אָפּעראַציע-זאַל זעט דעם חולה, וואָס ליגט פאַר אים אויס-

געצווינגען אויפן טיש. נישטאָ קיין געפילן אין אָפּעראַציע-זאַל, ווען דער חולה ליגט א פאַרגיפטעטער פון באַצילן, וואָס צעפרעסן אים. נישטאָ קיין סענטימענטן און ווייכהאַרציקייט, קיין איבערנעמען זיך מיט קרעכצן און זיפצן פון שרעקעדיקן חולה. פאַראַן בלויז פליכט, קאַלטבלוטיקייט און א רואיקע פעסטע האַנט, וואָס שניידט אומבארחמנותדיק אויס די מכה, לאָזט אַרויס דעם אייטער און דאָס פאַרגיפטעטע בלוט, כדי אָפּצוראַטעווען דעם גוף, ברענגען אים צו דער גענעזיקונג.

פון די סטאַטיסטישע ביכער, וואס ער האָט שטענדיק געלערנט, האָט ער געוואוסט גענוי וויפל די מערהייט קומט אום פאַר דער מינדערהייט. אין דער צייט, ווען ביי דער בורזשואַזיע שטאַרבן אויס קינדער בלויז א קליינער פּראָצענט; שטאַרבן אויס די אַרבעטער און פּויערן-קינדער א גאַנץ דריטל, ווייל זיי האָבן נישט קיין הילף, מעדיצין, גוטע שפּייז, דערציאונג. אין דער צייט, ווען קלעפּיקע קראַנקהייטן, שאַרלאַך, פּאָקן, דיפטעריט, כאָליערע, שווינדזוכט און אַנדערע זענען ביי די באַזיצנדיקע קלאַסן זעלטענע דערשיינונגען, שנײַדן זיי די פּראָלעטאַריער מיט ריזיקע שנייד-מעסערס. שכרות, ווענערישע קראַנקהייטן, פּראָסטיטוציע, אַלערליי אַנדערע פּלאָגן פרעסן אויף די פּראָלעטאַרישע רייען. די פּראָלעטאַריער זענען די, וואס ווערן פאַרשאָטן אין די קוילן-גרובן, געהרגעט ביי די מאַשינען, פאַרקריפּלט, אויפגעריסן אין די געווער-פאַבריקן, צעפרעסן ביי די שעדלעכע אַרבעטן. פון הונגער אין די דערפער, פון מלחמות, וואָס די קאַפּיטאַליסטן מאַכן, כדי צו דעראָבערן פאַר זיך נייע מערק, קומען אום צענטליקער מיליאָנען פּראָלעטאַריער. און אים האָבן נישט אָפּגעשראָקן די טענות פון די מאָראַליסטן, וואָס האָבן קעגן בלוט-פאַרגיסונג גערעדט. פאַר די טויזנטער יאָרן, וואָס בלוט גיסט זיך, איז נישט קיין אומגליק, ווען עס וועט זיך נאָך אביסל גיסן פאַר דער טובה פון דער וועלט. נישט נאָר איז אים נישט קיין שאָד געווען דאָס שלעכטע בלוט פון די קלאַסן-שונאים, וואָס מוז אָפּגעצאַפּט ווערן, ווי פאַרגיפטעטע בלוט פון א קראַנקן קערפּער, נאָר אפילו דאָס ריינע בלוט פון אַרבעטער און פּויערן האָבן אים נישט אָפּגעשטעלט אין זיין אַרבעט. ער האָט אויסגערעכנט מאַטעמאַטיש, פּינקטלעך. אויב די פּראָלעטאַריער

האָבן יאָרן-לאַנג אָפּגעגעבן זייער בלוט פאַר די קאַפּיטאַליסטן, זייערע שונאים, פאַר אַלערליי מלחמות, פרעמדע אינטערעסן, מעגן זיי אויך געבן אַביסל בלוט פאַר זיך אַליין, פאַר דער אייגענער רעטונג.

ווען מ׳וועט איינפירן די סאָציאַליסטישע אָרדענונג, וועט מען זיך אָפּנעמען פאַר דעם איצטיקן בלוט, כּפֿל כּפֿלים וועט מען אָפּנעמען. דעמאָלט וועלן נישט זיין מער קיין מלחמות, קאַמפן, שטרייקן, רעוואָלוציעס. עס וועלן נישט זיין מער קיין הונגער און אַרבעטסלאָזיקייט, קיין קריזיסן און עקספּלואַטאַציע. די סאָציאַליסטישע אָרדענונג וועט אָפּהיטן דאָס פֿאָלק, איינפירן בילדונג, מעדיצינישע אויפזיכט, ריינקייט, ליכטיקע הייזער, גערטנער, ווייניק אַרבעט. אַ סך רו. די שטערבלעכקייט וועט דערגיין ביז אַ מינימום, דער דור וועט זיך אַנטוויקלען, אויסוואַקסן געזונט, שטאַרק, לעבנסלוסטיק. אין איינע עטלעכע יאָר וועט דער וואוקס אַזוי גרויס זיין, אַז ער וועט דעקן אַלע איצטיקע פאַרלוסטן. עס איז ווערט דאָס ביסל פאַרגאָסענע בלוט פאַר דער אייביקער פרייהייט, ברידערלעכקייט און גליק, וואָס וועט אָנקומען אויף אייביק. זאָל מען נאָר אויסראָטן דאָס שלעכטס פון דער וועלט, וואָס וויל צום גוטן נישט דערלאָזן, און די וועלט וועט זיין אַ גן-עדן.

דער קליינגעוויקסיקער מאַן מיטן נאַקעטן שאַרבן האָט געזען די נייע וועלט אַזוי קלאָר, ווי אַ קלאָרן חשבון אויף אַ טאָוול. דער גאַנצער ערד-קוגל איז איין לאַנד, אָן גרענעצן, אָן באַריערן. די ערד איז אומעטום באַאַרבעט, קולטיווירט. אַלע מענטשן וואוינען אין רו און מנוחה, אָן זאָרג פאַר דעם מאָרגן, אָן קאָפּ-דרייעניש פאַר דער צוקונפט. נישטאָ קיין מיינס און דיינס, אַלע זענען גלייך. אַלע אַרבעטן מיט געזאַנג זייער אַרבייט, רוען דערנאָך אין די אַלגעמיינע גערטנער, פּאַרקן. מוזיק שפּילט. די שולן און אוניווערסיטעטן זענען אָפן פאַר אַלע, וואָס לעבצן נאָך וויסן. איינער דעם אַנדערן איז נישט מקנא, נישטאָ קיין מחלוקות און רייסערייען, ווייל אַלע זענען גלייך. נישטאָ קיין אַרמייען, קיין שווערדן און ביקסן, קיין קאַזאַרמעס און קירכן. בלויז קאַרל מאַרקס-דענקמעלער שטייען אומעטום, דער סימבאָל פון פרייהייט און סאָציאַליזם. ווי אַ שאַך-

ברעטל איז פאר זיינע אויגן די וועלט געשטאַנען, גליידך, סימעטריש, געגוי. קיין איין אומפינקטלעכקייט שטערט נישט דער האַרמאָניע.

און קיין זאך איז אים נישט טייער געווען, כדי אָט די האַר־מאָניע צו דערגרייכן. וואָסער ראָלע שפּילן בלוט און טרערן, צייט־ווייליקע פּיין און שלעכטס, אומרעכט און ליגן, רציחה און פאַר־בלענדקייט, קרבנות און טעותן פאר דער גרויסער, גוטער, שיינער, האַרמאָנישער און אייביקער וועלט! ניין, קיין זאך איז נישט טייער דערפאר. די וועלט קאָן זיין גוט, געזונט, נאָרמאַל, האַרמאָניש, א גן־עדן אן עכטער, ווען מען זאָל זי נאָר פון פאַרבלענדקייט ארויס־נעמען, ווען מען זאָל זי נאָר פון די מכות און געשווירן אויסהיילן, דאָס שלעכטע בלוט, וואָס פאַרגיפטעט זי, אָפּצאַפּן, אָפּרוימען פון איר קערפּער דאָס קליינע הייפל ווערים, וואָס צאַפּן דאָס בלוט פון איר, ווי לייז ביי אן אָפּגעלאָזטן קערפּער. מען דאַרף מיט געוואַלט אָפּרייניקן דעם קערפּער פון אומפליים. דער שמוציקער וויל עס נישט, ווייל ער איז אומבאַוואוסטזיניק, ווייל ווי לאַנג א וואָרעם ליגט אין כריין, מיינט ער, אז קיין בעסערס איז נישטאָ. אָבער זאָל מען נאָר אַראָפּנעמען דאָס אומפליים פון אים, וועט ער דערפילן די גוטסקייט, וועט ער דערזען די פּלאַג, פון וועלכער מען האָט אים באַפרייט. ווי א נאַריש קינד איז זי, די וועלט, וואָס לאָזט זיך נישט די מכה עפענען, דעם אייטער ארויסלאָזן, ווייל עס האָט מורא פאַר דעם מעסער פון כירורג. אבער דער כירורג בינדט דעם קינד די הענט, לייגט עס מיט געוואַלט ארויף אויף דעם אָפּעראַציע־טיש און עפנט די מכה, כדי ארויסצולאָזן דעם אייטער.

ער האָט געזען די וועלט קראַנק, פאַרגיפטעט, וואָס מען מוז זי היילן, אויב מען וויל נישט זי זאָל חרוב ווערן, גאַנגרירן. די אַנדערע שלעכטע דאָקטוירים און זנאַכאַרעס ווילן זי מיט באַבסקע מיטלען היילן. א בייז־אויג איר אָפּשפּרעכן, א פּלאַסטער אויף דער מכה צולייגן; טייל דערפאַר, וואָס זיי זענען שווינדלער, אַנדערע דערפאַר, וואָס זיי האָבן מורא א מעסער אין דער האַנט צו נעמען. אָבער ער איז דער כירורג, וואָס ווייסט, אז פּלאַסטערס און באַבסקע רפואות זענען קיין היילונג נישט. א מעסער מוז מען האָבן, שניידן מוז מען. עס וועט ווי טאָן, אָבער דערנאָך וועט דאָס נארישע קינד זיין גליקלעך פאַר דעם דערוויילן ווייטאָג.

זאָל מען נאָר דערווייל איין אָרט אויסהיילן, איין גרויסן אבר פון דער וועלט, דאָס גרויסע רוסלאַנד, וואָס איז אַ זעקסטל פון ערד-קוגל, און באַלד וועלן אַלע אַנדערע אברים איר מקנא זיין און נאָכטאָן. שוין איז אַ שטיק אייראָפּע אַרויס און גענומען טרייסלען די וואַקלענדיקע זיילן. אין דייטשלאַנד, עסטרייך, אין אונגאַרן, אין אַלערליי געגנטן און לענדער זענען די אונטערדריקטע אַרויס פון די לעכער קעגן זייערע באַדריקער. זאָלן זיי נאָר זען פאַר זיך דאָס גרויסע רוסלאַנד, וואָס וועט מיט איר רעוואָלוציאָנערן פייער באַלויכטן די אַרומיקע פינסטערניש, און אַלע אַנדערע וועלן אַראָפּוואַרפן פון זיך די קייטן און וועלן אַרויס קעגן זייערע הערשער. אַלע לענדער, פעלקער, אויף אַלע קאָנטינענטן, די ווייסע און די שוואַרצע, די געל-הויטיקע, אַלע קנעכט און שקלאַפן וועלן נאָכגיין די פוס-טריט פון רוסלאַנד.

ניין, דער קליינגעוויקסיקער מאַן מיטן נאַקעטן קאָפּ האָט נישט געהאַלטן, ווי זיינע קעגנער, אַז מאַרקסיסטיש איז רוסלאַנד נאָך נישט גרייט צו קיין סאָציאַליסטישער אָרדענונג, ווייל די בורזשואַזיע איז נאָך נישט גענוג אַנטוויקלט און איז נאָך אין פּראָצעס פון וואַקסן און נישט אונטערגיין. ער האָט געלאַכט פון זייער שלעכטן פאַרשטיין דעם מאַרקסיזם. פאַרקערט, טאַקע דערפאַר, וואָס אין רוסלאַנד איז נאָך די בורזשואַזיע זיך נישט צעוואַקסן, וואָס בלויז אַ קליינע צאָל פּעאָדאַלן און קאַפּיטאַליסטן האַלטן דאָס לאַנד אין זייערע הענט, קאָן מען וואָס גיכער איינפירן די סאָציאַליסטישע אָרדענונג, איינטיילן די רייכטימער פון לאַנד צווישן אַלעמען. אין אַנדערע לענדער, וואו די בורזשואַזיע איז שטאַרק, וואו דער מיטל-קלאַס איז צעוואַקסן, האָט מען צו טאָן מיט אַ שטאַרקן שונא, וואָס לאָזט נישט אַרויס די ממשלה פון דער האַנט און דער קאַמף קעגן אים איז אַ שווערער, אַ ביטערער. צו שווער איז צו שניידן די פאַנאַנדערגעוואַקסענע מכה, מען מוז אפשר וואַרטן ביז זי וועט אַליין פּלאַצן. אין רוסלאַנד איז, צום גליק, דער שונא אַ קליינער, אַ נישטיקער פּראָצענט, וואָס וויל נישט אַוועק פון דער פעטער שיסל, וואָס וויל דורך פינסטערניש פאַרשקלאַפן די גרויסע מערהייט. לייכטער ווי אומעטום איז אין דעם לאַנד אויסצושניידן די מכה פון פאָלקס-קערפּער, אויסמעקן זי, עס זאָל קיין זכר פון איר נישט בלייבן.

ער האָט געלאַכט, דער קליינגעוויקסיקער מאַן, פון זיינע קעגנער, וואָס ווילן וואַרטן ביז די בורזשואַזיע וועט זיך ערשט אַנטוויקלען, כדי דערנאָך זי צו שטירצן. אומזין! ווען מען קאָן גלייך אויסשניידן אַ קליין מכהלע, איידער עס צעוואַקסט זיך, איז אַ משוגעת צו לאָזן עס זיך פאַנאַנדערבליען, כדי עס זאָל דערנאָך אַליין פּלאַצן. צו וואָס די איבעריקע יסורים און צייט? שוין באַצייטנס דאַרף מען דעם געשוויר אויסברענען, דאָס שלעכטע בלוט אַרויסלאָזן. אויסמעקן דאַרף מען דאָס שלעכטע און פאַלשע, ווי אַ פאַלשן ציפער, וואָס גנבעט זיך אין אַ קלאָרן חשבון אַריין. און ער האָט געמעקט, דער קליינגעוויקסיקער מאַן, געמעקט מאַטעמאַטיש, קלאָר און באַרעכנט.

ער האָט געזען די לעזונג קלאָר, ווי דעם אייגענעם האַנטפלאַך. אַביסל פון די קעגנער וועלן זיך צעלויפן, אַנדערע וועלן זיך פּראָלעטאַריזירן. אַ טייל וועט גלייך שלום מאַכן מיט דער נייער אָרדענונג, די איינגעשפּאַרטע און פאַרביסענע וועט ער אויסראָטן, אָפּרייניקן, און דעמאָלט וועט מער קיין פראַגע נישט זיין פון קלאַסן-קאַמף. איין קלאַס וועט בלייבן, די אַרבעטער און פויערים, וואָס ווילן די סאָציאַליסטישע אָרדענונג. און ער האָט געשניטן די מכה, אַרויסגעלאָזט דאָס אומריינע בלוט.

יאָ, אָפטמאָל איז צוזאַמען מיטן אומריינעם בלוט אויך ריין בלוט פאַרגאָסן געוואָרן, אָבער דאָס מוז אַזוי זיין ביי שניידן אַ מכה, האָט דער קליינגעוויקסיקער מאַן געוואוסט, דאָס קאָן מען נישט אויסמיידן און מען מוז עס אָננעמען פאַר ליב. מען קאָן נישט וועגן און מעסטן אין אַזעלכע צייטן, מען דאַרף זען דאָס גאַנצע.

— רייניקן, חברים, מעקן, — האָט ער געזאָגט צו די מענטשן זיינע אויף די זיצונגען. — אַ רעוואָלוציע איז נישט קיין שפּילכל.

אויסגעפירט די רייניקונגס-אַרבעט, דאָס מעקן, האָט דער לאָדזשער רעוואָלוציאָנער פאַוועל שטשינסקי, דער קאָמענדאַנט פון דער רויטער הויפּט-שטאָט. אַ בלוי-אויגיקער, אַ בלאָנדער, מיט אַ העל בערדל, וואָס דערמאָנט אין אַ בערדל פון אַ איד אַ לערנער. אַ שלאַנקער, אַ ראָמאַנטישער אפילו, האָט ער גלייך, ווי זיינע זענען געקומען צו דער מאַכט, אַוועקגעוואָרפן די ביכער, אין וועלכע ער האָט שטענדיק געווייקט זיך, און גענומען זיך צום רעוואָלווער. פון

דער גלחים-שול, וואו ער האָט אינגלוויז געלערנט, האָט ער פון זיינע לערער די יעזואיטן איבערגענומען די תורה, אַז דער ציל הייליקט דאָס מיטל. פאַר דעם ציל פון דער מענטשהייט האָט ער די מענטשן ווי אומפּלייט פּאַרטיליקט.

נאַכט ביי נאַכט האָט ער זיינע לייט איבער דער שטאָט אַרויס-געשיקט, מיט לאַסט-אויטאָמאָבילן, רעוואָלווערן, ביקסן און האַנט-גראַנאַטן. זיי זענען די רייכע הייזער אין מיטן דער נאַכט באַפאַלן, געזוכט אַלע אַמאָליקע מיוחסים, הויכע מיליטער-לייט, באַראָנען, גראַפן, הויכע באַאַמטע, באַנקירן, פאַבריקאַנטן, עסערן, אַלע אַנ-דערע וואָס זענען אליין קיין באַזיצנדיקע נישט, נאָר אין זייער אומבאַוואוסטזיין שלעפּן זיי זיך נאָך די שונאים פון פּראָלעטאַריאַט. מען האָט זיי פאַרשריבן אין די ביכער, כדי זיי באַלד אויסצומעקן. קיין געריכטן האָט שטשינסקי נישט געמאַכט. אויפן אָרט האָבן די מענטשן זיינע די אַרעסטירטע אויסגעפרעגט, פּאַראורטיילט, אויס-געמעקט זיי און מיט די לאַסט-אויטאָמאָבילן זייערע טויטע קער-פּערס צום סמאָלענקער בית-עולם אָוועקגעפירט און אין פלאַכע גרויסע גריבער באַגראָבן. אַ סך זענען אין די קעלערס, אין דער קרעסטי-טורמע איינגעזעצט געוואָרן.

ער האָט זיך נישט שטאַרק אומגעקוקט אויף די מענטשן זיינע, פּאַוועל שטשינסקי. ער האָט זיי גענומען ווי עס האָט זיך געלאָזט, פון די אַמאָליקע זשאַנדאַרמען, פון די אַגענטן, ווער נאָר עס האָט אָנגעבאָטן צו טאָן די אַרבעט. קיין אַרבעטער האָט מען נישט אַרעסטירט, בלויז זייערע שונאים, וואָס זענען געשיכטלעך סיי-ווי-סיי פאַראורטיילט. און עס איז אים ווייניק אָנגעגאַנגען, וואָס די אויסגעמעקטע האָבן צו זאָגן וועגן זיך, ווי אַזוי די מעקער זייערע באַגייען זיך מיט זיי. זייער גורל איז געווען געחתמעט. שטשינסקי האָט געקענט געשיכטע. ער האָט געוואוסט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אַז אַ שונא קאָן אַרויסשפּרינגען פּלוצלונג, אויף וועל-מען מען ריכט זיך אַמווייניקסטנס. ער האָט געוואָלט בעסער זיין זיכער, איידער צו האָבן שפּעטער עפּעס אויפן געוויסן און חרטה האָבן. און ער האָט עס אויך געלערנט די מענטשן זיינע.

— אַ לעבעדיקער קאָן אַמאָל זיין געפערלעך, — האָט ער גע-זאָגט. — אַ טויטער קיינמאָל נישט.

געמעקט גאָר אָן חשבון האָט פּאוועל שטשינסקי, ווען די שונאים האָבן אויפגעהויבן די קעפּ, אָרגאַניזירט אַרמייען צו גיין מיט געווער אויף דער רויטער הויפּט-שטאָט און זי דעראָבערן, ווען אין שטאָט אַליין האָבן זיינע מענטשן געהיימע מיליטערישע אָר-גאַניזאַציעס געפונען, וואָס האָבן געגרייט אַטענטאַטן אויף די פירער פון דער רעוואָלוציע. אַפילו די היימישע אויספאָרשונגען, ווי פריער, זענען מער נישט געמאַכט געוואָרן. אין די הונדערטער האָט מען זיי, די קלאַסן-שונאים, פון די בעטן אַרויסגענומען אין די נעכט און יעדן צענטן פון זיי אויסגעמעקט גלייך, כדי אָפּצו-שרעקן די אַלע איבעריקע.

מער פון פריער האָבן די לאַסט-אויטאָמאָבילן געקלאַפּט אין די נעכט איבער די שטיינער פון די פּעטערבורגער גאַסן. יעדער קלאַפּ האָט אָנגעשלאָגן אין אשכנזים האַרץ אויף זיין געלעגער. ער האָט שוין נישט געקאָנט דערוואַרטן די מינוט, ווען דאָס פריילעכע פאַרשווינדל זאָל אים אַרויספירן פון דער שרעקלעכער שטאָט. מיט שעפּטשענדיקע קאַלטע ליפּן האָט ער געבעטן צו גאָט צו דערנענ-טערן די גוטע שעה.

קאַפּיטל פופצן

שנעלער ווי מאַקס אשכנזי האָט געהאָפּט, האָט דאָס פריילע-כע פאַרשווינדל מיטן האַרטן קאַפּעליוש דורכגעפירט פאַר אים זיינע עסקים.

עס איז גאָר נישט געווען קיין שווערע זאַך אין דער רויטער שטאָט, וואָס אָט דאָס קליינע רונדע פאַרשווינדל האָט נישט גע-קאָנט דורכברעכן. מאַקס אשכנזי איז געווען אין זיבעטן הימל פון אים. קודם-כל האָט ער אים פאַרקויפט די סחורות פון די קעלערס, וואָס ער האָט באַצייטנס געהאַט פאַרשטופּט, איידער די לייט אין די לעדערנע רעקלעך און אין די שינעלן זענען געקומען רויבן דאָס אָנגערויבטע. ער האָט אים אין מאָדנע זייטיקע שענקלעך מיט סוחרים צונויפגעפירט און די סחורה פאַרהאַנדלט. אשכנזי האָט

פארקויפט די טרייפענע סחורות אָן צושטעלן. ער האָט עס גלייך געזאָגט די סוחרים, אַז צושטעלן די ווארע קאָן ער נישט, ווי עס פּלעגט זיך פירן. ער וועט זיין לעבן נישט איינשטעלן. די סוחרים האָבן זיך דערמיט נישט איבערגענומען.

— מיראָן מארקאָוויטש וועט עס שוין באַזאָרגן, מיר פארלאָזן זיך שוין אויף אים! — האָבן זיי געזאָגט.

און מיראָן מארקאָוויטש האָט עס געמאכט. גלאַטיק איז עס ביי אים ארויס. מיט אויטאָמאָבילן, געפירט דורך פארשוינען אין לעדערנע רעקלעך, האָט מען די סחורות פון אשכנזים קעלערס ארויסגעפירט. קיינער האָט זיך נישט געכאפּט. ער האָט זיך גע-האַלטן אין זיין פּרינציפּ, דאָס רונדע פארשוינדל — צו מאכן אַלץ מיט די רעגירער אליין, ווייל דאָס איז דער בעסטער וועג, דער זיכערסטער.

— מאַלאַדיעץ! — האָט אים אשכנזי געקלאַפּט איבער דער פּלייצע, צופרידן דערפון, וואָס ער איז פון דער צרה פּטור געוואָרן, און גלייך אויסגעצאָלט מיראָן מארקאָוויטשן אַ לייטישע קאָמיסיע, מיט דער פולער האַנט.

מיראָן מארקאָוויטש האָט נאכלעסיק אריינגעוואָרפן דאָס פּעקל באַנקנאָטן אין די הויזן-קעשענעס, ווי דאָס וואָלט געווען נישטיקע פּאַפּירלעך, און אפילו רעכט נישט איבערגעציילט.

— קומט, גאָספּאָדין אשכנזי, און מיר וועלן דאָס ערשטע גע-שעפט באַגיסן! — האָט ער געזאָגט אַ פריילעכער. — אַזוי אויפן אַמאָליקן שטייגער.

אשכנזי האָט פון אַזעלכע זאכן נישט שטארק געהאַלטן, אָבער אָפּזאָגן דעם פריילעכן פארשוין איז געווען שווער. איידער נאָך אשכנזי האָט פּרובירט זיך ארויסדרייען, האָט אים שוין מיראָן מאר-קאָוויטש גענומען אונטערן אָרעם און געפירט מיט זיך.

— העי, איזוואָשטשיק! — האָט ער אַ רוף געטאָן אַ שווארץ-בערדיקן דיקן קוטשער אין אַ פלאכן צילינדער, וואָס זיין קארעטע און די פּאָר שווארצע פערד האָבן נאָך קיין שום סימנים פון דער נייער צייט נישט געהאַט, אויסגעזען ברייט, פעט און רחבותדיק.

אשכנזי האָט האַסטיק ארויסגעכאפּט זיין האַנט פון מיראָן מארקאָוויטשעס אָרעם.

— וואָס טוט איר? איצט? — האָט ער גערעדט אַ פאַר־ציטערטער. — מיר וועלן צופאָרן מיטן טראַמוויי.

— גאָספּאָדין אשכנזי, לאָזט עס פאַר מיר! — האָט מיראָן מאַרקאָוויטש געענטפערט אַ לאַכנדיקער, קוקנדיק מיט אַלע ווייסע ציין פון די שווארצע וואָנסן ארויס.

איינס און צוויי האָט ער אשכנזין אין דער קארעטע אריינגע־שטופּט, אַליין זיך נעבן אים אוועקגעזעצט אַ ברייטער, אַ פאַנאַנדער־געלייגטער, און וואוילעריש באַפוילן דעם קוטשער וואו צו פאָרן. ביים אויסשטייגן האָט אשכנזי גענומען גראַבלען ביי די קעשענעס, כדי צו באַצאָלן דעם קוטשער. ער האָט גאָר אַליין נישט געוואוסט, וויפל מען צאָלט איצט פאַר אַזאַ רייזע. ער האָט יעדע ווערט פון געלט פאַרלוירן אין די ביטערע טעג. מיראָן מאַרקאָוויטש האָט אים מיט כוח צוגענומען די הענט פון די קעשענעס. פלינק האָט ער אריינגעשטעקט די האַנט אין הויזן־קעשענע, וואו ער האָט די באַנק־נאָטן נאַכלעסיק געהאַלטן, ער האָט אַ וואָרף געטאָן דעם קוטשער אַ פּאַק פּאַפּירן, צוגעלייגט נאָך אויף טיי אַ באַזונדער פּאַפּירל און אפילו אַ קאָמפּלימענט פאַר זיין גיכן פאָרן אים געגעבן.

— בלאַגאָדאַריוס, באַרין! — האָט דער קוטשער זיך פאַר־נויגט פון געזעסל אַראָפּ און טיף געצויגן פאַר אים דעם נידעריקן גלאַנציקן צילינדער.

אין דעם רעסטאָראַן, וואָס פון דרויסן האָט ער זייער אָרעם אויסגעזען, האָט מיראָן מאַרקאָוויטש באַשטעלט אַ סעודה אויפן גאָר גרויסן שטייגער, מיט פלייש, צובייסעכצן. קאָניאַק און מיט אַלע גוטע זאַכן. וואָס מען האָט זיי אין דער הונגערנדיקער שטאָט שוין אַ צייט נישט געזען. אשכנזי האָט זיך צוגעכאַפּט מיט גיריקייט צו די גוטע מאכלים נאָך די אָרעמע שפּייזן, וואָס ער האָט זינט אַ צייט מיט אייגענע הענט זיך אַליין צוגעגרייט.

נעמט כריין, גאָספּאָדין אשכנזי, און סאָוס גיסט ארויף, זייער געשמאַקער, — האָט אים געמונטערט מיראָן מאַרקאָוויטש און באַ־דינט אים. — לחיים, גאָט זאָל געבן, מיר זאָלן האָבן נחת איינער פון אנדערן!

ביי די געשמאַקע מאכלים, ביי די גוטע קאָניאַקס, האָבן זיך די מענטשן צעוואַרעמט. מיראָן מאַרקאָוויטש האָט געבליצט מיט

די רונדע שווארצע אויגן, האָט נישט אויפגעהערט קלאַפּן אשכנזין אין די פּלייצעס און דריקן די קני.

— נו, וואָס, מיראָן מאַרקאָוויטש גאָראָדעצקי ווייסט ווי מען קאָן קריגן אַ גוטן ביסן, הע? — האָט ער זיך אַליין געלויבט און געוואָלט הערן עס אויך פון אשכנזין.

ער איז ווייך געוואָרן, סענטימענטאַל און זיך צעקנעפּלט פאַר אשכנזין, דאָס העמד פון דער נשמה אויסגעטאָן, אויף דעם רוסישן שטייגער. זיין גאַנץ לעבן האָט ער דערציילט איצט. פון אינגלווייז אָן אין אָדעס, וואו ער האָט געהאָלפן דער מאַמען זיינער דער אַלמנה אַרומטראָגן הינער און גענז צו רייכע שטובן, ביז ער איז אָנגעקומען קיין לאָדזש אין אַ געשעפט פאַר אַ שיק־אינגל, ביז ער איז געוואָרן אַ וואָיאַזשאָר און גאַנץ רוסלאַנד אָן וואוין־רעכט אַרומגערייזט. ניין, נישט דורך שולן און דערציונג איז ער צום לעבן געגאַנגען, ווי אַנדערע. אַליין, מיט די אייגענע הענט האָט ער זיין וועג געמאַכט.

— שווער געווען דאָס לעבן מיינס, — האָט מיראָן מאַרקאָוויטש גערעדט מיט הארץ אשכנזין גלייך אין פּנים אריין. — שווער פאַר אַ איד געווען אַרומצוּרייזן איבער רוסלאַנד אָן וואוין־רעכט. אָבער מיראָן מאַרקאָוויטש האָט געלאַכט פון דער וועלט און אומעטום געקומען. אַנדערע האָבן צוגערעדט צו שמדן זיך, אַ לוטעראַנער ווערן און מאַכן זיך לייכט, אָבער מיראָן מאַרקאָוויטש גאָראָדעצקי האָט געזאָגט: — ניין, ברידערלעך, דאָס רענדל אויסבייטן נישט! זאָל מיין נאָמען נישט זיין מיראָן מאַרקאָוויטש גאָראָדעצקי!

אשכנזין איז געפעלן געוואָרן דאָס, וואָס מיראָן מאַרקאָוויטש האָט נישט געוואָלט אויסבייטן דאָס רענדל. צום פריערדיקן קדיש, וואָס ער היט אָפּ, איז איצט צוגעקומען נאָך אַ מעלה, אַ גרעסערע, אַ וויכטיקערע. אשכנזי האָט אים געלויבט דערפאַר. מיראָן מאַרקאָוויטש איז זיך צעגאַנגען פון הנאה.

— ניין, איך בין נישט קיין צדיק, — האָט ער גערעדט מיט הארץ. — איר ווייסט דאָך, אין וועג, מען עסט טריפות, מען היט נישט אָפּ שבת, און צווישן אונז זאָל עס בלייבן, מען טוט אויך אַנדערע עבירות, מען פאַקט אַ ווייבל, אַ שיקסע, אַנטשולדיקט מיר

פאר די רייד, פארשידן, אָבער יאָרצייט, יום-כיפור און דעם אידישן גאָט, דאָס, ברידערלעך, ניין! דאָס האָב איך אַלעמאָל אָפּגעהיט!

צו די ווייטערע גלעזלעך אַז עס איז געקומען, האָט אשכנזי אָפּגעשטעלט זיך, געגאָסן זיי אין טעלער, ווי שטענדיק ער פלעגט זיך פירן אין אַזעלכע פאלן, כדי נישט צו פארלירן דעם קאָפּ. מיראָן מארקאָוויטש האָט געטרונקען אַ גלעזל נאָך אַ גלעזל. באַלד האָט ער אויך גענומען וויינען, אויסדערציילן פאר אשכנזין אַלע זיינע צרות, וואָס ער האָט געהאַט אין זיין לעבן. ווי פאר אַ פאָטער האָט ער זיך מתודה געווען, אַלע סודות פון אונטערן לייב ארויסדערציילט, אַלע זיינע עגמת-נפשן מיטן ווייבל זיינעם, וואָס ווען ער איז אין די וועגן, פארבייט זי אים מיט אנדערע מענער. אשכנזי האָט אים בארויקט, נאָר מיראָן מארקאָוויטש האָט זיך נישט געלאָזט טרייסטן און געכאַפּט זיך קושן אשכנזין.

— ווי אַ טאַטע אַן אייגענער זענט איר פאר מיר, טייערער, — האָט ער געטוליעט זיך צו אשכנזין און אים געדאַנקט פאר אַלע טובות זיינע, כאָטש אשכנזי האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן וואָסערע טובות ער האָט יענעם געטאָן.

פלוצלונג איז ער צוגעלאָפן צו דעם פאס וואַסער, עטלעכע שעפער זיך אָפּגעגאָסן אויף דעם צעהיצטן קאָפּ און גלייך צוריק ניכטער געוואָרן, ווי ער וואָלט קיין איין גלעזל פריער נישט גענומען אין מויל. אין איין רגע איז ער צוריק געווען דער ענערגישער, האָפּערדיקער און פרייליכער, וואָס קיין שום זאַך איז נישט שווער פאר אים דורכצוברעכן.

מיט אַ געוואַלדטיקן אימפּעט האָט ער צוגעגרייט אשכנזיס נסיעה. ערשטנס, האָט ער אים צונויפגעפירט מיט צוויי פארשוינען אין קליידער, וואָס זענען האלב-מיליטעריש און האלב-ציוויל, האַלבע רוסן, האַלבע פינלענדער. הויכע, אָפּגעברענטע פון ווינט און זון, מיט ליולקעס אין די מיילער און גרויסע שווייגער, וואָס פונקט ווי מיראָן שיט מיט רייד, האָבן זיי שווייגנדיק אויסגעהערט מיראָן מארקאָוויטשעס מבול ווערטער און בלויז גערויכערט. דערנאָך האָבן זיי ביידע אַ שאָקל געטאָן מיט די קעפּ איינער נאָכן אנדערן און איינגעגאַנגען צו נעמען מיט זיך מיראָן מארקאָוויטשעס פּאַ-פּאַזשיר.

אשכנזי האָט זיך געפילט אומהיימלעך מיט אָט די צוויי הויכע גוים, וואָס רעדן זעלטן אַ וואָרט ארויס און גייען אָנגעטאָן האַלב-מיליטעריש, האַלב-ציוויל. מיראָן מארקאָוויטש האָט אים אָנגע-רעדט אַ וועלט מיט גוטס אויף אָט די צוויי לייט. שוין נישט איי-נעם האָט ער אַריבערגעפּעקלט מיט זיי און דערנאָך גוטע בריוולעך פון יענער זייט געקריגן. ער האָט זיי ביי זיך, די בריוולעך. זיי זענען קאָנטראַבאַנדיסטן, די צוויי מענער, שמוגלען אַריבער קיין רוסלאַנד שפּייז און סחורות פון דער פינלענדישער זייט. אַהין פאָרן זיי ליידיק. רודערער זענען זיי גוטע און דאָס שיפל זייערס איז אַ קליינס, אַ פישער-שיפל מיט אַ זעגל. קיינמאָל האָט נאָך נישט געטראָפן, אַז זיי זאָלן דורכפאַלן. איבעריקנס, זענען זיי איינס מיט די קאָמיסאַרן, טיילן זיך מיט די פאַרדינסטן און עס איז זיכער מיט זיי, ווי ביי דער אייגענער מאַמען אונטערן פאַרטוך.

דערנאָך האָט מיראָן מאַרקאָוויטש אשכנזין געטאָן אַלע אַנ-דערע טובות. ער האָט אים אויסגעביטן געלט, אפילו אויסלענדישע וואַליוטע פאַר אים געקריגן, די פּעקלעך אין שטוב געהאָלפן איינ-פּאַקן, די אוצרות באַהאַלטן אין געווײנלעכע לייוונטענע זעקלעך.

צום טאָג, ווען מען האָט געדאַרפט ארויספאָרן, האָט מיראָן מאַרקאָוויטש אַריינגעכאַפּט זיך נאָך אין שולכל, צוזאמען מיט אשכנזין, כדי נישט דורכצולאָזן קיין קדיש. אשכנזי האָט זייער פרום אָפּגעדאַוונט, וואָרט אין וואָרט די שמונה-עשרה געזאָגט. באַזונדערס האָט ער פאַרהויבן די אויגן צום באַלקן פון בית-המדרש ביי די תפילות, וואָס זענען געמאַכט קעגן שלעכטע מענטשן, גזלנים און בייזוויליקע, פון וועלכע גאָט דאַרף אויסהיטן.

אַלץ איז געגאַנגען גלאַטיק, ריין, גאָרנישט האָט זיך נישט פאַרהאַקט ביי דעם מיראָן מאַרקאָוויטש. שטיל האָט ער אשכנזין צוזאמען מיט זיינע פּעקלעך פון זיין וואוינונג אַרויסגענומען, מיט אַ צוגעגרייטער דראָזשקע אוועקגעפאָרן צום באַלטישן וואָקזאַל, פון וואַנען מען האָט געדאַרפט אָפּפאָרן מיט אַ צוג ביז צום ברעג אָפּע-נעם ים. לאַנג האָט געדויערט ביז מען האָט דעם צוג צוזאמענגע-שטעלט. ער האָט היפּש פאַרשפּעטיקט. אשכנזי איז געזעסן אין אומרואיקער. יעדער מינוט איז געווען ביי אים אַן אייביקייט. מי-

ראָן מאַרקאָוויטש איז געזעסן ביי די פּעקלעך א רואיקער, א פריי-לעכער ווי שטענדיק.

— צוגעוואוינט, שוין נישט דאָס ערשטע מאָל, — האָט ער איינגערוימט אשכנזין. — זייט רואיק, אלץ וועט גיין ווי אויף פּוטער.

ביים אריינגיין אין צוג האָט זיך אויפגעהויבן א טומל, א גע-רודער. כאָטש עס איז געווען קאַלט, האָבן מאַסן מענטשן גע-וואוינט אין די זומער-פּלעצער ביים ברעג ים. אין שטאָט איז גע-ווען קאַלט, ענג און הונגעריק. אין שינעלן און אין פּעלצן, אין וואַלינקעס און אין לאַפּטיעס, מענער, ווייבער, אַלטע, יונגע, אלע האָבן זיך א לאָז געטאָן צום צוג, געלאָפן דורך טיר און פענסטער, געשפרונגען, געריסן זיך. אשכנזי איז געבליבן א פארלוירענער צווישן דעם המון מענטשן. ער איז קיינמאָל נישט געוואוינט געווען צו אזעלכע צוגן. נאָך וויניקער איז ער געוואוינט געווען צו שלעפּן פּעק אין וואַגאָן אריין. דאָס האָבן געטאָן פאר אים באַן-טרעגער. אָבער מיראָן מאַרקאָוויטש האָט מיט שדישער פלינקקייט געמאכט זיך צווישן גאַנצן געדיכטעניש א וועג, אריינגעטראָגן די פּעקלעך, אשכנזין אליין אריינגעשטופּט, און געשאַפן אָרט. איינס און צוויי איז ער מיט אלע ארומיקע פרעמדע מענטשן באַקאַנט געוואָרן, גע-רעדט צו יעדן, געלאַכט און געמאכט זיך באַקוועם.

— נאָך אַביסעלע, חברים, אָט אזוי, א דאַנק, חברים! — האָט ער געשטופּט זיך צווישן עולם און ברייט גערעדט אויף זיין אָדעסער רוסיש מיט ווייכע אידישע האַלז-רישן אין די אָפּטע „טאָ-ווארישטשי". די באַן האָט זיך געשלעפּט פּויל, געפייפט אָפּט, גע-סאָפּעט, געריסן זיך, נאָר געגאַנגען איז זי לאַנגזאַם און נודנע. אויף יעדער קליינער סטאַנציע איז זי אָפּגעשטאַנען א צייט, פון אָרט זיך נישט גערירט. אשכנזי האָט זיך פארשטעקט צווישן די מענטשן. די צייט האָט אים אויפגעגעסן. מער פון אלץ האָט אים געקוועלט דער פּעלץ זיינער, דער רייכער פּעלץ, אין וועלכן א פארמעגן איז געווען פארנייט. מיראָן מאַרקאָוויטש האָט אים מיט זיין פריילעכ-קייט געשטאַרקט. אפילו א פּלאַץ צו זיצן האָט ער פאר אים געקריגן.

— העי, קראַסאַוויצאַ, — האָט ער פּלוצלונג א זאָג געגעבן צו א רויט-באַקיקער שיקסע מיט א פאררריסן נעזל, — זיי א וואוי-

לינקע און טרעט אַפּ מיין פאַטער דעם פלאַץ. דו האַסט יונגע שטאַר־קע פיס און דער פאַטער מיינער איז שוואַך...

דאָס רויט־באַקיקע מיידל איז פון דעם מאַנס קאָמפּלימענטן נאָך רויטער געוואָרן, און זי האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט. אשכנזי האָט זיך נישט געוואָלט זעצן. אַלע האָבן אויף אים גע־קוקט, און דאָס האָט ער נישט געוואָלט. ער איז אפילו בייז גע־וואָרן אויף דעם פּלוט מיראָן מאַרקאָוויטש, וואָס טומלט אַזויפיל. נאָר מיראָן מאַרקאָוויטש איז געבליבן אַזוי פריילעך און גוטמוטיק, ווי פריער. אין גאַנצן געדיכטעניש האָט ער גענומען ווײַלן מיט אַנעקדאָטן, מיט פעטע וואַיאַזשאַרישע וויצן, פון וועלכע די פּאַ־סאַזשירן אין וואַגאָן האָבן הארציק געלאַכט, ביי די זייטן זיך גע־האַלטן.

אין אָוונט, ווען עס איז שוין טונקל געווען, זענען זיי צוגעקו־מען צו א קליינער סטאַנציע. אשכנזי האָט געוואָלט נעמען די פּעק־לעך, נאָר מיראָן מאַרקאָוויטש האָט נישט געלאָזט. אליין האָט ער אַלץ געכאַפּט אין די הענט און אשכנזין געפירט מיט זיך, ביז זיי זענען ארויסגעקומען צום אָפענעם ים. א ווינט האָט א כאַפּ געטאָן אשכנזין און אים שיער נישט איבערגעקערט. דער ים האָט גע־שמעקט מיט געזאַלצנקייט, הארבקייט און רויקייט. די בוימער האָבן זיך געבויגן אין ווינט, געפייפט, געריסן, נאָר ווי אויסצו־רייסן זיך מיט די וואָרצלען און אַנטלויפן. די כוואַליעס האָבן גע־פּאַטשט און געשווענקט דעם טונקלען ברעג. הינט האָבן ערגעץ געבילט.

באַלד איז פון דער פינסטערניש אויסגעוואַקסן א טונקעלע פיגור. אשכנזי האָט א ציטער געטאָן. מיראָן מאַרקאָוויטש האָט אים א שטויס געגעבן.

— אונזערע, — האָט ער געמורמלט.

די טונקעלע פיגור האָט זיך דערנענטערט, צוגענומען ביי מיראָן מאַרקאָוויטשן די פּעקלעך און מיט גרויסע שפּרייזן געגאַנ־גען פאָראויס. מיראָן מאַרקאָוויטש האָט גענומען רעדן, אשכנזי האָט אים פאַרהאַלטן דאָס מויל.

— שווייגט, אום גאָטס ווילן, — האָט ער אים געבעטן, — שווייגט!

ער האָט געוואָלט הערן דעם ים, דעם רוישנדיקן און וואַשנ־דיקן, וואָס פירט צו ווייטקייטן, צו פרעמדע גוטע לענדער, צו ישועה און צו רעטונג. שרעק צוזאמען מיט האָפערדיקייט האָט אָנגעפילט זיין האַרץ אין דער ווינטיקער נאַכט ביים שטורמישן ים. ער האָט שטאַרק חשק געהאַט צו פרעגן ביי דעם טונקעלן שפּרייזנדיקן מאַן, צי אין אַזאַ נאַכט איז נישט קיין סכנה אַרויסצולאָזן זיך מיט אַ זעגל־שיף, נאָר ער האָט נישט געוואַגט אַ וואָרט אויסצורעדן צו דער טונקעלער שווייגנדיקער פיגור, וואָס איז מיט ריזיקע שפּרייזן גע־גאַנגען פאָראויס.

באַלד איז מען אָנגעקומען צו אַ הויז. דער מאַן מיט די פּעק־לעך האָט אָנגעקלאַפּט. מען האָט געעפנט. אַלע זענען אַריין. אין דער שטוב, וואָס איז געווען בלויז מיט אַ טונקל לעמפּל באַלויכטן, זענען געווען אָנגעלייגט זעק, פעלן, קעסטלעך. פעלצן זענען געהאַנ־גען אויף די ווענט. די מענער, וואָס זענען אַריינגעקומען, האָבן זיך נישט באַגריסט, נישט געפרעגט עפּעס. זיי האָבן בלויז געשוויגן און געוויכערט. איינער האָט זיך געפּאַרעט ביי אַ צעבראָכענער האַנט־לאָמטערנע, פאַרריכט זי מיט שווערע אומגעלומפּערטע הענט.

מיראָן מאַרקאָוויטש האָט זיך גלייך אויסגעצויגן אויף איינעם פון די זעק און איינגעשלאָפן, איינגעשלאָפן מיט אַ טומל, מיט אַ שנאָרכן און סאָפּען, ווי אַלץ, וואָס ער טוט, ראַשיק און טומלדיק. אשכנזי האָט פּרובירט שליסן די אויגן, אָבער ער האָט נישט גע־קאָנט. די אויפרעגונג האָט אים נישט געלאָזט שלאָפן.

שעהן־לאַנג איז אשכנזי געזעסן אין דער טונקעלער שטוב און געוואַרט אויף דער שעה, ווען מען וועט זיך אַרויסלאָזן אין וועג אַריין. דער ווינט אינדרויסן האָט נישט אויפגעהערט צו יאָמערן, די וועלן האָבן אָנגעקלאַפּט אין ברעג. ער האָט אַלעמאָל אויף דאָס ניי אַ קוק געטאָן אויפן זייגערל, אויף דעם גאָלדענעם חתן־זייגער, וואָס ער האָט צו זיין חתונה געקריגן אַ מתנה. די שעהן האָבן זיך געשלעפּט לאַנגזאַם, ווי קריכנדיקע ווערים. צו דער נאַכט האָט גאָר קיין סוף נישט גענומען. נאָך לאַנגע שעהן האָט אשכנזי דערפילט אַ מידקייט אין קאָפּ און פאַרמאַכט די אויגן. דער פינסטערער צי־מער מיט זעק און פעסלעך האָט זיך פּלוצלונג פאַרוואַנדלט אין אַ

העל-באַלויכטענעם עס-צימער אין זיין פּאַלאַץ אין לאָדזש. אַלע לאָמפּן זענען אָנגעצונדן. דער טיש איז רייך געדעקט. אויבנאָן איז געזעסן ער, אשכנזי, נעבן אים זיין פרוי, נישט די צווייטע, נאָר די ערשטע, דינהלע. יונג איז זי, שיין, ווי באַלד נאָך דער חתונה. אָבער כאָטש זי איז אַזוי יונג און שיין, זענען שוין די קינדער זייערע דערוואַקסן. אָט זיצן זיי טאַקע אויך ביים טיש, ליכטיקע, שיינענדיקע, פון איין זייט גערטרוד, פון דער אַנדערער זייט — איגנאַץ. אויך שווער און שוויגער זענען דאָ, ר׳ חיים און פּריווע. נעבן זיי זיצט יעקב-בונם. אַלע זענען זיי פאַרזאַמלט. מען עסט, מען טרינקט ווײַן און מען פרייט זיך מיט אים, אשכנזין. ער דערציילט זיי פון וועג, פון די צרות זיינע. אַלע באַגריסן אים, און ער עפנט דעם רייזע-טאַש זיינעם און טיילט יעדע איין מתנות, און דערנאָך צעגייען זיך אַלע, בלויז ער אַליין מיט דינהלען בלייבן. זי טוט זיך אויס, בלייבט אין טייערע זיידענע נאַכט-וועש און זי גלעט אים מיט די ווייכע הענט, רופט אים אין רויט-באַלויכטענעם שלאָפצימער...

— שוין, דינהלע, — ענטפערט ער, — שוין גיי איך...

ער שטרעקט אויס די האַנט, צו פאַרלעשן דעם לאָמפּ, אָבער ווי אויף צו-להכעיס רייסט זיך אים די ליכט אין די אויגן. ער עפנט די אויגן א ווײַלע און ער שליסט זיי צוריק פון דער שטאַרקער ליכט. גלייך אין די אויגן לייכט אים א העל האַנט-לעמפּל. צוויי מענער אין לעדער רייסן אים ביי די אַקסלען.

— גענוג געשלאָפן, אויפגעהויבן זיך!

אשכנזי האָט אויסגעריבן די אויגן און געבליבן שטיין א פאַרגליווערטער. ביידע מענער אין לעדער האָבן רעוואָלווערן ביי די גאַרטלען געהאַט שטעקן.

— מיראָן מאַרקאָוויטש! — האָט ער גענומען רופן. — מיראָן מאַרקאָוויטש!

די מענער האָבן געלאַכט פון אים.

— מיראָן מאַרקאָוויטש איז געגאַנגען אויף א חתונה, ער לאָזט אייך גריסן, גאָספּאָדין אַשקענאַזי, — האָבן די מענער גע-שפּאַסט. — נו, גערירט זיך, דער אויטאָמאָביל וואַרט.

אין איין רגע איז אשכנזי געקומען צום געדאנק, צום שרעק-לעכן קלאָרן געדאנק, וואוהין דאָס רונדע פאַרשווינדל האָט אים פאַרפירט, אין וועמענס הענט ער האָט אים אריינגענאַרט. ער האָט געוואָלט שרייען, שרייען אין דער פינסטערער נאכט ביים ברעג ים אויף דעם אומרעכט, וואָס איז קעגן אים באַגאַנגען געוואָרן, אויף דער געמיינהייט פון דעם מענטשלעכן מין, אויף דער אייגענער נאַרישקייט זיינער, אויף דעם אומגליק אויף זיין קאָפּ ביי די טויערן פון זיין רעטונג. ס׳גאַנצע בלוט זיינס האָט געשריגן, אָבער דאָס מויל זיינס האָט קיין קלאַנג נישט געקאָנט ארויסברענגען. די צונג איז, ווי א שטיק הארטע פּאַדעשווע, צוגעוואַקסן געוואָרן צום גומען, נישט באַוועגט זיך אין פּחד. די פיס זענען אים שלאַבעריק גע-וואָרן אין די קני, ווי אויסגעשרויפט פון די געלענקען.

— נו, גערירט זיך! — האָבן די מענער אין לעדער אים געטרייסלט.

ער האָט נישט געקאָנט רירן מיט קיין פוס. ער איז געזונקען. די מענער האָבן אים גיך און נאַכלעסיק א נעם געטאָן אונטער די הענט און אים ארויפגעוואָרפן אויף דעם זודנדיקן לאַסט-אויטאָמאָ-ביל, ווי א זעקל, ווי די פּעקלעך זיינע, וואָס זיי האָבן געוואָרפן צו זיינע פיס.

— טרייב, וואַניאַ! — האָבן זיי גערופן דעם שאָפער. — אויף דער גאַנצער פּאָרע יאָג! מיר האָבן נאָך א סך ארבעט און ס׳איז שפּעט.

דער אויטאָמאָביל האָט זיך געלאָזט לענגאויס דעם ברעג. דער ים האָט נישט אויפגעהערט וואַשן די ערד, צושלאָגן מיט די וועלן, צוריקגיין און ווידער אָנקומען, ווי ער טוט עס שוין אזוי מיליאָנען יאָרן, אין אַלע צייטן, דורות, ביי אַלע פעלקער און מאַכטן. דער ווינט האָט געריסן די ביימער, געפליקט זיי, צו דער ערד געבויגן און אין זייערע צווייגן געבראָכן און געיאָמערט.

## קאַפּיטל זעכצן

טוביה, וואס מ׳רופט אים „ס׳איז הפקר א וועלט״, האָט דער־לעבט זיינס. דער קאָמענדאַנט אָבערסט פאָן היידעל היידעללאָו איז אוועק פון לאָדזש, מיט חרפה אנטלאָפן.

אז באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו האָט געקריגן די ערשטע ידיעות פון דער דייטשער מפלה, פריער וועגן דעם בראָך פון דער הינדענבורג - ליניע און שפּעטער וועגן דעם אויפשטאַנד אין בערלין און וועגן קייזערס אנטלויפן איבער דער האָלענדישער גרענעץ, איז ער צוערשט געוואָרן שטארק רויט, דערנאָך שטארק בלאַס, צום סוף געל ווי א מת.

— אונזין, אוסגעשלאָסען! האָט ער געשריגן צום אדיוטאַנט זיינעם. — לעזן זי עס, מאהל, לויטענאַנט, איך זעהע ניכטס מער!

דער לייטענאַנט האָט די טעלעגראַמען געלייענט הויך, מיט אַן איבערגעטריבן שטארק קול. באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו האָט, ווי אַן אלטע היסטערישע פרוי, גענומען שלוכצן, שלאָגן זיך מיטביידע הענט אין די שלייפן.

— פארדאמט, פארפלוכט, — טאַוזענד מאהל פערדאמט!...— האָט ער געוואָיעט.

ווי אַן אַלטער נאַסער האָן מיט אויסגעפּליקטע פעדערן נאָך א מלחמה מיט א איינגערן און שטארקערן פון זיך, האָט דער הויכער אָבערסט אויסגעזעזן איצט אין גרויסן קאבינעט פון פּאַלאַץ. מיטאמאָל איז די אלטקייט און שלאַבעריקייט ארויס איבער דער אָנגעצויגענער קריגערישער מיליטערישקייט. דער אדיוטאַנט האָט אים געגלעט.

— הער אָבערסט, אום גאָטעס ווילן, — האָט ער געבעטן, — הער אָבערסט...

— ניין, זאָ איינע שאַנדע, — האָט דער אַלטער געקרעכצט.

עס איז גערונען פון אים פון אלע זייטן, פון די אויגן, פון דער נאָז, פון אלטן מויל. דער גלענצענדער אָבערסט-מונדיר איז געווען פארפלעקט ווי ביי א אינגל א ראָצער.

דער אדיוטאַנט האָט די פּלעקן געריייניקט מיט א טיכעלע.

— הער אָבערסט, איר דאַרפֿט זיך באַהערשן, שטאַרק זיין יעצט...

— אַלעס קאַפּוט, אַלעס! זאָ איינע שאַנדע! — האָט דער אַלטער נישט אויפגעהערט זיפצן. די מיליטערישע באַרכלדיקע באַפעלערישע שטימע זיינע איז פּלוצלונג פאַרשוואונדן, אויסגע-רונען. ער האָט גערעדט נעבעכדיק, קוויטשעדיק, ווי אַן אַלטע בייזע פרוי. ניין, ער האָט זיך נישט געלאָזט טרייסטן, דער באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו. מען איז שוין אַזוי ווייט געווען. אין האַלב אייראָפּע האָט דאָס דייטשע מיליטער אָנגעשפּאַרט, אין בעלגיע און אין פראַנקרייך, אין רומעניע, אין טערקיי, אין פּוילן, אין אוקראַינע, אין די באַלטישע געגענטן, אין ליטע, אין קרים, אפילו וועגן פּע-טערבורג האָט מען שוין געטראַכט. אומעטום האָט געהערשט דאָס זיגרייכע דייטשע מיליטער. פּלוצלונג אַזאַ קלאַפּ, אַזאַ וויסטע מפּלה, א נידערלאַגע אויף אַלע פראָנטן. אין בערלין אַן אויפ-שטאַנד, און דער קייזער אַליין, דער קייזער איז פון דייטשלאַנד אַנטלאָפן, ביי די האָלענדער, ביי די ברייט-הויזיקע פישער-יונגען, געבעטן זיך, מען זאָל אים דורכלאָזן. דאָס איז געווען צופיל.

מער פון אַלץ האָט אים געוויייטאָקט די חרפּה. וואָסער פּנים וועט ער איצט האָבן דאָ אין שטאָט, וואָס ער האָט מיט אייזערנע הענט געהאַלטן? זיי וועלן לאַכן פון אים, די לויזיקע פּאָליאַקן. ער וועט זיך שעמען די אויגן ווייזן. אויך די סאָלדאַטן זיינע וועלן חוצפּה קריגן. זיי וועלן טאָן דאָס זעלבע, וואָס די רוסן אין רוס-לאַנד. זיי וועלן ביי זייערע עלטסטע די עפּאָליעטן אָפּשניידן, און אפשר, גאָר אַרעסטירן, שלאָגן, א קויל אין קאָפּ אַריינשיסן. זיי האָבן אים אַלעמאָל פיינט געהאַט, געהאַסט שטילערהייט, ווייל ער איז שטרענג מיט זיי געווען, אין די הענט זיי געהאַלטן.

— בלייבט נישט מער ווי א קויל אין קאָפּ זיך אַריינצוזיאָגן, לויטענאַנט, — האָט ער געזיפצט.

אָבער ער האָט זיך קיין קויל אין קאָפּ נישט געגעבן. ניין, ער האָט בלויז גענומען שילטן, זידלען די הערן פון די גענעראַל-שטאַבן, די אַלע קאָמאַנדירן, וועלכע האָבן צו אַזאַ וויסטער מפּלה דערלאָזט.

— פערפלוכטע באַנדע, — האָט ער געשריגן מיט די אַריינגעשטעלטע ציין, — הונדע, זאַו-קערלע, לאַוז-באַנדע, טאַוזענד מאָהל פערפלוכט, דאָנער וועטער, קררוויץ, סאַקרררראַמענט...

דעם גאַנצן פאַרמעגן זיינעם פון קללות, זידלערייען און מיאוסע ווערטער, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט אין זיין לעבן, צום ערשט אין די ביר-הייזער פון די סטודענטישע קאָרפּאָראַציעס, און דערנאָך אין מיליטער, האָט ער אויסגעשאָטן יעצט, געוואָרפן פון אַלטן מויל די מיאוסקייטן, ווי פון אַ מיסטקאַסטן אַרויס. דאָס האָט אים בארואיקט. באַלד דערנאָך האָט ער זיך צוריק אויסגעגלייכט, אָפּגעוואַשן דאָס פּנים, די אויגן און די נאָז גוט אויסגעריניקט, אויסגעגלייכט דעם צעקנייטשן מונדיר, די מעדאַלן און דעם קרייץ צורעכטגעמאַכט, אַרויסגערוקט די ברוסט פאָראויס, די צעשויבערטע אָפּגעקראָכענע וואָנסעס שטאָלץ פאַרדרייט אַרויף, ווי ביים קייזער, דעם מאָנאָקל אַריינגעזעצט אין לינקן אויג און גענומען זיך אין די הענט אַריין.

קיין באַפעלן זענען נישט געווען. די הערן אין גענעראַלשטאַב האָבן גאָר די קעפּ פאַרלאָרן. ביז וואָס-ווען, האָט באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו אָפּגעמאַכט ביי זיך צו באַהאַלטן דערווייל די טרויעריקע נאַכריכטן. קיינער דאַרף נישט וויסן. ער האָט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש, צוגערופן דעם אַדיוטאַנט זיינעם באַפעלעריש, פּונקט ווי ער וואָלט נישט פריער אַזוי ווייבעריש זיך באַראָצט אין זיין קעגנוואַרט, און געגעבן אים באַפעלן: קיין וואָרט נישט לאָזן פאַלן פון דעם, וואָס איז באַנאַכריכטעט געוואָרן, אפילו נישט פאַר די נאָנטסטע חברים-אָפיצירן. שטאַרק אַכטונג געבן אויף דער פאַרדאַמטער פּרעסע, עס זאָל קיין וואָרט נישט אַריין. אַלץ זאָל ווערן גוט צענזורירט. מיטן לעבן אין גאַרניזאָן, ווי אין שטאָט, אָנגיין נאָרמאַל. אַלעס זאָל פּינקטלעך אויסגעפירט ווערן.

— יאַ וואָהל, הער אָבערסט! — האָט דער אַדיוטאַנט געזאָגט אַן אויסגעצויגענער.

— אַבסאָלוטע דיסציפּלין, לויטענאַנט, — האָט דער קאָמאַנדיר באַפוילן שטרענג, — ווען עס וועלן אָנקומען באַריכטן, גלייך מיר מיטטיילן.

דער אדיוטאַנט האָט אויסגעפירט די באַפעלן, קיין פּיפּס פּאַר קיינעם נישט געטאָן. אבער ווי פון הימל אראָפּ האָבן די נאַכריכטן גענומען זיך טראָגן איבער דער שטאָט. די פּוילישע לעגיאָנערן, וואָס האָבן זיך דאָ נאָך פאַרוואַלגערט, האָבן פּלוצלונג הויכע קעפּ, פאַרריסענע, געקריגן. זיי האָבן אפילו פאַר די דייטשע אָפיצירן נישט סאַלוטירט. אויף די גאַסן האָבן זיך ציווילע פּוילישע לייט, מערסטנס שול-אינגלעך, באַוויזן מיט לעגיאָנערישע היטעלעך. זיי האָבן מאַרשירט אין רייען און הויך אויפן קול פּוילישע מיליטער-רישע לידער געזונגען, א פאָן מיט א ווייסן אָדלער ארויסגעצויגן. אויף אַלע גאַסן האָבן זיך מענטש געשאַרט, אויף די טראָטואַרן זיך פאַרהאַלטן, אויף די ראָגן זיך אָפּגעשטעלט, גאָרנישט ווי דעם קאָמענדאַנטס באַפעלן וועגן דער אָרדענונג אין שטאָט זענען געווען. מען האָט גערעדט, געמאַכט מיט די הענט, דערציילט, נייעס זיך איבערגעגעבן. די מיליציאָנערן האָבן קיינעם נישט געטריבן. מיט-אמאָל האָבן זיך גרויסע אויפרופן, בלויז אין פּויליש, אויף די ווענט באַוויזן, וועגן די דייטשע מפּלות דערציילט, צו א זעלבסטשטענ-דיק פּוילן גערופן. אונטערגעשריבן איז געווען דערויף די פּוילישע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע. די דייטשע סאָלדאַטן האָבן זיך אָפּגע-שטעלט, אויסגעפרעגט זיך ביי אידן, וואָס פאַרשטייען דייטש, וועגן די נייעסן. די אידן האָבן זיי אין לאָדזשער דייטש דערציילט די נייעס פון בערלין.

— יעצט געהען וויר צו האוזע, — האָבן די לאַנדשטורמער געזאָגט מיט צופרידנקייט.

די פּויזנער סאָלדאטן האָבן אליין געמאַטערט זיך ביי די פּוי-לישע אויפרופן, זייערע דייטשע קאַמעראַדן די נייעס דערציילט.

— יעצט וועלן מיר אין דער פּוילישער ארמיי דינען, — האָבן זיי געזאָגט, יאַ, יאַ...

ווי דורך א באַפעל האָבן די שטענדיק-אויסגעגלייכטע דייטשן אראָפּגעלאָזט די פּליגל, גענומען שלעפּן באַלעבאַטיש מיד די באַ-נאַגלטע פיס, גאָרנישט ווי סאָלדאַטן, נאָר ווי פּוילע פּויערים. טייל האָבן אויפגעלאָזן א לעכל פון רימען, אנדערע האָבן אָפּגעקנעפּלט א קנאָפּ ביים האלז, ארײנצולאָזן א ביסל פרייע לופט אין דעם זעלנערישן קערפּער אריין; איינגערע האָבן איבערגעקערט די ביקסן,

פלוצים זיי געגומען טראָגן מיט דער רער אראָפּ און מיט דער קאָלבע אַרויף. געגאַנגען זענען זיי נישט רייענווייז, נאָר ווי סטאַדעס, אַרומגעגאַנגען, מיט הענט אויף אַקסלען פארלייגט. זיי האָבן אָפּי- צירן דורכגעלאָזט, שלאָבעריק באַגריסט, אָדער אַפילו איגנאָרירט נישט.

— גאָך האָוזע, גאָך האָוזע! — האָבן אַלע געזונגען דאָס אייגענע, — וויר האַבען עס געגוג...

גיין, ער האָט נישט געקאָנט האַלטן די שטאָט מער, דער באַראָן פאָן היידעל היידעלאָו. מען האָט געפייפט אויף זיינע באַ- פעלן. די אַרמיי איז זיך צעקראָכן.

איבער די גאַסן האָבן זיך פּאַליאַקן מיט ביקסן אויף די אַקס- לען באַוויזן. זיי האָבן דייטשן אָפּגעשטעלט און ביי זיי דאָס גע- ווער גענומען. אָפּיצירן האָבן זיך קעגנגעשטעלט, די רעוואָלווערן נישט געוואָלט אַלעמאָל אָפּגעבן. די סאָלדאַטן האָבן גלייך די ביקסן אַראָפּגענומען און אוועקגעגעבן. די אייגענע לאַנדשטורמער, וואָס האָבן דאָס לאַנד פריער אין די הענט געהאַלטן, וואָס איין סאָלדאַט זייערער פלעגט אויף אַ גאַנץ דאָרף גיין, האָבן איצט אָפּגעגעבן דאָס געווער יעדן שול-אינגל.

צוזאַמען מיט די פּאַטריאָטישע אויפרופן, באַצירט מיטן פּוי- לישן אָדלער, האָבן זיך אויך אַנדערע אויפרופן אויף די לאָדזשער מויערן געוויזן באַוויזן; אויפרופן, וואָס הויבן זיך אָן מיט „פּראָ- לעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך". אין פּויליש, אין אידיש און אַפילו אין דייטש האָבן זיך די אויפרופן באַוויזן. זיי האָבן גערופן צו פּראָלעטאַרישער אייניקייט אין דער דאָזיקער אַר- בעטער-שטאָט, צום קאַמף, גלייכהייט און ברידערלעכקייט.

טוביה וועבער האָט ווי אַ ווינטער זיך געטראָגן איבער דער אויפגערודערטער שטאָט. ער האָט געזען, ווי די זיילן פון דער וועלט ברעכן זיך, קנאַלן. פריער רוסלאַנד, איצטער דייטשלאַנד, עסטרייך. באַלד וועלן קומען די אַנדערע לענדער. די אַנטוישטע מאַסן, וואָס די קאַפּיטאַליסטן האָבן זיי געגעבן דאָס געווער אין די הענט, וועלן אומעטום אויסדרייען די באַיאָנעטן קעגן זייערע איי- גענע שונאים. זי קראַכט, די אַלטע וועלט. אַלץ טרייסלט זיך פון די קלעפּ, וואָס זי קריגט. די געקרוינטע ווערן אַראָפּגעוואָרפן פון

די טראַגנען, די מעכטיקע — פון זייערע שטולן. דער גרויסער ליי-מענער גולם, וואָס די געשיכטע האָט שוין לאַנג פּאַראויסגעזען זיין סוף, צעפאַלט זיך, צעברעקלט זיך. איצט ווערט דייטשלאַנד, דאָס מעכטיקע קאַפּיטאַליסטישע לאַנד, רויט; אויך עסטרייך, אַנדערע לענדער. דער ערד-קוגל האָט זיך אָנגעצונדן. ווי אַ פייער אין אַ הייסן זומער-טאָג וועלן די פלאַמען פון דער רעוואָלוציע אַרומנעמען אַלע זייטן פון דער וועלט. באַלד וועלן אויך אויפשטיין די אָפּגע-שטאַנענע לענדער, אינדיע, כינע, אַלע קאָלאָניעס, וואָס ווערן רע-גירט פון די רויבערישע קאַפּיטאַליסטן.

ניין, ער האָט זיך נישט גענאַרט, האָט טוביה געזען, כאָטש מען האָט פון אים געלאַכט און געשפּעט, חוזק געמאַכט, פאַר אַ משוגענעם געהאַלטן. ער אַליין פלעגט שוין אפילו שוואַך ווערן. אין די ביטערע טעג פון דער מלחמה איז אים אַ צווייפל באַפאַלן נישט איינמאָל. ער האָט זיך געשטאַרקט, די פליגל נישט אַראָפּגעלאָזט. איצט, זעט ער, אַז דאָס, אין וואָס ער האָט געגלויבט, איז געקומען, מקוים געוואָרן. ער האָט געזאָגט אין דער אַרבעטער-קיך כסדר, אַז זייער סוף וועט קומען, אַז דער קאָמענדאַנט וועט מוזן אַוועק. און אַזוי איז עס. שוין האָט מען געפּאַקט אין פּאַלאַץ ביי אים, געגרייט זיך צו אַנטלויפן.

גאַנצע טעג איז ער איצט מיט זיינע מענטשן אין דער אַרבע-טער-קיך געזעסן, באַראַטונגען אָפּגעהאַלטן, פּראָקלאַמאַציעס גע-שריבן. אויף אים אַליין איז געבליבן איצט די שטאָט. מען האָט געדאַרפט די מענטשן אויפקלערן, וועקן, רופן צוריק אין די אַר-בעטער-רייען די, וואָס האָבן צוליב דער מלחמה געמוזט אַרויס פון זיי.

זי איז נישט אָפּגעטרעטן גלייך, די אַלטע וועלט, האָט טוביה געזען. ווי אַ פאַרוואונדעטע בייזע חיה האָט זי פּרובירט נאָך שטשירען די ציין, בייסן. די זיגערישע לענדער האָבן ווידער פּרו-בירט מיט טראָמייטן און פּאַראַדן, מיט פּוסטע פּאַטריאָטישע דרשות פאַרבלענדן די מאַסן, איינרעדן זיי נאַרישע נצחונות, כדי אָפּצוציען פון זיך דעם צאָרן פון די אָפּגענאַרטע, פאַרוואונדעטע און פאַר-קריפּלטע. דער פּאַטריאָטישער טשאַד וויל ווידער, אין זיין גסיסה, פאַרבלענדן די אַרבעטער-מאַסן. אין די ניי-אַנטשטייענדיקע לענדער

שאַלט דער פּאַטריאָטישער שופר אויף אַלע זייטן. אויך דאָ, אין לאַנד, הויבט זיך אויף אַ טשאַד. די רעאַקציאָנערן און אונטער־דריקער קריכן פון די לעכער ארויס, די קירכן קלינגען, די שולן מאכן „מי־שברכס" די נייע הערשער, פּונקט ווי זיי האָבן נעכטן געמאכט די פריערדיקע הערשער.

טוביה האָט געקעמפּט קעגן דעם. פון זיין ארבעטער־קיך ארויס, מאסן־מיטינגען אָפּגעהאַלטן, קלאָרקייט אין טשאַד אריינגע־טראָגן. אויך די ציוניסטן, די שונאים זיינע, ווילן דעם אידישן אר־בעטנדיקן מענטש פארטומלען. פריער, ווי לאַנג די דייטשן האָבן גע־הערשט, האָט מען נישט געקענט דערציילן וועגן דער דעקלאַראַציע, וואָס דער ענגלישער לאָרד באַלפור האָט געגעבן די אידן, צוגעזאָגט זיי אַן אייגענע פּאַלעסטינע. דער באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו האָט פארבאָטן אַ וואָרט צו שרייבן וועגן די טובות, וואָס די גאָט־פארדאַמטע ענגלענדער, די שונאים פון דייטשלאַנד, טוען. איצט, ווי נאָר די דייטשן האָבן אָנגעוואוירן די ממשלה, האָבן די ציוניסטן גענומען שרייבן אין אַלע בלעטער וועגן דעם אידישן לאַנד, וואָס ענגלאַנד האָט די אידן געגעבן. אין די שולן האָבן די גבאים „מי־שברכס" געמאַכט דעם לאָרד פון ענגלאַנד. אויף אַלע ווענט, מויערן און הייזער האָבן זיי וועגן דעם מעלדונגען אויסגעהאנגען. מען האָט אפילו געגרייט אַ מאַניפעסטאַציע, מיט ספר־תורהס און פענער ארויס אויף די גאסן, מיט מוזיק און טענץ. טוביה האָט געוואוסט, וואָסער כוח די פּראָפּאַגאַנדע האָט, ווי לייכט די מאסן לאָזן זיך פארטשאַדען פון נאַציאָנאַליסטישן רויך. ער האָט דעריבער מיט פייער געשאָטן קעגן די פארפירער, וואָס ווילן מיט פּוסטע חלומות אָפּציען די מאסן פון זייער קלאַסן־קאַמף, וואָס ווילן מיט זיסע הבטחות אָפּוועגדן זיי פון קאַמף פאַר אינטערנאַציאָנאַליזם און אַל־געמיינער פרייהייט. מיט שפּאָט האָט ער אויסגעלאַכט אין די פּראָקלאַמאַציעס די כלי־קודש און נגידים, וואָס פארדרייען אַ קאָפּ די מאסן מיט פּוסטע הבטחות פון אימפּעריאַליסטישע לאָרדן.

ער איז מער גאָרנישט אהיימגעגאַנגען צו זיך אין שטוב, אי־בערגענעכטיקט אויף אַ באַנק אין ארבעטער־קיך, די נשמה דער־האַלטן מיט אַ שטיקל ברויט. ער האָט קיין צייט נישט געהאַט. ער האָט געדאַרפט רעדן, פּראָקלאַמאַציעס פאַרפאַסן, אין ארבעטער־

דעמאָנסטראַציע אָרגאַניזירן, וואָס זאָל זיין אַ קעגנגעוויכט קעגן די ציוניסטן.

און צו אַלע ארבעטן האָט מען נאָך אויך געדאַרפט ביי די דייטשע סאָלדאַטן לאָזן הערן אַ וואָרט. איבער די לאָדזשער מויערן האָבן זיך צווישן אַלע פּאַפּירן און אויפרופן אויך די דייטשע אויפרופן געלאָזט ווייזן, אויפרופן צו די סאָלדאַטן וועגן סאָלדאַטן-ראַטן, וואָס האָבן זיך געשאַפן און וואָס זיי דאַרפן פירן מיט אַלעם, נישט לאָזן זיך פירן פון די אָפיצירן און קאָמענדאַנטן. אויף זעל-נערישע ברוסטן, נעבן די מעדאַלן און קרייצן, האָבן זיך רויטע שלייפעלעך באַוויזן. אויפן פּלאַץ ביים קאָמענדאַנט האָט פּלוצלונג אַ רויטע פאָן געגומען ווייען, אָנשטאָט דער קייזערלעכער. אַ סך סאָלדאַטן האָבן פון זיך די עפּאָליעטן אַראָפּגעריסן. רעדנער אין סאָלדאַטן קליידער האָבן רעדעס געהאַלטן פאַר די פאַרזאַמלטע, וועגן דעם אויפשטאַנד אין בערלין דערציילט.

באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו האָט די ראָלעטן איבער די פענסטער ביז אַראָפּ אַרונטערגעלאָזן, כדי נישט צו זען די חרפּה.

אין איינעם אַ טאָג האָט זיך טוביה אויף אַ מיטינג פון סאָל-דאַטן-ראַט געוויזן און פאַר די דייטשן אַ רעדע געהאַלטן.

אין אַ גרייזיקן לאָדזשער דייטש, וואָס ער האָט געכאַפּט פון די דייטש-רעדנדיקע סוחרים, פון די דייטשע וועבער אין שטאָט, האָט ער גערעדט פאַר די הונדערטער סאָלדאַטן. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען יעדער וואָרט זיינס, אָבער פאַרשטאַנען האָבן זיי דאָס פייער, וואָס האָט געשפּריצט פון מויל פון דעם אויסגעדאַרטן שלעכט-געקליידעטן, פאַרחושכטן פּראָלעטאַריער. ער האָט גע-וואָרפן מיט די הענט, וואָס קריכן אַרויס פון זיינע לויזע אַרבל, ער האָט געדראָט מיט אַ שפּיציקן פינגער קעגן די הערשער און אונטערדריקער, וואָס פאַרקנעכטן דאָס ארבעטנדיקע פאָלק. זיינע אַלטע אויגן האָבן געברענט מיט יוגנטלעכן האַס און צאָרן קעגן אַלע, וואָס ווילן נישט לאָזן איינפירן גלייכהייט, איינהייט און ברי-דערלעכקייט אויף דער וועלט.

— בראַוואָ! — האָבן גערופן די שווערע לאַנדשטורמער, די פויערים און ארבעטער, די פאַרמאַטערטע פון קריג, די בענקנדיקע

נאָך זייערע היימען, פון וועלכע מען האָט זיי אָפּגעריסן. — שטימט, קאַמעראַדן!

באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו האָט געמוזט עפענען דעם ראָלעט פון זיין פענסטער, צו זען, פאַרוואָס די סאָלדאַטן ברומען אַזוי שטאַרק. ער האָט טיף אַריינגערוקט דעם מאָנאָקל אין זיין אויג און שטרענג באַטראַכט דאָס קאָמישע אויסגעדאַרטע מענטשל, וואָס שרייט אַזוי פאַר זיינע סאָלדאַטן. ער האָט אים פריער קיינמאָל נישט געזען, דעם איד, דעם קעניג פון די סאָציאַליסטן, מיט וועלכע ער האָט נישט איינמאָל געהאַט צו טאָן. איצט האָט ער אים געזען. אָט דאָס איז ער, האָט ער זיך אַליין נישט געגלויבט. צו־אָרעם, פאַרשוואַרצט און איינגעשרומפן איז זיין קעגנער געווען. ער האָט זיך אַזש פאַרשעמט פאַר זיך אַליין, וואָס דער קעגנער זיינער איז אַזוי נעבעכדיק. די האַנט האָט אים געביסן. ווי וואָלט ער מיט פאַרגניגן אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער פון טאַש און אָט די פּלוי־דערשאָסן, אָט די ציווילע לויז, וואָס האָט זיך דאָ ביי אים נעבן פּאַלאַץ אַוועקגעשטעלט רעדן פאַר סאָלדאַטן, פאַר דייטשע סאָלדאַטן.

אָבער די סאָלדאַטן האָבן אָט דאָס איינגעשרומפּענע מענטשל אויסגעהערט, אַפּלאָדירט אים שטאַרק, אַז די שויבן אין די פּאַלאַץ-פענסטער האָבן אַזש געציטערט.

און באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו האָט מיט כעס אַראָפּגערוקט דעם ראָלעט און דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, פאַרזונקען אין ביטערע מחשבות. ער האָט געטראַכט וועגן קייזער, דער אַרמיי, וועגן דייטשלאַנד, וועגן זיין גוט אין פּרייסן. אָט פון אַזעלכע ציווילע פּליי וועט איצטער דייטשלאַנד געפירט ווערן. זיי זענען די הערשער. אַרבעטער, פּעבל וועלן אין די אַמטן זיצן, אין די מיניסטעריומס, אומעטום. שוין איז דער רעגענט פון דייטשלאַנד אַן אַרבעטער, אַ זאָטלער אַ פאַרדאַמטער. איין גאָט ווייס, וואָס אין זיין גוט וועט איצט זיין? די קנעכט וועלן אַלע מיאוסע זאַכן אָפּטאָן. מעגלעך גאָר, אַז די לויזיקע פּאָליאַקן וועלן די הערשער פון זיין גוט זיין. זיי וועלן שטיקער פון אָסט־פּרייסן אָפּרייסן.

ער האָט דערפילט אַ פייכטקייט אין די אויגן, אין דער נאָז און ביי די קנייטשן פון די אַלטע ליפּן. אַליין אין אים האָט געוויינט.

אין דרויסן איז געשטאַנען טוביה און מיט אַזאַ ברען גערעדט פון דעם לאַסט-אויטאָמאָביל אַראָפּ, אַז עס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט פליען אין דער לופטן.

נאָך קיינמאָל האָבן די טעכטער זיינע, און אפילו קיילע זיין ווייב אַליין, נישט געקוקט אויף אים מיט אַזעלכע אויפגעריסענע אויגן פון חידוש.

— זעטס נאָר, ווי מ׳הערט אים! — האָט קיילע געריסן די טעכטער ביי די אָרבל. — ווען איך זע עס נישט מיט מיינע אויגן, וואָלט איך עס נישט געגלויבט... די וועלט איז משוגע געוואָרן...

## קאַפּיטל זיבעצן

פעליקס פעלדבלום, דער אָפיציר, וואָס איז א פרייוויליקער אויף דעם שלאַכט-פעלד געגאַנגען, כדי צו דערלאָבערן א פריי פוילן, ווייל נאָר אין פרייען אומאָפּהענגיקן פוילן וועט מען קאָנען פריי-הייט און ברידערלעכקייט איינפירן, גלייכהייט פאַר אַלע פוילישע איינוואוינער — האָט זיינס דערגרייכט. פוילן איז געווען פריי. די דרענער-קרוין, וואָס דער גורל האָט אַרויפגעלייגט אויפן קאָפּ פון פאָלק פון די פעלקער, צו טראָגן די פוילישע מיסיע פאַר די נאַ-ציעס פון דער וועלט, איז אַראָפּגענומען געוואָרן. דער וואַוועל, דער קעניגלעכער שלאָס אין קראָקע אויפן באַרג, וואו עס ליגן די פוי-לישע מלכים און דיכטער, איז נישט מער קיין קאַזאַרמע פאַר עסט-רייכישע קאַוואַלעריסטן און זייערע פערד, ווי פריער. די פוילישע פאָן האָט געפלאַטערט אין ווינט איבער קראָקע און איבער דעם גאַנצן לאַנד.

די קראָקאָווער לעגיאָנערן, די יונגע פוילישע זין, וואָס האָבן זיך „קראַקוסן" א נאָמען געגעבן, זענען מיט שווערד און ביקס, מיט פוילישע פאָנען און געזאַנג געגאַנגען צו מזרח, צו לעמבערג, דער שטאָט אין גאַליציע, וואָס די דאָרטיקע אוקראַאינער האָבן גע-האַלטן, כדי זי צו דעראָבערן און פאַרשפרייטן אויף איר דעם פוי-לישן אָדלער. צוזאַמען מיט אנדערע רעגימענטן איז געגאַנגען דער

רעגימענט, אין וועלכן עס האָט געדינט פעליקס פעלדבלום, וואָס איז פון א פראָסטן סאָלדאט ביז אַן אָפיציר דערגאנגען. מיט א שווערד ביי דער זייט, מיט די אָפיצירישע עפּאָליעטן אויף די אי-בערגעבויגענע אַקסלען, איז ער מיט גרויסע שפּרייזן געגאנגען פאָראויס זיינע לעגיאָנערן און געפירט זיי צו מזרח. די לעגיאָנערן זיינע האָבן געזונגען דאָס „קראַקוסן"-ליד:

פון פאָרנט אויף אַ פערד,
גענעראל ראָיאַ מיט דער שווערד,
נאָך אים זיינע „קראַקוסן"
צו פאַרטרייבן די קליין-רוסן.
הוליען וועט מען אַ גאַנצן טאָג,
אוי, צו אידן וועט זיין א קלאָג!

יאָ, איז עס געווען א קלאָג צו די אידן, ווי די „קראַקוסן" האָבע געזונגען.

דעמאָביליזירטע סאָלדאַטן פון פארשידענע פעלקער און נא-ציעס האָבן זיך ארומגעשלענדערט איבערן לאנד. פון אוקראַינע, פון קרים, פון וואָלין און וויים-רוסלאנד, פון פּאָדאָל, פון אלע עקן זענען זיי געלאָפן, די צעלאָזענע דייטשע ארמייען, אהיים צום פאָ-טערלאנד. די באנען זענען נישט געווען גענוג אויף ארויסצופירן די איילנדיקע מחנות. זיי האָבן זיך אָנגעהאנגען אויף די טרעפּלעך פון די וואַגאָנען, אויסגעלייגט זיך אויף די דעכער, אָנגעטשעפּעט זיך אין די בופערן, אבי אהיימצוקומען וואָס פריער. אבער די באנען האָבן נישט געקאָנט ארייננעמען אזויפיל. אין די צענדליקער טויזנ-טער האָבן זיי זיך ארומגעשלעפּט פרייע, צעקנעפּלטע, אויפגעהיי-טערטע און אומרואיקע פון דעם, וואס איז געקומען, און מער נאָך דערפון, וואס דארף קומען. די רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך אָנגע-האנגען רויטע שלייפעלעך אויף די ברוסטן. די עלזאַסער האָבן אָנשטאָט די אראָפּגעריסענע דייטשע צייכנס צוגעטשעפּעט פראנ-צויזיש-נאַציאָנאַלע צייכנס. זיי האָבן האָפערדיק מארשירט איבער די גאסן, גענומען רעדן פראנצויזיש מיט די מיידלעך און שרייען:

— וויוו לאַ פראַנס!

די פּאָליאַקן פון פּויזנער געגענט האָבן פּוילישע אָדלערס צו די דייטשע היטלען צוגעשפּיליעט און אין א גרייזיקן פּאַרדייטשטן פּוי־ליש פּאַטריאָטישע אויסרופן געמאַכט. זיי זענען גרויסע חשובים געוואָרן ביי די פּוילישע מיידלעך. זיי האָבן אָנגעפילט די קאַטוילי־שע קירכן, אַלע ערטער און פּלעצער.

א צעמישעניש, א דור־הפלגה איז געווען צווישן די עסטריי־כישע סאָלדאַטן. ווי אַן אַלט, צעריסן, צונויפגעלאַטעט מלבוש האָט זיך דאָס באַזיגטע לאַנד געריסן. שטיקער זענען דערפון געפאַלן. די סאָלדאַטן הפקרדיקע, צעלאָזענע, האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך יעדער דיסציפּלין. זיי האָבן געכאַפּט, צענומען די אינטענדאַנטסט־ווען, פאַרקויפט דאָס געווער פאַר גראָשנס, צעראַבירט די רעגי־מענט־קאַסעס. יעדער האָט אָנגעהויבן רעדן זיין שפּראַך, צוטשע־פּען זיך די אייגענע נאַציאָנאַלע צייכנס. אין די בלוילעכע עסט־רייכישע מונדירן, אָן די רימענס, אָן נומער און צייכן, צעיאָכ־מערטע, צעפּאָרענע, האָבן זיי אָנגעהאַנגען אויף זיך אַלערליי נאַ־ציאָנאַלע בלעכלעך. די פּאָליאַקן זענען אריין אין פּוילישן מילי־טער, געזונגען פּוילישע לידער אויף די גאַסן. די טשעכן האָבן מיט די מעסערס אָפּגעשניטן די פיל עסטרייכישע קריגס־צייכנס און בלעכלעך, וואָס זיי האָבן געהאַט אויף די היטלעך מיט די פּאָרט־רעטן פון זיין קעניגלעכער און קייזערלעכער מאַיעסטעט, און אָנ־געהאַנגען זיך טשעכישע פענדלעך און בלעכלעך, וואָס אינגלעך האָבן פאַרקויפט אויף אַלע גאַסן. די אונגאַרן האָבן זיך אין זיי־ערע אייגענע פאַרבן געצירט. די באָסניער, רומענער, סלאָוועניער, רוטענער, סערבן, קראָאַטן, אַלע האָבן זיי זייערע נאַציאָנאַלע לידער געזונגען, געפּאָכעט מיט די הענט, גערעדט, ארומגעריסן זיך. יעדער האָט געאיילט אַהיים. די אידן זענען געבליבן אויף זייערע ערטער, אין דער היים, וואו עס זענען געשטאַנען זייערע הייזער און שולן, מערק און אַלטע בית־עולמס. אבער אויף די ווענט פון זייערע הייזער האָבן די גאַסן־יונגען שימפּ־ווערטער און דראָאונגען אָנגע־שריבן, קללות און זלזולים. שול־אינגלעך האָבן מיט קרייד אַלע ווענט און צוימען באַשריבן, אז די אידן זאָלן זיך קיין פּאַלעסטינע אָפּטראָגן, א נישט וועט מען זיי אויסמאָרדן. צוזאַמען מיט דער מוזיק פון די זיגערישע טראָמייטן, האָבן געקלונגען די אויסגע־

בראָכענע שויבן פון די אידישע הייזער, וואס די גוים האָבן אין זיי שטיינער געוואָרפן.

אומגליקלעכער פון אלע זענען געווען די אידן אין מזרח-גאַ-ליציע. די הייזלעך זייערע אין די שטעטלעך זענען געווען חרוב פון די קאָזאקן, וואס זענען אין די ערשטע מלחמה-חדשים דורכגע-גאנגען ווי א היישעריק. א סך זענען געווען פארשיקט, געוואלגערט זיך אין סיביר, אין אלע ווייטע רוסישע שטעט. דער הונגער איז געווען גרויס. מגפות האָבן געשניטן זייער שניט. גאָרנישט קיין גוטס האָט געוואָרט אויף די אידישע סאָלדאטן, וואס האָבן אין די צענטליקער טויזנטער געאיילט צו זייערע היימען.

אַ טייל יונגע סאָלדאטן האָבן אויך פּרובירט אָנצוהענגען מגן-דודלעך אויף זייערע זעלנערישע עסטרייכישע היטלען. אבער די גויאישע סאָלדאטן האָבן געשפּאָט פון זיי.

— פאַרוואָס פאָרט איר נישט אין דעם לאַנד אייערן? — האָבן זיי געפרעגט מיט חוזק. — מיר ווילן אייך ביי אונז נישט האָבן!

די עלטערע אידן האָבן נישט אָנגעהאנגען אויף זיך קיין צייכנס. זיי האָבן וואס גיכער פון די זעלנערישע קליידער געוואָלט ארויס. שוין, נאָך אין די עסטרייכישע מונדירן, האָבן זיי די בערד און פּאות געלאָזט וואקסן, ווי פריער. זיי האָבן די רוקנס אראָפּגע-בויגן, אידישע גלותדיקע טריט געשטעלט און אין די שולן און בתי-מדרשים געדאַווענט און געלערנט. דער גאנצער אלטער, אידישער עול פוןביידע וועלטן איז ארויף אויף זייערע גלותדיקע פיגורן אין די זעלנערישע קליידער. מען האָט אלץ געדאַרפט אָנהויבן אויפס-ניי: אויסבויען נעסטן, אויסזוכן די אלטע באַלעמעלאָכישע כלים, וואָס וואלגערן זיך אויף די בוידעמס, כדי צו נעמען זיך צו אַן ארבעט, אויסקראַצן די לעצטע קראָנען, אָנצוהויבן א שטיקל פּרנסה, לערנען קינדער, חתונה-מאַכן טעכטער און טראָגן דעם יאָך פון לעבן. אין די בתי-מדרשים און שולן, אין חסידים-שטיבלעך און אין באַלעמעלאָכישע אָרעמע מנינים האָבן זיי געזוכט טרייסט, אמונה און בטחון ביי גאָט, געדאַווענט צו אים, געבעטן צו אים, געריסן די טרויעריקע אויגן צו זיינע הימלען, אין וועלכע ער זיצט און רעגירט אלע רעגירער.

אָבער מלחמה, האָס, צאָרן האָבן גאָרנישט געוואָלט זיך איינ-שטעלן. די אַלטע מלחמות צווישן דיביידע פעלקער, צווישן די פאַנעס און די פויערן, האָבן געפלאַקערט. יעדער האָט געוואָלט רעגירן. יעדער האָט געוואָלט פארכאַפּן, ווייל ווער עס כאַפּט נישט, דער האָט נישט, און די קוילן זענען געפלויגן איבער די אידישע גאַסן, איבער זייערע חרובע הייזער און צעשטערטע היימען. יעדער האָט די אידן געדופן אויף זיין צד, קעגן דעם צווייטן.

די גרעסטע מלחמה איז אָנגעגאַנגען אין לעמבערג, אין מיטן שטאָט. יעדע ארמיי איז זיך אין איר זייט געזעסן און אריבערגע-שאָסן צו דער קעגנערישער זייט. דאָס אידישע פערטל איז געלעגן צווישן ביידע שלאַכטפעלדער, אויסגעשטעלט צו אַלע פייערן.

די אידישע יונגע זעלנער און אָפיצירן פון דער עסטרייכישער ארמיי האָבן זיך באוואָפנט, אַן אייגענע מיליץ געמאַכט, כדי אָפּצו-שלאָגן די אידישע גאַסן פון באַנדיטן און רויבער, וואָס האָבן גע-רויבט אין שיין פון טאָג. זיי זענען געבליבן נייטראַל, די אידן, אין קאַמף צווישן די צוויי פעלקער. דערמיט האָבן זיי געוואָלט אויסמיידן דעם צאָרן פון זיגער און באַזיגטע. אָבער די פּאָליאַקן האָבן די אידישע נייטראַליטעט נישט געקאָנט פאַרטראָגן. אַליין אונטערשרייבנדיק זייערע אָפּמאַכן מיט די אידן און זייערע זעלבסט-שוצן, האָבן זיי געהעצט קעגן זיי, בלבולים אויסגעטראַכט, צו נקמה גערופן קעגן די אידן, די פאַררעטער.

— וואַרט, וואַרט, — האָבן זיי געוואָרנט. — זאָלן נאָר די ערשטע פּוילישע ארמייען אריין, פאַרטרייבן די אוקראַאינער, וועלן מיר אייך שוין ווייזן ווי אַזוי צו זיין נייטראַל!

זייערע וואָרענישן זענען מקוים געוואָרן. פון קראָקע זענען די „קראַקוסן" געגאַנגען. עטלעכע טעג צייט זענען אָנגעגאַנגען די שיסערייען איבער די אידישע גאַסן פון איין צד צום צווייטן. ווען די אוקראַאינער האָבן אָפּגעטרעטן, האָבן די זיגער דאָס אידישע פערטל אָפּגעגעבן צו די זעלנער אַ מתנה, צו רציחה און רויב.

זעלנער און אָפיצירן, אויבער-לייטנאַנטן און גימנאַזיע-לערער, באַאַמטע און קראַנקן-שוועסטער, גנבים און פּראָסטיטוטקעס, באַ-פרייטע אַרעסטאַנטן און קירכע-גבאים, מאַנאַכן און ווייבער, אַלע האָבן זיי זיך געלאָזט אויף דעם אידישן פערטל.

— הורא אויף די אידן! אויסראָטן זיי! — האָט דאָס באַ־פרייטע פאָלק געשריגן און געפּאָכעט מיט די הענט. — ביי די פּאות זיי אויפהענגען! ווי די מיז זיי אויסברענען!

פאַראויס זענען געגאַנגען די אָפיצירן מיט זייערע סאָלדאַטן. יעדער צענטליק סאָלדאַטן מיט זיין אָפיציר. זיי האָבן אַרומגע־רינגלט די אידישע מיליציאָנערן, אַנטוואָפנט זיי, די פירער דער־שאָסן און די איבעריקע אַרעסטירט, געבונדן אין שטריק, אונטער דעם ווילדן געלעכטער פון המון.

— פאַרשטיינען זיי! — האָבן ווייבער געמאַכט קולות און געשפּיגן אויף זיי. — פאַרברענען!

דערנאָך האָט מען אַרומגערינגלט דאָס אידישע פערטל.

מיט זעלנערישער פּינקטלעכקייט, גענוי זיבן אינדערפרי, האָבן די לעגיאָנערן אָוועקגעשטעלט מאַשין־געווער, פּאַנצער־אויטאָמאָבילן אַרום קראָקעווער פּלאַץ, ביי דער ציבעלע־גאַס, שול־גאַס, זשולקעווער גאַס און אַלע אַנדערע גאַסן, כדי קיינעם נישט אַרויסצולאָזן פון דעם אידן־פערטל.

— פייער! — האָבן די אָפיצירן געגעבן אַ קאָמאַנדע.

די מאַשין־געווערן האָבן גענומען גראַגערן. די פּוס־גייער האָבן געצילט אין די פענסטער פון די הייזער, אַנדערע האָבן געשליידערט האַנט־גראַנאַטן. פון די הייזער האָבן יאָמערלעכע קולות געשפּאָלטן די פרימאָרגנדיקע, קאַלטע נאָוועמבער־לופט. די סאָלדאַטן האָבן געלאַכט.

— איי, ווי, גוט, — האָבן זיי געשפּאָט און ווייטער געשליי־דערט זייערע האַנט־גראַנאַטן.

נאָך אַ היפּשער צייט האָבן די אָפיצירן באַפוילן אָפּשטעלן די שיסעריי און פאַנאַנדערגעשיקט פּאַטרולן איבער די הייזער. מיט אָפיצירן און אונטעראָפיצירן פאָרויס זענען די פּאַטרולן אויסגע־שטעלט געוואָרן. יעדער האָט געקריגן זיין ראַיאָן צו באַאַרבעטן. די אויבער־קאָמאַנדע איז געזעסן אין שטאָטישן טעאַטער און גע־געבן באַפעלן ווי אַזוי צו אַרבעטן. אַלעמאָל זענען אַנדערע שליחים פון דער קאָמאַנדע געקומען צום פּלאַץ, אויסגעצויגן זיך פאַר די אָפיצירן, באַפעלן זיי געגעבן, ראַפּאָרט אָפּגענומען און צוריקגע־טראָגן זיי צו די שטאַב־לייט אין טעאַטער.

מיט מיליטערישער אָרדענונג זענען די פּאַטרולען, צו צען, געפירט פון אָפיצירן, געגאַנגען פון הויז צו הויז. זיי האָבן מיט האַנט-גראַנאַטן אויפגעריסן די פאַרהאַקטע טויערן און מיט אויסגע-שטרעקטע רעוואָלווערן און באַיאָנעטן אריין אין די שטובן, וואו די אידן מיט זייערע ווייבער און קינדער האָבן אין פּחד זיך געשאַרט צו די ווענט.

אין פאַרמעגלעכע שטובן האָבן די אָפיצירן געהייסן די מענטשן אויפהויבן די הענט אין דער הויך און זיי באַזוכט. געלט, זייגער-לעך, קידושין-פינגערלעך, אויעררינגלעך, זיידענע קליידער, אַלץ נאָר, וואָס עס האָט אַ ווערט געהאַט, האָבן די לעגיאָנערן צוגענומען.

— איד, די בערזע אַהער! — האָבן זיי געוואַלטעוועט.

דאָס געלט האָבן זיי אַריינגעלייגט אין די טאַשן, די זאַכן האָבן די סאָלדאַטן איינגעפּאַקט אין זעק, אין קאָלדרעס, וואָס זיי האָבן אַראָפּגענומען פון די בעטן. די יונגע פרויען האָבן זיי פאַרגוואַל-טיקט אין די אויגן פון זייערע קרובים. אַלטע האָט מען געשלאָגן מיט די קאָלבעס פון די ביקסן, ציין אויסגעהאַקט, אויגן אויסגע-שטאָכן. קינדער אין די וויגן האָט מען מיט די מעסערס דערשטאָכן.

— עס זאָל אויף קיין זריעה נישט בלייבן! — האָבן די לע-גיאָנערן געשריגן.

אין אָרעמע הייזער, וואו מען האָט קיין געלט און קיין צירונג נישט געפונען, האָט מען דאָס בעטגעוואַנט אָנגעצונדן, האַנט-גראַ-נאַטן אריינגעוואָרפן. ווען די מענטשן האָבן געעפנט די פענסטער און אַרויסגעשפּרונגען, כדי זיך צו ראַטעווען פון פייער, האָבן די לעגיאָנערן זיי מיט די ביקסן דערשאָסן.

אין טייל שטובן האָבן די מענער זייערע מיליטערישע מונדירן פון פּוילישן הויז-רעגימענט אָנגעטאָן, כדי זיך צו ראַטעווען. אָבער די לעגיאָנערן האָבן דערויף נישט געקוקט.

— אַלע אידן זענען גלייך! — האָבן זיי געזאָגט. — נישטאָ קיין אויסנאַם!

זיי האָבן ווייבער פון אידישע לעגיאָנערן ביי די האָר גע-פּליקט, די קליידער פון די קערפּערס אַראָפּגעריסן, מיט די שטיוול אין בייכער פון שוואַנגערע ווייבער געשטויסן. זיי האָבן מענער צוגעבונדן צו די בעטן, אויף וועלכע זיי האָבן זייערע ווייבער גע-

פיניקט. ביי די טויערן זענען געשטאנען די מיליטערישע אויטאָ־מאָבילן מיט די פוילישע אָדלערס, אין וועלכע מען האָט איינגע־פאַקט די גערויבטע זאַכן און אוועקגעשיקט זיי אין די זאמל־פונקטן, וואו מען האָט זיי סאָרטירט און דעם המון פאַנאַנדערגע־טיילט. אַרבעטער־פרויען אין טיכלעך אויף די קעפּ, עלעגאַנטע דאַ־מען אין פוטערס, גאַסן־מיידלעך, באַרמהערציקע שוועסטער, נאָ־נעס, לערערקעס, אַלע האָבן זיי זיך געריסן, געשטופּט זיך, גע־שטויסן, כדי צו כאַפּן וואָס אַ בעסער שטיקל סחורה, וואָס אַ שע־נער קלייד, וואָס אַ טייערער חפץ.

— מיר, מיר, הער קאַפּיטאַן, — האָבן זיי געשריגן, געהנדלט זיך צו די אָפיצירן, וואָס האָבן געוואָרפן דעם רויב, ווי ביינער צו אויסגעהונגערטע הינט. פאַרמעגלעכע זענען אין פיאַקערס געקומען, כדי אַהיימצופירן דעם רויב.

אין די אידישע געשעפטן האָט מען די טירן אויפגעריסן, די סחורות ארויסגענומען, שפּייז, קליידער, און אוועקגעפירט אין די מיליטערישע אויטאָמאָבילן. אַפילו וועגענער און פיאַקערס האָבן די אָפיצירן פאַרכאַפּט און געהייסן זיי אָפּפירן דעם רויב צו די זאמל־פונקטן.

אויף דער צווייטער נאַכט האָט די קאָמאַנדע, וואָס האָט זיך באַזעצט אין טעאַטער, באַפוילן אונטערצוצינדן דאָס פאַרבליבענע פון אידישן פערטל.

די מיליטערישע אויטאָמאָבילן האָבן געבראַכט צו פירן פון די אויפגעריסענע אידישע קראָמען פעסער נאַפט און בענזין. פון די הייזער האָט מען שטרוי־זעק מיט די קישנס און פערענעס ארויסגע־וואָרפן. די אָפיצירן האָבן באַפוילן די סאָלדאַטן די ווענט מיט נאַפט צו באַגיסן, געלערנט ווי אַזוי די שטרוי־זעק אוועקצולייגן, און מען האָט אונטערגעצונדן די הייזער פון אַלע זייטן. די גאַסן זענען געוועזן אָפּגעשלאָסן, קיינער זאָל זיך נישט קאָנען ראַטעווען פון דער שריפה. ווער עס איז אַרויסגעשפּרונגען דורך די פענסטער, איז דערשאָסן געוואָרן פון די קוילן. די טויערן זענען דורך די סאָלדאַטן פאַרשפּאַרט געוואָרן.

די קולות פון די אידן זענען געגאַנגען צו הימל צוזאַמען מיט די פייער־צונגען און רויך־וואָלקנס. אָבער זייער געבעט איז נישט גע־

הערט געוואָרן. די סאָלדאַטן און אָפיצירן האָבן געשפּילט, געלאַכט און געשפּאָט פון די יאָמערן.

— פרעגלט זיך אין אייגענעם שמאַלץ! — האָבן זיי געוואָרפן.

דערנאָך האָבן זיי זיך גענומען צו די שולן און בתי-מדרשים, צו אידישן גאָט.

פיר אָפיצירן, יעדער מיט אַ צענטליק לעגיאָנערן, זענען אַריין אין דער פאָרשטעטער-שול, זיי האָבן אַראָפּגענומען די פּרוכתן פון ארון-קודש, אַרויסגענומען אַלע זילבערנע קרוינען, הענטלעך, בלעכן, בעכערס, מנורהס, איינגעפּאַקט אין פּרוכת די אַלע קאָסט-באַרקייטן און פאַרפּאַקט. אויך די טישטעכער, מענטעלעך, די פּרוכתן פאַר יום-טובים, ימים-נוראים, האָט מען פון די ספר-תורהס אַראָפּ-געצויגן און פאַנאַנדערגעטיילט זיי צו די ווייבער, וואָס האָבן זיי גיריק געכאַפּט און אַרומגעהילט זיך אין זיי. די נאַקעטע ספר-תורהס האָט מען אַרויסגעוואָרפן אויף דער ערד, געשטויסן מיט די באַיאָנעטן, געטאַנצט אויף זיי און פאַראומריייניקט. ווען מען איז דערמיט פאַרטיק געוואָרן, האָט מען געוואָרפן האַנט-גראַנאַטן אין ארון-קודש אַריין, ביז די אַלטע געשניצטע עטלעכע הונדערט-יערי-קע שול האָט זיך צעפלאַקערט.

צוויי בר-מצוה-אינגלעך פון דער שול-גאַס, דוד רובינפעלד און ישראל פייגענבוים, האָבן זיך אַריינגעשליכט אין דער ברענענדיקער שול, געכאַפּט יעדער אַ ספר-תורה אין האַנט און געלאָזט זיך לויפן. די לעגיאָנערן האָבן זיי ביידע דערשאָסן. זיי זענען געפאַלן צוזאַמען מיט די תורהס אין די הענט.

די חדושים-שול, אַלע אַנדערע בתי-מדרשים, חסידים-שטיב-לעך אויף דער שול-גאַס, אויפן אַלטן מאַרק און אַנדערע גאַסן זענען דורך די סאָלדאַטן באַגאַסן געוואָרן מיט נאַפט און אונטערגע-צונדן. אין טעמפּל אויף דער זשולקעווער גאַס האָבן די אָפיצירן אויסגערויבט דאָס גאַנצע זילבער. טייל האָבן זיך אַרומגעבונדן די אַטלעסענע מענטעלעך אַרום די קעפּ, אין טורבאַנען פאַרדרייט, ווי די טערקן, און געטאַנצט, געשאָקלט זיך, ווי אידן ביים דאַווענען, צום געלעכטער פון די סאָלדאַטן און דעם המון. דערנאָך האָבן די אָפיצירן באַפוילן אויפצורייסן דעם דיל, אַריינגיסן בענזין אין די לעכער און אָנצינדן.

אויף דער שול-גאַס האָבן עטלעכע אידן זיך איינגעהילט אין די טליתים און די קיטלען, זיי האָבן ווידוי געזאָגט צו גאָט, אין די הערצער מיט די פויסטן זיך געשלאָגן, ביז דאָס פייער איז צוגעקומען צו זיי און אָנגעכאַפּט די טליתים. אָן אָפּיציר האָט זיך דערשראָקן פאַר די מענטשן אין די ברענענדיקע טליתים און געעפנט זיי די טיר. אָבער אין יאָמער, תשובה, רויך און פייער האָבן זיי נישט גע-הערט די רופן פון דעם גוי. די פלאַמען האָבן זיי פאַרלענדט.

דריי טעג און דריי נעכט האָט געברענט דאָס אידישע פערטל. דריי טעג און דריי נעכט האָבן געהוליעט די רויבער אין מיליטע-רישע קליידער און אין ציווילע. אפילו די פייערלעשער זענען נישט געקומען. מען האָט זיי פאַרבאָטן.

אויפן פערטן טאָג זענען די אידן, טרויעריקע, פאַרשעמטע פון זייער אייגענעם אומגליק, מיט געבויגענע קעפּ און מיט אויסגעלאָ-שענע אויגן, אַרוים צו די טליענדיקע חורבות. זיי האָבן האַלב-פאַרברענטע קערפּערס פון ציגל און אייזן אַרויסגעשאַרט. ביינער צונויפגענומען. די קערפּערס האָט מען מיט טליתים איבערגעדעקט. די ביינער האָט מען אין ערדענע טעפּ אַריינגעלייגט, כדי זיי צו ברענגען צו קבר-ישראל. ביי די טליענדיקע חורבות פון די שולן האָט מען שטיקער נישט-דערברענטע יריעות צונויפגעקליבן, עץ-החיימס, און זיי אין ערדענע טעפּ נעבן די טעפּ מיט די ביינער אוועקגעשטעלט. צוויי-און-זיבעציק טויטע זענען אין אַ גרויסער שורה געלעגן, איבערגעדעקט מיט טליתים. יאָמערנדיקע מענטשן האָבן געזוכט צווישן זיי זייערע אייגענע.

אויף דער לויה פון די הרוגים און די ספר-תורהס זענען אַלע אידן פון שטאָט געגאַנגען. די שוואַרצע מחנות האָבן זיך געצויגן גאָר אָן אַ סוף. שוואַרצער פון זייערע קליידער איז געווען זייער יאָמער. קינדער האָבן געביסן זייערע הענטלעך פון צער און יאוש. צווישן די טויזנטער שוואַרץ-געקליידטע מענטשן האָט זיך מיטגע-שאַרט איינער אין העל-בלויע פּוילישע מיליטערישע קליידער. מיט איבערגעבויגענע פּלייצעס, מיט אַ צעשויבערט בערדל, מיט טרויע-ריקע אויגן, האָט ער זיך מיטגעשאַרט מיט דער יאָמערנדיקער מאַ-סע. דאָס איז געווען פעלדבלום, דער אָפּיציר פון די לעגיאָנערן, פון די „קראַקוסן“, וואָס זענען געקומען דעראָבערן די שטאָט.

ווי דאָס ערשטע מאָל אין לאָדזש ביים „ראַבונעק“, איז ער ארומגעלאָפן איבער דער שטאָט, אָפּגעהאַלטן די רויבנדיקע סאָלדאַטן, געלאָפן אין דער קאָמענדאַנטור, נאָר מען האָט אים נישט געהערט.

— אַזוי איז דער באַפעל, די אידן זענען אָפּגעגעבן געוואָרן דעם מיליטער אויף אַכט-און-פערציק שעה! — האָט מען אים געענטפערט.

איצט איז ער געגאַנגען מיט די פיר מאָל צען טויזנט יאָמערנדיקע מענטשן אין זייער גרויסן שווערן טרויער. די הויכע אַקסלען זיינעם האָבן זיך אַרויסגעריסן פון דעם מיליטערישן מונדיר. די פיס זיינע זענען געווען שלאַבעריק, געליימט.

אויף די גאַסן האָבן די ציַיטונגס-פאַרקויפער געריסן די העלזער וועגן די סאַמע לעצטע נייעסן פון די פּוילישע צייטונגען.

— אידן האָבן געשאָסן אויף אונזערע העלדישע קעמפער, געגאָסן זיי היים וואַסער אויף די קעפּ, לעצטע נייעס! אונזערע קעמפער האָבן העלדיש באַזיגט די באָלשעוויסטישע שונאים, לעצטע נאַכריכטן.

פּאָליציי און מיליטער-פּאַטרולן האָבן געזוכט די פּאָגראָמשטשיקעס צווישן די רוטענער און אידן, געכאַפּט זיי אויף די גאַסן און אָפּגעפירט אין די אַרעסטן אונטער געווער. די לעגיאָנערן האָבן מאַרשירט איבער דער קאַרל-לודוויג-גאַסע און געשפּילט זייערע מיליטערישע מאַרשן.

די פּוילישע טעלעגראַפן-אַגענטור האָט פאַנאַנדערגעשיקט קאָמוניקאַטן, אַז די אָנפאַלן, וואָס די באָלשעוויסטישע אַגיטאַטאָרן האָבן געמאַכט אויף לעמבערג, זענען דורך די העלדישע פּוילישע טרופּן איינגעשטילט געוואָרן.

פון די טליענדיקע חורבות איז דער רויך געגאַנגען פויל צום טריבן הימל. אַ צעשויבערטע פרוי אין צעריסענע קליידער האָט מיט פאַרשוואַרצטע הענט געשאַרט צווישן די ציגל און מיסט.

זי האָט געזוכט די ביינער פון איר אומגעקומען קינד.

אין אַלע שטעט און שטעטלעך האָט דאָס מיליטער אַנטוואָפנט די אידישע זעלבסטשוצן און איבערגעגעבן די אידן און זייער האָב און גוטס צו רציחה און רויב פון די קריסטן. די, וואָס האָבן זיך

קעגנגעשטעלט, האָט מען אַרעסטירט און איינגעזעצט אין די טור-מעס פאַר באַלשעוויזם. אין די גאַליצישע שטעט האָבן די באַאַמטע אַרויסגעטריבן פון די אַמטן זייערע אידישע קאָלעגן, מיט וועלכע זיי האָבן יאָרן-לאַנג געאַרבעט צוזאַמען פאַר די עסטרייכישע צייטן. די באַן-באַאַמטע האָבן פאַרטריבן די אידישע קאָנדוקטאָרן, מאַשי-ניסטן. אַפילו די טויזנטער שוואַרץ-אַרבעטער, וואָס האָבן בעת דער דייטשער אָקופּאַציע געאַרבעט ביי די באַנען, האָט מען צעיאָגט. די פּוילישע געפּעק-טרעגער האָבן נישט צוגעלאָזט די אָפּגעריסענע אידן מיט די שטריק אַרום די לענדן אַראָפּצוטראָגן אַ פּעקל פון באַן. אויף די גאַסן האָבן סאָלדאַטן געשלאָגן אידן, געריסן זיי די בערד צוזאַמען מיט דעם לייב. פון די רעסטאָראַנען, קאַפעען האָט מען די סוחרים אַרויסגעשלעפּט און געפירט זיי צו קערן די גאַסן, צו גראָבן גריבער. אויף די באַנען האָט מען די אידישע פּאַסאַזשירן געשלאָגן, אַרויסגעוואָרפן פון די וואַגאָנען אינמיטן פאָרן.

און אין די קירכן האָבן די גלחים גערעדט וועגן גאָט און זיין זון יעזוס, דעם געבוירענעם פון הייליקן גייסט, וואָס האָבן אויסגע-לייזט דאָס פאָלק פון פעלקער, דאָס פאָלק מיט דער וועלט-מיסיע, וואָס דאַרף דינען פאַר אַ משל מיט זיין רעליגיע, יושר און גוטע זיטן פאַר אַלע קריסטן פון גאַר דער וועלט.

## קאַפּיטל אַכצן

יאַקוב אשכנזי האָט פאַרגעסן אַלע מחלוקות און רייסערייען מיט זיין צווילינג-ברודער און געלאָזט זיך איבער גרענעצן און פראָנטן קיין פּעטערבורג, כדי אים אויסצוגעפינען און ראַטעווען.

פון אַלע זייטן רוסלאַנד זענען היימלאָזע צוריקגעקומען, מיט עשעלאָנען, אַליין, דורך אַלערליי גרענעצן און לענדער, נאָר מאַקס אשכנזי האָט זיך נישט געוויזן. אויך איז קיין בריוו פון אים נישט אָנגעקומען. די פרוי זיינע, די אַלטע און קראַנקע, איז יעדן טאָג אויפסניי געפאָרן צום וואָקזאַל, אַרומגעדרייט זיך מיט די שווערע, האַלב-געליימטע פיס אַרום די וואַגאָנען, אפשר וועט זי אָפּנעמען

א גרוס פון אים פון אָנגעקומענע. אָבער קיין שפּור איז נישט געווען צו דערגיין. זי איז צוריקגעפאָרן מיט דער אייגענער פּוסטקייט, מיט וועלכער זי פּלעגט אַרויספאָרן, כדי צומאָרגנס ווידער צו האָפן און זיך אַנטוישן.

אין איר וואוינונג, וואו אַמאָל האָט דער דירעקטאָר אַלבּרעכט זיין צעלאָזן לעבן געפירט און אין וועלכער זי האָט זיך אַריינגעצויגן נאָכדעם, ווי באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו האָט זיך אין איר פּאַלאַץ באַזעצט, איז זי געזעסן אַן עלנטע, איינע אַליין אין דער פרעמדער שטאָט און געוואַרט אויף איר מאַן, דעם איינציקן מענטש, וואָס זי האָט נאָך געהאַט אויף דער וועלט. זי האָט מיט קיינעם קיין באַקאַנטשאַפט נישט געמאַכט אין דער פרעמדער שטאָט, צו קיינעם נישט געקומען, קיינעם צו זיך נישט איינגעלאַדן, נאָר בלויז מיט איר דינסטמיידל געווען, בייטאָג אין פּוסטן פאַבּריק-קאַבּינעט, אין אָוונט אין שטוב. ווי אין די ערשטע טעג, ווען דער מאַן איז אַוועקגעפאָרן, האָט זי געהיט דאָס פאַרמעגן זיינס, כדי עס אָפּצוגעבן אים אומגערירט, ווי נאָר ער וועט אַהיימקומען.

ווי פריער, מיט די דייטשן, אַזוי האָט זי איצט מיט די פּאָליאַקן געמוזט פירן מלחמה פאַר דער פאַבּריק, פאַרן פּאַלאַץ. די פּוילישע מיליטער-לייט, וואָס האָבן איבערגענומען דעם פּאַלאַץ ביים קאָמענדאַנט באַראָן פאָן היידעל היידעללאָו, האָבן זיך דאָרט באַזעצט און נישט געאיילט אַוועקצוגיין, כאָטש דער פּאַלאַץ איז געווען א פּריוואַטער. זיי האָבן דאָרט געבאַלעבאַטעוועט, בעלער געמאַכט, פּונקט ווי פריער די דייטשן. די פרוי אשכנזי האָט פון איר דירעקטאָרישער וואוינונג אַרומגעריסן זיך מיט די, וואָס ווילן איר מאַנס פאַרמעגן צונעמען. מיט שווערע האַלב-געליימטע פיס, וואָס קאָנען קוים אַ טריט שטעלן, איז זי מיטן שירם אין האַנט צו אַדוואָקאַטן געפאָרן, אין אַלערליי אַמטן געקראָכן און אין אַ גרייזיקן פּויליש, מיט א רוסישן אַקצענט, געפאָדערט גערעכטיקייט, מען זאָל איר איר פאַרמעגן צוריקקערן. אויך האָט זי זיך איבער דעם גרויסן פאַבּריק-הויף אַרומגעשלייכט, אומעטום אויג געהאַלטן און געהיט, די אַרבעטער זאָלן נישט צעטראָגן אַלץ, צעשלעפּן.

ניין, עס איז איר נישט אָנגעקומען לייכט, דער אַלטער, שווערער פרוי מיט איר רוסישלעכן פּויליש און אידישן אויסזען, צו פּועלן

עפּעס אין די נייע אמטן. די אמט־מיידלעך האָבן פון איר געלאַכט, נישט געענטפערט, די לאָקייען האָבן זי נישט אריינגעלאָזט צו די הערן זייערע, געהייסן שפּעטער קומען. אויך די ארבעטער האָבן איר פעפער געגעבן צו שמעקן. אויפגעהעצט פון די אנטיסעמיטישע צייטונגען און פלוגבלעטלעך, פון אלערליי רעדנער, וואָס האָבן דורך אידן־האַס און בלבולים אויף די אידישע פאַבריקאַנטן, געזוכט אָפּצוואַווענדן דעם צאָרן פון די הונגעריקע און ארבעטסלאָזע, האָבן זיי געכאַפּט, וואָס עס איז זיי אין די הענט געקומען, געגנבעט, גע־רויבט. אָפּטמאָל זענען זיי אויך צו די פאַבריקאַנטן געקומען, די שויבן אין זייערע הייזער אויסגעבראָכן, געזידלט, און אויך פאַר־שפּאַרט זיי, געהאַלטן זיי אזוי לאַנג, ביז זיי האָבן געמוזט אונטער־שרייבן זיך, אז זיי וועלן לאָזן גיין די פאַבריקן און צאָלן אזויפיל, וויפל זיי, די ארבעטער, פאַרלאַנגען. די פּאָליציי האָט זיך נישט געמישט אין אזעלכע זאַכן, געלאָזט די ארבעטער פרייהייט אין זייערע עסקים מיט די אידישע פאַבריקאַנטן.

אויך צו דער פרוי אשכנזי זענען די ארבעטער געקומען, גע־שריגן, געפאָדערט, זי זאָל זיי געבן געלט, זאָל לאָזן די פאַבריק אין גאַנג. זיי האָבן איר אפילו פאַרשלאָסן ביי זיך אין דער דירעקטאָ־רישער וואוינונג און נישט צוגעלאָזט קיין עסן צו איר, זי איז פון איר פּלאַץ נישט אָפּגעטרעטן. מיט אַן אייזערנער עקשנות האָט זי זיך געהאַלטן, קעגנגעשטעלט זיך אלע און אלעמען און געהיט דעם מאַנס פאַרמעגן. זי האָט שוין פון לעבן קיין סך נישט געוואָרט. זי איז געווען קראַנק און צעבראָכן. זי האָט געוואַרט אויפן טויט. אָבער איין זאַך, וואָס זי האָט נאָך געוואָלט דערלעבן, אָן וואָס זי האָט זיך מיט נעגל געדראַפּעט, איז געווען — נאָך צו זען איר מאַן, איבערגעבן אים די שליסלען פון זיינע פאַרמעגנס, וואָס ער האָט געלאָזן אויף איר, און דערנאָך שטאַרבן.

אָבער ער איז נישט געקומען, אשכנזי, קיין צייכן פון זיך נישט געגעבן. פרוי אשכנזי האָט געגעבן מעלדונגען אין די צייטונגען צו מענטשן, זיי זאָלן זיך אָפּרופן וועגן איר מאַן, זי האָט בריוו דורך דעם רויטן קרייץ געשיקט, דעפּעשן. גאָרנישט איז דער־פון ארויסגעקומען. פרוי אשכנזי האָט גענומען אַ דראָשקע, דעם שירם אין האַנט, און אוועק צום שוואָגער אירן, יאַקוב אשכנזי,

ווען זי האָט קיינמאָל נאָך פריער פאַר די אויגן נישט געזען און געוואוסט, אַז דער מאַן אירער מיט אים זענען זיך שונאים, אויף מעסער-שטעך. כאָטש זי איז אין ערגעץ נישט געגאַנגען, האָט זי געוואוסט, אַז ביי דעם שוואָגער אין הויז איז אויך דאָ די, וואָס דאַרף איר זיין אַ שונא, איר מאַנס ערשט ווייב. זי האָט גאָרנישט קיין סימפּאַטיע דערוואַרט פון דער שטוב, סיי פון שוואָגער, סיי פון דער ערשטער פרוי דעם מאַנס, סיי פון דער שטיף-טאָכטער גערטרוד, וואָס זי האָט בלויז איר נאָמען געוואוסט, אָבער קיינמאָל אין די אויגן נישט אָנגעזען, אָבער זי האָט פאַרבויגן איר כבוד, גרייט געווען אויף אַלעס, אַבי צו זוכן הילף אין אויסגעפינען איר מאַן.

מיט אַ ציטערדיק האַרץ האָט זי אָנגעקלונגען אין שוואָגערס וואוינונג. פון אייגענער געפאַלנקייט האָט זי אַפילו גענומען זיך בייזערן אויף דעם דינסטמיידל, וואָס האָט איר די טיר געעפנט און אין קאָרידאָר געלאָזט וואַרטן.

— מעלד, אַז מאַדאַם מאַקסאָוואַ אשכנזי וויל זען דעם הער,
— האָט זי געזאָגט מיט אַן איבערגעטריבענער הויכער שטים, ווי שטענדיק, ווען זי פּלעגט וועלן פאַרדעקן די אייגענע גערדיקטקייט.
— אַזוי זאָלסטו זאָגן, מיידל, הערסט!

פון די שטובן האָבן זיך דערטראָגן אַקאָרדן פון אַ פּיאַנאָ און אַ געלעכטער פון אַ קינד. די ביידע קלאַנגען האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט די געפאַלנקייט ביי דער אַלטער פרוי אין דעם ברייטן, טונקעלן קאָרידאָר, וואו זי האָט געוואַרט. מיט אומרואיקייט האָט זי געקוקט אויף דער טיר, וואָס וועט זיך עפענען. זי איז אַפילו נישט געווען גאַנץ זיכער, צי מען וועט זי אויפנעמען. צו-לאַנג האָט געדויערט איר וואַרטן אין קאָרידאָר, אָבער באַלד האָט זיך די טיר ברייט געעפנט און יאַקוב אשכנזי האָט, אַ שמייכלענדיקער און גריסנדיקער, זיין אומבאַקאַנטע שוועגערין באַגעגנט.

— איך בין זייער צופרידן אייך צו זען אין מיין הויז, שוועגערין, — האָט ער געזאָגט און געדריקט איר האַנט אין זיין ברייטער, שטאַרקער מענערישער האַנט.

די פרוי אשכנזי איז גערירט געוואָרן פון דער וואַרעמקייט

און נישט געוואוסט, וואָס מיט זיך צו טאָן. איבערהויפּט האָט איר געשטערט דער שירם, וואָס איז איר פּלוצלינג שטאַרק איבעריק געוואָרן. יאַקוב האָט ביי איר צוגענומען דעם שירם און איר גע־האָלפן אַראָפּציען דעם מאַנטל. זי האָט קיין חשק נישט געהאַט אויסצוטאָן זיך.

— איך וויל נישט קיין סך צייט אייך צונעמען, הער אשכנזי, — האָט זי געמורמלט. — כ׳וויל בלויז זיך אַן עצה האַלטן...

— אָבער ווי פאַלט אייך איין, שוועגערין? — האָט יאַקוב איר איבערגעריסן און אונטער דער האַנט זי אַריינגעפירט צו זיך, נישט אין קאַבינעט, נאָר אין עס־צימער. — איר וועט זיך אָפּ־רוען אַביסל, טיי מיט אונז טרינקען.

פרוי אשכנזי איז געבליבן פאַרשטיינערט אויף אירע שווע־רע פיס, ווען זי האָט דערזען דאָ צוויי פרויען, איינע אַן עלטערע און איינע אַ יונגע, וואָס כאָטש זי האָט זיי נישט געקענט, האָט זי זיך משער געווען, ווער זיי זענען. זי האָט קיין טריט נישט געקאָנט שטעלן. יאַקוב האָט זי מיט כוח צוגעפירט נענטער.

— די שוועגערין אשכנזי, — האָט ער געזאָגט מיט אַ הויכער שטים.

ביידע פרויען זענען פאַרלעגן אַנטקעגנגעגאַנגען דער שווערער פרוי און איר אויסגעשטרעקט הענט.

— זייער אָנגענעם, זיצט! — האָבן זיי איר באַגריסט און גלייך גענומען קלינגען צו דער דינסט, זי זאָל ברענגען טיי.

אין דעם איבערגעטריבענעם רופן נאָך טיי האָבן זיי געזוכט די אייגענע רעטונג פון דער אומבאַקוועמער לאַגע. אַ ווײַלע האָבן זיך די פרויען אָנגעקוקט. פרוי אשכנזי האָט געוואָלט זען סיי די גערטרוד, דעם מאַנס טאָכטער, וועגן וועלכער זי האָט אַזויפיל געהערט, סיי די ערשטע פרוי זיינע. כאָטש אַן אַלטע שוין, אַ קראַנ־קע און צעבראָכענע, האָט זי מיט אויפגעריסענע אויגן געקוקט אויף די צוויי ווייבער, אין וועמעס קענגוואַרט זי האָט זיך אַליין דערפילט נאָך מיאוסער און האַרטער.

דינהלע און גערטרוד האָבן געקוקט מיט חידוש אויף דער, וואָס האָט זייער הויז פאַרנומען, דער אויסוואַל איז געווען אַ

שלעכטער. גאָרנישט אָנציענדיקעס איז געווען אין דער אַלטערס פּנים, פיגור. דינהלע האָט זיך פאַררויטלט ווי אַ קליין מיידעלע און צוגעטוליעט זיך צו גערטרודן, אין איר טיכל זיך איינגעהילט צו־זאַמען, ווי זי וואָלט פלוצלינג אַ קעלט דערפילט. יאַקוב האָט פּרו־בירט ראַטעווען די פיינלעכע לאַגע און רעדן עפּעס, אָבער די ווער־טער זענען געבליבן הענגען אין דער לופט, נישט אָנגענומען זיך. די שטילקייט איז געווען אַ שווערע. איבערגעריסן האָט זי דאָס קינד אין שטוב. פלוצלינג איז די קליינע פריווע, יאַקובס טעכטערל, וואָס האָט נאָך איר עלטער־באָבע געהייסן, אריין פון איר קינדער־צימער און גלייך צו דער פרעמדער פרוי צוגעלאָפן. אַ בלאָנד־לאָקיקע, אַ דרייסטע און אַ פריילעכע, איז זי מיט שמחה צו דער אומבאַקאַנטער צו און זיך פאַר איר באַרימט מיט דער נייער ליאַלקע, וואָס מען האָט איר נעקויפט.

— דאָס איז מימי, מיין קליינע מימי, — האָט זי געוויזן איר ליאַלקע אין אַ בלוי זיידן קליידל און מיט אַ רויטער שלייף אין די האָר. — און אַ בער האָב איך אַ נייעם, אַ בייזן זייער... בומבו איז זיין נאָמען...

פרוי אשכנזי האָט זיך מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט אין קינד.

— מלאך מיינער, — האָט זי גענומען קושן ביי דער קליינער די פולכנע הענטעלעך. — גאָלד, אוצר, די שטוב פאַרלייכט עס דאָך!

אין איין רגע איז דאָס אייז געבראָכן געוואָרן. אַלע דריי ווייבער האָבן גלייך געטוליעט די קליינע, געקושט זי, פּיסקעלעך צו איר געמאַכט, חכמות פון איר דערציילט. יאַקוב איז געשטאַנען אין אַ זייט און געקוואָלן פון גליק.

זי האָט זיך נישט געאיילט מער צו אַנטלויפן, די פרוי אשכנזי. זייער ווארעם, גוט און נאָנט זענען די מענטשן צו איר געווען. זיי האָבן איר אונטערגעטראָגן כיבוד, אויסגעפרעגט וועגן איר לעבן, געבעטן עפּטער צו קומען. גערטרוד איז אפילו אַזוי היימיש גע־וואָרן, אַז זי האָט איר אין דער מוטערס קעגנוואַרט מומע גערופן. אַליין נישט ווייסנדיק ווי אַזוי, איז מען אריבער צו דעם, וועגן וועמען אַלע האָבן געטראַכט אין דער שטוב — צו מאַקס אשכנזי.

— איין גאָט ווייסט, וואָס מיט אים איז אַזוינס געשען, —

האָט פרוי אשכנזי גערעדט און געווישט די אויגן, וואָס זענען איר פאַרלאָפן.

אויף איר קוקנדיק, האָבן אויך מאמע און טאַכטער דערפילט טרערן אין די אויגן.

מיט געמיינזאַמע כחות האָבן ביידע הייזער גענומען זוכן דעם פאַרשוואונדענעם מאקס אשכנזי.

קודם-כל האָט יאַקוב אַראָפּגעכאַפּט זיך קיין בערלין, אין דער איינציקער שטאָט, וואו דאָס נייע רוסלאַנד האָט אַן אַמבאַסאַדע געהאַט, כדי עפּעס צו דערגיין דאָרט וועגן זיין פאַרפאַלן-געוואָרענעם ברודער אין פּעטערבורג. נישט לייכט האָט מען גע-קאָנט פאָרן קיין בערלין. די באַנען זענען פול געווען מיט דעמאָ-ביליזירטע סאָלדאַטן. אויך איז מיט פּעסער און וויזעס געגאַנגען שווער. יאַקוב האָט אַלץ דורכגעבראָכן. ער האָט פון אַלע זייטן געקאָנט אומעטום אָנקומען, דורך אַלע פאַרמאַכטע טירן דורכגיין. אין זיין ברייטער אימפּאָזאַנטער פיגור, אין זיין פעסטן טריט איז געלעגן אַזויפיל זיכערקייט און ווירדע, אַז וואַכן פלעגן אים דורכ-לאָזן צו אמטן, אַז לאָקייען האָבן אים אָפּגעטרעטן דעם פּלאַץ פאַר געשלאָסענע טירן פון זייערע הארן. און אויך איצט איז ער מיט זיכערקייט אין זיין גאַנג און מיט ברייטקייט אין זיין געלט-צע-טרענצלען אַלע פאַרמאַכטע טירן דורכגעגאַנגען. אַלע פאַרבאָטענע טויערן האָבן זיך פאַר אים געעפנט. איינס און צוויי האָט ער א וויזע געקריגן, דערנאָך אויך פאַר גוט געלט א פּלאַץ אין באַן זיך געשאַפן, און אוועק קיין בערלין צו דער אַמבאַסאַדע, איבער וועל-כער א רויטע פאָן האָט געפלאַטערט.

זייער העפלעך האָט מען אשכנזין אין דער אַמבאַסאַדע אויפ-גענומען, דעם נאָמען פון זיין ברודער פאַרצייכנט און אים צוגע-זאָגט צו-וויסן צו געבן, ווי נאָר עס וועט אָנקומען אַן ענטפער. יאַקוב אשכנזי איז יעדן טאָג אויפסניי געפאָרן אין דער אַמבאַסאַדע, אויסגעפרעגט די באַאַמטע, אָבער קיין ענטפער איז נישט אָנגע-קומען. נאָך עטלעכע וואָכן אומזיסטן וואַרטן, האָט ער אָפּגעלאָזן אַלע אָפיציעלע וועגן, פון וועלכע ער האָט געזען, אַז עס וועט גאָר-נישט אַרויסקומען, און ער האָט זיך געלאָזט אין וועג קיין רוס-לאַנד, כדי דאָרט אַליין צו דערגיין א טאָלק.

מענטשן האָבן אים נישט געלאָזט פאָרן, אָפּגערעדט פון לאָזן זיך אין אזעלכע צייטן אין וועג, אין א לאנד, וואָס איז פול מיט מלחמה און בירגער-קריג. יאקוב אשכנזי האָט נישט געהערט. ער האָט פארשטאַנען, אז עפּעס זייער שלעכטס האָט געמוזט געשען מיט דעם ברודער זיינעם, וואס איז נאָך ביז איצט נישט צוריקגעקומען פון דעם לאנד, וואָס האָט מער נישט קיין געשעפט און מסחרים. פון אלע עקן רוסלאנד זענען מענטשן אָנגעקומען קיין לאָדזש, ווער מיט די עשעלאָנען פאר היימלאָזע, ווער דורך געגנבעטע גרענעצן, בלויז מאקס איז נישט געקומען. יאקוב האָט זיך משער געווען, אז נישט קיין געשעפטן האלטן דאָרט דעם ברודער זיינעם, אז עפּעס זייער שלעכטס האָט מיט אים דאָרט געטראָפן. און ער האָט נישט געקאָנט איינרוען אין לאָדזש. ער האָט פארגעסן אלע אלטע מחלוקת, אַרומרייסעניש. ער האָט קיינמאָל לאנג קיין שנאה אין הארץ נישט געקאָנט טראָגן. איצט האָט ער מער גאָרנישט געדענקט אין אַמאָליקע מחלוקת און געפאָרן ראטעווען זיין ברודער. ער האָט איינגעפּאקט זיינע וואליזן, איינגעניים געלט אין די קליידער, מיטגענומען בריוו, אלערליי אָפּיציעלע פּאפּירן און מעטריקעס, וואָס באווייזן, אז שמחה מאיר איז א געבוירענענער אין לאָדזש, און ער האָט זיך געלאָזט אין וועג אריין, אין ווייטן און אומבאקאנטן.

מיט די האלב-געליימטע הענט האָט פרוי אשכנזי אַרומגענומען דעם שוואָגער אירן און געקושט אים אין די האָריקע הענט, דערפאר וואס ער פאָרט אויסגעפינען איר מאן. דערנאָך האָט זי אויך אראָפּגענומען פון זיך דאָס צירונג און עס אריינגעשטופּט אין די קעשענעס, פון שוואָגערס מאַנטל.

— נעמט עס, שוואָגער, עס וועט צונוץ קומען דאָרט, — האָט זי זיך געבעטן. — דאָס האָט אומעטום א ווערט.

יאָקוב האָט דאָס צירונג נישט געוואָלט נעמען, נאָר די פרוי האָט אים מיט געוואלט עס אריינגעוואָרפן. דערנאָך האָט זי אויך אראָפּגענומען פון הארץ א קמיע און זי אָנגעהאנגען אים אויפן האלז.

— דאָס איז נאָך פון קארלינער רבין, א ירושה, — האָט זי געזאָגט. — נעמט עס אין וועג, און זאל עס אייך אָפּהיטן פון יעדער שלעכטס... טוט עס מיר צוליב.

יאקוב האָט נישט געהאַט די דרייסטקייט אָפּצוזאָגן דער אַל-טער קראַנקער פרוי, וואָס האָט נאָך אַלץ געהאַט א שטאַרקייט אין אירע פאַרלאַנגען.

פונקט אַזויפיל ווארעמקייט און טריישאַפט האָבן אַריינגע-ליגט אין זייערע געזעגענישן דינהלע און גערטרוד, די מאַמע און טאָכטער, צו יאַקובן, וואָס האָט זיך אין אַזאַ סכנהדיקן וועג גע-לאָזט, כדי צו ראַטעווען דעם, מיט וועלכן ער איז שטענדיק אויף מעסערס געווען. נישט נאָר ביי גערטרודן, דעם ברודערס טאָכ-טער, נאָר אויך ביי דינהלען, האָט ער געפילט א רחמנות, ליב-שאַפט אַפילו, צו דעם, וואָס האָט געקריוודעט שטענדיק, נאָר איצט געפינט ער זיך אין סכנה און מען דאַרף אים ראַטעווען.

— יאַקוב, טייערער מיינער, ריטער, — האָט גערטרוד גע-רעדט מיט ליבשאַפט צום מאַן, ווי אין די ערשטע טעג פון זייער ליבע, און צום וויפלטסטן מאָל אויסגעקושט אים דאָס פּנים, די ליפּן, די אויגן, אַפילו די באָרד.

דינהלע האָט א סך זאַכן צוגעגרייט יאַקובן אין וועג אַריין, אַלערליי שפּייז, וועש, פאַר זיך אַליין און פאַר אים, שמחה מאירן. זי האָט זיך געררויטלט דערביי ווי אַמאָל, ווען זי איז א כּלה-מיידל געווען, געשעמט זיך קוקן יאַקובן אין די אויגן.

— פאָר געזונט און קום געזונט צוזאַמען מיט שמחה מאירן, — האָט זי געמורמלט און פאַרשעמט זיך פאַר זיך אַליין. — גריס אים פון מיר...

באַהאַנגען מיט רייזע-טאַשן, באַזאָרגט מיט שפּייז, באַוואָרנט מיט פּאַפּירן אַלערליי, פאַרזען מיט בריוו, אַדרעסן, געלט, צירונג און מיט דער קמיע פון קאַרלינער רבין אויפן האַלז, איז ער אַוועק אין וועג, אין צעטומלטן און געפערלעכן. אויף די באַנען איז גע-ווען א יאַריד, א בהלה. סאָלדאַטן פון אַלערליי לענדער און פעל-קער, עלטער אין אויסזען, האָבן געשלעפּט זיך פון לאַנד צו לאַנד, פון מדינה צו מדינה. עשעלאָנען מיט היימלאָזע האָבן מיט זעק, פּעק, קינדער און געוויינען אָנגעפילט אַלע וואָקזאַלן. פון דייטש-לאַנד זענען צעטליקער טויזנטער געפאַנגענע רוסן נאָך אַלץ גע-לאָפן אהיים.

בערדיקע, באוואקסענע, בלאסע פון שטענדיקן הונגערן אין געפאנגענשאפט, אפגעריסענע, אין הילצערנע שיך אויף די פיס, אין שמאטעס ארומגעבונדן מיט שטריקלעך, מיט טעלעפאן-דראטן, מיט זעק אויף די אקסלען, מיט טארבעס, זענען זיי געלאפן צו זייערע היימען אין רוסלאנד, קיין אוקראאינע און סיביר, קיין קאווקאז און קרים, צו אלע עקן לאנד און געגענטן. פארלאזן פון זייערע גענעראלן און אפיצירן, וואס האבן זיי צו די שלאכטן גע־פירט, אליין געבליבענע אויף הפקר אין פרעמדע לענדער, ארעם, הונגעריק, דערשלאגן, קראנק, נאקעט און בלויז זענען זיי געלאפן איבער גרענעצן און לענדער, אנגעהאנגען זיך אויף באנען, גע־שלעפט זיך, געבעטלט א שטיקל ברויט. צעוואקסענע, בלוי-אויגיקע, בלאנדע גרויס-רוסן, שווארץ-אויגיקע, קרום-נעזיקע קאווקאזער, קרום-אויגיקע און געל-הויטיקע טשואוואשן, סארטן קאל־מיקן, טשעטשענצעס, ווייסרוסן, אידן, אוקראאינער, טאטערן, טשער־קעסן, קאזאקן, ארמענער, פון אלערליי עלטער און אויסזען, פון שטעט און דערפער, פון בערג און טאלן, אלע זענען זיי געלאפן צו זייערע היימען. נישט מען האט געפרעגט עמיצן אויף פאפירן, פע־סער; פריי זענען זיי אריבער לענדער, גרענעצן.

ווי די מענטשן פון דור-הפלגה, וואס זענען צעזייט און צע־שפרייט געווארן, אזוי זענען די מענטשן פון דער גרויסער רוסי־שער ערד געלאפן פארלאזענע, עלנטע, הפקר צו אלעמען און צו אלץ.

אנטוישטע פון די זיגערישע רייד און איינרעדענישן, מיט וועלכע די גרויסע לייט, זייערע פירער, האבן זיי אין נאמען פון קייזער און גאט צו זיגן געפירט; פארביטערטע פון דעם, וואס מען האט זיי צוגענומען פון זייערע היימען, ערד, ווייבער און קינדער און זיי צו רויב און רציחה איבערגעגעבן; פארטעמפטע פון בלוט, פיין, הונגער, באליידיקונגען; אפגענארטע, פארלאזענע פון די, וואס האבן זיי אין פרעמדע לענדער געפירט און זיי אויף אייגענעם באראט געלאזט, זענען די מענטשן איבער די וועגן געלאפן, ווי פי און א פסטוך. די פעלקער-וואנדערונג איז געגאנגען איבער אלע וועגן, ליניעס און שליאכן. מגיפות, העצער, באטריגער, זענען, ווי קראען נאך פגירות, מיטגעגאנגען מיט זיי, געטויט, געשניטן,

פארגיפטעט. מיט בייזע אויגן האָבן די מענטשן אין די שינעלן געקוקט אויף דעם בריטן, גוט-געקליידעטן, זאטן און אימפּאָזאַנטן מאַן, וואָס האָט זיך מיטגעשלעפּט מיט זייער אומגליק, געפּלאָנטערט זיך מיט זייער קנויל.

זיי האָבן זיך גערייניקט, די אויסגעהונגערטע און פאַראומ-רייניקטע מענטשן, די וואונדן אָפּגעדעקט, די אויסערלעכע ווי די אינערלעכע. זייערע פאַרלאָזענע היימען, ווייבער, ערד, נייע אָר-דענונג, האָבן זיי געצויגן און געשראָקן צוזאמען. אלץ איז אין פינסטערניש געווען. מען האָט נישט געוואוסט צו וואס מען גייט, ווי אזוי דאָס לעבן וועט זיך אָנהויבן פונדאָסניי.

— איצט וועל איך א סך ערד האָבן, די, וואָס מען האָט צו-גענומען פון די פּריצים, — האָט א סאָלדאט א פּויער געזאָגט. — א לעבן וועט זיין א גוטס.

— מען זאָגט, אַז זיי נעמען ווידער אין קריג, די רויטע, — האָט א צווייטער אים געענטפערט. — און שלאָגן דאַרף מען זיך קעגן אייגענע.

— אין אוקראַאינע זענען צוריק די פּריצים, — האָט א דריי-טער דערציילט. — די פּויערים, זאָגט מען, שמייסט מען, ווי אמאָל פאר דער פּאָנטשיזנע. מען טרינקט אונזער בלוט.

— נישט אמת, די אוקראַאינער אליין ווילן דאָס ברויט פאר זיך, נישט אוועקגעבן די קאַצאַפּעס פון גרויס-רוסלאנד, וואָס ווילן אלץ צונעמען, און דערפאר שלאָגט מען זיי. אלע אוקראַאינער דאַרפן העלפן, — האָט א פערטער געלערנט.

— איך וועל אויפן פראָנט מער נישט גיין. גענוג געשלאָגן זיך. איצט וויל איך זיין פאר זיך, מיט מיין ווייב. שוין לאַנג זיך נישט געזען... בענקט זיך נאָך איר, א יונגע זייער, א פרישינקע, — האָט א גרויסער צעוואָקסענער יונג גערעדט מיט הארץ.

— זי האָט שוין געווים אַן אנדערן זיך אריינגענומען, נאָר איינער, — האָט אים אַן עלטערער אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואסער.

— שווייג, הינטישער זון, איך וועל דיר די מאָרדע צע-פראַסקען. רעד נישט, ווען דו ווייסט נישט, — האָט דער צעוואָק-סענער יונג געשריגן און געכאַפּט דעם עלטערן פארן גאָרגל.

— קאָך זיך נישט אַזוי, לאַנדסמאַן, — האָט זיך אַ ברייט-פּלייציקער געשטופּלטער סאָלדאַט אָנגענומען, — דו ביסט נעבן איר בעט נישט געשטאַנען. אַ נאַר וואָלט זי געווען, ווען זי זאָל וואַרטן אַזוי לאַנג אויף דיר. אַ פרוי איז ווי אַ צויג, נישט דער הונט, איז אַן אַנדערער... באַקאַנט...

— יאָ, מיינע עלטערן האָבן מיר וועגן מייַנער אויך דאָס איינענע געשריבן, — האָט זיך אַ בערדיקער סאָלדאַט אַריינגעמישט. — זי האָט זיך מיט אַן אַנדערן אָנגעניוכעט און איצט האָט זי שוין אפילו צוויי קינדער זיינע... ממזרים, הייסט עס....

— און וואָס וועסטו טאָן, אַז דו וועסט אַהיימקומען? — האָבן אַלע מיטאַמאָל געפרעגט.

— איך וויים נאָך נישט, — האָט דער בערדיקער סאָלדאַט געזאָגט. — אפשר מוחל זיין... און אפשר דערהרגענען...

פון היימישע זאַכן איז מען אַריבער צו אַנדערע.

— זיי צינדן די קלויסטערס אונטער, — האָט איינער פלוצלינג אַ זאָג געטאָן אין אַ ווינקל. — דאַוונען לאָזט מען גאָרנישט, די רויטע טייוולאָנים...

— און אידן זענען ביי זיי די גאַנצע מאַכערס. אפילו דער צאַר דער נייער איז אַ איד, זאָגט מען...

— ער האָט הערנער, ווי אַ שד, — האָט אַן אַלטער גויעצל זיך געשוואוירן. — מען האָט עס מיר אַליין געזאָגט, אַז אין צייטונג האָט מען וועגן דעם געשריבן...

— יאָ, געוויס, אין אַלעם, זאָגט מען, זענען די אידן שולדיק, זיי האָבן די מלחמה געבראַכט, געלט צו פאַרדינען...

— שלאָגן דאַרף מען זיי.

— אָ, ביי אונז אין אוקראַאינע דערלאַנגט מען זיי, — האָט זיך אַ הינקעדיקער סאָלדאַט אַריינגעמישט.

די שנאה, אָפּגענאַרטקייט, אַנטוישונג, פאַרביטערונג האָט געברענט אין דעם אָנגעשטאָפּטן וואַגאָן, געריסן זיך אויסצולאָזן. אשכנזי האָט געפילט דעם האַס און פאַרביטערונג אַרום זיך, ווי אַ רויך, וואָס שטיקט און פרעסט. אָבער ער איז נישט אָפּגעטרעטן פון זיינעם, געפאָרן אַליץ ווייטער און ווייטער, געשלעפּט זיך מיט די אָנגעשטאָפּטע צוגן, וואָס זענען ווי די ווערעם געקראָכן. מען האָט

נישט געוואוסט, ווען זיי גייען, וואו זיי גייען, דורך וועלכע ערטער, גרענעצן. פונקט אזוי האָט מען נישט געוואוסט, ווער די הערשער זענען ביי די גרענעצן. אַלע טאָג זענען זיי געווען אַנדערע, מיט אַנדערע געזעצן, אַנדערע משפּטים. בלויז איין זאַך האָט זיי אַלעמען פאַראייניקט — רויב און רציחה.

יאַקוב אשכנזי איז ווי דורך אַ בראַנד געפאָרן פון שטאָט צו שטאָט, פון גרענעץ צו גרענעץ. דאָס געלט אין קעשענע האָט אים, ווי אַ גואל, געפירט צווישן די ביקסן, רעוואָלווערן און רוצחישע עלטסטע. דער גלאַנץ פון גאָלד האָט אים אויך אין דער געוועזענער רויטער הויפּטשטאָט דעם וועג געלויכטן און צו די פינסטערסטע ווינקעלעך דערפירט. פאַר גאָלד האָט ער זיך צו די מענער אין לעדערנע רעקלעך דערשלאָגן, צו די עלטסטע אָנגעקומען, צו שטשינסקים באַגלויבטע לייט דערגרייכט, און צום סוף ביז צו דער קאַמער פון זיין אַרעסטירטן ברודער דערגאַנגען.

---

עטלעכע מינוט צייט האָבן ביידע ברידער זיך אָנגעקוקט אין דער קאַנצעלאַריע פון געפענגניש, וואו מען האָט זיי צונויפגעפירט, ביז זיי האָבן זיך דערקענט.

יאַקוב איז געבליבן שטיין אַ פאַרגליווערטער אויפן אָנבליק פון דעם, וואָס מען האָט אַרויסגעפירט צו אים פון קעלער. פאַר אים איז געשטאַנען אַן איינגעבויגן, איינגעשרומפּן, ווילד-באַוואַקסן מענטשל מיט אַ געלער הויט, מיט שמוציקע גרויע האָר און באָרד, מיט צעריסענע קליידער, וואָס שטיקער פאַלן פון זיי, מיט אויסגעדרייטע שיך. גאָרנישט איז געווען פון פריערדיקן ברודער זיינעם. אינגאַנצן פאַרשטיינערט, מיט אויגן, ווי גלעזערנע, וואָס מען האָט זיי לאַנג נישט געוואַשן, האָט דער איינגעשרומפּענער זקן מיטן אינגלערישן פיגורל געגלאָצט אויף דעם הויכן, צעוואַקסענעם, ברייטן, אימפּאָזאַנטן מאַן נעבן זיך.

פון ערשטן טאָג אָן, וואָס מען האָט אים, מאַקס אשכנזי, אזוי פּלוצלינג, אין דער סאַמע לעצטער מינוט, פון ברעג ביים אָפענעם ים צוגענומען, ביי דער טיר פון דער רעטונג, און אים אַריינגע-

וואָרפֿן אין קעלער, אין געדיכטן און פאַרדומפּענעם, איז ער פאַר־גליווערט געוואָרן. ער האָט געוואוסט, אז אין דער פרעמדער שטאָט, וואו ער איז עלנט, אָן א קרוב און גואל, אָפּגעריסן פון אלעמען, פון מענטשן, פון דער וועלט, איז ער פאַרלוירן, איז זיין גורל גע־חתמעט. פאַר אים איז נישט געווען מער ווי דער סוף, האָט ער געוואוסט, א ביטערער סוף, אן עלנטער, אומצוקומען אזוי, אז קיי־נער זאָל אפילו נישט וויסן וואו זיין געביין איז אהינגעקומען. ער איז אזוי זיכער געווען אין זיין סוף, אז ער האָט אפילו נישט פרו־בירט זיך ראַטעווען, פאַרטיידיקן. מיט קיין וואָרט האָט ער נישט אָפּגעלייקנט די באַשולדיקונגען פון דעם אויספאָרשער, צו וועלכן מען האָט אים אריינגעפירט.

די שכנים זיינע האָבן אים געוואָלט אריינציען אין א שמועס, דערגיין ביי אים, פאַרוואָס מען האָט אים אַרעסטירט, פונוואַנען ער איז, וואָס ער רעכנט צו טאָן. ער האָט נישט געענטפערט. וואָס איז דען נישט געווען אלצאיינס, ווען סיי־ווי־סיי איז מער נישט געבליבן ווי דער סוף? אפילו די רויט־גוואַרדייער האָט ער נישט גערן געענטפערט, ווען פאַרלאַנגווייליקטע און פאַרנודיטע פון היטן האָבן זיי פרובירט אויספרעגן אים וועגן זיין לעבן, שטאַנד און לאַנד.

— א מרוק, — האָבן די וואַכן אויף אים געזאָגט, אוועק־מאַכנדיק מיט די הענט.

— יאָ, אַן אומפריינטלעכער, — האָבן די אַרעסטאַנטן צו־געשאָקלט.

פונקט אזוי האָט ער נישט געענטפערט דעם אויספאָרשער אויף זיינע פראַגן.

— יאָ, איך האָב געוואָלט אוועקפאָרן, — האָט ער געזאָגט, — צו מיין היים, קיין לאָדזש. דאָס איז אַלץ, ווייטער האָב איך גאָר־נישט אין וואָס זיך מודה צו זיין.

אין די ערשטע טעג האָט ער געזאָגט תהילים, וואָס ער האָט נאָך געדענקט פון אויסנווייניק פון אינגלשע יאָרן. אַלע נאַכט האָט מען אנדערע אַרויסגעפירט פון קעלער אויף מעקן. ער איז געווען זיכער יעדעס מאָל, ווען די לעדערנע פאַרשוינען זענען אריינגעקו־מען, אז מען קומט נאָך אים, נאָך זיין לעבן. און ער האָט זיך גע־

גרייט צום סוף. ער האָט צו גאָט געבעטן, אין הארץ זיך געשלאָגן פאַר די זינד זיינע אויף דער וועלט. מען האָט אים נישט ארויסגע-פירט. א סך אנדערע האָט מען ארויסגעפירט. אָבער ער איז אלץ געווען זיכער אויפסניי, אַז מען קומט נאָך אים. ער איז אַזוי געווען צוגעגרייט דערצו, אַז ער פלעגט אַפילו אויפשפרינגען פון שמוציקן שטרוי-זאַק ביי יעדער מאָל עפענען די טיר, ווי ער וואָלט זיך גע-איילט צו גיין צו דעם, וואָס מוז קומען, ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו פאַרשפּעטיקן.

די סאָלדאַטן האָבן פון אים געלאַכט.

ליג איין, פּעטערל, נישט דיך רופט מען! — האָבן זיי אים באַרואיקט.

די שכנים האָבן אים מקנא געווען.

— איר וועט שוין אויסמיידן די קויל, — האָבן זיי אים גע-זאָגט. — מיט ספּעקולאַנטן באַגייען זיי זיך נישט אַזוי ווי מיט פּאָ-ליטישע.

מאַקס אשכנזי האָט די מענטשן נישט געגלויבט. ער האָט אויף קיין איין מינוט נישט פאַרגעסן אין זיין סוף, וואָס קומט, וואָס מוז קומען. ער האָט א גלייכגילטיקער צוגענומען דאָס קליינע שטיקל ברויט, וואָס מען האָט אים אַריינגעגעבן, אויסגעזופּט דאָס ביסל וואַסערדיקע זופּ און ווייטער געוואַרט אויף דעם סוף. פון לאַנגן אומזיסטן וואַרטן איז ער אַריין אין א פאַרגליווערונג, ווי עמיצער, וואָס איז פאַרשטעקט געוואָרן אין א פוסט אָרט, וואו קיי-נער וועט נישט קומען ראַטעווען, פון וואַנען קיינער קאָן נישט דער-הערן מער דאָס קול, וואָס רופט. די שכנים האָבן גערעדט צווישן זיך, אלטע מעשיות זיך דערציילט פון די גליקלעכע צייטן. אנדע-רע האָבן די לעצטע שטיקלעך ברויט צעקייט, א שאָך אויסגע-קלעפּט און גאַנצע טעג געשפּילט. איינער אַן אַלטערער מאַן אין מיליטערישע קליידער האָט נישט אויפגעהערט מאַכן גימנאַסטיק, כדי זיך צו דערהאַלטן. מאַקס אשכנזי איז בלויז געזעסן אויף דער נאַרע, מיט די פיס אונטער זיך, און געוואַרט. ער האָט זיך נישט אויסגעפרעגט ביי די אַרעסטירטע, וואָס זענען צוריקגעקומען פון די אויספאָרשונגען, ער האָט נישט געפרעגט די וואַכן, וואָסער וועט-טער עס איז אינדרויסן, ער האָט זיך נישט געבייזערט, נישט גע-

שאַלטן, נישט געבעטן. ער איז געווען טויב צו אַלץ און צו אַלע־מען. ער האָט שוין זיין חשבון געמאַכט, אַ סך־הכל אונטערגע־פירט פון זיין לעבן, אַ סך־הכל אַ ביטערן, אַ זינלאָזן, אָבער אַ נויטווענדיקן, וואָס קיין שום זאַך אין דער וועלט קאָן נישט ענדערן, ווי דעם גורל דעם אָנגעצייכנטן. און וואָס זענען אים אָנ־געגאַנגען די מענטשן, די קללות, די אויסרעדענישן, די אויספּאַר־שער, דאָס וועטער אינדרויסן? זיי האָבן פאַר אים מער נישט עקזיסטירט. עקזיסטירט האָט פאַר אים בלויז דער טויט, וואָס קומט, וואָס קאָן קומען יעדע מינוט.

זיי האָבן אים נישט געזאָגט, די מענטשן אין די לעדערנע רעקלעך, ווען זיין סוף וועט קומען. זיי האָבן פון אַזעלכע זאַכן נישט געהאַלטן. זיי האָבן נישט געמאַכט קיין משפּט. זיי האָבן בלויז פון צייט צו צייט אויפגעניי אים אַרויסגעפירט צום אויס־פאָרשן, אויסגעפרעגט, פאַרמאַטערט און אים צוריקגעשיקט אין קעלער. אַרויספירן די מענטשן פון קעלער פלעגט מען אומגע־ריכט, פון מיטן שלאָף זיי אויפרייסן, און אַזעלכע גראָד, וואָס האָבן זיך אַמווייניקסטן געריכט דערויף. ער איז נישט איינמאָל געשטאָרבן, מאַקס אשכנזי, נאָר טויזנטער מאָל, יעדע מינוט אין טאָג, יעדע רגע אין די שלאָפלאָזע נעכט. און ווי אַ טויטער, האָט ער גאָר מיטן לעבן נישט געהאַט צו טאָן. נישט ער האָט די האָר פון קאָפּ און באָרד אויסגעגלייכט אינדערפרי, נישט ער האָט די צעקנייטשטע קליידער פאַרריכט. דאָס העמד אויפן לייב איז אויף אים צעפאַלן. די קליידער זענען צוגעוואַקסן געוואָרן צו זיין לייב. ער איז געווען גלייכגילטיק דערצו. אַנדערע האָבן מיט די מייז, פליי און אומפליייט מלחמה אין די נעכט געפירט, כדי נישט צו־לאָזן זיי צו זייערע קערפּערס. שווערער פון אַלץ איז געווען מיט די וואַנצן, וואָס האָבן מחנותווייז אויף די אויסגעמאָגערטע מענטשן אין די נעכט געלאַקערט און באַפאַלן. ווען די מענטשן האָבן זיי אויף די ווענט געטריבן און געהרגעט, האָבן זיי זיך אויפן באַלקן פאַרקליבן און פון דער הויך זיך אויף די מענטשן אַראָפּגעוואָרפן. מאַקס אשכנזי האָט זיך נישט געוועהרט קעגן זיי. אין זיין האָפענונגס־לאָזיקייט איז ער פאַרוואָרלאָזט געוואָרן. לעבעדיקערהייט איז ער טויט געווען. די סאָלדאַטן האָבן פון אים געשפּאָט.

— אַט וואָס עס ווערט פון זיי אָן דינער און אָן דינסטן, — האָבן זיי געזאָגט מיט פאַראַכטונג, — ווי אַ פּגירה...

ער האָט זיי נישט געענטפערט.

אַנדערע האָבן אויף אים רחמנות געקריגן, אויסגערעדט אים, גערופן צו נעמען זיך אין די הענט. ער האָט געשוויגן. ער האָט אָנגעוואוירן אַלע חושים, טויב געווען צו פּיין, באַליידיקונגען, מיטגעפיל. בלויז איין חוש איז ביי אים פאַרבליבן. אַ חוש אַ שאַרפער, אָן אויסגעשפּיצטער, אָן עמפּינדלעכער, וואָס האָט פאַר אַלע איבעריקע חושים געאַרבעט — דאָס איז געווען דער חוש פון הערן, פון אויפכאַפּן דעם מינדסטן שאָרך, וואָס דערטראָגט זיך פון דער טיר, דעם לייכטסטן טריט פון די פאַרשווינען אין לעדער, וואָס דאַרפן נאָך אים, אַשכנזין, קומען. וואָס מער טעג, וואָכן און חדשים עס זענען אוועק, אַלץ מער האָט זיך אָט דער חוש ביי אים פאַרשאַרפט, דערגאַנגען צו אַזאַ דינקייט, אַז ער פלעגט אין די נעכט גאָר קיין אויג נישט צומאַכן. דעם ווייטסטן שאָרך פון יענער זייט האָבן זיינע אויערן אויפגעכאַפּט. ער איז געווען אין איין לאַנגער שטענדיקער געשפּאַנטקייט צו דעם סוף זיינעם, פאַר וועלכן ער האָט גאָרנישט מער מורא געהאַט, נאָר אָנגעשפּיצט געווען אויף אים.

ווען אַ מאַן אין אַ לעדערן רעקל מיט אַ מויזער ביי דער זייט איז נאָך לאַנגע חדשים פּלוצלינג אַריין צו אים און אים גערופן מיט זיך, איז ער גיך אויפגעשפּרונגען פון זיין נאַרע און געלאָזט זיך גיין, כאָטש די פיס זענען אים געווען אָפּגעשוואַכט. דאָס, אויף וואָס ער האָט געוואַרט אַזוי לאַנג, איז ער געווען זיכער, קומט איצט. אין זיין געשפּאַנטקייט האָט ער אַפילו נישט ריכטיק פאַרשטאַנען דעם זין פון גיין. דער געפיל פון געשפּאַנטקייט, פון לאַנגער דערוואַרטונג האָט אַלע אַנדערע געפילן פאַרטעמפּט. ער איז געגאַנגען מעכאַניש, ווי אַ סאָלדאַט, וואָס הערט די קאָמאַנדע, ווי אַ רייט-פערד, וואָס לויפט צום שלאַכטפעלד אויפן קול פון דער מוזיק, וואָס רופט. אין זיין פאַרגליווערונג האָט ער אַפילו פאַרגעסן דעם אונטערשיד פון טאָג ביז נאַכט. כאָטש עס איז געווען טאָג, ווען די לעדערנע לייט קומען קיינמאָל נישט נאָך די, וואָס מ'דאַרף אויסמעקן, האָט מאַקס אַשכנזי עס נישט געזען. ער האָט

בכלל קיין זאך נישט געזען מער. ער האָט בלויז געהערט. ווען דער פירער זיינער האָט אים אין אַ ליכטיקער קאַנצעלאַריע אַריינגעפירט און אים אָנגעוויזן אויף אַ מענטש, וואָס וויל מיט אים זיך זען, האָט מאַקס נישט באַגריפן דעם לעדערנעם מאַנס רייד. די הויכע און איינפאַכע.

מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, פאַרלאָפענע מיט בלוט פון נישט שלאָפן אין די נעכט, פאַרגליווערטע און אויסגעלאָשענע, האָט ער געקוקט אויף דעם ברייטן, געזונטן און צעוואַקסענעם מענטש, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים, אָבער געזען אים האָט ער נישט. ער האָט זיך שטאַרק געהאַט פאַרענדערט, יאַקוב, פאַר די פיל יאָרן, וואָס ער האָט זיך מיט זיין ברודער נישט באַגעגנט. מאַקס׳ אויגן, געוואוינט צו טונקלקייט און קעלער-לופט, האָבן געמרוזשעט אין דער העלער טאָג-ליכט, זענען פינסטער געווען. מער נאָך ווי זיינע אויגן איז געווען פינסטער זיין האָריק הינטער די שמאַטיקע קליידער, איז געווען חושך זיין קאָפּ אונטער די גרויע צעקאָלטנטע האָר, פול מיט שטרויעלעך און מיסט אין זיי.

אַ היפּשע ווייַלע האָבן זיך די צוויי מענטשן אָנגעקוקט און נישט געקאָנט פון אָרט זיך רירן אין זייער פאַרגליווערונג. פּלוצלינג איז דער גרויסער, אימפּאָזאַנטער מאַן צוגעלאָפן צו דעם שמאַטיקן זקן און מיט די ליפּן צו זיין קויטיק, האָריק פּנים צוגעפאַלן.

— שמחה מאיר! — האָט ער גערופן און געדריקט דאָס בינטל שמאַטעס צו זיך.

די צוויי אַלט-פאַרגעסענע נעמען האָבן ווי שאַרפע מעסערס אַ שניט געטאָן אין דעם שמאַטיקן מענטשס פאַרגליווערטקייט, דעם נעפּל פון זיינע אויגן, מוח און האַרץ צעריסן. צום ערשט האָבן זיינע הענט נאָכגעלאָזט, ווי פאַרפרוירענע, וואָס דערפילן לעבן און וואַרעמקייט; זיי האָבן גענומען שטאַרק ציטערן אין דעם מאַנס פעסטע און דריקנדיקע אָרעמס, צאַפּלען. דערנאָך האָבן די אויגן זיך געעפנט, גענומען נישט בלויז קוקן, נאָר אויך זען. טרערן האָבן אָנגעהויבן פון זיי פליסן נאָך די אַלע חדשים פון אויסגעטריקנטקייט. באַלד האָבן אויך גענומען עפענען זיך זיינע ליפּן, די פאַרטריקנטע און געשלאָסענע.

— יעקב בונם, — האָט ער געמורמלט און געוויינט. — יעקב בונם...

מער ווי די צוויי ווערטער האָט ער גאָרנישט געקאָנט ארויס-ברענגען פון זיך.

פּלוצלונג איז ער צוגעלאָפן צום ברודערס הענט און גענומען זיי קושן, קושן גיך, צאַפּלענדיק, ווי אַ בעטלער אין שמאַטעס, וואָס קושט אין די הענט אַ פּריץ, וואָס האָט אים אַ שיינע נדבה געגעבן.

יאַקוב האָט אוועקגעריסן די הענט זיינע פון ברודערס מויל.

— שמחה מאיר, וואָס טוסטו? — האָט ער געמורמלט אין שרעק, — גאָט מיינער!

מאַקס האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד און מיטביידע קנאָכיקע הענט אַרומגעכאַפּט דעם ברודערס פיס, געטוליעט זיך צו זיי, געצאַפּלט און געציטערט, ווי אַן אַלטער הונט, וואָס דער באַלע-באָס האָט אים נאָך אַ קאַלטער רעגנדיקער נאַכט צוריק אריינגע-לאָזט אין שטוב.

— דו וועסט דאָך מיך נישט איבערלאָזן מער דאָ אַליין, — האָט ער געשעפּטשעט ווי אַ קינד. — וועסט דאָך מיך אַהיימנע-מען, אמת, יעקב-בונם... זאָג...

יאַקוב האָט דערפילט דעם שרעקלעכן ריח, וואָס האָט זיך פון ברודער געטראָגן, אַ ריח, וואָס פאַרטשאַדעט, ברענגט צו חלשות, און ער האָט מיט רחמנות און עקל אָנגענומען אים ביי די שמאַטיקע בגדים און אים אויפגעהויבן פון דער ערד.

טרערן זענען אים גערונען איבער די באַקן אין דער געפאַרב-טער באָרד אריין.

## קאַפּיטל ניינצן

דאָס ערשטע מאָל נאָך אַ סך יאָרן פון ברוגז און אָפּגעזונ-דערטקייט זענען ביידע צווילינג-ברידער אשכנזי געגאַנגען צוזאַמען אויף איין וועג, האַנט אין האַנט.

יאַקוב האָט זיין ברודער מאַקס אַרויסגענומען פון קעלער אויף דער שפּאַליערנע גאַס. מיט זיין גוטן פריילעכן צוגאַנג צו מענטשן, האָט ער פּונקט אַזוי געפונען חן אין די אויגן פון לייט אין די לעדערנע רעקלעך ווי פריער ביי אַנדערע מענטשן. איינס און צוויי האָט ער געפונען אַ וועג צו זיי, צו זייערע הערצער און קעשענעס און אַרויסגעקריגן פון זיי דעם פּערמוטשעטן ברודער זיינעם, וואָס האָט לעבעדיקערהייט אין קעלער געפוילט. זיי האָבן איינגטלעך גאָרנישט אַזעלכעס געהאַט צו דעם אַרעסטירטן מאַקס אַשכנזי, אָבער זיי האָבן אים געהאַלטן אויף יעדער פאַל. איצט, פאַר אַ ליטישער סומע נישט אין די אייגענע ווערטלאָזע פּאַפּירלעך, נאָר אין גוט אויסלענדיש געלט, האָבן זיי איינס און צוויי דורכגעזען די אַקטן און אַרויסגעלאָזט אים מיט אַ קוויטל אין דער האַנט, אַז ער איז באַפרייט פון אַרעסט. מאַקס איז אַזוי אַרויסגעלאָפן פון אייזערנעם טויער, וואָס איז באַוואַכט געוועזן מיט רויטגוואַרדייער, אַז ער האָט אַפילו פאַרגעסן אויפצומאַכן די קליידער זיינע, וואָס זענען פאַרבליבן ביים אַרעסט אין צעכהויז. ער האָט מורא געהאַט איין רגע נאָך צו בלייבן דאָ, מען זאָל אים נישט פאַרהאַלטן.

— קום, יעקב־בונם, גיך! — האָט ער זיך געבעטן ביי זיין ברודער, קלאַמערנדיק זיך אין זיין האַנט ווי אַ דערשראָקן קינד צו אַ דערוואַקסענעם.

ער האָט פּלוצלונג פאַרגעסן אין זיין לאָדזשער דייטש און אין דעם ברודערס פאַרדייטשטן נאָמען.

מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט קוקן אויף די צוויי מענטשן, וואָס האָבן זיך געפירט ביי די הענט, אויף די צוויי מאָדנע לייט, וואָס איינער פון זיי איז גרויס, רייך־געקליידעט און אימפּאָזאַנט, און דער אַנדערער — ווילד באַוואַקסן, איינגעשרומפּן, אין שמאַטעס, פאַרקאַלטנט. אַפילו אין דער שטאָט, וואו מען איז שוין צוגעוואוינט געוואָרן צו אַלערליי אוממעגלעכע זאַכן, האָט מען אָפּגעשטעלט זיך קוקן אויף אָט די צוויי מענטשן, וואָס האָבן זיך, ווי קינדער, ביי די הענט געהאַלטן. ווייבער האָבן זיך אַפילו געצלמט און בעטלער האָבן אָנגעהויבן נאָכיאָגן, בעטן נדבות. יאַקוב האָט זיך אַריינגעכאַפּט מיט דעם ברודער זיינעם אין אַ פאַרבייפאָרנדי-

קער דראָשקע און געהייסן דעם קוטשער אויפשטעלן די בויד, כאָטש עס איז געווען שיין אין גאַס. פון לאַנגן זיצן איז מאַקס געווען אָפּגעוואוינט פון גיין, די פיס האָבן זיך אים געוואַקלט. יאַקוב האָט אים ווי אַ קינד ביי די הענט אויפגעהויבן און אין דראָשקע אַריינגעזעצט. פונקט ווי ער האָט פאַרלוירן די שנעל־קייט אין די פיס, האָט מאַקס אויך אין קעלער פאַרלוירן דעם חוש פון ריח. ער האָט אַליין נישט געפילט דעם גערוך פון פאַרדומפּנקייט און טורמע, וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעטראָגן. יאַקובן האָט דער ריח צום קאָפּ צוגעשלאָגן, שיער נישט צו חלשות געברענגט. מאַקס האָט עס נישט געפילט און זיך צום ברודער געטוליעט.

— שוין, לאָמיר אוועק, וואָס גיכער! — האָט ער זיך געבעטן.
— איך האָב מורא דאָ צו בלייבן.

וויפל יאַקוב האָט אים נישט אויסגערעדט, אַז איצט איז ער שוין פריי, האָט נישט וואָס מורא צו האָבן, האָט ער עס נישט פאַרשטאַנען. ער איז איינגאַנצן ווי אַ קינד געוואָרן אין די לאַנגע טעג אין קעלער. און ווי מען באַגייט זיך מיט אַ קינד, איז יאַקוב זיך מיט זיין צווילינג־ברודער באַגאַנגען. ער האָט אים אַליין מיט די אייגענע הענט אָרומגעוואַשן מיט וואַסער דעם קערפּער, געריי־ניקט אים פון שמוץ און פאַרדומפּנקייט, וואָס איז גאָרנישט געווען צו דערוואַשן און צו דערריייניקן. ער האָט אים צו אַ ראַזירער גע־פירט, געלאָזט אים אָפּשערן די האָר און באָרד, וואָס זענען זיך ווילד אין קעלער צעוואַקסן. נאָך קלענער און איינגעשרומפּענער האָט ער אויסגעזען אין שפּיגל, ווען מ׳האָט אים די האָר קורץ אָפּגעשניטן און די באַקן אָפּראַזירט, איבערלאָזנדיק אים בלויז אַ קליין שפּיצל אויפן קין, ווי ער פלעגט שטענדיק טראָגן.

— אָפּשפּריצן מיט קעלניש וואַסער? — האָט דער ראַזירער געפרעגט ביי יאַקובן, ווי מען פרעגט ביי אַ פאָטער ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט זיין אינגל. — געבליבן נאָך אַביסל פון די גוטע צייטן.

— באַגיסן! — האָט יאַקוב געזאָגט. — וויפל נאָר איר קאָנט.

דערנאָך האָט ער אים אין קלאָרע ווייש אָנגעטאָן, אין וועלכע דער קליינער אויסגעדאַרטער מאַקס איז אַרומגעשוואומען ווי אַ אינגל אין טאַטישע מלבושים; אַ העמד אויף אים אַרויפגעצווינגן, אַ קראַגן און אַ קראַוואַט.

— וועש, פרישע וועש, — האָט מאַקס געמורמלט און גע-גלעט מיט די פינגער דאָס העמד, ווי ער וואָלט קיינמאָל אין זיין לעבן קיין קלאָר העמד אויפן לייב נישט געהאַט.

דער האָטעל-משרת, וואָס האָט מיט עקל צונויפגענומען די שמאַטעס נאָך מאַקסן, איז געשטאַנען מיטן פּעקל אין האַנט, וואָס ער האָט בלויז מיט צוויי פינגער פאַרזיכטיק געהאַלטן, און גע-פרעגט ביי יאַקובן וואָס דערמיט צו טאָן.

— אַרויסוואַרפן, פאַרברענען! — האָט יאַקוב באַפוילן.

ער האָט דעם ברודער געהאָלפן צושנירלען די שיך, פאַרבינדן דעם קראַוואַט, צוקנעפּלען די קנעפּלעך. די הענט האָבן ביי מאַקסן גאַרנישט געאַרבעט. זיי האָבן מער געציטערט, ווי געטאָן עפּעס. און אַז דערנאָך האָט יאַקוב אַרויסגענומען פון זיינע רייזע-טאַשן גוטע שפּייז, קוכנס, שאָקאָלאַד, וואורשט, סאַרדינען אַלערליי, וואָס סיי גערטרוד, סיי דינהלע האָבן יעדער פון זיי איינגעפּאַקט באַזונ-דער, האָט מאַקס אַזוי געציטערט, אַז ער האָט אַפילו מיט די הענט די גוטע זאַכן צום מויל נישט געקאָנט צוטראָגן.

— נעם, שמחה מאיר, דאָס איז אַ מתנה פון גערטרודן און דינהלען, — האָט יאַקוב אים באַרואיקט. — זיי האָבן עס מיט-געשיקט פאַר דיר.

אין מאַקס בלאַס פּנים איז דאָס לעצטע ביסל בלוט פון זיין אויסגעצערטן גוף אַריין. ער האָט די אויגן אַראָפּגעלאָזט פון בושה. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן.

יאַקוב האָט זיין ברודער נישט דערקענט.

## קאַפּיטל צוואַנציק

דער וועג אהיים איז געגאַנגען גלאַט, וואָס בעסער האָט גאָר-נישט געקאָנט זיין.

פאַר אַ ליטישער מטבע האָט יאַקוב געקריגן ערטער אין וואַ-גאָן. פאַר אַ ביסל קאָניאַק, וואָס ער האָט געגעבן דעם קאָנדוקטאָר,

האָט יענער אפילו אריינגענומען צו זיך אין חדר׳ל דעם אָפּגעשוואַכטן מאַקס און אים מכבד געווען מיט טיי פון סאַמאָוואַר. די באַן איז געגאַנגען נישט רעגולער, אַ סך געשטאַנען אויף די סטאַנציעס, אויך פיל מאָל אין מיטן פעלד, אָבער מען האָט זיך גערוקט פאָראויס. אין אָרשע, דער גרעניץ-שטאָט צווישן די סאָוויעטן און די דייטשן, וואָס זענען נאָך דאָ דערווייל געשטאַנען, איז די רעוויזיע דורכגעגאַנגען גלאַטיק. די פאַרשווינען אין לעדער און מיט רויטע שטערנס אויף די ברוסטן האָבן גוט דורכגעקוקט די פּאַפּירן ביי ביידע אשכנזים, אויף די זאַכן דורכגעטאַפּט, אָבער זיי האָבן קיין שום שלעכטס נישט געפונען. בלויז מיט צוגן איז געווען שלעכט. עטלעכע וואָכן צייט האָט מען געהייסן וואַרטן, ביז מ׳וועט צושטעלן אַ צוג ביז מינסק. די גייענדיקע באַנען זענען געווען באַלאַנגערט מיט דעמאָביליזירטע. מאַקס איז געווען אומרואיק. ער האָט מורא געהאַט צו פאַרבלייבן אין דער גרעניץ-שטאָט, וואָס איז פול געווען מיט סאָלדאַטן אין לעדערנע רעקלעך. יאַקוב האָט זיך אוועקגעלאָזט צום קאָמיסאַר. דער גרויסגעוויקסיקער עוואַקואַציע-קאָמיסאַר האָט צו זיך נישט צוגעלאָזט קיינעם, קיין וואָרט נישט געוואָלט אויסהערן. צופיל האָט מען ביי אים טובות געבעטן וועגן וואַגאָנען. איר האָט נישט וואָס צו רעדן, — האָבן אים מענטשן געזאָגט, — מען לאָזט גאָרנישט נישט צו צו אים.

— איך וועל פּרוּווּן, — האָט יאַקוב געזאָגט און געלאָזט זיך אין וועג.

מיט דער זעלבער ברייטקייט און זיכערקייט, ווי ער איז אומעטום געגאַנגען, איז ער אויך צום קאָמיסאַרס קאַנצעלאַריע אָנגעקומען. ער איז געגאַנגען אַזאַ זיכערער, אַז די וואַכן האָבן אים אפילו נישט אָפּגעשטעלט. פּונקט ווי גיך ער איז אָנגעקומען צום קאָמיסאַר, אַזוי גיך איז ער געוואָרן מיט אים פּאַני-בראַט און אַלץ געפועלט, וואָס ער האָט געוואָלט. אָנשטאָט עטלעכע וואָכן, האָט ער בלויז עטלעכע טעג געדאַרפט וואַרטן, ביז מען האָט אים צו אַ מיליטערישן וואַגאָן צוגעטיילט. מאַקס האָט אויפן אַלטן שטייגער דאָס שפּיץ גרויע בערדעלע גיך צעשויבערט, ווען יאַקוב האָט אים די גוטע בשורה געברענגט אין דער אכסניא, וואו זיי זענען איינגעשטאַנען.

— ס׳איז דאָך גאָרנישט נישטאָ קיין שווערע זאַך פאַר דיר, יעקב-בונם, — האָט ער אים געגלויבט, — איך ווער בטל פאַר דיר...

ער האָט אים נישט דערקענט, דעם ברודער זיינעם, מאַקס. אומזיסט האָט ער אים געהאַלטן אַ גאַנץ לעבן פאַר אַ פּוסט-און-פּאַסניק, פאַר אַ טויגעניכטס. ער איז אַ מענטש, אַ שטיק פייער. אַלץ גייט ביי אים ווי געשמירט. און אַ האַרץ האָט ער אַ גאָלדנס. מאַקסן האָט באַנג געטאָן זיין שטענדיקע שנאה צום ברודער. וויפל ברידער האָט ער דאָס דען? סך-הכל איינעם, אַ צווילינג-ברודער, און ער האָט נישט קיין שכל געהאַט, ווי אַזוי מיט אים צו לעבן, שטענדיק אַרומגעריסן זיך און אַרומגעפּליקט, ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז, שונאים זיך געווען. אומזין! איצט זעט ער, אַז בלוט איז נישט קיין וואַסער. אין דעם גרויסן אומגליק זיינעם איז קיינער נישט געווען, נישט קיין גואל, נישט קיין פריינט, בלויז ער, דער ברודער זיינער, איז געקומען. אַלע געשעפטן איבערגעלאָזן, ס׳לעבן איינגעשטעלט און געפאָרן אים ראַטעווען. אָ, ער וועט שוין וויסן איצט, וואָס אַזוינס איינגן בלוט און פלייש איז. ער וועט שוין געדענקען, ווי אַזוי צו שעצן און ליבן דעם איינציקן ברודער זיינעם, וואָס ער האָט אויף דער וועלט. איינס וועלן זיי זיין. אַרבעטן צוזאַמען, לעבן צוזאַמען, אַרויסהעלפן זיך, האַנט און האַנט גיין, אין אַלעם, אין עצות, אין מסחרים, אין נחת און, חלילה, אין צרות. פאַר אַלע צייטן וועט ער אים אָפּצאָלן.

פונקט אַזוי וועט ער פון איצט אָן ווערן אַ טאַטע צו זיינע קינדער. ער וועט דעם זון אויפזוכן. ווי נאָר ער וועט אַהיימקומען, קומען צו זיך אַביסל, וועט ער קיין פראַנקרייך זיך אַראָפּכאַפּן און אינגנאַצן אויפזוכן. ער וועט אים אַהיימנעמען צו זיך, געלט אים געבן, אין די מסחרים אים אַריינציען און מאַכן פון אים אַ לייט. צוגרייטן אַ יורש, וואָס זאָל וויטער פירן דאָס הויז אשכנזי. אויך גערטרודן וועט ער מער פון די אויגן נישט אָפּלאָזן. זי איז אַ וואויל קינד, אַ טייערס. כאָטש ער האָט זיך געהאַלטן פון איר פון וויט, אַפילו אויף איר חתונה נישט געווען, פרעמד געווען צו איר, האָט זי פונדעסטוועגן אין איר טאַטן נישט פאַרגעסן. זי האָט אַליין צוגערעדט יאַקובן ער זאָל פאָרן ראַטעווען אים. זי האָט אים אויך מתנות מיטגעשיקט. ער וועט שוין זיין איצט אַ טאַטע, ווי עס דאַרף

צו זיין. אַלע עולות וועט ער פאַרריכטן. און דאָס, וואָס זי האָט גענומען יאַקובן, איז אדרבה. ער זעט ערשט אַליין איצט איין, וואָסער טייערער מענטש ער איז, אַ גוט-האַרציקער, אַ גאָלד. ער איז מער ווערט אין נאָגל פון די אַלע יונגעליטלעך אין גאַנצן לייב-און לעבן. זי האָט טאַקע אויך מיט אים אַ טייער טעכטערל. יאַקוב האָט אים די פאָטאָגראַפיע דערפון געוויזן. שיין ווי אַן אוצר איז עס, און אַ נאָמען הייסט עס אויך אַ היימישן — פריוועט.

דער נאָמען פון דער שוויגער זיינער האָט אים ביים האַרץ פאַרקוועטשט, אויף אומעטיקע געדאַנקען אַרויפגעבראַכט. ניין, ער האָט נישט ווי אַן איידעם געהאַנדלט אַמאָל קעגן אָט דער פריוועין. זי האָט אים פיינט געהאַט דערפאַר, אַ שונא אים געווען און אים אפילו איינמאָל מיט אַ גלאָז טיי אָפּגעגאָסן דאָס פנים. אשכנזי האָט זיך געשעמט איצט דערפאַר. ווי נאַריש ער איז געווען, פאַרבלענדט אין זיין גייעג נאָך געלט. אַ, ווען ער וואָלט זי איצט געקאָנט איבער-בעטן, אָפּצאָלן, אויסגלייכן אַלע עולות קעגן איר און קעגן ר׳ חיימען, דעם שווער זיינעם. אָבער זיי לעבן שוין נישט. געבליבן איז בלויז זי, דינהלע. זי האָט אים מיט יאַקובן אַ גרוס מיטגעשיקט, מוחל געווען אים אַלץ. מאַקס האָט דערפילט אַ וואַרעמקייט אין האַרצן צו איר, אַ דאַנקבאַרקייט. צוזאַמען דערמיט איז געוואַקסן דער פאַרדרוס צו זיך אַליין, צו זיין נאַריש לעבן, וואָס ער האָט געפירט, צו זיין פאַרבלענדקייט און פוסטקייט. ווי וואָלט אַלץ אַנדערש גע-קאָנט זיין, ווען ער וואָלט געהאַט דעם איצטיקן שכל מיט יאָרן צוריק, ווען ער וואָלט פאַרשטאַנען דאָס לעבן, מענטשן, ווען ער וואָלט זיך אַריינגעטראַכט אין לעבן! אָבער ער איז געווען פאַר-בלענדט, בלינד געווען. בלויז געלט האָט ער געזען, געלט און מאַכט. פאַר געלט האָט ער פרעמדע לעבנס אומגעבראַכט, זיין אייגן לעבן. ווי אַמאָל אידן צום אָפּגאָט מולך, אַזוי האָט ער פרעמדע און איי-גענע לעבנס מקריב געווען אויפן מזבח פון געלט, געטאַנצט אַרום עגל-הזהב. שווער און שוויגער, דעם אייגענעם פאָטער, אַ לייבלעכן ברודער, שוועסטער, קינדער אייגענע, די פרוי, וואָס ער האָט ליב געהאַט, אַלע און אַלץ, און צוזאַמען דערמיט זיך אַליין — האָט ער געאָפּפערט צו דער גאָלדענער עבודה-זרה. אַ נישט-גוטער, ווילדע כחות, טריף בלוט האָט אים געיאָגט, קיין רגע קיין מנוחה נישט

נעגעבן, דעם מוח אים פֿארשטעלט, די אויגן פֿארבלענדט, דעם שׂכל בײַ אים צוגענומען, און געטריבן צו איין זאך — צו אומזין און פּוסטקייט.

מאקס אשכּנזי האָט אויך געפֿילט א דאנקבארקייט צו דער איצטיקער פֿרוי זײַנער. מיט גרויס באגײַסטערונג האָט יאקוב גע־רעדט װעגן איר, װעגן איר סוחרישן קאָפּ, װעגן איר זיצן אײנע אליין אין דער אײַנזאמער שטאָט און היטן זײַן פֿארמעגן. אויך האָט ער אים איבערגעגעבן, װי זי האָט די ערשטע געבויגן איר שטאָלץ און געקומען צו אים אין שטוב בעטן װעגן ראטעװען אים, מאקסן. דאָס אלץ איז מאקס אשכּנזי דעם סוחר און תּכלית־מענטש שטארק געפֿעלן געװאָרן. ער איז איר דאנקבאר געװען דערפֿאר, ער האָט אָפּגעשאצט אירע מעלות, איר טרײַשאפֿט. אבער צו איר האָט ער געפֿילט בלויז דאנקבארקייט, אכטונג. װארעמקייט אין הארץ, בענק־שאפֿט האָט ער געפֿילט צו דער ערשטער, צו דינהלען, צו דער גע־ליבטער פֿון די ערשטע יאָרן, צו דער מוטער פֿון זײַנע קינדער. װי גוט װאָלט דאָס געװען, װען ער קאָן אזוי אהיימפֿאָרן איצט צו איר, פֿארברענגען די לעצטע יאָרן אין ליבשאפֿט און אין גאנצקייט, צוזאמען מיט די קינדער און אייניקל! שװער װעט זײַן איצט, נאָך דעם אלעם, װאס ער האָט דורכגעלעבט, צו פֿירן איצט װײַטער א פּוסט לעבן אין גרויסן פּאלאַץ זײַנעם, דערדריקט פֿון דער אייגע־נער גרויסקייט און פֿארלוירנקייט, בלויז מיט דער אלטער מאנסביל־שער סוחרישער פֿרוי.

מאקס אשכּנזי האָט עס גוט געפֿילט און מורא געהאַט דערפֿאר. ער האָט א פּאָר מאָל געװאָלט רעדן װעגן דעם מיט יאקובן, נאָר ער האָט נישט געקאָנט, געשעמט זיך פֿאר אים. גאָרנישט פֿון דער פֿריערדיקער דרײַסטקייט און לאכן פֿון דער װעלט איז איצט גע־בליבן בײַ מאקסן פֿון אמאָל. ער איז געװען דערשראָקן, װי א קינד, װי א יונג פֿארשעמט בחורל, װאָס דארף זיך צוריקקערן אהיים צו טאטע־מאמע, װעמען ער האָט שלעכטס אָפּגעטאָן, אנטלאָפֿן און מוז דערנאָך צו זיי זיך אומקערן. יאקוב האָט אים פּרובירט פֿריילעך מאכן, אָנשטעקן מיט דער אייגענער שׂמחה. מאקס האָט געשמייכלט, אָבער קיין פֿרייד נישט געפֿילט. זײַן גאנץ אומזיניק לעבן איז אים געשטאַנען פֿאר די אויגן. צוזאמען מיט דעם קלאפּן פֿון די װאגאָ־

נעס, האָט אים געקלאַפּט אין קאָפּ די חרטה אויף זיין לעבן, דעם שווערן און אומזיניקן.

גיך איז איצט די רייזע געגאַנגען. אין מינסק, וואָס איז געוועזן ביי די דייטשן, האָבן ביידע ברידער בלויז זיך אויף אַ נאַכט פאַר־האַלטן. אַ צימער אין אַ האָטעל פאַר גוט געלט געקריגן. נאָך חדשים לאַנגע, האָט מאַקס דאָס ערשטע מאָל אין אַ בעט גענעכ־טיקט, ווי עס דאַרף צו זיין. דער וועג ביז ווילנע איז געווען גע־פּאַקט, אָבער יאַקוב האָט זיך שוין אַן עצה געגעבן. געלט האָט פאַר אים, ווי אומעטום, אַלע טירן געעפנט. פון ווילנע האָבן ביידע ברידער שוין געוואָלט פאָרן גלייך, פּאַסיר־שיינען ביז אַהיים גע־בעטן, נאָר די דייטשע באַאַמטע האָבן בלויז די קאַרטן ביז דער סטאַנציע לאַפּי אויסגעשריבן.

— לאַפּי איזט שאָן פּאָלען, — האָבן זיי געזאָגט, — דאָרט זינד זי צו האַוזע...

אָבער שוין אין צוג, וואָס גייט ביז פּוילן, האָבן די ברידער אשכנזי דערפילט, אַז זיי וועלן נישט זיין „צו האַוזע“, ווי די דייטשע באַאַמטע האָבן זיי געזאָגט.

— העי, וואו שטופּט איר זיך, פאַרשאָלטענע? — האָבן די פּוילישע פּאַסאַזשירן געשריגן אויף די אידישע. — טראָגט אייך פונדאַנען! קיין פּאַלעסטינע גייט!

די וואַגאָנען זענען געווען פול מיט שנאה, האַס.

— זאָלן נאָר די דייטשן פונדאַנען אוועק, ווי פון איבעריקן לאַנד, וועלן מיר אייך אָנלערנען, — האָבן יונגע פאַרשוינען אין סקויטן־קליידער געדראָט.

— אַזוי ווי מען האָט עס געמאַכט אין לעמבערג, אויף גלאַטיק, — האָבן אַנדערע צוגעגעבן.

— העי, אַ שערל גיב, וועט מען שניידן בערד! — האָט אַ פאַרשוין מיט וואַנסעס געגומען טאַפּן זיך ביי די קעשענעס.

— זאָל מען נאָר צוקומען צו לאַפּי, — האָבן אַנדערע אים באַרואיקט. — דאָ לוינט זיך נישט אָנצוהויבן. די דייטשן זענען נאָך דאָ. ביי אונז וועלן מיר זיי שוין געבן צו שמעקן פעפער...

וואָס ווייטער דער צוג איז אוועק פון ווילנע און דערנענטערט זיך צו דער פּוילישער זייט, אַלץ חוצפּהדיקער זענען געוואָרן די

גוים, אַלץ דערשלאָגענער די אידן. זיי האָבן זיך אין די ווינקעלעך פאַררוקט. מאַקס האָט מיט ברייט-געעפנטע אויגן געקוקט אויף זיין ברודער. דער ברודער האָט געשוויגן. בלויז אין זיינע אויגן, די שוואַרצע און ברייט-געעפנטע, האָבן פייערן געגליט. ביידע האָבן געשוויגן.

אָפּגעשטעלט האָט זיך דער צוג אין מיטן פעלד.

— אויסשטייגן! — האָבן די דייטשע גערופן. — ביז לאָפּי זענען פאַרבליבן עטלעכע קילאָמעטער, וווּטער פאָרן מיר נישט.

אַלע זענען אַרוים פון די וואַגאָנען. ביי אַ קליינער בודקע איז געשטאַנען אַ זעלנער מיט אַ פּויליש אָדלערל אויפן היטל. אויף צוויי בוימער איז געהאַנגען אַ לייוונט מיט אַ ברוך-הבא פאַר די אומקערנדיקע פּוילישע בירגער אויף דער פרייער פּוילישער ערד. די אויסשטייגנדיקע פּאַליאַקן האָבן גענומען זינגען. ווייבער האָבן זיך געוואָרפן אויף דער ערד און געקושט זי. איינע איז צוגעלאָפן צום זעלנער ביי דער בודקע און געקושט אים די גראָבע רויטע הענט.

— יעזו, — האָט זי גערופן און געטוליעט זיך צום סאָלדאַט, — אַ פּוילישער זעלנער!

גלייך דערויף האָט אַן אַלטער איד גענומען שרייען געוואַלט. פון אַלע זייטן זענען סקויטישע פויסטן געפאַלן אויף זיין קאָפּ צו-זאַמען מיט ווילדע געלעכטערן.

— איצט זענען מיר „צו האַוזע", — האָט יאַקוב געברומט.

עטלעכע קילאָמעטער וועג זענען ביידע ברידער געגאַנגען אי-בער די זאַמדן. זייערע רייזע-טאַשן האָט געפירט אַ פּויער אין אַ בלוי געפאַלדעוועט היטל. ביי דער סטאַנציע, איבער וועלכער עס האָט געפלאַטערט אַ רויט-ווייסע פאָן, זענען געשטאַנען זשאַנדאַר-מען, וואָנסענדיקע, באַוואָפנטע, קלינגנדיק מיט די לאַנגע שווערדן, וואָס זיי האָבן נישט לאַנג אָנגעטאָן און געצאַצקעט זיך מיט זיי פול מיט גאווה.

— אידן און באָלשעוויקעס באַזונדער! — האָט אַ זשאַנדאַרם מיט פלאַקסענע וואָנסן אויסגערופן.

אין וואָקזאַל, אין וועלכן עס איז געהאַנגען אַ נאַקעטער יעזוס אויף דעם קרייץ, אַ פּוילישער אָדלער, פּאָרטרעטן פון גענעראַלן

און א סך קליינע פענדלעך, פאַרפּוצט מיט נאָדל-צווייגן, איז געווען פול, געדיכט מיט פּאַסאַזשירן, פּעק און באַוואָפנטע לייט. ביי א הילצערנעם פּראָסטן טיש איז געזעסן א פּאַרשוין אין א צעבראָס-טעט העמד און געשלאָגן זיך מיטביידע פויסטן אין האַריקן האַרץ אריין.

— נו, עפנט דאָס האַרץ, שניידט אויף און קוקט אַריין, — האָט דער מענטש געשריגן. — איך שווער ביי אונזער האַר יעזוס און זיינע הייליקע וואונדן, אַז איך בין נישט קיין באָלשעוויק. פון ווייט פאָר איך, פון סיביר. די פּאַפּירן זענען מיר אין וועג פאַרלוירן געגאַנגען.

— עהע, ברודערל, מיר קענען זיך אויף די פאַרלוירענע פּאַ־פּירן, — האָט א קרום־פּיסיקער זשאַנדאַרם מיט א הינטיש שלעכט פּנים געלאַכט. — מיר האָבן אויסקונפטן, אַז דו ביסט א קאָמיסאַר געווען דאָרט אין באָלשעוויע... מיר ווען דיר אַזעלכע זאַכן מיט ריטער פון קאָפּ אַרויסשלאָגן...

דערביי האָט דער זשאַנדאַרם אויפגעהויבן דעם רעוואָלווער אין דער הויך און געפּאַכעט איבער דעם מענטשנס קאָפּ.

ביי מאַקס אַשכנזי איז גלייך הויל געוואָרן אין האַרץ. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז קיין גוטס דערוואַרט אים נישט פון אָט דעם זשאַנדאַרם מיט די קרומע פיס. יאַקוב איז געזעסן א בלאַסער, נאָר אומבאַוועגלעך. ביידע ברידער האָבן געוואַרט זייער ריי. באַלד איז א זעלנער צוגעקומען און צוגעפירט זיי צום פּראָסטן טיש.

— ס'עט זיין פריילעך, אינגלעך, — האָט ער געזאָגט אויפן וועג צו די איבעריקע. — אידן פירט מען צום טיש...

דער זשאַנדאַרם מיט די קרומע פיס אין רייטער־שטיוול האָט געהייסן דעם פרידערדיקן צוכראַסטעטן פּאַרשוין אוועקפירן אין א זייטיק צימערל און גענומען זיך צו די צוויי אידן.

— פונוואַנען שלעפּט מען זיך און וואוהין, מוישעס? — האָט ער געפרעגט, אויסטשירנדיק די געלע ציין.

יאַקוב האָט אַרויסגענומען די פּאַפּירן זיינע און אוועקגעלייגט אויפן טיש. דער קרומפּיסיקער זשאַנדאַרם האָט אין זיי אפילו נישט אריינגעקוקט.

— אויסטאָן זיך! — האָט ער באַפוילן.

די ברידער זענען געבליבן שטיין פאַרגליווערטע. ארום זיי זענען געווען פיל מענטשן. אויך ביים טיש, נעבן זשאַנדאַרם, איז א שיקסע אין מיליטערישע קליידער געזעסן. זיי האָבן זיך אָנגע־קוקטביידע. דער זשאַנדאַרם האָט א געשריי געטאָן צו א זעלנער:

— אויסטאָן זיי! אלץ! גוט ארומטאַפּן זיי, צי זיי באַהאַלטן נישט עפּעס אוים!

דער זעלנער איז צו און גענומען רייסן פון זיי די מלבושים. צום געלעכטער פון די סאָלדאַטן און די גויאישע פּאַסאַזשירן. אן אָפיצירל, א יונגער, א דארער, א שפּיציקער, מיט דינע, לאַנגע פיס, מיט א דינער שארפער נאָז, מיט דינע וואָנסעלעך, אָנגעטאָן אין אן אונגאַרישער הוזאַרן־קורטקע בלויז אויף איין האנט, איז צו צום טיש. יאַקוב האָט אָפּגעשטויסן דעם זעלנער פון זיך און צוגעגאַנגען צום אָפיציר.

— פּאַניע פּאָרוטשניקו, — האָט ער געזאָגט, — איך און מיין ברודער זענען פאַבריקאַנטן און הויז־אייגנטימער פון לאָדזש. איך בעט אונז נעמען אין שוץ!

דער שפּיציקער אָפיציר האָט אויסגעטאָן שווייגנדיק דאָס אונ־גאַרישע רעקל, ער האָט אראָפּגענומען דאָס היטל פון קאָפּ, באַוויזן א שאַרף־געשניטן גזשיווקעלע פון האָר פלאַקסענע און שטייפע, ווי א חזיר־רוקן, און ער האָט אָנגעקוקט דעם הויכן, בלאַסן און אימ־פּאָזאַנטן מאַן, מיט זייער שמאָלע, גרויע אויגעלעך.

— אזוי, פּאַבריקאַנטן און הויז־באַזיצער פון לאָדזש? — האָט ער איבערגעפרעגט. — נישט קיין באָלשעוויקעס אמאָל?

— גאָט באַהיט, הער אָפיציר, — האָט מאַקס, אין די בלויזע הויזן און אין וועסטל, זיך אריינגעמישט. — דאָס קום איך פון רוסלאַנד, וואו מען האָט מיך אין טשעקאַ געהאַלטן. אָט איז מיין דאָקומענט.

— נו, גוט, מיר וועלן זען, — האָט דאָס שפּיציקע אָפיצירל געזאָגט, — שרייט: זאָל פּגרן לייבוש טראָצקי!

— אָ, ער מעג פּגרן, — האָט מאַקס געזאָגט מיט א שמייכל, — איך האָב גאָרנישט דאַקעגן.

— שרייען האָב איך באַפוילן! — האָט דער אָפיציר א קלאַפּ געטאָן אין טיש — הויך!

— זאָל פגרן טראָצקי! — האָט מאַקס געזאָגט העכער.

— נאָך העכער! — האָט דער אָפיציר געשריגן.

מאַקס האָט נאָך העכער די אייגענע ווערטער אויסגערופן, אָבער דער אָפיציר איז נישט געווען צופרידן.

— העכער, איך פאַרשאַלטענער! — האָט ער געקלאַפּט אין טיש. — אויף אַלע ציין! אַ נישט וועסטו שוין ביי מיר שרייען.

מאַקס האָט געשריגן מיט די לעצטע כוחות, צום ווילדן געלעכטער פון די סאָלדאַטן און דער מויד אין די מיליטערישע קליידער.

— איצט שריי: אַ טויט אַלע אידישע לייבושעס! — האָט דער אָפיציר אים אָפּגעשטעלט. — הויך!

מאַקס האָט, אַ באַגאַסענער מיט שוויים, נישט געעפנט דאָס מויל. ער האָט שווער געאָטעמט. דער אָפיציר האָט אים דערלאַנגט מיטן שפּיצרוט איבער דעם קאָפּ.

— שרייען, וואָרום איך וועל די נשמה אַרויסיאָגן!

יאַקוב האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט צום טיש. עטלעכע זשאַנדאַרמען האָבן אים אַרונטערגעדרייט די הענט.

— שרייען! — האָט דער אָפיציר באַפוילן.

מאַקס האָט אויפגעהויבן די אויגן, אַ קוק געטאָן אויף די צעיושעטע גוים אַרום, וואָס ווילן זיין שאַנד, דערנידעריקונג, און ער האָט זיי געגעבן, וואָס זיי ווילן.

— זאָלן פגרן אַלע אידישע לייבושעס! — האָט ער גערופן אַלץ העכער און העכער, וויפל נאָר דער אָפיציר האָט געוואָלט און זיינע לונגען האָבן געקאָנט אַרויסברענגען.

דער המון האָט געהירזשעט פון הנאה.

— גוט, — האָט דאָס שפּיציקע אָפיצירל געלויבט. — און איצט אַביסעלע טאַנצן און זינגען, פאַבריקאַנט און הויז־באַזיצער פון לאָדזש, אַזוי אַ מה־יפית־טענצעלע פאַר אונזערע אינגלעך די זעלנער, לעבעדיק!

ווידער האָט זיך יאַקוב אַ ריס געטאָן פון אָרט און ווידער האָבן די זשאַנדאַרמען אים פאַרהאַלטן, אָנקלאַפּנדיק אים די זייטן.

— ניין, מאַקס ! — האָט ער געשריגן.

מאַקס האָט איהם נישט געהערט. מיט דעם גרעסטן ביטול, וואָס ער האָט נאָר געהאַט צו גוים, האָט ער ארומגעקוקט זיך אויף די צעלאָזענע באַדריקער זיינע, ווי מען קוקט אויף הינט, וואָס באַפאַלן, און געטאָן זייער ווילן, געדרייט זיך אין אַ קאַראַהאָד צווישן די זעלנער.

— לעבעדיק, שנעלער ! — האָבן אַלע געשריגן און צוגעפּאַטשט מיט די הענט.

מאַקס האָט זיך אַזוי לאַנג געדרייט, ביז ער איז פון די פיס געפאַלן און געבליבן ליגן אויף דער ערד, אַ באַגאָסענער מיט שוויים, אָטעמענדיק שווער און אָפּגעהאַקט.

— לאָזן אים ליגן און צופירן דעם אַנדערן איד ! — האָט דער אָפיציר באַפוילן.

די זשאַנדאַרמען האָבן צוגעפירט יאַקובן צום טיש. ער איז געשטאַנען אַ טויט־בלאַסער, אָבער אַ גלייכער, אָן אימפּאָזאַנטער.

— פאַרטזעצן דעם טאַנץ ! — האָט דער אָפיציר באַפוילן.

יאַקוב האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

— טאַנצן, איד פאַרשאָלטענער ! — האָט דער אָפיציר גענומען קלאַפּן אין טיש. — וואָרום ס'וועט זיין ערגער !

יאַקוב האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

דאָס אָפיצירל איז רויט געוואָרן. אַלע סאָלדאַטן האָבן אויף אים געקוקט, געזען, וואָס ס'וועט אַרויסקומען צווישן זייער עלטסטן און דעם צעוואַקסענעם איד. אים איז נישט אָנגעשטאַנען, וואָס זיינע באַפעלן ווערן נישט אויסגעפירט. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און אָנגעכאַפּט דעם איד פאַר דער באָרד.

— טאַנצן ! — האָט ער געשריגן און געריסן דעם איד צו דער ערד.

אין איין רגע האָט זיך יאַקוב אַרויסגעריסן פון אָפיצירל און אים אַראָפּגעלאָזט אַזאַ פּאַטש, אַז דער דאַרער פאַרשוין איז אָפּגעשפּרונגען אויף עטלעכע איילן און גלייך מיטן קאָפּ אין דער וואַנט אָנגעשלאָגן.

אַ ווײַלע איז דאָס וואָקזאַלעכעל פאַרגליווערט געוואָרן. בלויז די מויד אין מיליטערישע קליידער האָט זיך געלאָזט לויפן צום אָפּי־

ציר ביי דער וואַנט און מאַקס האָט פון דער ערד זיך געלאָזט צו־שאַרן צום ברודער אינמיטן שטוב.

— יאַקוב! — האָט ער גערופן אין שרעק. — יאַקוב!...

באַלד האָט זיך דער אָפיציר אויסגעגלייכט, אָפּגעווישט די פאַרפּלאָמטע באַק און גענומען מיט א ציטערדיקער האַנט גראַבלען ביים לעדערנעם שייטל, וואו דער רעוואָלווער זיינער ליגט. אַלע זענען געשטאַנען מיט אָפענע מיילער און געקוקט. עטלעכע מאָל האָט דער אָפיציר געמוזט עפענען דאָס שייטל, ביז ער איז צום רע־וואָלווער צוגעקומען. די הענט די שפּיציקע האָבן שטאַרק זיך גע־טרייסלט. דערנאָך האָט ער א געשריי געטאָן צו די אָרומיקע:

— אָפּרוקן זיך!

און אויסגעשאָסן עטלעכע מאָל, איינס נאָכן אַנדערן, אין גרויסן אימפּאָזאַנטן בלאָסן מאַן, וואָס האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

— די קורטקע מיטן היטל, שנעלער! — האָט ער געשריגן צום זשאַנדאַרם ביים טיש מיט א געבראָכן קוויטשיק קול, וואָס ער האָט עס געוואָלט צוגעבן מיליטערישע באַפעלערישקייט.

מאַקס האָט זיך צוגעשאַרט צום אויסגעצויגענעם בלוטיקן ברו־דער אויף דער ערד און אַרומגענומען אים מיט זיינע הענט.

— פאַרוואָס האָסטו עס געטאָן, יאַקוב? — האָט ער געשריגן און אים געריסן פון דער ערד.

אָבער ער האָט אים נישט געקאָנט אויפהויבן. יאַקוב האָט נישט געלעבט. פון קאָפּ איז אים גערונען א שנירל וואַרעם בלוט גלייך אין דער באָרד אריין.

פון די הילצערנע וואַקזאַל־ווענט האָט יעזוס אַראָפּגעקוקט פון צלם, צו וועלכן ער איז געווען צוגעקרייציקט.

מאַקס איז זיך פאַרגאַנגען אַרום דעם צווילינג־ברודער זיינעם, וועלכער האָט א שטייפער, גרויסער און אימפּאָזאַנטער געקיניגט איבער אַלעמען און אַלץ. די מענטשן אַרום זענען געשטאַנען קליי־נע, נידעריקע, אונטערטעניקע. נידעריקער פון אַלע איז געווען מאַקס, ליגנדיק ווי א צעטרעטענער וואָרעם אַרום זיין צווילינג־ברודער, וואָס האָט אים ווידער באַזיגט, ס׳לעצטע מאָל.

## קאַפּיטל איין און צוואַנציק

פאַר די גאַנצע זיבן טעג פון דער שבעה, וואָס מאַקס אשכנזי איז געזעסן אין די זאָקן נאָך זיין אומגעקומענעם צווילינגס־ברודער, האָט זיין קאָפּ, דער אויסגעדאַרטער, פּריצייטיק צעקנייטשטער און גרויער, נישט אויפגעהערט טראַכטן וועגן זיין גורל.

געזעסן שבעה איז ער ביים ברודער אין הויז. גלייך פון דער לויה האָט מען אים אויף א דראָזשקע אויפגעזעצט נעבען זיין טאָכטער גערטרוד און אים צום ברודערס הויז אוועקגעפירט, אין וועלכן ער איז קיינמאָל פריער נישט געווען. אין די זאָקן אויף קליינע בענקעלעך, זענען זיי געזעסן, פאָטער און טאָכטער, איינער נעבן אַנדערן, אין גרויסן זאַל, וואו די שפּיגלען זענען געווען פאַרהאַנגען און די זשיראַנדאָלן פאַרדעקט מיט שוואַרצער קרעפּע, און געשווינגן, געשוויגן אויף זייער אומגליק.

אין דעם ערשטן טאָג האָט ער קיין שום זאַך צום מויל נישט געוואָלט נעמען, א חוץ רויך. דינהלע האָטביידע שבעה־זיצער גלעזער מילך צוגעטראָגן צו די קליינע בענקעלעך, זיי זאָלן שטאַרקן זייערע כחות. מאַקס האָט נישט געוואָלט נעמען. בלויז רויך פון ציגאַרן האָט ער געשלונגען, און אַרויסגעלאָזט אים צוריק אויף די פאַרהאַנגענע שפּיגלען, אויף דער אבלדיקער שוואַרצקייט פון א בלישטשענדיקן קלאַוויר. דאָס אַש האָט זיך געוואַלגערט ביי זיינע פיס אין די זאָקן. ער האָט מיט קיינעם נישט געוואָלט רעדן, קיינעמס רייד נישט אויפגענומען. בלויז דאָס ספר איוב האָט ער געלערנט, די רייד, די שווערע און ביטערע, צו וועלכע קיין טרייסטווערטער קאָנען נישט צוקומען.

זאָל זיין פאַרשאָלטן דער טאָג, אין דעם איך בין געבוירן — האָט ער געלייענט — און די נאַכט, אין דער עס איז אָנגעזאָגט געוואָרן, אז א מאַן האָט געמאַכט טראָגן. זאָלן אים שילטן די שילטערס פון טאָג, וואָס זענען אָנגעגרייט צו דערוועקן קלאָג...

גערטרוד האָט אַריינגעבויגן דעם קאָפּ צום פאָטער אין ספר, געקוקט אויף די אותיות, וואָס זענען איר פרעמד געווען, אָבער גע־

זען האָט זי אין זיי דאָס גאַנצע אומגליק אירס. ער האָט זי נישט געטרייסט, דער פּאָטער. ער האָט גאָרנישט געהאַט וואָס צו זאָגן דער טאָכטער זיינער, וואָס ער האָט איר קיינמאָל קיין גליק נישט געגעבן, קיינמאָל צו איר אין הויז נישט געקומען, און ווען ער איז שוין יאָ געקומען, האָט ער טרויער מיטגעבראַכט מיט זיך, אומגליק. טויט האָט ער געבראַכט אהיים צו די, וואָס האָבן אים מוחל געווען און געוואָלט אים ראַטעווען. שבעה און אבילות האָט ער געבראַכט א מתנה אין הויז פון זיין טאָכטער, ביי וועלכער ער האָט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן די שוועל פון הויז איבערגעטרעטן. מיטן קאָפּ איינגעגראָבן אין ספר איוב, כדי נישט צו זען די מענטשן ארום זיך, כדי נישט אויפצוהויבן די אויגן אויף די, וואָס א גאַנץ לעבן האָט ער געקריוודעט, שלעכטס געטאָן, האָט ער געשעמט זיך פאַר זיין אייגענער טאָכטער גערטרוד, פאַר זיין געוועזן ווייב דינהלע, וואָס האָט אים גלעזער מילך צוגעטראָגן צו זיין טרויער־בענקעלע. זיין צווייט ווייב איז געקומען אין הויז, אוועקגעזעצט זיך אויף דער ערד נעבן אים און אים מיט די שווערע, האַלב־געליימטע הענט דעם אקסל געגלעט. ער האָט צו איר קיין וואָרט נישט אויסגערעדט.

דען עס איז א צייט צום מענטש אויף דער ערד — האָט ער געלייענט אין ספר איוב — און ווי די טעג פון א טאָג־לוינער זענען זיינע טעג, און ווי א קנעכט טוט ער וואַרטן אויף שאָטן.

אויף דעם צווייטן טאָג זענען מענטשן צו אים געקומען. צוליב דעם אומגליק זיינעם האָבן די מענטשן פאַרגעסן אין זיין אמאָליקער אָפּגעזונדערטקייט, אין אַלטע עוולות, און געקומען צו אים, צום אמאָליקן קעניג, וואָס זיצט אויף א קליין בענקעלע אין זיין צער. זיי האָבן דערציילט פון שטאָט, פון פאַבריקן, געשעפטן. מאַקס האָט נישט גערן געהערט. וואָס האָבן אים אינטערעסירט איצט מסחרים, געשעפטן? ניין, גאָרנישט איז אים פאַרבליבן מער איצט, צוליב וואָס ער זאָל אַרבעטן, טאָן, איינרייסן א וועלט. זיין לעבן איז פאַרשפּילט. ער איז אַלט, אויסגעפּייניקט, צעבראָכן. ער האָט געוואָלט אָנהויבן צוריק א ניי לעבן, א לעבן א מענטשלעכעס, א וואַרעמס, צוזאַמען מיט איינענע, נאָנטע. אָבער גאָט האָט נישט געוואָלט. ביי דער שוועל פון זיין ניי לעבן האָט ער אים אוועקגע־

שטויסן, פאַרטריבן ווי א קרעציקן הונט, וואָס וויל אריינקריגן זיך אין א שטוב. זעט אויס, אז ער קאָן נאָר ברייננען אומגליק אויף דער וועלט. אזוי איז עס געווען פריער, אין זיין פאַרבלענדעניש, ווען ער האָט זיך איין אויג ארויסגענומען, אבי דעם אַנדערן ביידע אויגן אויסצושטעכן; אזוי איז עס אויך איצט, ווען דער שׂכל איז שוין געקומען, אָבער דאָס מזל איז אוועק. אומגליק האָט ער געבראַכט מיט זיך, טרויער אין הויז פון זיין ברודער און טאָכ־טער. אז מען זייט שטורם, שניידט מען ווינט. ניין, נישטאָ פאַר אים מער קיין לעבן אויף דער וועלט. זיין גורל איז געחתמעט. ער וועט שוין אזוי איבערשלעפּן זיינע לעצטע יאָרן אין טרויער און אין נישטיקייט. ווי לאַנג דען נאָך וועט ער אָנטרייבן נאָך דעם אַלעם? נישט כדאי אָנצוהויבן דאָס רעדל דרייען אויפסניי. וואָס דאַרף ער, מ'שטיינס געזאָגט? ער האָט קיינמאָל אין זיין לעבן קיין גרויסע זאכן נישט געדאַרפט. איצט דאַרף ער אודאי גאָרנישט. זיין שטיקל ברויט, א העמד אויפן לייב און א ווינקל וואו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן וועט ער האָבן. מער דאַרף ער נישט. מער וויל ער גאָרנישט פון דער וועלט. געזעגט זענען די ספרים, די חכמים, נישטאָ מער קיין חילוק צווישן דעם מענטש און דער בהמה, דען אַלץ איז נאַרישקייט. פּונקט ווי די בהמה אין יאָך, אזוי שלעפּט דער מענטש די משא, דעם שפּאַן, יאָגט, לויפט, ביז ער פאַלט פּלוצ־לונג פון די פיס און די אַנדערע טרעטן איבער אים אריבער, כדי שפּעטער אויך אזוי צו פאַלן.

אויפן דריטן טאָג האָט ער אָפּגעוואָרפן די הבל־הבלימדיקע גע־דאַנקען און אויף זייער אָרט איז געקומען פליכט, תכלית און עול. ניין, ער טאָר נישט אָפּלאָזן די פליגל, וואָרום אַלץ איז איצט גע־בליבן אויף אים, אויף זיין אחריות. אויב ער אַליין דאַרף גאָר־נישט, וויל גאָרנישט פון דער וועלט, זענען אָבער געבליבן אַנדערע, פאַר וועלכע ער דאַרף זאָרגן, זיין א פאָטער א געטרייער. אַלע, גערטרוד, זיין טאָכטער, איר קינד, דינהלע, דער זון אין פראַנק־רייך, דאָס צווייטע ווייב זיינס, די קראַנקע און אַלטע, אַלע זענען איצט געבליבן אַליין. ער דאַרף זייער היטער און פאַרזאָרגער זיין. ער דאַרף איצט פאַר אַלע זאָרגן, א באַשיצער זיין. ניין, ער קאָן נישט איבערלאָזן אַלץ אויף הפקר. פאַרקערט, ער דאַרף איינשפּאַ־

נען זיך, מיט די לעצטע כוחות ארבעטן, אבי די שטוב אויפהאלטן, אבי צוריק אין שלום און אין איינהייט די משפחה אשכנזי אויפ־האלטן. ווי אמאל ביי אידן, ווען א ברודער איז געשטארבן, האט דער לעבעדיגער ברודער געמוזט אויפבויען דאס הויז פון דעם אוועקגעגאנגענעם, אזוי דארף ער איצט אויסבויען צוריק דאס הויז אשכנזי, וואס זאל בלייבן א גדרעבעניש נאך דעם אומגעקומענעם ברודער. ניין, דאס הויז אשכנזי וועט נישט אונטערגיין. ער וועט עס צוריק אויפשטעלן. אלע עוולות וועט ער פארריכטן, אפצאלן פאר דעם אומגליק, וואס ער האט געבראכט.

ער האט זיך שוין צוגעהערט צו די מענטשן, וואס זענען אים געקומען מנחם־אבל זיין, פארנומען אלע זייערע געשיכטן וועגן מסחרים, פאבריקן, רייסענישן, מערק. אבער קיין אנטייל אין די אלע זאכן האט ער נישט גענומען. נישט געמישט זיך גאר. ער וויל נישט קענען מער די פארשאלטענע שטאט, דאס לאנד, וואס האט אים אזוי מיאוס באליידיקט, געשפיגן אויף אים, ווי א ווארעם מיט די פיס געטרעטן, זיין אייגן בלוט און פלייש אזוי רציחהש אומגעבראכט. ווען מען זאל אים אפגילטן, וועט מער זיין פוס דא נישט בלייבן, ווייל אש און שטויב איז מען דא, נידעריקער פון גראז. ער וועט אוועק פון דאנען. ער וועט קיין ארץ־ישראל אוועק, ווי זיינע פריינט די ציוניסטן ראטן אים. ער האט קיינמאל דערפון נישט געוואלט הערן, געהאלטן די אלע ציוניסטן פאר פאנטאזיארן, פוסטע קעפ, וואס ווילן, אז אידן סוחרים זאלן מיטאמאל ווערן פויערים. אבער איצט זעט ער, אז ער האט א טעות געהאט. וואס האט מען פון די פאבריקן און הייזער, וואס מען בויט אויס, אז פרעמדע נעמען זיי צו? צייט צו בויען עפעס פאר זיך, נישט זיין תמיד ללעג ולקלס. ער וועט אוועק פון דאנען, אלץ פארקויפן, פאר ביליק אלץ אפלאזן, מאכן צו געלט און אוועק, צוזאמען מיט אלע, מיט דער גאנצער משפחה זיינער. אונטער זיין וויינשטאק און פייגנבוים וועט ער זיצן, צווישן אידן זיין, אליין ביי זיך, פאר קיינעם קיין מורא נישט האבן, און לעבן א לעבן א שטילס, א גע־מיטלעכעס, נישט יאגן און טרייבן, נאר עסן דאס ברויט פון די אייגענע פעלדער, טרינקען די מילך פון אייגענע בהמות. א סך אידן פארן איצט פון דאנען קיין ארץ־ישראל. מיט אלע באנען,

זאָגט מען, לויפן מענטשן אהין, יונג און אַלט, פרומע און פריי־ געזאָנענע. גלייך נאָך דער שבעה וועט ער אַלץ ליקווידירן און אַוועק, אַנטרינען פון די, וואָס לעבצן נאָך אידיש בלוט.

די אידן, וואָס האָבן אים מנחם־אבל געווען, האָבן אים גע־ לויבט דערפאַר.

— אמתע רייד, — האָבן זיי געמורמלט. — מאַכט איר די התחלה, הער אשכנזי, און האַלב לאָדזש וועט אייך נאָכלויפן.

אויפן פערטן טאָג האָט מאַקס אשכנזי פאַרוואָרפן דעם פּלאַן פון פּלאַנצן וויין־גערטנער און אַקערן ערד. דאָס איז אַן עסק פאַר יונגע בחורימלעך, וואָס האָבן פרישע כוחות און טויגן נישט צו עפּעס אַנדערש. פאַר אים, אשכנזין, איז עס נישט קיין עסק צו ווערן אויף די עלטערע יאָרן אַ פּויער. קיין גרויסע זאַכן קאָן ער דערביי נישט אויפטאָן. וואָס קאָן מען בכלל אויפטאָן ביי ערד? דאָס איז אַ פּראָסטע זאַך: לייגסט אַריין קערנער און נעמסט אַרויס קער־ נער. אַ סך מאָל נעמט מען גאָרנישט אַרויס, וואָס מען לייגט אַריין. די פאַרדינסטן זענען נישטיקע. אויך מוז מען קוקן אין הימל אַריין, בויען אויף דער זון, ווינטן, רעגן, אָפּהענגיק זיין פון יעדער קאַפּריז פון דער נאַטור. אויך דאַרף מען אַ וועלט מיט כוחות אַריינלייגן אין דער ערד. מיט שווייס פון דיין פּנים וועסטו עסן דיין ברויט — שטייט געשריבן אין דער תורה — און ער, אשכנזי, האָט מער קיין כוחות נישט דערצו. איבעריקנס דאַרף יעדער מענטש טאָן דאָס צו וואָס ער טויג, ביי וואָס ער קאָן אַרויסווייזן זיין בריהשקייט און גוטע איינפאַלן. עס איז אַן אומזין צו געבן אַ בריליאַנטן־שלייפער אַ לאָפּאַטע צו גראָבן ערד, וואָס אַ פּראָסטער פּויער קאָן מאַכן בעסער. ניין, דערמיט, וואָס ער וועט אין ארץ־ישראל באַאַרבעטן די ערד, וועט ער קיינעם קיין טובה נישט טאָן, נישט זיך, נישט דעם לאַנד. ער וועט בעסער אויפטאָן דאָרט גרויסע זאַכן. ער וועט די פאַבריק זיינע אַריבערפירן דאָרט. פון בלויז ברויט קאָן זיך קיין לאַנד נישט האַלטן. דאָס רייכקייט פון אַ לאַנד ליגט אין דער אינדוסטריע. און ער, אשכנזי, וועט דאָרט אַנטוויקלען אַן אינ־ דוסטריע, ווי פריער אין לאָדזש. פאַבריקן וועט ער אויסבויען אויף דער הייליקער ערד, טויזנטער אַרבעטער ברויט געבן, די סחורות צו אַלע לענדער אַריינפירן, אַריינציען קאַפּיטאַל אין לאַנד, ווערן

דער קעניג פון ארץ־ישראל. אזא ארבעט איז כדאי, איז ווערט נאָכ־אמאָל אָנצוהויבן. ער וועט זיי ווייזן, אשכנזי, וואָס ער וועט פון דעם לאַנד מאכן! טאַקע דערפאַר, וואָס דאָרט איז קיין אינדוסטריע נישטאָ, דאַרף מען זי דאָרט אַנטוויקלען. אויך לאָדזש איז גאָרנישט לאַנג צוריק געווען א פוסט שטעטעלע, נאָר אז מענטשן מיט ענער־גיע האָבן זיך גענומען צו דער ארבעט, האָבן זיי דערפון געמאַכט א וועלט־שטאָט. איצט איז צייט פאַר דעם אייגענעם לאַנד עפּעס צו טאָן, צו גיין פאַר זיך, ווי יעקב האָט געזאָגט צו לבנען — מתי אעשה גם אנכי לביתי. גענוג שוין געאַרבעט פאַר די לבנס, וואָס א חוץ שנאה און רויב האָבן זיי גאָרנישט פאַר יעקבן.

אויפן פינפטן טאָג איז דער ברען צום נייעם פּלאַן אָפּגעקילט געוואָרן ביי אשכנזין, און באַטראַכטקייט, ישוב־הדעת איז אָנגעקו־מען אויף דעם אָרט. א מענטש טאָר נישט יאָגן, פליען אין דער וועלט אריין. אָפּטאָן עפּעס אויף דער הייסער מינוט איז קיין חכמה נישט: דאָס קאָן יעדער. א מענטש מיט שכל דאַרף זיך גוט מישב זיין ביז ער טוט עפּעס. גלייכער פריער צען מאָל אויסצוטאַפּן דעם באָדן, ווען מען שטעלט א טריט, איידער צו לאָזן זיך אויף הפקר און אריינפאַלן. אויסבויען אַן אינדוסטריע אין לאַנד פון די אבות איז טאַקע זייער א שיינע זאַך, א אידישע זאַך. אָבער בויען לופט־שלעסער איז קיין קונץ נישט. עס איז נישט קיין גרויסע חכמה אויס־צובויען א פאַבריק אָדער א סך פאַבריקן אין אַן אָרט. די הויפּט־זאַך איז, אז די פאַבריקן, וואָס מען בויט אויס, זאָלן האָבן א מאַרק; וויכטיק איז צו שאַפן פּלעצער, וואו די אויסגעאַרבעטע סחורות אָפּ־צוזעצן. אמת, אויך לאָדזש איז אויסגעוואַקסן אויף זאַמד, אָבער די שטאָט איז געווען אין א לאַנד, וואָס האָט קיין אינדוסטריע נישט געהאַט, וואו מען האָט געדאַרפט האָבן סחורות. די שטאָט האָט גע־האַט דאָס גרויסע רוסלאַנד ארום זיך. אפילו פּוילן אליין, אָן רוס־לאַנד, האָט מיליאָנען מענטשן. וואָס איז ארץ־ישראל? א לאַנד מיט אראַבער, וואָס גייען קרועה־בלועה, דאַרפן גאָרנישט, קויפן גאָר־נישט. מיט די ענגלענדער צו קאָנקורירן איז אויך נישט פון די לייכטע זאַכן. זיי זענען אליין גוטע סוחרים. איין ענגלענדער קאָן צען אידן פאַרקויפן. דאָס ביסל אידן, וואָס ארץ־ישראל האָט, זענען ווייניק, דערצו איז יעדער פון זיי א מיוחס, א שיינער איד. מיט אידן

איז גוט קוגל צו עסן, נישט צו האַנדלען. יעדער פון זיי איז אַליין א בעלן צו מאַכן געלט. אויך איז מיט וואַסער שווער דאָרט. ווער ווייסט, צי די דאָרטיקע וואַסערן וועלן גאָר גוט זיין צו וואַשן סחורות. אַלערליי אַנדערע מניעות זענען דאָ. לייכט קאָן מען דאָרט אַריינקריכן, אָבער שווער אַרויסקריכן. גאָרנישט קיין גוטעס הערט מען פון דאָרט, פון לאַנד, וואָס האַלט זיך אויס פון נדבות, טובות. מען דאַרף גוט באַרעכענען, איידער מען שטעלט דאָרט אַריין א פוס. טאָמער וועט אים נישט געראָטן, וועט מען נאָר פון אים חוזק מאַכן. די אידן אַליין וועלן אים אויסלאַכן.

אויפן זעקסטן טאָג האָט שוין אשכנזי בײַדע אויסגעשפּיצטע אויערן צוגעלייגט צו די רייד פון די סוחרים און פאַבריקאַנטן, וואָס זענען געקומען אים מנחם-אבל זיין. אַלע האָבן זיי אים געקוקט אין די אויגן אַריין, געוואָלט וויסן, צי עפּנט ער די פאַבריק זיינע, ווען ער עפּנט און וואָס ער רעכנט אָנצוהויבן אַרבעטן. די וועלט האָט זיך נאָכן קריג גענומען איינשטעלן. קאָמיסיאָנערן און וואָיאַזשאָרן האָבן, ווי די ערשטע שוואַלבן אין פרילינג, זיך געוויזן. אויך האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן נייע מערק אין די שכנישע אַגראַר־לענדער, וואו מען קאָן אָפּזעצן לאָדזשער סחורות, ווען מ׳זאָל זיך נאָר צופּאַסן צו דעם גוסט און געשמאַק פון אָט די לענדער. אַלע אויגן זענען געווען געווענדט צו אשכנזין, צום לאָדזשער אמאָליקן קעניג, וואָס איז איצט צוריקגעקומען אין שטאָט. ווי קינדער, וואָס לערנען זיך גיין, האָבן די מענטשן אין דער אָפּגעשטאָרבענער שטאָט געקוקט אשכנזין אין די אויגן אַריין, צו זען, וואָס ער טוט, און צו וויסן, וואָס מען דאַרף נאָכטאָן.

— הער אשכנזי, הויבט איר אָן, און אַלע וועלן אייך נאָכ־גיין, — האָבן די מענטשן אים געבעטן. — אַלע קוקן אויף אייך.

אויפן זיבעטן טאָג, דעם לעצטן פון זיין טרויער, האָט אשכנזי זיך אויפגעהויבן פון זיין קליין בענקעלע און אָנגעהויבן אַרומגיין אין די זאַקן איבער די ווייכע טעפּיכער פון זיין טאָכטערס גרויסן זאַל.

— ניין, ער וועט נישט אָפּטרעטן פון פּלאַץ, — האָט ער אָפּ־געמאַכט ביי זיך. — דווקא ווייל זיי ווילן אַזוי, די גוים, ער זאָל אַוועק פון דאַנען; טאָקע דערפאַר, וואָס זיי ווילן אַרויסרויבערן אים,

אויף צוויי שפּענדלעך אַרויסטראָגן, וועט ער זיי נישט צוליב טאָן. אַ מכה זיי אַ גרויסע! מיט זיינע צוויי הענט האָט ער אויפגעבויט זיין פאַרמעגן, נישט געלעבט, נישט גערוט, נאָר געאַרבעט און גע־האָרעוועט. אין דער צייט ווען זיי, די פּריצים, האָבן געהולטאַיע־וועט, אָפּגעזעסן אין פּאַריז, מיט ווייבער און קאָרטן דאָס לעבן פאַר־בראַכט, איז ער געלעגן, ווי אַ הונט, אויפן אָרט, געבויט, געשאַפן. איצט ווילן זיי קומען צום גרייטן, איבערנעמען אַלץ, און די בויער און שאַפער שיקן צו אַלדי רוחות. אָבער ער וועט זיי דאָס נישט צוליב טאָן. ער וועט בלייבן אויפן פּלאַץ, זיין האָב און גוטס קיי־נעם נישט שענקען. נישטאָ קיין געשאָנקענע זאַכן. הלואי וואָלט יעקב־בונם, עליו־השלום, געווען אַנדערש געטראַכט, וואָלט ער איצט צוזאַמען מיט אים געאַרבעט, לאָדזש אין די הענט אַריינגענומען. ער איז געגאַנגען אין גויאישע וועגן, אין נאַרישקייטן זיך געהאַלטן, אין פּוסטן שטאָלץ, און אומגעקומען, נעבעך. אָבער דאָס איז אַן אומזין. אַ איד דאַרף זיך נישט האַלטן אין די גויאישע פּוסטע דרכים, דאָס לעבן אָפּצוגעבן פאַרן נאַרישן האָנאָר. ווען הינט באַפאַלן אַ מענטש, איז נישט קיין שכל, דער מענטש זאָל ביי זיך געפאַלן ווערן דעריבער. הינט האָבן טאַקע ציין, זענען שטאַרקער פון מענטש, אָבער דערמיט הערן זיי נישט אויף צו זיין קיין כלבים און דער מענטש בלייבט מענטש. בעסער האָבן געטאָן אונזערע זיידעס און עלטער־זיידעס, וואָס האָבן דעם גוי אַזוי מבטל געווען, אַז זיי האָבן זיך גאָרנישט געמאַכט פון זיינע באַליידיקונגען און בזיונות, ווי מען מאַכט זיך נישט פון אַ הונט אין גאַס. ניין, נישט כדאי אוועק־צוגעבן דאָס לעבן פאַר אַזעלכע זאַכן. נישט אין גבורה איז דער כוח פון ישראל, נאָר אין קאָפּ, אין שכל. פון אַלע צייטן האָבן זיי, די גויעצעס, מבזה געווען דעם איד, חוזק געמאַכט פון אים, געפּיי־ניקט אים, און דער איד האָט געמוזט שווייגן, ווייל ער איז געווען אין גלות, ווייל ער איז דאָס שעפּעלע צווישן די וועלף. דאָס שע־פּעלע קאָן זיך מיט דעם וואָלף נישט שלאָגן, ווייל דער וואָלף איז שטאַרקער. וואָלטן אידן טאַקע געגאַנגען מיט גויאישע דרכים, וואָלט שוין לאַנג זייער געביין נישט געווען, קיין שריד ופליט וואָלט פון זיי נישט געבליבן. אָבער אידן האָבן פאַרשטאַנען, אַז זייער וועג איז אַן אַנדערער, אַז נישט די גויאישע וועגן זענען זייערע, אַז

נישט די גויאישע כיבודים זענען אידישע. דאָס טאַקע האָט זיי גע־געבן דעם כוח בייצושטיין אַלץ, און אַ סך מאָל אפילו אַזוי גרויס דערגיין, אַז די גוים זאָלן מוזן צו זיי אָנקומען, בעטן זייערע טובות. דאָס איז די גבורה פון איד, די נקמה זיינע אין גוי. נישט מיט דער שווערד, נישט מיט דער פויסט, ווייל די פויסט געהער עשיון, און דאָס קול, דער שכל — יעקבן. הונדערטער יאָרן האָבן אידן געזונגען און געטאַנצט פאַר די גוים, ווייל זיי האָבן געמוזט, ווייל די רוצחים האָבן עס פון זיי פאַרלאַנגט. ווען ביטערע צייטן קומען אָן אויף אידן, דאַרפן זיי נישט אומברענגען זיך, נאָר צופרידנשטעלן די בייזע חיה אויף אַ ווייל, כדי צו בלייבן און צו קומען צו זיך.

הלואי וואָלט דאָס יעקב־בונם, עליו השלום, פאַרשטאַנען, ווי ער אַליין, וואָלט ער נעבעך אַזאַ סוף נישט געהאַט. בזיון, וואָס אַ שטאַרקער טוט אָן אַ שוואַכן, איז נישט קיין בזיון פאַר דעם געפּיי־ניקטן, נאָר פאַר דעם פּייניקער. דער סוף קומט אַליין די פּייניקער. ווי שטייט עס אין פּרק — ווייל דו האָסט דערטרונקען, האָט מען דיך דערטרונקען, און די, וואָס האָבן דיך דערטרונקען, וועלן אויך דערטרונקען ווערן. ער האָט אים געבעטן, געשריגן צו אים, ער זאָל זיך נישט קעגנשטעלן. ווייל עס איז אָן אומזין קעגנצושטעלן זיך אַ וואָלף, וואָס וויל דיך פאַרצוקן. אַ בייזע חיה דאַרף מען אַרומ־גיין, מיט שכל און ערמה אויסמיידן, מציל זיין זיך. ווי גוט וואָלט דאָס געווען, ווען זיי קאָנען ביידע איצט אַזוי גיין האַנט אין האַנט, צוזאַמען די שטאָט אין די הענט אַריינגעמען. אָבער ער האָט אים נישט געפאָלגט. ער איז שטענדיק געגאַנגען אויף קרומע וועגן, געלעבט נישט אויסגערעכנט, נאָר לויט דעם בלוט, און בלוט איז נישט קיין אידישע זאַך.

אשכנזי האָט דערפילט אַ פייכטקייט אין די אויגן. דערמאָנענ־דיק זיך אין ברודערס אומגליק. ניין, זיי וועלן שוין צוזאַמען נישט קאָנען גיין. נישט באַשערט געווען. אָבער ער אַליין וועט איצט אַרויס אין מלחמה קעגן די אַלע, וואָס ווילען אים פאַרטרייבן, פון שטאָט אויסרויכערן, צורייבן זיינס. ניין, ער וועט זיי נישט צו־ליב טאָן! זיי וואַרטן נאָר דערויף. מיט די נעגל וועט ער זיך האַלטן אין זיינס. צוריק וועט ער דער קעניג פון לאָדזש ווערן. די היטלען וועלן זיי מוזן אַראָפּנעמען, די שונאים זיינע, פאַר אים, אויף די

נעגל שטיין, ווי אמאָל די דייטשוקעס, וואָס האָבן אים פּיינט גע־האַט, אָבער דרך־ארץ געמוזט האָבן. ער וועט נאָך ווייזן, ווער עס איז באַלעבאָס אין לאָדזש.

איינמאָל האָבן זיי אים געכאַפּט אין אַ ווינקל ווי רוצחים און אים דערנידעריקט, געשפּיגן אויף אים. אָבער זיי וועלן אים אָפּצאָלן דערפאַר, אויך פאַר זיין ברודער וועלן זיי אים אָפּצאָלן. זאָל ער נאָר זיך צוריקנעמען צו דער אַרבעט, פונאַנדערפירן די הענט, אַריינ־נעמען די שטאָט, ווערן דער קעניג פון לאָדזש. ווי די קנעכט וועלן זיי מוזן שטיין פאַר אים, בעטן זיין טובה. דער איד האָט קיינמאָל קיין אַנדער כלי־זין נישט געהאַט אין די הענט ווי דאָס געלט. דאָס איז געווען זיין שווערד, זיין שפּיז. און אויך ער וועט מיט דעם כלי־זין אין די הענט גיין. אַ נאַר איז דער, וואָס וויל אָפּטרעטן פון קאַמף, וואָס אין צאָרן וואַרפט ער דעם שונא צו דאָס שלאַכט־פעלד. ניין, נישט ביי מאַקס אשכנזי!

אויפן אכטן טאָג האָט אשכנזי אַרויפגעצויגן די שיך אויף זיינע פיס, אָפּראַזירט דאָס פּנים, אויף וועלכן די האָר זענען זיך שטעכיק צעוואַקסן איבער די טרויער־טעג, אָנגעטאָן אַנדערע קליי־דער, אָן דעם קריעה־ריס אין לאַץ, און אַרויס צו דער שטאָט, וואָס ער האָט זי עטלעכע יאָר פאַרלאָזט, כדי זי ווידער אין די הענט אַריין צוריק צו נעמען, כדי צו דעראָבערן אויפסניי.

## קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

מיט באַנייטער ענערגיע און ווילן, ווי אין די גאָר יונגע יאָרן, איז אשכנזי געגאַנגען צו זיין חרוב קעניגרייך אין לאָדזש, צו דער קרוין פון גרעסטן מאַנופאַקטור־קעניג, וואָס ער האָט אויף אַ צייט פאַרלוירן.

ווי שטענדיק, האָט ער דעראָבערט זיינס מיט קאַמף, מיט פאַר־ביסנקייט און עקשנות.

אָנגעהויבן האָט ער מיטן פּאַלאַץ. אין פּאַלאַץ זיינעם, וואָס

איז איבערגעגאַנגען פון דייטשן קאָמענדאַנט צו די פּוילישע מי־ליטער־לייט, האָט איצט דער עלטסטער פון לאָדזש געוואוינט, דער וואָיעוואָדע פּאָנטש־פּאַנטשעווסקי. אים איז נישט אָנגעשטאַנען אין דער שטאָט פון פּאַלאַצן צו וואוינען אין קאַזאַרמע־אויסזעענדיקן מלוכה־הויז, וואָס איז נאָכן רוסישן אָבער־פּאָליצמייסטער פאַר־בליבן. ווארום כאָטש אויף די אָפיציעלע פּאַפּירן האָט זיך דער וואָיעוואָדע פּאָנטש־פּאַנטשעווסקי געמוזט אונטערשרייבן בלויז מיטן נאָמען, אָן קיין אַדעליקן טיטול, ווי דאָס נייע געזעץ האָט געהייסן, איז ער אָבער אין דער אמתן געווען פון גאָר א גרויסן יחוס, א פּירשט. און ער האָט זיך אין אשכנזיס פּאַלאַץ באַזעצט, וואָס איז פון דייטשן קאָמענדאַנט אָפּגענומען געוואָרן. אשכנזי האָט געפּאָדערט זיינס, אָבער דער וואָיעוואָדע האָט אים נישט געענטפערט. האָט אשכנזי די גרעסטע אַדוואָקאַטן גענומען און דעם וואָ־יעוואָדע אין געריכט אָנגעקלאָגט. די ריכטער האָבן פּרובירט שלעפּן, אָפּלייגן דעם פּראָצעס, ארויסרופן נייע עדות, כדי אשכנזין זאָל דער עסק מיאוס ווערן. אָבער אשכנזי האָט נישט געשוויגן, מיט געלט געוואָרפן, אונטערגעשמירט, וואו מען האָט געדאַרפט, און צום העכסטן געריכט די זאַך דערפירט. דאָרט האָט ער אַן אורטייל קעגן וואָיעוואָדע ארויסגעקריגן און אים געצוואונגען אָפּצורייניקן דעם פּאַלאַץ.

דער זויערער וואָיעוואָדע מיט די גרויסע וואָנסן, וואָס זעלטן, אַז מען זעט אַזעלכע אפילו ביי פּאָליאַקן, מיט דעם הויכן שטייפן אַלטמאָדישן קראַגן און שוואַרצן קראַוואַט, פאַרפּוצט מיט א גאָלדן צלמל, האָט געקלאַפּט מיט דער שלאַבריקער האַנט אין זיין טיש פאַר כעס, וואָס די ריכטער האָבן אין סכסוך צווישן אים און דעם איד געגעבן גערעכט דעם איד, נישט אים, דעם וואָיעוואָדע. ער האָט כאָטש געוואָלט בלייבן אין פּאַלאַץ פאַר דירה־געלט, וואָס ער וועט דעם אשכנזין צאָלן. אים איז נישט אָנגעשטאַנען ארויסצוציען זיך פון דעם פּאַלאַץ אויף דעם אידס פאַרלאַנג. אָבער אשכנזי האָט אויך דערויף נישט געוואָלט איינגיין. ערשטנס, איז ער געגאַנגען איצט אויפסניי איינעמען לאָדזש, ווערן צוריק דער קעניג, און אָן דעם פּאַלאַץ זיינעם וועט זיין מלוכה קיין פּנים נישט האָבן; צווייטנס, איז עס אים געגאַנגען אין אַמביציע. ווען זיי האָבן גע-

קאָנט, האָבן זיי אים געהייסן טאַנצן, איצט, ווען ער קאָן, וועלן זיי ביי אים טאַנצן. ניין, זאָלן זיי נישט מיינען, די פּריצים, אז פאַר געלט קאָן מען אלץ ביי אים אָנקריגן. ער וועט נישט אָפּטרעטן פון זיינס, וואו ער איז באַלעבאָס. דאָ איז נישט קיין פּאַרוואָרפן וואָקזאַלכעל אין עפּעס א לאָפּי. דאָ איז ער באַלעבאָס, און ווי לאַנג דאָס געזעץ איז געזעץ, וועט אים קיין וואָיעוואָדע אין דער וועלט נישט זאָגן קיין דעות.

נישט אין קיין געהויבענעם צושטאַנד האָט דער פּירשט פּאַנטש־פּאַנטשעווסקי איבערגעלאָזט אַשכנזין דעם פּאַלאַץ. די דינער זיינע האָבן שטאַרק צורעכט געמאַכט דעם איד זיין פּאַלאַץ פאַרן ארויסציען זיך. אשכנזי האָט אָנגעטראָפן אָפּגעשיילטע ווענט, צעבראָכן מעבל. אויך האָבן זאַכן געפעלט, בילדער אַלערליי, גלאָז־וואַרג און בראָנזן. אָבער עס איז ווערט געווען. אין דער גאַנצער שטאָט האָט מען גערעדט וועגן אשכנזים זיג.

— אשכנזי איז געבליבן אשכנזי, — האָט מען געזאָגט, — דער רוח האָט אים נישט גענומען...

אשכנזי האָט גלייך אַריינגעקליבן זיך אין פּאַלאַץ אריין און דערפילט זיך צוריק אין דער אַלטער הויט.

נאָך דעם פּאַלאַץ האָט ער גענומען זיך צו דער פאַבריק, דער פאַרלאָזטער און חרובער. מער ווי אין פּאַלאַץ, זענען די חורבנות אין דער פאַבריק געווען. די דייטשן האָבן ארויסגעפירט מאַשינען אַלערליי, די טראַנסמיסיעס אראָפּגענומען, די קעסלען ארויסגע־שלעפּט. מען האָט גענדאַרפט האָבן א פאַרמעגן מיט געלט די פאַ־בריק צו לאָזן אין גאַנג. אשכנזי האָט קיין קאַפּיטאַל נישט גע־האַט. מער ווי די צוויי הענט האָט ער איצט נישט פאַרמאָגט.

תחילת האָט ער גענומען זוכן קרעדיטן ביי דער מלוכה־באַנק. אין די שענסטע קליידער, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, מיט דעם ציג־גאַר אין מויל און מיט רייד שבלדיקע און גלאַטע, וואָס לייגן זיך אויפן האַרץ, איז ער צום דירעקטאָר פון דער מלוכה־באַנק אוועק און געבעטן אַן אודיענץ. דער דיקער אויסגעפּוצטער דירעקטאָר, א געוועזענער באַנק־באַאַמטער ביי די רוסן, וועלכער פלעגט אשכנזין קענען נאָך פון פריערדיקע גוטע צייטן, האָט זייער שיין אויפגע־

נומען דעם אמאָליקן לאָדזשער קעניג, אויסגעדריקט אים אפילו באַדויערן פאַר זיין אומגליק, און כסדר צוגעשאָקלט מיט אַלע גוי־דערם פון זיין אויסגעגאָלטן קין צו אַלעם, וואָס אשכנזי האָט אַזוי הייס און שכלדיק פאַרגעלייגט.

געוויס, דאָס איז זייער אַ שיינער טאַט אויסצובויען צוריק די אינדוסטריע אין באַנייטן פּוילן, וואָס די פאַרדאַמטע דייטשע אָקור־פּאַנטן האָבן חרוב געמאַכט. דאָס איז אַ פּאַטריאָטישער טאַט, וואָס איז לויבנסווערט. אויך וועט דאָס פאַרקלענערן די אַרבעטסלאָזיקייט, וואָס איז לײַדער זייער גרויס. מען האָט פון זיי גענוג צרות, פון די אַרבעטסלאָזע, שטענדיקע דעמאָנסטראַציעס, מיטינגען, גע־שלעגן מיט דער פּאָליציי.

אָבער, אַז עס איז געקומען צום עיקר, וועגן גרויסע קרעדיטן, וואָס די באַנק זאָל געבן אשכנזין צו לאָזן אין גאַנג זיין פאַבריק, איז דער העפלעכער דירעקטאָר מיטאַמאָל פאַרוואָלקנט געוואָרן און נערוועז גענומען פּויקן מיט די דיקע פינגער איבער דעם טיש.

— שווער, זייער שווער, געערמעט הער פּרעזעס, פאַר דער פּוי־לישער באַנק איצט גרויסע קרעדיטן צו געבן. ביים בעסטן ווילן, זענען מיר עס נישט אימשטאַנד. זאָל נאָר דאָס לאַנד קומען זיך, איינפעסטיקן זיך, און מיר וועלן מיט פאַרגעניגן העלפן דער אינ־דוסטריע און האַנדל... איך פאַרזיכער אייך...

ניין, זיי האָבן נישט געהאַט בדעה, די נייע הערשער, אויפצו־בויען צוריק דאָס אידישע לאָדזש. כאָטש דער וואָיעוואָדע פּאַנטש־פּאַנטשעוסקי האָט ביי יעדער געלעגנהייט גערעדט פאַר די פאַר־זאַמלטע אינדוסטריעלער אין שטאָט, אַז ער וועט מיט אַלע כוחות זען העלפן אויפבויען די שטאָט, וואָס די דייטשע אָקופּאַנטן האָבן אויסגעליידיקט און פאַרוויסט, האָט ער נישט געטראַכט צוריקצו־שטעלן אויף די פיס די פּאַראַדישטע שטאָט, דעם ירושלים אויף דער פּוילישער ערד. ער האָט פון אַלעמאָל פיינט געהאַט די שטאָט, נישט געוואָלט אַריינשמעקן צו איר, נישט געקאָנט פאַרטראָגן די פּאַלאַצן, וואָס די גנוועזענע אַרענדאַרן האָבן זיך אויסגעבויט, די קאַרעטן, אין וועלכע זיי האָבן אַרומגאַלאָפּירט. איצט, זינט ער איז געוואָרן וואָיעוואָדע דאָ, איז ער נאָר געווען בייז אויף דער שטאָט, געהאַסט זי.

כאָטש ער האָט געהאט א הויכן אמט אין נייעם פּוילן, דערלעבט צום גרויסן כבוד צו זיין וואָיעוואָדע אין דער צווייטער שטאָט אין לאנד, איז דער וואָיעוואָדע פּאָנטש-פּאַנטשעווסקי געווען נישט צופרידן. ער האָט בעסער געשטרעבט צו אן אנדער אמט, צו אן אַמבאַסאַדע ערגעץ אין פּאריז אָדער אין רוים, וואו מען זאָל האָבן צו טאָן מיט הויכע נאָבעלע פּערזאָנען, נישט מיט אלערליי פאבריקאנטן, קנאָבל-אידן און קרעמער. אבער אין נייעם פּוילן זענען נישט די אַדל-לייט גערופן געוואָרן צו די העכסטע פּאָסטנס, נאָר אלערליי אַדוואָקאטן, פּארטיימאכער, אָפּטמאָל אפילו געוועזענע ארעסטאַנטן און פּעבל פון ערגסטן סאָרט. בלויז געציילטע אריסטאָקראַטן האָט מען הויכע אמטן געגעבן. דערביי האָבן זיי נישט געטאָרט אפילו אונטערשרייבן זיך מיט די אריסטאָקראטישע טיטולן אויף די אָפּיציעלע פּאפּירן, נאָר בלויז ביים נאָמען, ווי יעדער אנדערער בירגער. אין דער רעגירונג זענען געזעסן לייט, וואס ער, פירשט פּאַנטש-פּאַנטשעווסקי, וואָלט זיי פריער די האנט ניט געגעבן. אליין דער אינערן-מיניסטער, דער שעף זיינער, איז אין טורמע ביי די רוסן געזעסן. אָט, אונטער דעם פּארשוין, האָט ער, א פירשט פון בלויסטן בלוט, געמוזט זיין אונטערגעוואָרפן. אבער ערגער פון אלץ איז געווען דאָס, וואס מען האָט אים אין דער אידישער פּאַרמיסטיקטער שטאָט ארייַנגעזעצט, וואו ער מוז זיך צונויפטרעפן מיט אלערליי אידן, פּאבריקאנטן און סוחרים, געוועזענע אַרענדאַרן, הערינג-פּרעסער, רעדן מיט זיי ווי מיט זיינסגלייכן, און טייל פון זיי, די בערן, אפילו אויף בעלער צו זיך אין הויז איינלאדן. אויך קומען אָפּט זשורנאַליסטן צו אים, שמירערס אלערליי פון אויסלענדישע בלעטער, מערסטנס אידלעך, נאָך אינטערוויוען וועגן אָנפאלן אויף אידן אין שטאָט. ער מוז צו זיי א פריינטלעך פּנים מאכן, אויפנעמען און פארזיכערן אין זיין גלייכער באציאונג צו די אידן אין לאנד. לעצטנס האָט ער גאָר געהאט א מיאוסע ארבעט. פון אויסלאנד איז א וויכטיקער דיפּלאָמאט געקומען, כדי אויסצופאָרשן, וואס אין לאנד טוט זיך מיט די אידן, וואָס די זעלנער לופטערן זיי דורך. מיט אים צוזאמען זענען פון ווארשע הויכע באאמטע געקומען. אָט דעם דיפּלאָמאט, וואס איז טאקע א איד דערצו, — שבת איז ער אפילו צו זיינע לייט אין שול ארייַנגעגאנגען, — האָט ער, פירשט פּאַנטש-

פּאַנטשעוסקי, געדאַרפט באַגלייטן, העפלעך זיין צו אים און אפילו א מיטאָג געבן ביי זיך פאר זיין כבוד מיט טאָסטן, רעדעס. און ווי די צייטונגען האָבן געשריבן, שטאַמט ער גאָר פון פוילן, איז ער סך־הכל אן אייניקל פון א פוילישן איד, אן ארענדאר אָדער א קרעמער.

פירשט פּאָנטש־פּאַנטשעוסקי, דער טאַטע פון דער שטאָט, האָט געהאסט די שטאָט זיינע, פיינט געהאט זי נישט ווייניקער פון באַראָן היידעל־היידעללאָו. יעדער מאָל אויפסניי, ווען ער פלעגט דארפן באַגעגענען זיך מיט די אידישע פאבריקאנטן, סוחרים און אינטעליגענטן, איז אים דאָס בלויע פירשטלעכע בלוט פארגליווערט געוואָרן פון דערנידערונג. ער איז גאָרנישט געווען אזא שונא־ישראל, פירשט פּאָנטש־פּאַנטשעוסקי, אבער ער האָט זיי געוואָלט זען, די אידן, אזעלכע ווי אין די קינדער־יאָרן — מיט לאַנגע קאַפּאָטעס, ארענדארן, דאָרפס־גייער, וואס קושן ביים פריץ די פּאָלע, דערשראָקענע, אונטערטעניקע. ער האָט ליב געהאט אלץ, וואס איז אלט, טראַדיציאָנעל, אלץ זאָל זיך פירן ווי ביי טאַטעס און זיידעס האָט זיך געפירט. א פריץ זאָל זיין א פריץ, א פויער — א פויער און א איד — איד. ער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן פוילן אָן א איד, נישט הנאה געהאט פון א פוילישן וועג, וואס אז מען פאָרט פארביי מיט דער קארעטע, זאָל מען נישט אָנטרעפן א בערדיקן געבויגענעם איד, וואס טרעט אָפּ אונטערטעניק דעם וועג און ציט אראָפּ דאָס היטל.

פיינט געהאט האָט ער די אידן מיט די וואָנסן, וואָס זיי לאָזן וואקסן ווי די פריצים, די באַנקירן זייערע מיט די פראַקן אויף די בעלער, די אינטעליגענטן, וואס קריכן אומעטום אריין און רייסן זיך צו זיין דעה־זאָגער, די מאגנאטן אין די פּאַלאַצן און אין די קאַרעטן. ווי לאַנג די רוסן זענען געווען אין לאַנד, האָט פירשט פּאַנטש־פּאַנטשעוסקי גאָרנישט געקאָנט טאָן קעגן דעם. דער גובערנאַטאָר אליין פלעגט גערנער פארברענגען אין די אידישע פּאַלאַצן אויף בעלער און קאָרטן איידער ביי די פריצים אין די הויפן. אָבער איצט, אז פוילן איז געוואָרן צוריק פוילן, דארף מען איינפירן אָרדענונג, ווי אין די גוטע גאָלדענע צייטן האָט זיך געפירט —

פריץ צו דער הערשאפט, פויער צום מיסט און איד צום זעקל אויף די פלייצעס.

קעגן די פויערים און פעבל האָט ער גאָרנישט געקאָנט טאָן. זייער צייט איז אָנגעקומען. אבער ביי די אידן האָט מען יאָ געקאָנט פאַנאַנדערנעמען די הענט. אליין אין דער רעגירונג זענען פיל פון די מיניסטאָרן געווען קעגן זיי. מען האָט געוואָלט דעם מסחר און אינדוסטריע אין פוילישע הענט איבערפירן, און קודם-כל לאָדזש, די אידישע מלוכה, אויסרויכערן און פון איר א ליטישן אייגענעם עכט-פוילישן אינדוסטריע-צענטר מאכן, אָן די אלע קרומנעזיקע קע-ניגן און קעניגלעך, וואס האָבן זיך דאָרט פאַנאַנדערגעלייגט.

און וואָיעוואָדע פאָנטש-פאַנטשעווסקי האָט אלץ געטאָן זיין זאך דורכצופירן. ער האָט איבערגערעדט זיך מיט דעם דירעקטאָר פון דער באנק און אים געהייסן זיין איינגעהאַלטן מיט קרעדיטן ווען אידן וועלן קומען נאָך געלט. דערפאר זאָל מען ארויסגעבן ברייטע קרעדיטן, אויף לאנגע טערמינען, יעדן פאָליאק, וואס וועט פארלייגן א פאבריק אָדער אָפקויפן א פאבריק ביי א אידן. מער נאָך דערפון האָט ער שטארק געשטיצט די נייע פוילישע מאַנו-פאַקטור-אַקציען-געזעלשאפט, וואס די קריסטלעכע פאַרטיי „איי-ניקייט“ האָט געשאפן, כדי צו אנטוויקלען אייגענע גרויסע וועבע-רייען און שפינערייען אין דער פאַראידישטער שטאָט. ער האָט מיניסטאָרן פון דער הויפט-שטאָט אראָפּגעבראכט צו דער עפענונג פון דער ערשטער „אייניקייט“-פאבריק. אויך קאַרדינאַלן און גלחים זיי זאָלן מיט קריסטלעך וואסער די נייע בנינים אָפּשפריצן און הייליקן. אויך האָט ער געלאָזט רופן צו זיך דעם פאָרשטייער פון נאציאָנאלן קריסטלעכן ארבעטער-פאַריין און זיך דורכגערעדט מיט אים, מען זאָל די נייע וועבערייען אנטקעגנקומען, קיין שטרייקן נישט מאכן און לאָזן זיי ארבעטן במנוחה. אָבער מער פון אלץ האָט ער געלט זיי געשאפן, קרעדיטן געגעבן אלערליי, סובסידיעס. ער אליין, דער וואָיעוואָדע, עטלעכע מיניסטאָרן, וויכטיקע דעפּו-טאַטן האָבן טאקע אויך אליין שיינע עטלעכע פעקלעך אַקציעס פון דער נייער אונטערנעמונג געהאט און געטאָן אלץ, אז זיי זאָלן וואקסן און הויבן זיך.

די אידן זענען געלאָפן מיט דעפּוטאַציעס קיין וואַרשע, אויפגעוויזן, אַז דערמיט, וואָס מען העלפט זיי נישט קיין קרעדיט געבן, וואַקסט די אַרבעטסלאָזיקייט, אָבער דער וואָיעוואָדע האָט אַלע זייערע שתדלנותן אָפּגעשלאָגן. אַליין דעם פּרעמיער-מיניסטער האָט ער אויפגעוויזן, אַז פּוילן דאַרף דער עיקר זיין פּאַראינטערעסירט אין דער ערד, אין די גרויסע גיטער, פעלדער און וועלדער, וואָס דאָס איז דער קערן פון לאַנד, נישט אין דער אויפגעבלאָזענער אידישער אינדוסטריע און האַנדל. אויב שוין אינדוסטריע, דאַרף זי זיין אַן אייגענע, אַ פּוילישע, וואָס די פּריצים און מאַגנאַטן דאַרפן אויסבויען, זייערע קאַפּיטאַלן אין דעם אַריינלייגן. נאַטירלעך, האָט עס דער דירעקטאָר פון דער מלוכה-באַנק אין לאָדזש נישט געזאָגט די אידן, וואָס זענען געקומען צו אים נאָך קרעדיטן, וואָרום מען ווייסט, וואָסער טומל די אידן הויבן באַלד אויף דער וועלט, ווען מען רירט זיי אָן, מען האָט דערנאָך צו זינגען און צו זאָגן פון זיי. פאַרקערט, ער האָט שטאַרק געלויבט זייער וועלן אויפבויען די אינדוסטריע, אָבער אַז עס איז געקומען צו געבן געלט, האָט ער זייער אַ פּאַרוואָלקנט פּנים געקריגן און געקלאָגט זיך, אַז דאָס לאַנד האָט קיין געלט נישט. אַלע קרעדיטן זענען אַוועק פאַר די פּריצים אין די דערפער, אויך פאַר דער אייגענער פּוילישער אינדוסטריע, וואָס מען האָט געבויט.

מער ווי אויף אַלע אַנדערע, האָט דער וואָיעוואָדע אויף אשכנזין געהאַט אַ האַרץ, סיי פאַרן פּאַלאַץ, וואָס ער האָט אַזוי פרעך צוגענומען, נאָך מער פאַר דער מלוכה, וואָס ער האָט דאָ אין שטאָט אַמאָל געפירט. ניין, ער איז נישט געוועזן פּאַראינטערעסירט, דער באַלעבאָס פון שטאָט, אַ אידישן קעניג צו האָבן. זאָל ער זיך שטיקן מיט דער חרובער פאַבריק, וואַרגן זיך מיט איר אָן קרעדיטן, און דעמאָלט וועט די געזעלשאַפט „איינקייט" זי אָפּקויפן ביי אים, פאַר אַ קלייניקייט אָפּקויפן. נאָך אים, וועלן אַנדערע אידן זיך אָפּטראָגן פון דאַנען, אַרויס פון זייערע פּאַלאַצן און קאַרעטן, און צוריק זיך נעמען צום זעקל און דער קאַפּאָטע, ווי זיי שטייט אָן.

עטלעכע וואָכן צייט האָט אשכנזי געאַרבעט אין לאַנד, קיין וואַרשע געפאָרן, מיט מענטשן זיך געזען, כדי צו דערגרייכן זיינס.

מענטשן האָבן אים צוגערעדט מיט פּריוואַטע באַנקירן אַריינצוגיין אין עסקים, אַנדערע האָבן אים געגעבן אָנצוהערן, ער זאָל אַ גוי אַ מיוחס אַריינציען אין געשעפט, ווי אַנדערע אידן טוען עס, און דורך זיין שותף צו די הויכע פענסטער אָנשלאָגן. אַ סך זענען זיי געגאַנגען, די גויאישע מיוחסים, צו אידן אין שותפות, וואויל-קלינגענדיקע נעמען אין אידישע געשעפטען אַריינגעלייגט, מיט זייערע עכט-פּוילישע „סקי"ס פאַרדעקט די אַלע אידישע „זאָהנס", „בערגס", „מאַנס" און „שטיינס", מיט וועלכע מען האָט אין קיין מלוכה-באַנק זיך נישט געקאָנט ווייזן, קיין רעגירונגס-באַשטעלונג קריגן. אַליין די רעדאַקטאָרן פון די אַנטיסעמיטישע צייטונגען, וואָס האָבן פרומע קאַטוילישע אַרטיקלען קעגן אַזעלכע שבת-גוים געשריבן, זענען שטילערהייט אין אידישע עסקים אַריינגעקראָכן און פאַרדעקט די טריפהנע אידישע פירמעס. זייער אַ גרויסן מיוחס האָט מען געשדכנט אשכנזין צו זיין פאַבריק, וואָס קיין אייגן געלט אַריינטראָגן וועט ער טאָקע נישט, אָבער דערפאַר וועט ער מיט זיין אַריסטאָקראַטישן נאָמען דעם שלעכט-קלינגענדיקן „אשכנזי" פאַרדעקן. די פאַבריק וועט גרויסע קרעדיטן קריגן, באַשטעלונגען און מ'וועט דעם וואָיעוואָדע אויסשטעלן אַ פייג.

— טראַכט נישט און כאַפּט דעם פויגל, — האָבן מעקלערס צוגערעדט אשכנזין, — ווייל איידער איר וועט זיך אומקוקן, וועלן אים אַנדערע אויסכאַפּן... זיינע אַקציעס זענען גרויס...

אשכנזי האָט די עצות נישט געהערט. ער האָט שוין פון לאַנג געהאַלטן, אַז אַ מענטש דאַרף גיין אַליין אויף דער וועלט, אָן שותפים. אויסער דעם איז ער קיין בעלן נישט געווען אָפּצוגעבן אַ פאַרמעגן עפּעס אַ לייזיקגייער בלויז פאַר זיין מיוחסדיקן נאָמען. ניין, אשכנזי דאַרף זיך מיט זיין נאָמען נישט שעמען. נישטאָ צוליב וואָס! אשכנזי האָט געוויזן ווי אַזוי מיט לייזיקע הענט צו ווערן דער קעניג פון לאָדזש און אשכנזי וועט ווייטער דעם נאָמען זיינעם נישט פאַרשעמען. ער דאַרף נישט קיין אומזיסטע שותפים, צוטשעפּעניש און באַשיינער. ער קאָן אַליין זיין שטעטל באַשטיין. און אויב דאָ איז זיין נאָמען איצט אַ פּסול, אַ ממזר, איז אָבער נאָך דאָ אַ גרויסע וועלט, וואו דער נאָמען אשכנזי האָט אַ ווערט,

וואו מען ווייסט, וואָס אַזוינס אַשכּנזי איז. אין לאָנדאָן ביי די ביינוול- און וואָל-מאַגנאַטן, וואו ער האָט יאָרן לאַנג מיליאָנען-געשעפטן געמאַכט, רוי-שטאָף איינגעקויפט, ווייסט מען ווער עס איז אַשכּנזי און וואָס אַזוינס אַשכּנזי קאָן אויפטאָן. דאָרט איז דער נאָמען זיינער נישט קיין ממזר, דאָרט איז ער מער ווערט פון אַלער-ליי עבט-פּוילישע „סקים", וואָס מען וועט פאַר זיי קיין צעבראָכע-נעם שילינג נישט געבן. קיין לאָנדאָן וועט ער פאָרן, מיט די מאַג-נאַטן זיך דורכרעדן, וועגן זיין אומגליק אין רוסלאַנד דערציילן זיי, וועגן זיינע פּלענער פאַר ווייטער, וועגן דעם נייעם מאַרק, וואָס ער וועט שאַפן פאַר ענגלישע רוי-שטאָפן אין אָפּגעשטאָרבענעם לאָדזש, וועלכעס ער גרייט זיך אויפצולעבן. זאָל מען אים נאָר צוהעלפן מיט קרעדיטן, אונטערשטעלן אים אַ פּלייצע, די פאַבריק העלפן צוריק אויפבויען, און ער וועט ווידער פאַר מיליאָנען פונטן רוי-שטאָפן איינקויפן. ס'וועט זיך לוינען אַריינצולייגן געלט אין זיין פאַבריק, כדי אַריינצוקריגן אַזאַ גוטן אָפּנעמער. געגנוג געלט האָבן זיי ביי אים געמאַכט פאַר די פיל יאָרן, וואָס ער האָט מיט זיי געהאַנדלט. דער גרעסטער אָפּנעמער פון פוילן איז ער געווען, שווערע מיליאָנען-טראַנזאַקציעס געמאַכט און שטענדיק געווען רעיעל, קיינמאָל פּליטה נישט געגאַנגען, ווי אַנדערע, נישט אָנגעזעצט. דער רוח וועט זיי נישט נעמען איצט אַריינצולייגן אַ גרויסע סומע אין זיין פאַבריק אַריין, גרויסע קרעדיטן אים געבן. אַזוי טוען אַלע גוטע געשעפטס-לייט. און זאָלן זיי צעפּלאַצט ווערן, די אַלע שונאים זיינע!

מיט נייע קליידער, מיט אַ סך רייזע-טאַשן, פּעלצן, אָן אַ וואָרט ענגליש אין מויל, בלויז מיט דעם לאָדזשער דייטש, אָבער דערפאַר מיט אַ סך שכלדיקע רייד, סוחרישע פּלענער, חשבונות, באַלאַנסן, קאָנספּעקטן, דיאַגראַמעס און עלווישע המצאות, איז ער שטילערהייט אַוועק קיין לאָנדאָן, ווי אַמאָל, ווען ער האָט ביי די הונצעס זיך אַראָפּגעכאַפּט קיין פראַנקפורט אַם מאַין וועגן אַ כע-מיקער, וואָס ער האָט געדאַרפט. בסוד-סודות, בלויז אָנטרויענדיק זיין אייגן ווייב, דער אידענע מיטן מאַנסבילישן קאָפּ, איז ער קיין לאָנדאָן און מאַנטשעסטער אַוועק. מיט זיין לאָדזשער דייטש איז ער צו די העכסטע ביינוול-מאַגנאַטן אָנגעקומען און מיט זיינע שכלדיקע רייד און פלינקע איינפאַלן אַזאַ איינדרוק אויף די קאַל-

טע „קעניגן" געמאַכט. אַז ער האָט זיי אינגאַנצן געוואונען, אין די הערצער זיך זיי איינגעבאַקן.

ניין, ער האָט נישט קיין טעות געהאַט, מאַקס אשכנזי. ער האָט זיך נישט איבערגעשאַצט, אָבער אויך זיך נישט אונטערגע־שאַצט. דער נאָמען זיינער איז אין לאַנד פון גרויסן קאַפּיטאַל נישט געווען קיין פּסול צוליב דעם אידישן קלאַנג. דאָ האָט מען קיין שווער־קלינגענדיקן פּוילישן נאָמען נישט געפאָדערט. דאָ האָט מען געוואוסט ווער אשכנזי איז, וואָסער טיטול ער האָט אין פּוילן געהאַט — דער קעניג פון מאַנופאַקטור. און ווי אַ קעניג, כאָטש אַ געפאַלענעם, האָט מען אים אויפגענומען. אויף אַ גרויסער פאַר־זאַמלונג, אין איינעם פון די גרעסטע האָטעלן האָט אשכנזי אין זיין לאָדזשער דייטש זיינע פּלענער פאָרגעלייגט און אַלעמען איבער־צייגט. מיט נצחון האָט ער דערנאָך שבת געדאַוונט אין דער שול צו גאָט פאַר זיין חסד, וואָס ער טוט מיט אים ווידער, און ס'ערשטע מאָל געגעסן מיט אַפּעטיט דאָס שבתדיקע כשרע עסן אין אַ אידישן רעסטאָראַן אין דעם אָרעמען ווייטשעפּל.

צוריק פון לאָנדאָן איז ער שוין נישט געפאָרן אַליין, נאָר מיט אַן ענגלענדער אַ ספּעציאַליסט, וואָס די קרעדיטאָרן זיינע האָבן מיט אים מיטגעשיקט, כדי צו זען די זאַך אויפן אָרט. ווי אַן אבן־טוב האָט ער דעם ענגלענדער געהאַלטן ביי זיך אין פּאַלאַץ, גאָרנישט אויף דער ליכטיקער שיין אָרויסגעלאָזט. נישט איבעריק לייכט האָט דער רויט־האָריקער ענגלענדער מיט דער ליולקע אין מויל פאַרשטאַנען אשכנזים דייטש, אָבער אַזוי שלעכט פאַרשטיי־ענדיק דאָס לשון, האָט ער זייער גוט פאַרשטאַנען זיך אין פאַבריק־זאַכן, מסחרים. אינגיכן האָט אשכנזי געקראָגן די ענגלישע קאַפּי־טאַלן, שיינע מיליאָנען אויף אויפצובויען זיין קעניגרייך. נישט נאָר האָט ער די אַלטע פאַבריק צוריק אויסרעמאָנטירט, נאָר די סאַמע נייעסטע מאַשינען פון ענגלאַנד אַראָפּגעבראַכט, וואָס אין פּוילן זעט מען גאָרנישט אַזעלכע און וואָס אַרבעטן אוים פילפאַך מער ווי די פריערדיקע מאַשינען. אַלץ איז געוואָרן איבערגעבויט, אויסגעבריטערט, אוועקגעשטעלט לויט די נייעסטע מעטאָדן, צוועק־מעסיק, ריין און ראַציאָנעל, אַז היימישע אינזשעניערן און ספּע־ציאַליסטן האָבן פון חידוש געגאַפט.

אודאי זענען די אַנטיסעמיטישע צייטונגען אין לאַנד אַרויס קעגן דעם אידישן „קעניג", וואָס האָט אין פרייען פּוילן אויסלענדישן קאַפּיטאַל אַריינגעפירט, כדי צו פאַרשקלאַפן דאָס לאַנד, אַנשטאָט אַן אייגענע אומאָפּהענגיקע אינדוסטריע אויפצובויען. די צייכענער אין די פלוג-בלעטלעך האָבן אין זייער מיאוסע געשטאַלטן פאַרגעשטעלט אשכנזין, מיט אַ קרומער קרוין אויפן קאָפּ, פון וועלכער פּיאות קוקן אַרויס. אויך האָבן זיי זיין נאָז שטאַרק אויסגעצויגן, פאַרקרימט, זי זאָל וואָס אידישער אויסזען. די ליפּן זיינע, שאַרפע און דינע, האָבן זיי געמאַכט גראָב און אַראָפּהענגענדיק, עס זאָל שטאַרק וויילן דעם לייענער, קוקנדיק אויף דעם אידישן מלך, דעם שונא פון לאַנד. אָבער אשכנזי האָט זיך דערפון ווייניק געמאַכט. קיין זאַך האָט אים נישט פאַרשאַפט אַזויפיל נחת, ווי ווען מען האָט געקעמפט קעגן אים. דעמאָלט האָט ער געפילט, אַז ער לעבט, אַז ער הערשט. ווידער איז ער געווען ביי אַלעמען אויף די ליפּן. ווידער איז ער געזעסן אין זיין פאַבריק-קאַבינעט און אַ דינער אין אַן אוניפאָרם, שוין נישט דער אַלטער מעלכיאָר. נאָר אַ צעוואַקסענער גוי, אַ גלייכער און אויסגעשטייפטער, איז געשטאַנען גרייט, ווי אַ זעלנער פאַר אַ גענעראַל, גרייט צו דינען אים, וואַך צו יעדן וואונטש זיינעם. פּוילישע אינזשעניערן, דירעקטאָרן, צייכענער, מעכאַניקער, אַרכיטעקטן, אַלערליי אַנדערע לייט, פּריצים, שליאַכטשיצעס, זענען ווי די קנעכט געשטאַנען פאַר אים מיט די הענט אויף די לענדן, מיט חניפה אין די וואָנסנדיקע מיילער און געדונערט אויף יעדן וואָרט זיינעם:

— טאַק יעסט, פּאַניע פּרעזעסיע!

אַלערליי אָפּגעקומענע פּריצים, גראַפן און באַראָנען, האָבן די טירן אָפּגעשלאָגן, אין דער ריי געוואַרט, מיט בריוו און רעקאָמענדאַציעס, אַבי צו קריגן אַ פּאָסטן, די מינדסטע אַרבעט. האָניק האָט געטריפט פון זייערע וואָנסנדיקע מיילער, חניפה האָט גערוט אין זייערע שלעכטע העלע אויגן. ביי דעם פאַבריק-טויער האָבן טויזנטער אַרבעטער געוואַרט, מיט די היטלען אין די הענט, אויף פאַרשרייבן זיך אויף אַרבעט. אַ סך זענען נאָך אין די מיליטערישע רעקלעך געווען. אשכנזי האָט זיי געזען דורך דעם גרויסן פענסטער פון זיין קאַבינעט און איינגעקוקט זיך אין זייערע פּנימער.

ווער ווייסט, צי זענען נישט געווען צווישן זיי די, וואָס האָבן זיך איבער אים לוסטיק געמאַכט דעמאָלט אויף דעם קליינעם אומגליק-לעכן וואָקזאַלעכל! איצט זענען זיי געשטאַנען דאָ, וואַרטנדיקע, לעכצנדיקע, פון פאַרטאָג אָן האָבן זיי געוואַרט, אַבי ביי אים צו קריגן אַרבעט.

אין דער צייט, ווען ביי די „אייניקייט"-פאַבריקן, וואָס מען האָט גאָלד אין זיי געוואָרפן, האָט זיך די אַרבעט געשלעפּט, פון אָרט נישט גערירט, האָט מען ביי אים, אַשכנזין, געאַרבעט אויף אַלע כלים. אַליין דער וואָיעוואָדע, דער זויערער פירשט מיטן אַלט-מאָדישן הויכן קראַגן און מיטן צלמל אין שוואַרצן אַטלעסענעם שניפּס, איז צו דער דערעפענונג פון דער פאַבריק געקומען און מיט זויערע רייד, פאַרצוקערט אין זיסן, גערעדט וועגן די פאַרדינסטן פון אַשכנזין פאַר אויפשטעלן די אינדוסטריע אין שטאָט.

אַשכנזי האָט אים געדריקט די האַנט דערפאַר און זייער, זיי-ער שיין באַדאַנקט.

ביידע האָבן געפילט ווי אַ באַרירונג פון דערנער אין די פינגער.

אַשכנזים פאַרקאָפּטשעטע קוימענס, וואָס זענען אַזוי לאַנג געשטאַנען פוסט און פּאַס און געקוקט עובר-און-בטל אין הימל אַריין, האָבן איצט ווידער געדיכטע רויכן געלאָזט, איינהילנדיק די שטאָט אין שטיקעניש און עיפּוש. די סירענעס האָבן פאַרטאָג גע-שריגן, געפּייפּט, מענטשן פון שלאָף געוועקט און פון די בעטן אַרויסגעטריבן. סוחרים, מעקלערס, אַגענטן האָבן ווידער אָנגע-פילט זייערע ביוראָס. פאַבריק-וועגענער האָבן סחורות געפירט. אידישע וואָיאַזשאָרן זענען איבער שטעט און שטעטלעך געפאָרן, פאַרבינדונגען אָנגעקניפּט, געשעפטן געמאַכט. וויכטיקע אַגענטן זענען קיין אויסלאַנד געפאָרן, אויף אויסשטעלונגען, יאַרידים און מעסעס, און אַשכנזים סחורות פאַרקויפט, נייע מערק געשאַפן.

אַשכנזי אַליין איז אָפט איבער דער פּיעטראָקאָווער גאַס גע-פאָרן, אָבער נישט מער אין אַ קאַרעטע, נאָר אין אַן אָפענעם אויטאָ-מאָביל, וואָס אַ שאָפער אין אַן אוניפאָרם האָט געפירט און מיט עזות געלאָזט אויספייפן דעם ספּעציעלן סיגנאַל, אַ האָפערדיקן און

בריטן, א וואָרענונג צו אַלע פערד פון די וואָגנס און קאַרעטן, צו מאַכן א ווארע פאַר דער מאַשין, וואָס יאָגט זיי אַלעמען איבער.

די גערדיכטע מאַסן מענטשן אויף דער פּיעטראָקאָווער גאַס האָבן נאָכגעקוקט דעם איינגעשרומפּענעם קעניג, ווי אַמאָל אין די פריערדיקע יאָרן זיינע, און געמורמלט איינער צום אַנדערן:

— אַשכנזי בלייבט אַשכנזי... דער רוח האָט אים נישט גע-נומען !...

## קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

ווי אַן אויסגעהונגערטער, וואָס כאַפּט זיך צו צו דער אכילה און פאַרצערט אָן א שיעור, אָן א גרענעץ, אַזוי האָט די אויסגע-הונגערטע שטאָט לאָדזש זיך צוגעכאַפּט צוריק צו דער אַרבעט נאָך די פּוסט-און-פּאַסטע יאָרן. די שטאָט האָט זיך א ריר געטאָן.

די פּאָליציאַנטן האָבן געטריבן פון די טראָטואַרן. נישט גע-לאָזט זאַמלען זיך, אָבער מען האָט זיי נישט געהערט. ווידער, ווי אין די אַלטע גוטע צייטן, איז די פּיעטראָקאָווער גאַס געווען פול מיט סוחרים, מעקלער, רעשטל-אָפּקויפער, גאַרן-הענדלער, אַגענטן, קאָמיסיאָנערן, וואָיאַזשאָרן. מיט די בליישטיפטלעך אונטער די אויערן, גרייט צו רעכענען און צו חשבונען אויף וואָס עס לאָזט זיך, אויף די אָפּגעשיילטע מויערן, אויף טירן פון געשעפטן, אויף טישלעך פון קאַפעען, מיט קאַפּעליושלעך פאַררוקט, מיט די היטע-לעך פאַרקאַשערט, גיכע, איילנדיקע, צעיאַכמערטע, האָבן זיי זיך געזאַמלט אומעטום, אָנגעפילט די גאַסן, הויפן, געדרעדט, גערוּנגען זיך, וועקסלען אונטערגעשריבן, פאַרטיעס ביינוול פאַרקויפט, גע-קויפט, שטיקלעך סחורה צעדריליעוועט, ביי די לאַצן זיך געטאַפּט, פעדעם ביי ברענענדיקע שוועבלעך אָנגעצונדן, געיאָגט און גע-טריבן.

ווידער אין לאָדזש געווען לאָדזש. די טישלעך אין די קאַ-פעען זענען געווען געפּאַקט, איינגעהילט אין רויך, אַש, רייד, וויצן,

לשון-הרע און געלעכטערן. די בענק און וועקסל-קאנטארן זענען געוועזן איבערפולט. די דראָשקארעס האָבן געיאָגט זייערע אויסגע-דארטע פערדלעך איבער די שלעכט-געפלאַסטערטע גאַסן, געפירט סוחרים צו בענק, קאַפעען, בערזעס און קאַנטאָרן. די צייטונגס-אינגלעך האָבן פארטויבט מיט זייערע געשרייען וועגן די נייעסטע טעלעגראַמעס, די שווערע פאבריק-וואָגנס האָבן געהאַקט איבער די שטיינער. לאָדזש האָט געקאָכט, געזאָטן, געציטערט, באַוועגט זיך. די קוימענס פון אַלע פאַבריקן האָבן איינגעהילט אין רויך און אין עיפּוש. די שווערע שיך פון די אַרבעטער האָבן אָפּגעהילכט אין די שטיינער, די סירענעס האָבן געריסן זיך מיט באַנומענע קולות.

דאָס פּוילישע געלט, די שלעכט-פּאַפּירענע מאַרקן מיט דעם ווייסן אָדלער זענען געפאַלן מיט א ווילדער שנעלקייט, פון אינ-דערפרי ביז אין אָוונט האָבן זיי זייער ווערט פאַרלוירן. מענטשן זענען ארומגעגאַנגען מיט פולע טויזנטער אין די קעשענעס. מען האָט נישט געקאָנט האַלטן קיין מאַרק אין טאַש, מיט דער מינוט איז ער אנטווערטעט געוואָרן. און מען האָט געאײַלט אויסצוגעבן דאָס געלט וואָס פריער, פּטור ווערן פון די פּאַפּירלעך, ווי פון פּגרים. באַלד אינדערפרי האָבן די ווייבער געפעדערט זיך פון זייערע געלעגערס און אויף די מערק און באַזאַרן ארויס, כדי וואָס פריער אריינצוכאַפּן אביסל שפּייז, איידער די צוגעציילטע פּאַפּיר-לעך וועלן ביליקער ווערן. וואָס עס איז געקומען אונטער דער האַנט האָט מען געקויפט, שטיקלעך סחורה, וואָס מען דאַרף נישט, כלים אַלערליי, וואָס נאָר עס האָט זיך געמאַכט, אבי זיך מיט די פאַלנ-דיקע געלטער נישט ארומצוטראָגן. איידער דער סוחר האָט אָפּ-געוואויגן אביסל שפּייז, האָט ער שוין געהעכערט דעם פריערדיקן פּרייז. אָפּטמאָל האָבן די סוחרים גאָר פאַרשלאָסן די קראָמען און אַנטלאָפן פון זייערע קונים. יעדער שעה נישט האַנדלען האָט אַריינגעבראַכט פילפאַך מער, ווי דאָס פאַרקויפן. די פּויערים און די פּויערטעס האָבן זיך אָוועקגעזעצט אויף זייערע זעק קאַרטאָפל, וואָס זיי האָבן געבראַכט אין שטאָט אריין, און געטריבן די ווייבער מיט די בייטשן:

— אוועק, אוועק, מיר האָבן גאָרנישט צו פאַרקויפן! גע-גאַנגען!

און די פאבריקן האָבן נישט אויפגעהערט אַרבעטן, צו דריי שיכטן אַ טאָג. מען האָט די סחורות געכאַפּט פון די הענט אַרויס, צי מען האָט יאָ געדאַרפט, צי נישט. דאָס גאַנצע לאַנד איז משוגע געוואָרן פאַר סחורות.

אַ כשוף האָט אַלע אַרומגעכאַפּט, איינער האָט מיטגעשלעפּט דעם צווייטן. פאבריקאַנטן האָבן גענומען קרעדיטן אין די בענק, נישט רעכענענדיק וויפל און אויף וואָסערע פּראָצענטן. ביז זיי האָבן אומגעקערט, האָבן זיי אָפּגעגעבן אַ הונדערטסטל טייל דער-פון, וואָס זיי האָבן געליען. סוחרים האָבן די סחורות ביי די פאבריקאַנטן צעכאַפּט, גענומען וויפל נאָר מען האָט זיי געוואָלט געבן, ווייל מיט יעדן טאָג זענען די סחורות געשטיגן. די פויערים, אַרבעטער, אָנגעשטעלטע, די גאַנצע באַפעלקערונג האָט געאיילט די סחורות אין די קראָמען אויסצוקויפן: מען האָט מורא געהאַט לאָזן ליגן איבערנאַכט די פּאַפּירענע מאַרקן אין די קעשענעס. די אַרבעטער זענען געווען באַשעפטיקט אין די פאַבריקן, די קרעמער האָבן געלייזט און באַשטעלט שיף ביי די שוסטערס, קליידער ביי שניידערס. איינער האָט געטריבן דעם צווייטן. מען האָט געלעבט אַ ווילד פּאַפּירן-לעבן, אָן חשבון און אויסרעכענונג, אָן זין און גרענעץ. די פאַרכשופטע קייט האָט אַלעמען אַרומגענומען.

פון שטעט און שטעטלעך זענען קונים געקומען, מיט באַנען און פורן, מיט אויטאָמאָבילן און דאַמפּערס. מען האָט געהאַנדלט און געוואַנדלט, געטוישט, געביטן. אין די באַנק-הייזער זענען די באַנקירן גאָרנישט פון די טעלעפאָנען אָפּגעטרעטן... זיי האָבן גע-רעדט מיט גאָר דער וועלט, פעסטגעשטעלט קורסן, געקויפט, פאַר-קויפט, געהויבן, געוואָרפן, נאָטירט. אויף די טראָטואַרן זענען די אָרעמע טוישער אַרומגעלאָפן, געביטן אויסלענדישע געלטער, גע-מעקלערט, אַ וואַנט מיט אַ וואַנט צונויפגעפירט.

די צייטונגען האָבן נישט אויפגעהערט אַרויסצולאָזן נייע אויסגאַבעס מיט די נייעסטע קורסן, וואָס די צייטונגס-אינגלעך האָבן מיט קולות אויסגערופן. די רעגירונג האָט נישט אויפגע-הערט דרוקן די מאַרקן, אויפן ערגסטן פּאַפּיר, וואָס זי האָט גע-האַט, און פאַרגרעסערט די נולן אויף די באַנקנאָטן, פון מאַרקן

טויזנטער געמאכט, פון טויזנטער — מיליאָנען. אָרעמעלייט האָבן אַ טויזנטער-באַנקנאָט צוריקגעוואָרפן אין פּנים, ווען מען האָט זיי אַזעלכן צוגעוואָרפן אַ נדבה.

די פּראָפעסאָרן און עקאָנאָמיסטן האָבן שוואַרץ-זעערישע אַרטיקלען אין די צייטונגען געשריבן וועגן אָפּגרונט, צו וועלכן דאָס לאַנד גייט. די אַנטיסעמיטישע בלעטער האָבן אויף די אידן גע-העצט, אַז זיי וואַרפן דאָס דאָס פּוילישע געלט. אויף די מערק און באַזאַרן, אויף אַלע פּאַרקענס און אָפּגעשיילטע מויערן, וואו דאָס אָרעמע פאָלק קומט, האָבן זיי גרויסע פּלאַקאַטן אויפגעקלעפּט מיט שפּאָט-צייכענונגען אויף די אידישע באַנקירן, ווי גיריקע, מיט געבויגענע נעזער ווי די שנאָבלען, מיט גראָבע ליפּן און געקרייזלטע האָר זיצן זיי ביי גרויסע געלט-זעק, פּאַקן גאָלד אַריין אין זיי, טרעטנדיק די פּוילישע מאַרקן מיט די דיקע פיס. די אַרבעטער און ווייבער האָבן זיך ביי די צייכענונגען אָפּגעשטעלט, געשפּיגן און געשאָלטן. אָפּטמאָל זענען זיי אַ אידישן אַלטוואַרק-הענדלער באַפאַלן און אים די שמאַטעס פון זאַק אַרויסגעטרייסלט, כדי נוקם צו זיין זיך אין די זעק מיט גאָלד, וואָס די אידן זאַמלען אין פּוילן. די פּאָליציאַנטן האָבן מיט די גומענע שטעקעלעך געטריבן די צעיאַכמערטע געלט-מעקלערלעך אין גאַס, אַרעסטירט זיי. די צעשראָקענע פּאַרשווינדלעך מיט די פּאַרקאַשערטע היטעלעך און צעפּלאָטערטע פּאָלעס האָבן געוואָרפן אומגעציילט די געלטער פון זייערע קעשענעס, כדי נישט אַריינצופאַלן אין טורמע. דאָס האָט דער וואָיעוואָדע געוואָלט צעטרייבן די, וואָס וואַרפן דעם פּוילישן מאַרק. אָבער דער געפאַלענער מאַרק האָט זיך דערמיט נישט געהויבן. די פּריצים פון די גיטער, די דעפּוטאַטן אין סיים, די מיניסטאָרן, אַלע האָבן זיי גרויסע קרעדיטן אין די מלוכה-בענק גענומען, פּאַר זיי לאַנד איינגעקויפט, הייזער אויסגעבויט, קאַרעטן און פערד איינגעהאַנדלט, און אָפּגעגעבן האָבן זיי דער מלוכה שפּעטער ווערטלאָזע מיליאָנען, וואָס זענען נישט ווערט געווען דאָס פּאַפּיר, אויף וועלכן מען האָט זיי געדרוקט.

קיינער האָט דעם תוהו-ובוהו נישט געקאָנט איינשטילן, מורא געהאַט אָפּצושטעלן. ווי לאַנג דאָס משוגעת האָט געהאַלטן, האָבן די מענטשן געלעבט, געדרייט זיך, איינער דעם אַנדערן מיטגע-

שלעפּט. אין משוגעת האָט מען געאַרבעט, הייזער אויסגעבויט, קינדער חתונה געמאַכט, דורות אויף דער וועלט געבראַכט. די פּאַפּירענע קייט האָט געהאַלטן. מען האָט געוואוסט, אַז זי וועט זיך מוזן ענדלעך צערייסן און אַלץ וועט זיך פונאַנדערפאַלן. אָבער אָפּשטעלן זי האָט מען מורא געהאַט. מען האָט געציטערט פאַר דעם חורבן, וואָס וועט קומען, מען האָט געוואָלט גיין אין פאַרבלענדעניש.

די איינציקע, וואָס האָבן זיך נישט מיטגעדרייט מיטן רעדל, זענען געווען די אַרבעטער, די באַלמעלאָכעס. כאָטש מען האָט זיי אַלע וואָך געהעכערט די לוינען, האָבן זיי ביז דעם לוין־טאָג פאַרלוירן פון זייערע געהאַלטן. מיט פולע קעשענעס פּאַפּירלעך און מיט ליידיקע מאָגנס אין די קערפּערס האָבן די ווייבער געלאָזט זיך אויף די מערק באַלד אינדערפרי, אָבער זיי האָבן צוריקגעבראַכט ליידיקע קוישלעך. גאָרנישט איז געווען צו קריגן פאַר די פּאַפּירלעך, וואָס האָבן איבער דער וואָך פאַרלוירן זייער קליינעם ווערט. צעטומלטע פון די ריזיקע סומען, וואָס זענען אין זייערע קעפּ נישט געקראָכן, מיט קללות אין די מיילער, זענען זיי אַהיימגעגאַנגען צו די הונגעריקע מענער און קינדער.

אויפן באַלוט האָבן די וועב־שטולן נישט אויפגעהערט קלאַפּן, אפילו אין די נעכט האָבן זיי זיך נישט אָפּגעשטעלט. ווי די פליגן אין די שפּינוועבס, זענען די מענער, ווייבער און קינדער פאַרפּלאָנטערט געווען אין די שטולן, געאַרבעט, פון די כוחות זיך אַרויסגעיאָגט, כדי אָפּצונעמען וואָס מער מאַרקן פאַר די אויסגעאַרבעטע קעטעס. אָבער וואָס מער די באַלוטער מענטשן האָבן זיך פון די כוחות אַרויסגעשלאָגן, וואָס מער זיי האָבן אַרבעט אַריינגעלייגט, אַלץ מער זענען די פּאַפּירלעך, וואָס זיי האָבן פאַר דער אַרבעט אָפּגענומען, ווערטלאָזער געוואָרן, ביליקער. פון די אַלע מיליאָנען איז נישט געווען פאַר וואָס שבת צו מאַכן. די שבת־דיקע אויסגענייטע טישטיכלעך האָבן נישט קיין חלות איבערגעדעקט אין די שבתים, נאָר שוואַרצע ברויטן. אויך קיין ווײַן איז צום קידוש נישט געווען. אַ הערינג איז דער עונג־שבת געווען ביי די אָרעמע וועבער־טישן.

טוביה האָט, ווי שטענדיק, ארויסגעלאָזט פּראָקלאַמאַציעס, גערעדט, אויפגעוויזן מיט שכל, ווי אויפן חשבון פון די אַרבעטנ-דיקע הוליען די פאַרמעגלעכע, ווי פאַר נישטיקע פּאַפּירלעך קויפן די באַזיצער דעם שווייס און בלוט פון די אָרעמע. די פּאָליציי האָט די פּראָקלאַמאַציעס אויף די ווענט אָפּגעריסן, די קלעפּער אין די טורמעס איינגעזעצט. דער אַמאָליקער זשאַנדאַרמען-פּאָלקאָוו-ניק קאָניצקי, וואס איז ביי די רוסן פון קאַטאָליציזם צו פּראַוואָס-לאַוויע איבערגעגאַנגען, כדי צו קריגן אַ גוטע שטעלע אין דער פּאָ-ליטישער פּאָליציי, איז איצט צוריק פון דער פּראַוואָסלאַוויע צום קאַטאָליציזם איבערגעגאַנגען, מיט היילין וואסער זיך אָפּגעשפּריצט און געאַרבעט אין דער פּוילישער פּאָליטישער פּאָליציי, אונטער דער מאַכט פון די, וואס ער האָט אַמאָל אין לאָדזש אין די טור-מעס אַריינגעפּאַקט. אין דעם אייגענעם קאַבינעט, וואו אַמאָל האָט געהאַנגען דער קאָפּ פון רוסישן צאַר, האָט איצט געהאַנגען דער קאָפּ פון דעם, אויף וועלכן קאָניצקי האָט זיך מיט זיינע זשאַנ-דאַרמען און אַגענטן אַרומגעיאָגט. אונטער אָט דעם קאָפּ איז ער געזעסן, קאָניצקי, און אויסגעפּאָרשט מיט זיינע אייגענע פּסיכאָ-לאָגישע מעטאָדן די שונאים פון דער נייער הערשאַפט. די איינ-געשפּאַרטע האָט ער געהייסן שלאָגן, די שוואַכערע האָט ער מיט האָניק-רייד, מיט מאַרקסיסטישע ציטאַטן אויף זיין זייט געזוכט צו געווינען, כדי צו מאַכן פון זיי אַגענטן און פּראָוואָקאַטאָרן. ער האָט טוביהס ליט געריינינקט ווי אַמאָל. קיין שום זאַך האָט זיך נישט געביטן אין דער שטאָט פון רויך, עיפּוש, געלט און צאָרן.

אין אַשכּנזיס פאַבריקן האָבן די קוימענס מער ווי אין אַלע אַנדערע געראַויכערט די הימלען. גרילציקער ווי אומעטום האָבן די סירענעס געריסן זיך אין די פאַרטאָגן. די נייע מאַשינען האָבן שנעלער ווי אין אַלע אַנדערע פאַבריקן געאַרבעט, סחורות ארויס-געשפּיגן. אַבער אַשכּנזי האָט נישט געפילט דאָס גליק פון נייעם קעניגרייך. די קרוין האָט נישט געגלעט דעם קאָפּ פון קעניג, נאָר געשטאָכן ווי אַ דערנער-קראַנץ.

ער האָט געזען, אַשכּנזי, צו וואס דאָס לאַנד גייט, צו וואָסער אָפּגרונט מען קייקלט זיך אַראָפּ. ניין, דאָס קלאַפּעריי פון די מאַ-שינען האָט אים נישט פאַרקלאַפּט דעם קאָפּ זיינעם, דעם אָפענעם

און ווייט-זעענדיקן. דאָס פייפן פון די סירענעס האָט נישט פאַר-טומלט זיין מוח. ער האָט געזען, אַז די פּאַפּירענע קייט וועט מוזן פּלאַצן, איבעררייסן זיך, ווייל פּאַפּיר קאָן נישט לאַנג האַלטן, האָט קיין האַפט נישט. ער האָט געוואוסט, אַז דער יום-הדין וועט מוזן קומען, ווען מען וועט דאַרפן צאָלן פאַר דעם אומזיניקן לעבן, וואָס מען פירט, אַז פאַר די זינד פון די רשעים וועלן ליידן די גערעכטע. ווי תמיד, אַ געשעפטסמאַן, און אַ סוחר דאַרף אין זינען האָבן געשעפט. אָבער געזען האָט ער, אַז, צום אומגליק, וועלן אין דער אמתן נאָר זיי אַליין כאַפּן פּיש אין ווילדן מבול. זיין פון די גערעכטע, אויף וועמעס פּלייצעס עס וועלן פאַלן די זינד פון די אומגערעכטע. ער האָט געהאַט אַן אויג אויף דעם, וואָס עס טוט זיך. ביי די אַלע געשרייען און געוואַלטן, וואָס די דע-פּוטאַטן, מיניסטאָרן, גרויסע לייט און מאָראַליזירנדיקע פּובלי-ציסטן ווארפן אויף די פאַבריקאַנטן, די אויסנוצער פון לאַנד, וועלן אין דער אמתן נאָר זיי אַליין כאַפּן פּיש אין ווילדן מבול. זיי, די אַלע פּריצים, דירעקטאָרן, פירער פון די מלוכהשע געזעל-שאַפטן און קאָאָפּעראַטיוון, לייען דאָס די ריזיקע קאַפּיטאַלן ביי דער רעגירונג, פאַר וואס זיי וועלן אָפּצאָלן שפּעטער מיט די ווערט-לאָזע פּאַפּירלעך. פאַר אָט די הלוואות בויען זיי אוים הייזער און פאַבריקן, קויפן פעלדער און וועלדער, באַרויבן דאָס לאַנד.

אַנדערש איז עס מיט די פאַבריקאַנטן, די סוחרים. זיי קריגן בלויז צוגעוואָרפן אַ ביין. די סמעטענע נעמען אַראָפּ די, וואָס זיצן אַליין ביי דער שיסל. זיי אַרבעטן, די פאַבריקאַנטן, זשויבן געלט, אָבער דער חשבון וועט קומען, מ׳וועט דאַרפן אָפּצאָלן פאַר וואָל און ביינוול נישט אין די ווערטלאָזע פּאַפּירלעך, נאָר אין גוט אויסלענדיש געלט. און קיין געלט וועט נישט זיין.

ער האָט איינגעזען, אשכנזי, אַז זיין געשעפט מיט די ענג-לענדער, וואס ער האָט אַזוי קלוג אויסגערעכנט, האָט געטויגט פאַרן טייוול. ער האָט גערעכנט מיט לאָגיק, מיט מענשלעכן פאַר-שטאַנד. אָבער אין צייט פון משוגעת איז קלאָרקייט אַן אומזין. צווישן בלויז משוגעים איז אַ קלאָרער נישט ביים שכל. ער האָט אויסגעמיטן די היימישע גענג, געלאָזט זיך אויף זיין וועג, אויף

זעלבסטשטענדיקייט, אליין צו בויען זיין ווערק. ער האָט קיינמאָל נישט געהאלטן פון קיין שותפים, ווייל ער האָט אלעמאָל גע-גלויבט, אז מיט אייגענע כוחות דאַרף א מענטש גיין. אין גאַנצן לעבן זיינעם האָט ער זיך אזוי געפירט און די רעזולטאטן זענען שטענדיק געווען גוטע. וואָרום אזוי זאָגט דער שכל הישר. אָבער דער גלייכער שכל איז גוט געווען פריער, האָט זיך אשכנזי ארומ-געזען, ווען די וועלט איז געווען וועלט און סוחרים זענען געווען סוחרים. איצט האָט זיך אלץ איבערגעקערט, אלץ גייט מיטן קאָפּ אראָפּ און די פיס ארויף. נישט דער שכל, דער ווייטער קוק האָט צו זאָגן, נאָר דער צופאל, אומזין און משוגעת. פאַר-קערט, וואָס מער עמיצער איז אן עיקש, א צעדרייטער קאָפּ, א פּלוט, אלץ בעסער מאכט ער. און וואָס מער מען רעכנט, מען בויט אויף פעסטע גרונטזיילן, אלץ מער פאלט מען דורך.

אשכנזי האָט נישט געהאט קיין רו אין זיין גרויסן קאבינעט, וואָס איז פול געווען מיט באוועגונג. ער האָט זיך נישט געקאָנט ארויסציען פון דעם תוהו-ובוהו, כאָטש ער האָט עס געוואָלט. ער האָט גלייך געזען, אז דאָס בעסטע וואָלט געווען פאַר אים בא-צייטנס ארויסצוציען זיך פון משוגעת, אָפּצושטעלן די פאבריק, וואָס טראָגט זיך ווי א הפקרדיקע שיף אויף די צעיושעטע כוואַליעס פון מבול, צום אייגענעם אומקום.

דאָס בעסטע איז אין אזא פאל אָפּצושטעלן די שיף, דעם אנ-קער פאַרוואַרפן און לאָזן זי וואַרטן ביז דער שטורעם וועט ארי-בער. אָבער ער האָט נישט געקאָנט אָפּשטעלן זיך. דאָס משוגעת האָט אים מיטגעשלעפּט קעגן זיין ווילן. מען האָט טויזנטער ארבעטער נישט געקאָנט אָפּזאָגן און ארויסוואַרפן. זיי וואָלטן אים די פאבריק צעטראָגן, א לעבעדיקן פון די הענט נישט ארויס-געלאָזט. און דער וואָיעוואָדע וואָלט זיך נישט שטאַרק אָנגענומען פאַר אים. אלע וואָלטן זיך ארויפגעוואָרפן אויף אים, די פאַריינען, די סאָציאַליסטישע ווי די קריסטלעך-סאָציאַלע, די פרעסע, די ליבע-ראַלע ווי די אַנטיסעמיטישע, אפילו די אידישע רעוואָלוציאָנערן, כאָטש ער האַלט נישט קיין אידן אין פאבריק, אלע, ווער עס האָט נאָר א האַנט און א פּוס, און מער פון אלע דער וואָיעוואָדע, וואָס וויל זען זיין בלוט, ווייל אים אין א לעפל וואַסער דערטרינקען.

עס איז מעגלעך אפילו, אז די רעגירונג וואָלט גאָר איבערגענומען די פאבריק, כדי זי זאָל צו לאָזן ווייטער אין גאנג. נישטאָ מער קיין רעכט אין דעם נייעם לאנד ביי די נייע הערשער. מען טוט וואָס מען וויל. א מענטש איז נישט מער באַלעבאָס איבער זיין פארמעגן, ווי דאָרט אויף דער צווייטער זייט ביי די רוסן. נאָר אנשטאָט רויבן דאָס אָנגערויבטע ביי אַלעמען, ווי מען מאכט עס אין רוס-לאנד, רויבט מען דאָ דאָס אָנגערויבטע ביי די אידן, כדי עס אוועק-צוגעבן די גוים. זיי קוקן נאָר אויס אויף דער מינוט אריינצו-קריגען זיך צו אים אין קעניגרייך, וואָס רייסט זיי די אויגן. די מינדעסטע צוטשעפעניש זוכן זיי. אמת, דאָס געזעץ איז אויף זיין זייט, יעדער קאָן טאָן מיט זיין פארמעגן וואָס ער וויל, אָבער דאָס איז בלויז אויפן פאפיר. דערווייל, ביז וואָס ווען, ביז ער וועט זיך דערשלאָגן צו די געריכטן, ריכטער, וועלן אים די אויגן פון קאָפ ארויסקריכן. עס וועט זיין דאָס אייגענע ווי מיטן פאלאץ. גרינג איז ארויסצוגיין, אָבער שווער איז צוריק אריינצוקומען.

ניין, ער האָט נישט געקאָנט קעגנשטעלן זיך דעם מבול פון משוגעת, וואָס האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויף דעם לאנד. קענען זיין ווילן, האָט ער געמוזט לאָזן זיין שיף אויף די צעיושעטע כוואַ-ליעס, לאָזן זי גיין וואו זי וויל, ביז זי וועט זיך אָנשלאָגן אין א פעלז און צעשמעטערט ווערן. דריי שיכטן א טאָג האָט די פאבריק געארבעט, געוואָרפן סחורות פון זיך, כדי אריינצוברענגען צוריק ווערטלאָזע פאפירלעך.

סוחרים האָבן אים געטרייסט:

— לאָזט דעם הלוך ילך'ן, הער פרעזעס, — האָבן זיי אים געזאָגט. — אפשר וועט זיך אויסלאָזן צום גוטן. דערווייל לעבט מען און עס רודערט זיך. אויף מאָרגן זאָל גאָט זאָרגן.

אָבער אשכנזי האָט די האָפערדיקע רייד נישט אויפגענומען. ער האָט זיך קיינמאָל נישט איבעריק פארלאָזט אויף בטחון. דאָס האָט דער שווער זיינער, ר' חיים אַלטער, געהאַלטן א וועלט דער-פון. אשכנזי האָט עס געלאָזט פאר אַנדערע, פאר פוילאַקעס און בטלנים. אויך איצט האָט ער דערין נישט געגלויבט. ער האָט געזען די קאטאסטראָפע, דאָס אומגליק, וואָס רוקט זיך אָן, ווי א קאַ-

פּיטאַן זעט די הפקרדיקע שיף זיינע, איבער וועלכער ער האָט פאַרלוירן דעם קאָנטראָל. קיין בטחון וועט דאָ נישט העלפן. פון מבול וועלן אַרויס די, וואָס האָבן געבויט אויף לופט-שלעסער, וואָס האָבן געכאַפּט, געלאַפּט, גענומען ביי וועמען עס האָט זיך געלאָזט, אָן דין און חשבון. זיי, די אַלע לופט-קעפּ, אויך די אַלע, וואָס האָבן אַ צד ביי דער שיסל, פּראָטעקציעס אַלערליי ביי די מלוכה-בענק, אָדער מיט שבת-גוים זיך באַזאָרגט, זיי וועלן אָפּ-לעקן אַ ביין, רייך ווערן אויף דעם חשבון פון די קרעדיטן, וואָס זיי נעמען און פאַר וועלכע זיי וועלן אָפּגעבן שטיקלעך פּאַפּיר. די סאָלידע, די אַלטע גוואַרדיע, די וואָס האָבן געבויט אויף אַ פעסטן גרונט, וועלן צעריבן ווערן, אָפּגעווישט ווערן פון אויבער-פלאַך.

פּונקט ווי אַמאָל, ווען דאָס קלאַפּן פון דער פאַבריק פלעגט אָנפילן זיינע אויערן מיט גליק, ווייל יעדער קלאַפּ האָט אויסגע-מינצט פאַר אים גאָלד, אַזוי האָט יעדער קלאַפּ אָנגעפילט אים איצט מיט טרויער, אויסגעקלאַפּט נאָך אַ נאָגל צו דער מטה זיי-נער, אין וועלכער ער וועט ווערן באַגראָבן. דאָס שרייען פון די סירענעס האָט אויסגערופן זיין סוף.

דאָך איז ער נישט אָפּגעטרעטן פון פאַבריק-קאַבינעט זיינעם, טאָג און נאַכט דאָרט אָפּגעזעסן. און אפילו פאַרטאָג, ווי נאָר די סירענעס האָבן גענומען פייפן און וועקן פון שלאָף, איז אשכנזי אַרויס פון בעט, צוגלייך מיט אַלע אַרבעטער, און געאיילט צו דער אַרבעט. דאָס ווייב זיינס, די האַלב-געליימטע און קראַנקע, האָט אים אָפּגעהאַלטן.

— מאַקס, ליג נאָך אַביסל, רו דיך אויס, — האָט זי אים געבעטן. — די גאָלדענע געשעפטן, מ'שטיינס געזאָגט, וועלן נישט אַנטלויפן. היט דיר אָפּ דאָס געזונט.

— איך קאָן נישט איינליגן, — האָט אשכנזי געענטפערט, און אַ זיפצנדיקער און צעבראָכענער אָנגעטאָן די קליידער אויף זיין אויסגעדאַרטן גוף.

דער קאַמערדינער האָט, ווי אַמאָל, זייער פייערלעך אויף אַ זילבערנער טאַץ צוגעטראָגן זיין הער דעם פרישטיק, אַ פרישטיק פון אַלעם גוטען, אבער אַשכנזי האָט דערפון בלויז אַ דאַר שטיקל

געטריקנטע חלה גענומען, א פענצעל די גרויס, און א האלב גלאָז מילך. דער קעניג פון לאָדזש האָט געקאָנט פארצערן בלויז אזוי־פיל, וויפל מען גיט אן אָרעמאן א נדבה. זיין אויסגעדאַרטער קערפּער האָט זיך, נאָך די פּעטערבורגער טעג, אָפּגעוואוינט פון שפּייז. זיין איינגעשרומפּענער מאָגן האָט קיין זאך נישט פאר־דייעט. אויפגעהאַלטן האָבן אים די ארבעט, די טראַכטענישן און די זאָרגן, די איינציקע שפּייזן, וואס האָבן אים גענערט און לעבנס־כוחות געגעבן צו טראָגן זיך אויף זיינע קנאָכיקע פיס, צו יאָגן און צו טרייבן.

## קאַפּיטל פיר און צוואנציק

פונקט ווי אין די מסחרים, אזוי אויך אין זיין נייעם לעבן, האָט אשכנזי גערעכנט, אָבער זיך פאררעכנט.

ער האָט אלץ געטאָן אָנצוהויבן זיין לעבן אויפסניי, אזוי ווי ער האָט דאָס אויסגערעכנט פיל מאָל אין די ערשטע אומגליקלעכע טעג פון זיין לעבן, צום ערשט אויפן גלעגער פון זיין רעקווירירט הויז אין פּעטערבורג, דערנאָך אין קעלער, שפּעטער אין די זיבן טעג פון דער שבעה, ווען ער איז געזעסן בענקעלע ביי בענקעלע מיט גערטרוד זיין טאָכטער נאָך דעם אומגעקומענעם צווילינגס־ברודער זיינעם. זי איז געבליבן אליין, די טאָכטער זיינע. אליין מיט א קינד און מיט דער מוטער אויף דער וועלט. צוליב אים, צוליב זיין רעטונג, איז זי אן אלמנה געבליבן. און ער האָט איר אָפּגע־צאָלט, אשכנזי, פאר אלע צייטן אָפּגעצאָלט. אויך דעם זון זיי־נעם, איגנאַצן, האָט ער אראָפּגעבראַכט פון דער פרעמד, כדי צו זיין צו אים א פאָטער, א היטער און שיצער. פונקט ווי זיינע קינדער, וואס ער האָט א גאַנץ לעבן פארלאָזן און איצט אָפּגעצאָלט זיי פאר אלעמען, האָט ער אויך דינהלען געוואָלט אָפּצאָלן איצט פאר אלע עוולות זיינע, כדי אין די לעצטע יאָרן צו פאַרריכטן דאָס, וואס ער האָט א גאַנץ לעבן צעשטערט. אָבער די שטוב,

וואָס ער האָט אַזוי אומברחמנותדיק אַמאָל צעבראָכן, האָט זיך נישט געלאָזט צוריק צוזאַמענשטעלן. קיין קלעפּעכץ האָט נישט געהאַלטן די צעבראָכענע שאַרבנס, וואָס אשכנזי האָט גע־פּרוּווט צוזאַמענקלעפּן.

גלייך ווי ער האָט צוריקגעקריגן דעם פּאַלאַץ זיינעם, האָט ער געוואָלט אַריינגעמען די טאָכטער צו זיך. נישט פאַר זיך האָט ער געדאַרפט דעם פּאַלאַץ, פאַר וועלכן ער האָט אַזוי פאַרביסן גע־קעמפט אים צוריקצוקריגן. ער איז אַלעמאָל געווען פרעמד אין אים, מער נאָך איצט, אויף זיינע פריצייטיק אַלטע און צעבראָכענע יאָרן. די גרויסקייט פון די זאַלן, די ליידיקייט פון די פיל שטובן, האָט אים דערדריקט, נאָך קלענער געמאַכט ווי ער איז געווען. פּוסטער פון אַלץ איז געווען דער גרויסער טיש אין עס־זאַל, אַרום וועלכן ביידע, ער און זיין ווייב, זענען געזעסן. עלנטע, מידע, זענען זיי ביידע געזעסן ביים ריזיקן טיש, צו וועלכן די דינער האָבן אויף זילבערנע טאַצן פּייערלעך שפּייזן צוגעטראָגן, קוים פאַרזוכט עפּעס און געשוויגן, קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט צו זיך. גאָרנישט איז געווען וועגן וואָס צו רעדן.

אשכנזי האָט געוואָלט האָבן די טאָכטער ביי זיך, זי זאָל אַריינטראָגן וואַרעמקייט און היימישקייט אין דער פּאַלאַציִשער קאַלטקייט. אויך האָט ער געוואָלט האָבן זיין אייניקל, די קליינע פּריווע, וואָס האָט נאָך זיין אַמאָליקער שוויגער געהייסן. ווי אַ גלאָק פון אַ פרייִלעכן שליטן אין אַ קאַלטן איינזאַמען פאַרשנייטן וועג, האָט געקלונגען דאָס געלעכטער פון דער קליינער, ווען זי פּלעגט אַריינקומען אין די גרויסע פּאַלאַץ־שטובן. סיי אשכנזי אַליין, סיי דאָס ווייב זיינס, די האַלב־געליימטע קינדערלאָזע פרוי, האָבן געבעטן ביי גערטרודן, זי זאָל אָפּלאָזן איר הויז, וואָס זי האַלט, און איבערציִען זיך אין פּאַלאַץ אַריין, זיין צוזאַמען. גער־טרוד האָט נישט געוואָלט. מאַקס אשכנזי האָט זיך משער געווען, אַז דאָס וויל זיין טאָכטער נישט אַריבערקלייבן זיך צו אים צוליב דער מוטער, און ער האָט זיך איבערגערעדט מיט זיין ווייב, אָפּצו־געבן אַ באַזונדערן שטאָק פאַר דער טאָכטער און מוטער. פרוי אשכנזי איז איינגעגאַנגען דערויף. זי האָט גאָרנישט געהאַט קעגן דער פריערדיקער פרוי פון איר מאַן. ביידע זענען זיי שוין געווען

אין די יאָרן, ווען ווייבערשע שנאה צוליב א מאן פאַרשווינדט און בלויז א געפיל פון פריינטשאַפט קומט אָן, צו האַלטן זיך צוזאַמען. אשכנזי האָט געלאָזט וויסן גערטרוד זיין טאָכטער, געבעטן זי, זי זאָל זיך איבעררעדן מיט די מוטער. אָבער סיי גערטרוד, סיי דינהלע האָבן נישט געוואָלט אריבערקלייבן זיך פון זייער וואוינונג אין פּאַלאַץ אריין. אשכנזי האָט זיי געשיקט געלט, א סך געלט, עס זאָל זיי גאָרנישט פעלן אין זייער הויז. אויך האָט ער די געשעפטן פון ברודער זיינעם פאַרזאָרגט, כדי פון גערטרודן יעדער עול אראָפּ־צונעמען. אָבער קומען צו אים אין פּאַלאַץ אריין האָט זי נישט געאיילט זיך.

צווישן פאָטער און דער מוטער האָט זי שטענדיק אויסגע־קליבן די מוטער. זי האָט אויפן פאָטער רחמנות געהאַט איצט, געזען זיין עלנט, אָבער קיין ליבשאַפט צו אים האָט זי נישט גע־פילט. דאָס, וואָס דער פאָטער האָט פאַר אַלע יאָרן אָפּגעפרעמדט, אויסגעוואָרצלט יעדער פאָטערלעכן געפיל ביי איר, דאָס האָט מער נישט געקאָנט צוריקקומען. שטילערהייט האָט זי אפילו געפילט א ווידערווילן צו אים. צוליב אים איז דאָס איר מאן אומגעקומען. תמיד האָט ער איר נאָר צרות פאַרשאַפט, טרויער אָנשטאָט פרייד, און אויך ווען ער האָט שוין געוואָלט פרייד ברענגען, האָט ער אומגליק געבראַכט אויף איר קאָפּ. זי איז געווען נישט פרום, אָבער אבערגלויבעריש, געגלויבט אין מזל. פון אַלע מאָל איז איר פאָטער איר בייזער גייסט געווען. צום לעצט האָט ער איר גאַנץ גליק צעשטערט. זי האָט אים נישט אויסגערעדט. זי האָט געזען זיין פינסטער מזל. דאָס לעבן אַליין האָט אים אָפּגעצאָלט פאַר זיין אומזיניק פירן זיך. פאַראַן גערעכטיקייט אויף דער וועלט. זי האָט רחמנות געהאַט אויף אים, אָבער קיין ליבשאַפט ביי זיך צו אים האָט זי נישט געקאָנט אַרויסקריגן. וויפל זי האָט זיך נישט געמיט, האָט זי גאָרנישט געקאָנט אויפוועקן קיין וואַרעמקייט אין איר האַרץ צו דעם, וואָס האָט זי געבוירן.

די מוטער אַליין פלעגט זי מוזן טרייבן, זי זאָל נעמען דאָס קינד און אַריבערגיין אַמאָל צום פאָטער.

— פאַרגעס נישט, טאָכטער, אַז ער איז א טאַטע, — האָט זי

זי געשטראָפט. — ער האָט אין איין טעלעפאָנירן. אפילו דעם אויטאָמאָביל האָט ער צוגעשיקט.

אשכנזי האָט אַלע געשעפטן אָוועקגעלייגט, ווען די טאָכטער איז צו אים געקומען. ער האָט איר מתנות געקויפט, צום האַרץ זי צוגעדריקט. די קליינע פּריוווע האָט ער אויף די דאַרע קני גענומען און געהוידעט, אויף דעם טעפּיך זיך מיט איר אויסגע־לייגט און ווי א הונט געבילט, צום פאַרגעניגן און געלעכטער פון קינד. ער האָט איר אויך א סך מתנות געגעבן, יעדן טאָג אַנדערע צוגעשיקט מיטן דינער. דאָס, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געגעבן זיינע אייגענע קינדער, האָט ער איצט געגעבן דעם אייניקל זיינעם. אויך די אַלטע פרוי זיינע האָט די קליינע אַרומגענומען מיט די האַלב־געליימטע הענט, אויסגעקושט איר די פּולכנע הענטלעך, יעדער לאָק אין קאָפּ. אָבער די קליינע האָט נישט געקלעפּט צו די נייע זיידע און באָבע.

— קום אהיים, מאַמע, — האָט זי געריסן די מוטער ביים קלייד. — איך וויל צו דער אַנדערער באָבע.

נאָך פּוסטער פלעגט ווערן אין פּאַלאַץ נאָך זייער אָוועקגיין.

אשכנזי האָט אַראָפּגעבראַכט דעם זון זיינעם. ער האָט אים געלט געשיקט קיין פּאַריז, מיט בריוו פּאַרוואָרפן, ער זאָל קומען צו פאָרן קיין לאָדזש. נאָך לאַנגע בקשות איז דער זון געקומען. אָבער אשכנזי האָט אים נישט דערקענט. פאַר אים איז געשטאַנען א מאַן א רייפער, א צעוואַקסענער, קיין האָר נישט פון דעם אינגל פון די אַמאָליקע יאָרן. גאָרנישט איז געווען אין אים פון פאָטער. אויך די שטימע זיינע איז געווען א גראָבע און א פרעמדע. ספּע־ציעל איז זי פאַרגרעבט געווען אין מיליטער, וואו ער האָט געדינט אין מלחמה־צייט. אשכנזי האָט זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינ־גער, כדי צו דערגרייכן מיט די ליפּן צום זונס באַק, וואָס ער האָט וואַרעם אויסגעקושט. אָבער דער זון זיינער האָט אים קוים מיט די ליפּן אָנגערירט די איינגעשרומפּענע באַק און געהאַלטן זיך אַזוי פרעמד, ווי ער וואָלט גאָרנישט זיך אָנגעקערט מיט דעם קליינעם איינגעשרומפּענעם מאַן. אפילו די שפּראַך, דעם שטוביק דייטש, האָט ער נישט רעכט געדענקט און גערעדט פראַנצויזיש,

וואָס דער פֿאָטער האָט קיין וואָרט נישט פֿאַרשטאַנען. דער זעלנער איז אים געלעגן אין יעדער באַוועגונג. אַ שטראָם פֿון אַ מעסער האָט דורכגעשניטן אַ האַלב פּנים זיינס, צוגעבנדיק אים פֿרעמד־קייט און גויאישקייט.

— אויפֿן פּראָנט געבאַפּט, — האָט ער געזאָגט מיט אַ גע־לעכטער, ווי ער וואָלט פֿון עפּעס זייער אַ פֿריילעכער צייט דער־מאָנט. — אָרנטלעך דורכגעהאַקט.

אשכנזי האָט זיך דערפֿילט אָפּגעשטויסן פֿון דעם פֿרעמדן מאַן. נאָך פֿרעמדער האָט ער זיך דערפֿילט, ווען דער זון האָט אים מיט זיין פֿראַנצויזקע באַקענט, אַ פֿרוי אַ טונקל־הויטיקע, אַ קנאָכיקע, מיט זייער גרויסע שוואַרצע אויגן, וואָס ביי זייער גאַנצער שוואַרצקייט האָבן זיי קיין טראָפּן אידישקייט נישט אין זיך. מיט לאַנגע פֿאַרביקע אוירינגלעך אין די אויערן, מיט אַ סך בראַנזאָלעטן אויף די קנאָכיקע שטאַרק־טונקעלע הענט, מיט דינע געטאָקטע פֿיס, וואָס קוקן אַרויס פֿון שטאַרק קורצן קליידל, אין קליידער פֿאַרביקע, שרייענדיקע, האָט זי דערמאָנט אין איינע פֿון די אונגאַרישע טענצערינס אין די קאַבאַרעטן, וואָס אשכנזין פֿלעגט אַמאָל אויסקומען זען אין די וועגן, ווען ער האָט געמוזט מיט סוחרים אַ געשעפֿט באַגיסן. קיין איין וואָרט אויסער פֿראַנ־צויזיש האָט זי נישט פֿאַרשטאַנען. אשכנזין איז גלייך קלאָר גע־וואָרן, אַז זי דאַרף זיין אַ גויע, אַ פֿראַנצויזין, צי אפֿשר גאָר נאָך ערגער, אַ ציגיינערין, אָדער איינע פֿון די פֿראַנצויזישע קאָלאָ־ניעס. ער איז שטאַרק רויט געוואָרן, דאָס גאַנצע בלוט האָט ער דערפֿילט אין זיין בלאַס פּנים, ווען די קנאָכיקע הוים־בלוטיקע נקבה האָט אים די באַק אויסגעקושט, מיט שמחה אים אין די אויגן אַריינגעלאַכט:

— מאָן פּער, מאָן פּער!

און באַלד דערויף האָט זי איר קליין האָריק הינטעלע געכאַפּט אין די אָרעמס, געקושט עס איז נעזל, אין די אויגן און גערעדט דערצו מיט הייסע, ראַשיקע און פֿרעמדע צערטלעכע רייד.

ער האָט דעם זון נישט געפֿרעגט וועגן איר, אָבער ער איז געווען זיכער, אַז זי איז אַ גויע. ער האָט עס געזען סיי אין איר

אויפפירונג, סיי אין דעם הינטעלע, וואָס זי האט גאָר פון די הענט נישט אַרויסגעלאָזט. זי האָט אויך קיין ברעקל בושה נישט געהאט אין זיך. אין זיין קעגנוואַרט, אשכנזים, איז זי פּלוצלונג צוגעפאַלן צום מאַן און אים באַדעקט מיט קושן, געצערטלט זיך צו אים און אויפגעפירט זיך גאָרנישט ווי מען פירט זיך אין א לייטישער שטוב, ווי אשכנזי איז געוואוינט געווען. ער האָט זיך גערויטלט, אשכנזי, גאָרנישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך פאַר בושה.

נאָך די ערשטע עטלעכע טעג, האָט אשכנזי גענומען מיטן זון רעדן וועגן א תכלית. ער האָט געוואָלט אַריינציען דעם בן-יחיד זיינעם אין דער פאַבריק, אויסלערנען אים מסחר, כדי ער זאָל האָבן וועמען איבערצולאָזן זיין פאַרמעגן, דאָס הויז אשכנזי זאָל נישט אונטערגיין נאָך זיין טויט. אָבער דער זון האָט אין פאַבריק נישט געוואָלט אריינשמעקן. ער האָט נישט פאַרטראָגן דאָס קלאַפּן און רוישן, די ארבעטער, דעם טומל און גערודער. עס זענען אים גאָרנישט געקראָכן אין קאָפּ אַריין די אַלע סוחרישע רייד, וואָס דער פאָטער האָט אין אים אַריינגערעדט. ער איז גלייך צוריק אנטלאָפן אין פאַלאַץ, כדי צו פאַרברענגען מיט נארישקייטן. גאנצע טעג האָט ער געמאכט ספּאָרט, געפעכט, געשוואומען אין באַסיין, געשפּילט זיך מיטן הינטל אָדער אַרומגעריסן זיך מיטן ווייב. זי האָט געמאכט קולות, די טונקל-הויטיקע פראַנצויזקע, אז דער פּאַלאַץ איז אויף רעדער געגאַנגען. אשכנזי האָט קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען פון מבול רייד אין דער פרעמדער שפּראַך, אָבער פאַרשטאַנען האָט ער, אז זי פּליאַקעוועט גאָר אויף דעם גרויסן שטייגער. איגנאַץ האָט געשוויגן, נאָר אַז זי פּלעגט זיך צעלאָזן גאָר אויף די הויכע טענער און קריכן אים מיט די נעגל אין פּנים אַריין, האָט ער איר אויסגעפּאטשט, אז מען האָט געהערט די הילכן איבער אַלע שטובן. אשכנזין איז דאָס בלוט פאַרגליווערט געוואָרן. עס איז אים געווען א חרפּה פאַר זיך, פאַר דעם ווייב, פאַר דער דינערשאַפט. וואָס-וואָס, נאָר פון אויפהויבן א האַנט האָט ער קיינמאָל נישט געהאלטן, נאָך דערצו אויף א נקבה. דאָס האָט ער געוואוסט, קומט פאַר ביי גוים, ביי אַרבעטער, נישט ביי לייטישע מענטשן, אין א אידישער שטוב, נאָך דערצו ביי אים

אין שטוב. אָבער די ברוין-הויטיקע פראַנצויזין האָט זיך ווייניק געמאַכט פון איגנאַצס פּעטש. באַלד נאָכן אויסווייִנען זיך, האָט זי גיך אָנגעפּודערט דאָס פּנים, אונטערגעפאַרבט די אויגן, די ליפּן אָנגעשמירט און אין די אויגן פון אַלע ארויסגעוואָרפן זיך קושן און האַלזן איר שלעגער מיטן זעלבן ברען, ווי זי האָט פריער געוואָרפן זיך אין צאָרן אויף אים מיט די נעגל. זי האָט געלאַכט הויך, ראַשיק, מיט הילכיקע קושן די מאַנסבילשע הענט באַדעקט. באַלד דערויף איז זי איר הינטל מיט אַזעלכע קושן באַפאַלן. ביים מיטאָג האָט זי מיט זולל וסובאשן אַפּעטיט געגעסן די פילע גע-ריכטן און וויין געטרונקען ווי א שיכור. אָפּטמאָל פלעגט גאָר איג-נאַץ פאַרנעמען דעם פּאָטערס אויטאָמאָביל און ארומפליען איבער די וועגן, איבערשרעקנדיג מיט זיין ווילדן פליען אַלע דאָרפישע מענטשן, בהמות און עופות. די פּאָליציי האָט אַלץ נייע פּראָטאָ-קאָלן קעגן אים געמאַכט. וויפיל מאָל דער פאָטער האָט גענדאַרפט די מאַשין, האָט ער זי נישט געהאַט.

— דער יונגער הער האָט זי גענומען, — האָט דער שאָפער געזאָגט א ברוגזער.

אָבער ערגער פון אַלץ איז געווען מיט געלט. ער האָט א וועלט מיט געלט גענדאַרפט, אשכנזים זון. ער האָט זיך אין שטאָט מיט אַלערליי פאַרדעכטיקע פּאַרשוינען ארומגעפירט, אין קאָרטן גע-שפּילט, אין קאַבאַרעטן געגאַנגען, אוואַנטורעס מיט אָפיצירן גע-האַט אין די שאַנטאַנען, געשיכורט. נאַכט ביי נאַכט פלעגט מען אים אָן אָנגעזויפטן פון די רעסטאָראַנען ברענגען. אויך האָט ער די דינערשאַפט געזידלט.

מענטשן האָבן אים אַלץ נייע שלעכטע גרוסן פון זיין זון געבראַכט.

— ער קערט וועלטן, אשכנזי יוניאָר, הער פּרעזעס, — האָבן זיי אים דערציילט.

וויפל געלט דער פאָטער האָט אים נישט געגעבן, איז אים אַלץ ווייניק געווען; און אַז ער האָט אים גענומען מוסרן, רעדן צו אים וועגן א תכלית, האָט ער גאָרנישט געוואָלט הערן און גענומען פּאַקן זיך אין וועג, צוריק קיין פּאַריז.

— וואָס וועסטו טאָן דאָרט ? — האָט אים דער פֿאָטער גע־פרעגט.

— אין פרעמדן-לעגיאָן אריינטרעטן און קיין אפריקע אוועק.
— האָט ער געזאָגט א פינסטערער, קוקנדיק מיט האַס דעם פֿאָטער אין די אויגן — ס׳איז מיר סיי ווי סיי אַלץ נמאס...

דער פֿאָטער האָט אים נישט אַוועקגעלאָזט. ווידער אמאָל און אָבער אמאָל האָט ער אים געלטער געגעבן, נאָכגעגעבן אים אַלע זיינע שמד-שטיק, כדי אים איינצונעמען, צוגעוואוינען אים צום נייעם לעבן. אָבער דער יונג האָט נישט געוואָלט אַריינגיין אין נייעם לעבן. קיין זאַך איז אים נישט געפעלן געוואָרן. ער האָט פיינט געהאט דאָ די מאכלים, די מענטשן, די שטאָט, די שפּראַך. ער האָט גאָרנישט אויפגעהערט רייסן זיך קיין פּאַריז. מער נאָך פון אים איז די ברוין-הויטיקע פאַרשווינטע זיינע אַרומגעגאַנגען אָן אָנגעבלאָזענע. אמאָל איז ער אויף אַ ווייל גוט געוואָרן, איינ־נאַץ, מיטן פֿאָטער גערעדט, צו דער מוטער געקלעפּט און אפילו זי מיט געוואָלט אין פּאַלאַץ צום פֿאָטער געבראַכט. אשכנזי איז געשטאַנען א פאַרלוירענער, דינהלע האָט געפלאַמט ווי א קליין מיידעלע.

— וואָס מאַכט מען ? — האָט אשכנזי געפרעגט דינהלען א פאַרלוירענער.

— וואָס זאָל מען מאַכן ? — האָט דינהלע צוריקגעענטפערט, ברענענדיק אין פלאַמען.

איינגאַץ האָט ביידע מיט געוואָלט צוגעפירט איינעם צום אַנ־דערן און זיי מיט ביידע הענט צוגעהאַלטן.

— נו, צעקושט זיך ! נו, גענוג געווען ברוגז ! — האָט ער געזאָגט און געקוואָלן פון נחת.

די קנאָכיקע פראַנצויזקע האָט ראַשיק מיט ביידע הענט אַפּ־לאָדירט.

— בראַוואָ, בראַוואָ !

די עלטערן האָבן אויפגעשיינט. טאַטע-מאַמע האָבן געגלויבט, אז ער ווערט אַן אַנדערער, אז ער וועט זיך איינלעבן דאָ, גיין

אויף א מענטשלעכן וועג און ברענגען זיי נחת פאר אלע צייטן. זיי האבן שוין אפילו גענומען וועלן דערגיין ביי אים וועגן דער פראנצויזקע זיינער, דערוויסן זיך איינמאל פאר אלעמאל ווער זי איז, וואס זי איז און צו זענען זיי טאקע מאן און ווייב, חלילה, אדער בלויז געליבטער און געליבטע, וואס קאנען זיך פאנאנדער-גיין אזוי לייכט ווי זיי זענען זיך צונויפגעקומען. זיי האבן נאך געוואלט נחת האבן אין אים, אינגאנצן, דערלעבן זיין חתונה מיט א היימישער אידישער טאכטער. אבער ווי גיך ער איז גוט געווארן, אזוי גיך איז ער פלוצלינג ווילד געווארן, גאנצע טעג זיך אין שטוב נישט געוויזן, נישט אין פאלאץ, נישט ביי דער מוטער אין הויז. ער איז אוועק קיין ווארשע אויף טעג, נישט דערציילנדיק פריער וועגן דעם, נישט געבנדיק פון זיך צו וויסן אפילו. די עלטערן האבן זיך די אויגן אויסגעקוקט. צוריקקומען פלעגט ער א בייזער, אן אויפגערעגטער, שרייען, טומלען, אז ער קאן דא נישט זיצן, אז אלץ שטייט אים ווי א ביין אין האלז.

איינמאל פון א רייזע אזא איז ער מער נישט צוריקגעקומען, צוזאמען מיט זיין פראנצויזקע, הינטל און די זאכן. מיט א וואך שפעטער איז אנגעקומען פון אים א קורצע טעלעגראמע, אז ער איז ווידער אין פאריז און אז דער פאטער זאל אים שיקן געלט אויף דעם אדרעס פון האטעל, וואו ער וואוינט.

אשכנזי האט זיך געפילט באליידיקט, געקרענקט.

— א זון זאל אזוי גארנישט האבן איבערגענומען פון טאטן! — האט אים געעגבערט אין מוח, ווי אין די צייטן, ווען איגנאץ איז נאך א אינגל געווען און שוין זיינע ווילדע פירעכצן ארויסגעוויזן.

גארנישט פון קיין איד איז געווען אין דעם פארשוין, סיי אין זיין בענקען נאך מיליטער, סיי אין זיין ארומיאגן זיך נאך אלער-ליי הולטייסטוועס און משוגעתן, סיי אין זיין האס צו מסחר, תכלית-זאכן. אינגאנצן האט ער אים דערמאנט אין הונצעס זין די הולטאיעס. אויך זיי האבן אזוי געהאסט די שטאט, דעם מסחר, די מענטשן דא, און מער פון אלץ דעם אייגענעם פאטער.

אשכנזי האָט טעלעפאָנירט וועגן דער טעלעגראַמע דינהלען, וואָס איז אומגעגאַנגען אָן א קאָפּ איבער איר זון.

— מילא, — האָט ער זי געטרייסט, — אבי ער איז דאָ, דער אוצר, זאָל זיין אין פּאַריז.

אָבער זיך אַליין האָט ער נישט געקאָנט טרייסטן. ער האָט שוין געזען איצט, אז די שפּיל איז פאַרן טייוול, אז פון דעם יונג וועט קיין לייט נישט זיין. ער האָט געוואָלט אויפבויען צוריק זיין הויז מיט הייזער גלייך, צוגרייטן א יורש פאַר זיך, אָבער ס'לאָזט זיך נישט. נישט ער וועט פון דעם זון זיינעם די וועלט האָבן, נישט ער וועט פון אים יענע וועלט האָבן. קיין ברעקל אידישקייט האָט ער נישט אין זיך, שלעפּט זיך ארום מיט א גויע, א ציגיי-נערין אָדער דער רוח ווייסט זי ווער זי איז. הלואי ער זאָל דאָס רענדל נישט איבערבייטן, אויב ער איז שוין נישט, גאָט באַהיט, געשמדט, — האָט אשכנזי געזאָרגט.

גאָט, פאַרוואָס קומט דאָס אים? — האָט אשכנזי געקנייטשט דעם שטערן. — ער, וואָס דאָס גאַנצע לעבן אַרבעט ער, שלאָגט זיך פון די כוחות אַרויס, מיידט אויס יעדער הולטייסטווע, זאָל האָבן אַזאַ יורש. פאַר וועמען אַרבעט ער דען, מ'שטיינס געזאָגט? נישט פאַר זיך. ער אַליין האָט קיינמאָל גאָרנישט נישט געדאַרפט און דאַרף איצט אודאי גאָרנישט. זיין גאַנצע שפּייז פון טאָג איז ווערט גראָשנס. פאַר וועמען האָט ער אָנגעהויבן איצט אַלץ אויפ-סנייַ? נאָר פאַר זיי, פאַר די קינדער. און וואָסער פרעמדקייט עס איז דאָ פון זיי צו אים! די טאָכטער האַלט זיך פון ווייטן. קוים וואָס מעט זעט זי. דער זון איז אים א שונא. קיין מענטשלעך וואָרט האָט ער גאָרנישט געוואָלט אויסרעדן. אפילו זיך נישט געזעגנט. בלויז א טעלעגראַמע נאָך געלט האָט ער צוגעשיקט.

נאָך די טעג פון צרות און עגמת-נפש אין פאַבריק האָט ער אין שטוב גאָרנישט געהאַט, א חוץ דער אייגענער איינזאַמקייט און דער פרוים קרעכצן. ביי דער ארבעט האָט ער זיך נאָך ווי עס איז פאַרגעסן. אָבער אין די נעכט, די לאַנגע און שלאָפלאָזע, זענען אַלערליי שלעכטע געדאַנקען אָנגעקומען. אַלערליי חולאתן זענען אַרויס. די ביינער האָבן געבראָכן, אויפן האַרץ האָט גע-

ברענט. אָפטמאָל האָט ער א שטעכעניש אין די זייטן דערפילט, וואָס האָט גאָרנישט אָפּגעלאָזט. און פון צייט צו צייט האָט ביים האַרץ אים פלוצלינג פאַרקלעמט. נאָך פאַר דער מלחמה האָט ער אַזעלכע זאַכן דערפילט און זיך באַאומרואיקט וועגן דעם, נאָר ער איז קיינמאָל צו קיין דאָקטאָר נישט געגאַנגען, נישט געהאַט קיין צייט דערצו. אין דער אַרבעט, אין יאָגן און טרייבן האָט ער זיך אין אַלעם פאַרגעסן. א מאָל האָבן אים דאָקטוירים אפילו געוואָרנט, אז ער דאַרף זיך היילן, אז עפּעס איז נישט אינגאַנצן מיט זיין געזונט, נאָר ער האָט זיי נישט געהערט. ער האָט נישט געהאַט דערצו קיין געדולד.

אפילו די ציין פלעגט ער זיך נישט אויסהיילן ווי עס גע-הערט צו זיין. ער האָט נישט געקאָנט איינזיצן אויף דער דענ-טיסטן-שטול. ס'האָט אים פון אָרט געטראָגן. מיט סאָדע האָט ער פאַרטרונקען די ברענענישן אויפן האַרצן. מיט וואַרעמע פלעשער האָט ער פאַרשטופּט די ווייטאָקן אין די זייטן און אין רוקן. ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט אַוועקפאָרן אין די בעדער, וואוהין די דאָקטוירים האָבן אים געשיקט. איצט זענען זיי אַלע ארויסגע-קראָכן, די ווייטאָקן, מיטאַמאָל. דער גאַנצער קליינער קערפּער זיינער איז פול געווען מיט מיחושן, שטעכעניש און ברעכעניש. דאָס ווייב האָט אים געיאָגט צו דאָקטוירים, געבראַכט פּראָפע-סאָרן צו אים אין שטוב, נאָר ער האָט זיי נישט געוואָלט קענען. ער האָט געוואוסט פריעראווים וואָס זיי וועלן אים הייסן — רוען א סך, פאָרן אין די בעדער, נישט זאָרגן זיך, שלאָפן אין די נעכט, אָפּהיטן זיך. אשכנזי האָט קיין איינס פון די אַלע זאַכן נישט געקאָנט פאָלגן. מער ווי שטענדיק האָט אים געטראָגן איצט, ערגער ווי אַלעמאָל זענען די געשעפטן געגאַנגען, צו אָפּגרונט זענען זיי געלאָפן. אין שטוב איז געווען איינזאַם, אומעטיק. די טאָכטער איז געווען פרעמד, פאַרטרויערט. דער זון האָט פון זיך נישט געלאָזט הערן א חוץ א טעלעגראַמע, ווען דער טשעק איז אַרויסגעשיקט געוואָרן צו שפּעט. דער אומגעקומענער ברודער איז גאָרנישט אַוועק אין די נעכט פון די אויגן. ווי דעמאָלט אין וואָקזאַלעכל, איז ער געלעגן פאַר אשכנזים אויגן א גרויסער, א מעכטיקער, מיט א שניר׳ל בלוט פון שטערן, וואָס רינט אין דער

באָרד אריין און גליוועדט. וויפל אשכנזי האָט נישט פארמאַכט די אויגן, כדי נישט צו זען דאָס דאָזיקע בילד, אַלץ מער האָט ער עס געזען. ער האָט אַלערליי פּילן גענומען, כדי די אויגן צוצו־מאַכן, אַנטשלאָפן צו ווערן, אָבער זיי האָבן זיך נישט צוגעמאַכט. זיי האָבן זיך גלייך צו די פּילן צוגעוואוינט, נישט רעאַגירט אויף זיי.

ניין, ער האָט נישט געקאָנט אויספירן די פּראָפעסאָרישע עצות וועגן רוען, נישט זאָרגן, שלאָפן אין די נעכט און אָפּהיטן זיך. זיין קליינער צעוויטאָקטער קערפּער האָט קיין רו נישט גע־האַט. פון ווייכסטן געלעגער אויפן פראַנצויזישן בעט האָט עס אים געהויבן.

עס האָט זיך נישט געלאָזט צוזאַמענקלעפּן דאָס צעבראָכענע הויז, ווי ער האָט עס אָפּגעמאַכט ביי זיך אין די אומגליקלעכע פּעטערבורגער טעג. די שאַרבנס זענען זיך צעפאַלן. און ער האָט ארומגעבלאָנדזשעט איבער די גרויסע פּאַלאַץ־שטובן אין די שלאָפ־לאָזע נעכט, ארומגעטשאַפּעט אין שלאָף־ראָק און אין די שטעק־שיך.

די בראָנזענע מעפיסטאָפעלן האָבן, ווי אמאָל, געשטשירעט אויף אים מיט די ציין און געלאַכט אין די שטילע נעכט זייער שפּאָטיש געלעכטער.

## קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

לאָדזש האָט געפּלאַצט.

די פּאַפּירענע קייט, וואָס האָט די שטאָט ארומגענומען, האָט זיך צעריסן, אויף פּיץ־פּיצלעך צעפליקט. די שלעכט־געדרוקטע מאַרקן מיט די פּיל נולן אויף זיי זענען אינגאַנצן אָפּגעשטעלט געוואָרן און נייע גילדנס, זילבערנע, מיט אָדלערס און אויסגע־קריצטע קעפּ, זענען ארויס פון די מינצערייען אין גאַס. צוזאַמען

מיט די שמאַטעדיקע מאַרקן איז פאַרשוואונדן אין שטאָט די אַר־בעט, יאָגעניש, קויף און פאַרקויף, דאָס גאַנצע פּאַפּירענע לעבן. אַלץ האָט זיך אָפּגעשטעלט.

די לאַגערן און די פאַבריקן זענען געבליבן פול מיט סחורות, וואָס מען האָט אָנגעאַרבעט פאַר דער גאַנצער צייט אָן חשבון און צאָל. די קראָמען האָבן מער קיין גראָשן נישט געלייזט. די טראָטואַרן, וואָס זענען פריער פול געווען מיט קונים פון די שטעט און שטעטלעך, זענען אָפּגעליידיקט געוואָרן. די פּאָליציאַנטן האָבן קיינעם נישט גענאַרפט יאָגן מער. אין די קאַפעען און רעס־טאָראַנדלעך זענען די קעלנער אַרומגעגאַנגען עובר־בטל און גע־יאָגט מיט די האַנטיכלעך די פליגן, וואָס האָבן געקלעפּט צו דעם פאַרלעגענעם זיסן געבעקס אויף די בופעטן. ביי די טישלעך זע־נען געזעסן די אַגענטן, מעקלערס, געלט־טוישער, קאָמיסיאָנערן, וואָיאַזשאָרן, זיי האָבן געשריבן מיט די בליישטיפטן אויף די מאַרמאָרנע טאַפלס, גערעכנט, חשבונות אונטערגעפירט, נאָר קיין גלאָז קאַווע האָט קיינער פון זיי נישט באַשטעלט. מען האָט בלויז געריבן די פּאַפּיראָסלעך איינס נאָכן אַנדערן, אָנצינדענדיק זיי מיט די מיליאָניקע ווערטלאָזע מאַרקן, וואָס האָבן איצט פאַר שוועבעלעך געדינט.

— אַ קאַווע? אַ טיי? — האָבן די קעלנערס געמונטערט די זיצנדיקע ביי די טישלעך, צו דערמאָנען זיי, אַז זיי דאַרפן עפּעס באַשטעלן.

— שפּעטער! — האָבן זיך די מענטשן אָפּגעבעטן און גע־דיכט פאַרשריבן די טישלעך.

דאָס האָט מען אויסגערעכנט, ווער עס האָט אָפּגעלעקט אַ ביין ביי דעם גרויסן יאַריד און ווער עס האָט געבראָכן הענט און פיס. לאָדזש האָט זיך איבערגעקערט, קבצנים, משרתים, אַלערליי פּוסטע קעפּ און דרייער זענען אַריין אין די פּעדערן אין די משוגע־נע טעג, האָבן געכאַפּט, געדרייט, אָנגעליגן און געבליבן ביי פאַר־מעגנס. די סאָלידע, די גבירים, די שטענדיקע חכמים און גרויסע אויפטוער, זענען געבליבן ביים בייטשל, ביי די שלעכט־געדרוקטע מאַרקן, וואָס האָבן קיין ווערט נישט געהאַט.

פון אויסלאַנד האָבן אָנגעהויבן זיך ווייזן די ערשטע פויגל, די פאָרשטייער פון די וואָל- און ביינוול-קאָמפּאַניס, וואָס זענען געקומען אויפמאַנען פאַר די רוי-שטאָפן. מער ווי ווערטלאָז פּאַ-פּיר האָבן די אָפּנעמער נישט געהאַט וואָס צו געבן. דאָס איז אַלץ געווען, וואָס איז זיי פאַרבליבן. באַנקראָטן האָבן געהאָגלט. די געריכטן זענען געווען פול מיט פּראָצעסן, אַדוואָקאַטן. אין די טונקעלע דומפּיקע נאָטאַר-קאַנצעלאַריעס איז געווען פול ווי אין חסידים-שטיבלעך. מענער האָבן באַצייטנס אָפּגעשריבן זייערע הייזער, פאַבריקן, געשעפטן אויף די נעמען פון זייערע ווייבער, כדי די בעלי-חובות זאָלן זיי נישט צונעמען.

די פאַבריקן זענען געשטאַנען. קיין איין ביסל רויך האָבן די פאַרקאָפּטשעטע קוימענס מער נישט געלאָזן. די אייזערנע פאַב-ריק-טויערן זענען געשטאַנען געשלאָסן, ווי די פעסטונגען, קיינעם נישט אַריינגעלאָזט, נישט אַרויסגעלאָזט. די אַרבעטער האָבן אין די טויזנטער איבער די גאַסן זיך אַרומגעשלעפּט, מיט ליידיקע קע-שענעס און מיט איבעריקע הענט. מאַסן זענען ביי די אַרבעטס-פאַרמיטלונגס-ביוראָען געשטאַנען אין דער ריי און געוואַרט אויף דעם אויסרוף פון שמאָל-געעפנטן טירל וועגן עפּעס אַן אַרבעט. דאָס האָט מען קיין פראַנקרייך אַרבעטער געזוכט אויף צו גראָבן קוילן אין די גרובענס, און די פאַבריק-אַרבעטער האָבן זיך גע-שטויסן אין די רייען, כדי אַריינצוקריגן זיך אין צעטל פון די, וואָס דאַרפן אַוועק פון אייגענעם לאַנד, היים און פאַמיליע, אַבי אונטער דער פרעמדער ערד צו געפינען חיונה. אַלערליי אַגענטן פון שיפס-געזעלשאַפטן האָבן זיך אַרומגעדרייט צווישן די מענער אין די רייען, דערציילט זיי וועגן די גליקן אין פרעמדע לענדער איבערן ים, וואָס מען קאָן מאַכן, צוגערעדט צו קויפן שיפסקאַרטן. אויסגעפּוצטע שווינדלער האָבן זיך פאַר קאָנסולן פאָרגעשטעלט און פאַלשע וויזעס און פּאַספּאָרטן געגעבן פאַר די לעצטע געלטער. אַנטיסעמיטישע אַגיטאַטאָרן האָבן גיפטיקע רעדעס געהאַלטן קעגן די אידישע פאַבריקאַנטן, וואָס האָבן די פּוילישע אַרבעטער אַרויס-געוואָרפן אין גאַס, כדי זיי אוועקצושיקן אין פרעמדע לענדער און אַליין צו בלייבן אין לאַנד, איינצופירן דאָס מלכות פון ישראל. קירבע-גבאים האָבן זיך מיט פּושקעס אַרומגעדרייט, געקלונגען און

גערופן צו געבן נדבות פאר דער נייער קירכע אין שטאָט, וואָס מען דאַרף אויסבויען. רעוואָלוציאָנערן האָבן שטילערהייט פּראָקלאַמאַציעס געטיילט, שלעכט-געדרוקטע פּאַפּירלעך, פול מיט האַס קעגן די רייכע און הערשער און פול מיט קאַמפּס-רופן, איינצופירן די הערשאַפט פון די אַרבעטנדיקע. אַגענטן, פּאָליציאַנטן, פּאַטריאָטישע ווייבער, סטודענטן אין קליינע פאַרביקע היטעלעך האָבן זיך נאָך די רעוואָלוציאָנערן געיאָגט, געשלאָגן זיי, אַרעסטירט און מיט קללות און שפּייענישן געפירט זיי, צעשלאָגענע, מיט בלויזע קעפּ און אונטערגעהאַקטע אויגן, אין די שטאָטישע פּאָליציי-קאָמיסאַריאַטן.

— שלאָגט זיי, די טראָצקיס! — האָבן קולות גערופן, — קיין פּאַלעסטינע!

אויפן באַלוט זענען ווידער די וועב-מאַשינען געשטאַנען איבערגעדעקט אין די וואָכן-טעג מיט די שבתדיקע טישטיכער. ביי די שניידערס, זאָקנמאַכערינס, גאַלאַנטעריע-אַרבעטער, נייטאָרינס, זענען די מאַשינען געווען פאַררוקט אין די ווינקעלעך פאַרלאָזענע און פאַרטרוקנטע. קינדער, דאַרע, אויסגעצערטע, זענען אין די שטובן געזעסן, דורך די גלאַטעטע שויבן צו די פוסטע געסלעך אַרויסגעקוקט. די הענדלער פון אַלטוואַרג מיט זייערע ליידיקע זעק און גרויסע בערד האָבן גאָרנישט אויפגעהערט פאַררייסן די מרה-שחורהדיקע אויגן צו די אָרעמע פענסטער, זוכנדיק צו קויפן עפּעס. קיינער האָט זיי ניט גערופן. בלינדע, הינקעדיקע, קרומע, אמתע און געמאַכטע קריפּלס, האָבן זיך אַרומגעשלעפּט איבער די הויפן, פאַרלייגט זייערע געצעלטן ביי די עיפּושדיקע מיסטקאַסטנס, וואו הפקרדיקע הינט און קעץ האָבן געראָיעט, און געזונגען זייערע טרויעריקע בעטלערישע ניגונים.

זיי האָבן אויף מער גאָרנישט געהאַט צו וואַרטן, די מענטשן פון באַלוט. שוין פריער האָבן די מאַשינען זיי אַרויסגעשטויסן, דער דאַמף האָט זיי אויסגערויכערט. אין די פאַבריקן האָבן זיי די פּוילישע און דייטשע אַרבעטער נישט אַריינגעלאָזט. אפילו אין די אידישע פאַבריקן האָבן זיי נישט געטאָרט אַריינקומען. די גוים האָבן זיי פון די פאַבריק-האַליעס פאַריאָגט. צו זיי האָט געהערט

בלויז די אלטע וועב-שטול. אין די משוגענע טעג, ווען יעדער אומ-זין האָט געהאט אן אָרט, האָבן אויך די באַלוט-לייט געארבעט, מיט די הענט קאָנקורענץ קעגן דאמף געפירט. איצט זענען זיי גע-ווען די ערשטע ארויסצופליען. קיין ארבעטסלאָזע-שטיצע האָבן זיי נישט געקריגן. דער וואָיעוואָדע פאנטש-פאנטשעווסקי האָט שוין אַזוי דעם געזעץ געזען צוצושניידן, אז בלויז די ארבעטער פון די גרויסע פאבריקן זאָלן קריגן זייער גראָשעדיקע באַלוינונג. די געזעלן פון די קליינע אידישע ווערקשטאַטלעך זענען אין חשבון נישט אריין.

יונגע און קרעפטיקע בחורים האָבן זיך געשטעלט אין די רייען פון די מלוכהשע ארבעטס-ביוראָס, וואו מען גיט שווארצע ארבעט ביי גראָבן קאנאַלן, מאכן שאָסייען, אָבער די גוים האָבן זיי פאר-טריבן.

— געגאנגען פון דאנען, מוישעס, — האָבן די ארבעטסלאָזע זיי געיאָגט, — אוועק, טאַטעלע, מאַמעלע, אוי וויי!...

פאר זיי זענען נישט געבליבן מער ווי די אידישע צדקה אין דער קהלה און די ביליקע קיכן, וואס די פארמעגלעכע עלטערע דאמען האָבן אין באַלוט אוועקגעשטעלט. די קרעמערס אין די קרעמלעך האָבן געדרימלט זייער פוסט-און-פּאַסטן דרימל. קיין גראָשן האָט מען פאר די אויגן נישט געזען.

דאָס גאנצע לעבן איז געווען אויף דעם וואָקזאַל. מענער, ווייבער, קינדער, מיט פּעק בעטגעוואנט, מיט שבתדיקע לייכטער, מיט האַק און פּאַק האָבן די וואָקזאַלן אָנגעפילט, האָבן אלע וואַגאָנען פון די באַנען פארנומען. לאָדזש איז געלאָפן. ווייבער זענען גע-לאָפן צו זייערע מענער אין אמעריקע, פאָטערס צו קינדער, קינדער צו עלטערן. אמאָליקע דאָרפסלייט האָבן זיך פּלוצלונג דערמאָנט אין די גערטנער, וואס זיי האָבן אמאָל געפלאנצט, אין די סעדער, וואָס זיי האָבן געהאַלטן, אין די קאַרטאָפל-פעלדער, וואס זיי האָבן פארזעצט, איידער זיי זענען קיין לאָדזש געקומען, און זיי האָבן געצויגן קיין ארגענטינע, כדי אָנצוהויבן דאָס אמאָליקע דאָרפישע לעבן אויפסניי.

חלוצים מיט אָפּגעברענטע פּנימער, חלוצות מיט פּראָסטע קליידער און פאַרפלאַמטע געזיכטער, זענען מיט זייערע זעלנערישע רוקן-זעק, מיט שטעקנס אין די הענט און מיט די בלוי-ווייסע פענער הויך אויפגעהויבן, גרופּנווייז קיין ארץ-ישראל געפאָרן, כדי צו באַארבעטן די חרובע ערד פון די אבות. זיי האָבן געזונגען זייערע העברעאישע לידער מיט האַלז-קלאַנגען, ווי אָריענטאַלער, געטאַנצט זייערע התלהבותדיקע טענץ אויף די וואָקזאַלן, אין די וואַגאָנען. מער ווי די פּאָרער, האָבן מיטגעזונגען און געטאַנצט די באַגלייטער זייערע. מען האָט לאַנג געפאָכעט מיט די פענער צו די אָפּפאָרנדיקע און געריסן די העלזער:

— לשנה הבאה בירושלים!

מיט ערשטער און צווייטער קלאַס, מיט א סך וואַליזעס, אין עלעגאַנטע קליידער, באַהאַנגען מיט שאַכטלען, מיט בוקעטן אין די הענט, זענען פאַרמעגלעכע אידן מיט זייערע אויסגעפּוטערטע און אויסגעבריליאַנטעוועטע ווייבער און טעכטער געפאָרן צו די איטאַליענישע פּאָרטן, כדי פון דאָרט מיט לוקסוס-שיפן אריבערצוכאַפּן זיך אין דעם ארץ-ישראל, פון וועלכן די צייטונגען שרייבן אַזויפיל און מען זאָגט, אז מען קאָן דאָרט מיט קאַפּיטאַל גוטע געשעפטן מאכן. נישט אין גרופּן זענען זיי געפאָרן, ווי די חלוצים, נישט מיט געזאַנג און טענץ, נאָר יעדער פאַר זיך און בסוד איינער פאַרן אַנדערן. מען איז נישט געפאָרן באַאַקערן די ערד. מען איז געפאָרן קויפן פּלעצער, פאַרלייגן געשעפטן און פאַבריקן, אויב מען וועט קאָנען מאכן א מטבע. שלעכט איז געווען אין לאָדזש. קיין גראָשן ריוח איז נישט געווען מער צו מאַכן אין דער שטאָט, וואָס האָט זיך איבערגעפרעסן מיט סחורה אויף יאָרן לאַנג. אויף דעם פּגר פון לאָדזש זענען, ווי די היענעס, די שטייער-באַאמטע ארומגעקראָכן און געריסן שטייערן פאַר די מלוכה-קאַסעס. די איינציקע מענטשן, וואָס מען האָט אויף די לערע ווייסטע גאַסן געזען, זענען געווען די מיליטער-לייט, באַוואָפנטע, אויסגעפּוצטע, מיט קעפּ פאַרריסענע, אויך באַאמטע אָן א שיעור מיט קנעפּלעך און צייכנס. ווי הייזעריקן האָבן זיי די מלוכה-קאַסעס אָפּגעגעסן. עס איז זיי גאָרנישט געווען אָנצוזעטיקן, און די שטייער-באַאמטע, גיריקע, בייזע, הינטערליסטיקע,

זענען ארומגעלאָפן איבער די אידישע קראָמען און פאבריקן, צו באַלמעלאָכעס לײדיקגײער און געריסן בײ זײ די לעצטע גראָשנס, כדי אָנצופילן די מלוכהשע קאסעס. זײ האָבן ארויסגענומען מא־שינען פון קעלער־שטובן, בעטגעוואנט פון די בעטן, סחורות פון די קראָמען און אויף זײערע וואָגנס אָפּגעפירט אין די שפּײכלערס, כדי פאר זײערע געלטער אויסצופילן די קאסעס.

די אָרעמע אידישע װײבער זענען נאָכגעלאָפן נאָך די וואָגנס ווי נאָך לוויה־עגלות, באוויינט זייער אָרעמקייט, וואס מען פירט אוועק.

— מענטשן, זעט דאָס אומגליק דאָס גרויסע, — האָבן זיי געדופן, ברעכנדיק די הענט, — קוקט אויף דעם בראָך, וואָס האָט אונז געטראָפן.

ביי די פארמעגלעכע האָט מען די געשעפטן פארחתמעט, דאָס צירונג פון די העלזער ביי די ווייבער אראָפּגענומען, די גאָלדענע זייגערס פון די טאַשן ביי די מענער אויסגעליידיקט. מען האָט גע־שוירן די שעפסן, וואָס האָבן שוין לאַנג זייער וואָל געהאַט פאר־לוירן. זיי זענען דעריבער געלאָפן, די רייכע, פון דער שטאָט, אָפּגעראטעוועט באצייטנס, וואָס עס איז נאָך פארבליבן, כדי צו באַזעצן זיך אין דעם ארץ־ישראל, דעם פרעמדן און וויטן, כדי אויסצובויען א נײ פוילן, א לאָדזש אן אייגנס, א פּיעטראָקאָווער גאס אין לאַנד פון די אבות.

פרעמד איז זיי געווען דאָס לאַנד פון די אבות, ווייט. זיי האָבן גאָרנישט אָנגעהערט זיך מער מיט די האַלזיקע אָריענטאַלישע געזאַנגען, וואָס די חלוצים האָבן אין דריטן קלאַס אזוי הויך גע־זונגען, מיט די התלהבותדיקע טענץ זייערע. אין פוילישׁ און אין לאָדזשער דייטש האָבן זיי, אומרואיקע, זיך אויסגעפרעגט וועגן דעם קלימאַט אין דעם פרעמדן לאַנד, וועגן דער דאָרטיקער שפּראַך און מנהגים. פרעמד איז זיי געווען די שפּראַך די העברעאישע, וואָס מ׳קען עטוואָס אין סידור, אָבער מען פארשטייט דערפון קיין וואָרט נישט, ווען מען הערט עס אין די אַראבישע קלאַנגען. פרעמד פאר זייערע אייראָפּעאישע קערפּערס זענען געווען די אָריענטאַלישע זון, געוויקסן און פלאַנצן. פון צעדערבוימער, פּאַל־

מעס, אייזלען און קעמלען, פייגנבוימער און איילבירטן, האָבן זיי געוואוסט בלויז פון חומש, וואס מען האָט מיט זיי אמאָל געלערנט אין חדר. די ווייבער האָבן געוואָלט וויסן, צי מען טאַנצט דאָרט די נייעסטע טענץ, צי עס זענען דאָ סאָסנע־וועלדער אויף זומער און שניי אויף ווינטער. זיי זענען נישט געווען גאַנץ זיכער, צי מען טראָגט דאָרט די פעלצן, וואָס זיי פירן מיט זיך, און צי מען פּראַוועט מאסקן־בעלער אין קאַרנאַוואַל.

— באַזשע קאָכאַני, — האָבן זיי געקרעכצט, — ווער ווייסט, וואָסער לעבן דאָרט איז אין דעם פרעמדן לאַנד!

ווי אין גלות אריין, זענען זיי געפאָרן אין דעם לאַנד פון ישראל.

אַגענטן, מעקלערס, שדכנים, כלל־טוער, ערד־פאַרקויפער האָבן שוין באַצייטנס געשעפטן געמאכט. פעסער־פעלשער, פּרויען־פאַר־פירער, אלערליי מיאוסקייטן און אָפּפאַל האָבן געראַיעט אַרום די עמיגראַנטן, אָפּגענאַרט, באַשווינדלט, פאַרפירט, אויסגענוצט. פון אלע ווענן און שטעגן איז מען געלאָפן פון לאַנד, וואו מען האָט הונדערטער יאָרן געוואוינט, צו נייע לענדער און פעלקער, קיין נאָרד־אַמעריקע און אַרגענטינע, קאַנאַדע און בראַזיליע, קובאַ און טשילי, פראַנקרייך און פאַלעסטינע, בעלגיע און דייטשלאַנד, צו אלע ווינקלען פון ערד־קויל.

ווי מיט הונדערט יאָר צוריק קיין לאָדזש, האָבן איצט פון לאָדזש די מענטשן געצויגן, אוועק פון דער אויסגעבויטער שטאָט צו לענדער פרעמדע, אומבאַקאַנטע, אָנצוהייבן פונסניי.

אין לאַסט־אויטאָמאָבילן, אין דראָזשקעס, אין באַלעגאָלישע בוידן, אין פויערשע וועגענער, אין האַנט־וועגעלעך, אין וועלכע מענטשן זענען איינגעשפּאַנט, האָבן די אויסוואַנדערער געפירט זייערע זאַכן, זייער בעטגעוואַנט און חפצים, זייערע ווייבער און קינדער צו די באַנען, וואָס פירן פון פוילן צו די גרענעצן. דאָס זענען די מענטשן אוועק פון לאָדזש, וואו סחורות זענען געווען אַ סך, נאָר קיין מערק זענען פאַר די סחורות נישט געווען. קיין פּלאַץ איז נישט געווען פאַר די, וואָס האָבן די שטאָט אויסגעבויט און אוועקגעשטעלט.

פאר די טויערן זענען די שטאָטישע גויים געשטאַנען און גע-קוקט אויף די אויסוואַנדערער. זיי האָבן נישט געוואוסט, וואס צו זאָגן, פרייען זיך אָדער באַזאָרגט זיין. וועט עס פאר זיי זיין בע-סער אָדער ערגער איצט. און זיי האבן בלויז געשוויגן.

אויף די פעלדער, וואו די באַנען גייען דורך, האָבן פויערים זייערע אקערם אָפּגעשטעלט, פארלייגט די הענט צו די שטערנס און מיט העלע אויגן פון אָפּגעברענטע פנימער פארחידושט באַטראַכט די אָנגעשטופּטע וואַגאָנעס מיט אידן. פויערטעס האָבן פארקאָ-שערט די געבלימטע טיכלעך אויף די קעפּ און דורך די וואַגאָן-פענסטערלעך נאָכגעקוקט די חלוצישע טענץ, אויפגעכאפּט די היל-כיקע פרעמדע אָריענטאַלישע געזאַנגען.

דאָרפישע קינדער מיט הינט זענען אַרוים פאר די געפלאָכ-טענע פּלויטן און געבילט און געשריגן. אין די דייטש-באַוואוינטע דערפער און שטעטלעך זענען די קאָלאָניסטן און די וועבער אַרוים פון די הייזער און נאָכגעקוקט די, וואס האָבן צו די גרענעצן גע-צויגן, דורך וועלכע זיי זענען אמאָל דאָ געקומען אהער.

גאָרנישט קיין האָפענונג איז פארבליבן פאר די געבליבענע אין דער שטאָט, וואס איז אזוי שנעל אויסגעבויט געוואָרן אויף די פוסטע זאמדן. ווי אַן אָפּגעריסענער אבר פון א גוף, אַזוי איז געלעגן איצט די שטאָט אָן דעם גרויסן רוסישן מארק, פון וועלכן זי האָט חיונה געצויגן. א ווייַלע האָט זי אויפגעצאַפּלט, ווי א גוסס אין דער לעצטער מינוט, כדי אויסצוגיין דערנאָך איינגאַנצן. אויף איר פּנר האָבן די שטייער-באַאמטע געלעבט און געהאַוועט, ציענ-דיק אירע לעצטע זאפטן.

צוזאמען מיט דער שטאָט, האָט אויך דער קעניג אירער, מאקס אשכנזי, געפּרואווט אויפלעבן. אבער דאָס איז נישט געווען מער ווי א שטארקע קאָנוואולסיע פון א חולה-מסוכן, ווי דאָס העלע צעפּלאַקערן זיך פון א צאַנקענדיק ליכט פארן אויסגיין. גאָרנישט האָט זיך געלאָזט צונויפקלייבן פון די צעבראָכענע שארבענס פון מלכות-אשכנזי. עס האָט געפלאצט צוזאמען מיט דער שטאָט, ווי עס איז געבוירן געוואָרן מיט דער שטאָט.

אין איינער א שפעטער שעה אין דער נאַכט האָט אויך מאקס אשכנזים האַרץ געפּלאַצט.

ווי אָן לופט האָט אשכנזי נישט געקאָנט אָטעמען אין דער שטאָט אָן רויך. די שטילע פּוסטע שטאָט האָט אים געשטיקט. ער האָט מער נישט געקאָנט פאַרזוכן פון מאָגערן עסן, וואס דער קאָמערדינער האָט אים אויף דער זילבערנער טאַץ פייערלעך צוגע-טראָגן. ער האָט מער נישט געקאָנט צו-טאָן קיין אויג אין די נעכט, ווען מאָטאָרן רוישן נישט און סירענעס שוויגן.

ער האָט געשלונגען די שלאָף-פּילן איינס נאָכן אנדערן אין די נעכט, די איינציקע שפּייז, וואס זיין גוף האָט נאָך פאַרצערט. אָבער זיי האָבן אים נישט געהאָלפן. זיין גאַנץ לעבן איז אים פאַרבייגעגאַנגען אין די לאַנגע פּוסטע נעכט, זיין רוישיק אומזיניק לעבן. אַלע געשטאָרבענע קרובים זיינע, נאָנטע, באַקאַנטע האָבן זיך דורכגעשלייכט פאַר אים — פאָטער, מוטער, חיים אַלטער זיין שווער, פּריווע. מער פון אַלע איז דער צווילינג-ברודער זיי-נער, יעקב בונם, גאַרנישט אָפּגעטרעטן פון זיין בעט. דאָס שני-רעלע בלוט האָט נישט אויפגעהערט רינען פון זיין שטערן אין דער באָרד אריין און גליווערן. אשכנזין איז א קאַלטקייט אין די ביינער דורכגעלאָפן. די פּוכענע קאָלדרע האָט אים גאַרנישט געקאָנט דערוואַרעמען.

ווי שטענדיק, ווען ער האָט נישט געקאָנט שלאָפן, איז ער אין שלאָף-ראָק און אין די שטעק-שיך אראָפּ פון בעט און ארומגע-בלאָנקעט איבער זיינע שטובן פון פּאַלאַץ. פּוסט איז אַלץ ארום געווען. אשכנזי האָט דערפילט א מורא אין די גרויסע שטובן. דער איינגענער נאָכקריכנדיקער שאָטן האָט אים געשראָקן. ער האָט גע-וואָלט האָבן עמיצן נעבן זיך, אבער קיינער איז נישט געווען. בלויז דאָס ווייב איז געלעגן האַלב געליימט אין איר בעט. קיינער איז ניט געווען ארום אים, קיין קינד, קיין אייגענער מענטש. ער האָט ארויסגעקוקט דורך די פענסטער אין גרויסן פאַבריק-הויף אריין. עס איז געווען שוואַרץ דער הויף, חושך. פון שוואַרצקייט האָבן די הויכע קוימנס ארויסגעבלעקט אין די הימלען, ווי אויס-געשטרעקטע פינסטערע צונגען.

ער איז צוגעגאַנגען צו די גרויסע געשניצטע שאַפעס און גע-זוכט אין די ביכער, די רייך-געבונדענע און גאָלד-באַצירטע. אָבער ער האָט קיין שום וואָרט אַזעלכעס, וואָס זאָל אים זיין אייגן אין דער שפעטער שווערער נאַכט, נישט געפונען. די גאָטישע אויסגעשטעלטע שורות אויף די גלאַטיקע דיקע בלעטלעך זענען געווען פרעמד, אומזיניק. ער האָט אַראָפּגעבויגן זיך צו דער ערד, צו די אונטערשטע פאַכן, וואו די ספרים זענען געשטאַנען באַהאַל-טענע, מען זאָל זיי נישט אַרויסזען. ער האָט אַרויסגעצויגן אַ תנ״ך, אַן אַלטן, אַ לעדער-געבונדענעם און צעריסענעם, און צוריקגעגאַנ-גען צום בעט.

ביים רויטן שיין פון עלעקטרישן ליכט, אונטער דעם גרויסן פּאַרשייטן בילד פון אַ נאַקעט יונג ווייב, וואָס אַנטלויפט פון אַ סאַטיר, האָט ער געמישט די אַלטע שאָרסטקע בלעטער פון תנ״ך, זייטל נאָך זייטל. די שווערע מוסר-רייד פון משלי און קהלת וועגן הבל-הבלים פון לעבן, אָט די אַלע ווערטער, וואָס ער האָט זיי שטענדיק, פון קינדוווייז אין חדר ביז די שפעטערע יאָרן, פיינט געהאַט, געלאַנגווייליקט זיך פון זיי, ווי פון ציינלאָזע רייד פון זקנים עובר-בטלס, זענען איצט, אין דער שפעטער שלאָפלאָזער נאַכט, געווען נאָענט, אמת. באַלד האָבן די פינגער זיינע אַ פאַר-קנייטשט בלאַט אָנגעטאַפּט. דאָס איז געווען איוב, דאָס ספר, וואָס ער האָט אין דער שבעה נאָך זיין ברודער געלערנט און אַ בלאַט דאָרט פאַרקנייטשט. מיט אַ גיריקייט, ווי ער וואָלט די ווערטער צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געזען, האָט ער גענומען מורמלען די אַלטע אָפּגעריבענע ווערטער פון די געלע האַרטע בלעטער, לייענען דעם גורל פון איוב, דעם מאַן פון לאַנד עוץ, וואָס האָט געהאַט זיבן זין, דריי טעכטער, זיבן טויזנט שאָף, דריי טויזנט קעמלען, פינף הונדערט רינדער, גרויסע פאַרמעגנס, איז גרעסער געווען פון אַלע קינדער פון מזרח, נאָר דער שטן האָט אים אָנ-געגריפן.

— און דער שטן איז געקומען און געשלאָגן איובן מיט קרעץ פון קאָפּ ביז די פיס, — האָט ער געלערנט, — און ער האָט גע-נומען אַ שערבעלע צו קראַצן זיך און ער איז געזעסן אין אַש.

און איובס דריי פריינט האָבן געטאָן הערן דאָס אַלדאָס שלעכטס, וואָס איז געקומען אויף אים, און זיי זענען געקומען יעדער פון זיין אָרט — אליפז פון תימן, בלדד פון שוחי און צופר פון נעמי. און זיי האָבן זיך געטאָן פארזאמלען צו קומען צו שאָקלען אויף אים מיט די קעפ און צו טרייסטן. און זיי האָבן געטאָן אויפהויבן זייערע אויגן פון דערווייטנס און זיי האָבן אים נישט דערקענט. און זיי האָבן אויפגעהויבן זייערע שטימען און געוויינט. און יעדער מאן האָט צעריסן זיין קלייד און זיי האָבן געוואָרפן ערד אויף זייערע קעפ צום הימל. און זיי זענען געזעסן מיט אים אויף דער ערד זיבן טעג און זיבן נעכט און נישט געטאָן רעדן צו אים קיין וואָרט, דען זיי האבן געזען, אז זייער גרויס איז דער ווייטאָק. און נאָך דעם האָט איוב געעפנט זיין מויל און געפלוכט זיין טאָג...

פון די שכנישע צימערן האָבן די זייגערס אויסגעקלונגען זייערע שעהן לאנגזאם און פייערלעך.

אשכנזי האָט אוועקגעלייגט דעם ספר א ווײַלע אויפן קישן און אונטערגעשפּאַרט די האנט צום אויער, כדי אויסצוצײַלן די שפּעטע שעהן אין דער נאכט. אין דער רגע האָט ער דערפילט א קלעם אין הארץ, ווי אן אייזערנע צוואנג וואָלט אים פעסט אָנגעכאַפּט. ער האָט א קרעכץ געטאָן און אָנגעכאַפּט מיט דער האַנט דעם עלעקטרישן שנור, וואס איז איבער זיין בעט געהאנגען, כדי צו רופן דעם קאמערדינער. אבער ווען דער קאמערדינער איז אריינגעקומען, איז אשכנזי שוין געווען טויט.

זיין קאָפּ איז געלעגן אויפן צעקנייטשטן ספר. די האַנט האָט פעסט געהאלטן זיך אין דעם עלעקטרישן שנור, איינגעקלאַמערט מיט קראַמפּיקע פינגער.

## קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

אויף דער לויה פון מאקס אשכנזי האָט גאַנץ לאָדזש זיך פאַרזאַמלט. די פּיעטראָקאָווער גאַס איז געווען שוואַרץ פון מענטשן, קאַרעטעס און דראָזשקעס. שוואַרץ-קאַפּאָטעדיקע און שוואַרץ-בערדיקע חסידים, שוואַרץ-וואָנסעדיקע און שוואַרץ-צילינדערדיקע פאַבריקאַנטן, סוחרים און באַנקירן, דאַמען אין טונקעלע קליידער, פאַרמעליקטע קרעמער, משרתים, מעקלערס, באַלמעלאָכעס, חדר-אינגלעך, ישיבה-בחורים, אָרעמעלייט, קאַליקעס, דאָס גאַנצע גרויסע אידישע לאָדזש, פון דער פּיעטראָקאָווער ביזן באַלוט, איז זיך צונויפגעקומען צו באַגלייטן צו זיין אייביקער רו דעם אייביק-אומרואיקן לאָדזשער מאַן.

אין דעם סוף פון מאקס אשכנזי האָט מען געזען דעם סוף פון דער שטאָט, אין זיין לויה — די לויה פון לאָדזש. און אַלע זענען געגאַנגען טרויעריקע אין לאַנגן צוג, טריט ביי טריט, שפּאַן נאָך שפּאַן. אויבנאָן, ביי דער מיטה, אָן יעדער פאַרפּוצונג און בלומען, זענען געגאַנגען דריי פאַרהילטע ווייבער אין שוואַרצן. כאָטש זייערע פּנימער זענען געווען פאַרהילט אין טרויער, האָבן אַלע געוואוסט, אז דאָס זענען ביידע ווייבער אשכנזיס און זיין טאָכטער. מיט געבויגענע קעפּ, האַלטנדיק זיך אונטער די הענט, האָבן די דריי אַלמנות געצויגן נאָך דער לאַנגזאַם-פאָרנדיקער עגלה.

די קברנים האָבן א קליינעם קבר, ווי פאר א קינד, אויסגעגראָבן פאר דעם קעניג פון לאָדזש. א פרעמדער איד האָט וויינענדיק געזאָגט נאָך אים קדיש.

אידן האָבן זיך אראָפּגעבויגן צו דער ערד און געוואָרפן ערד אויף זיין קבר.

— פון ערד קומסטו און צו ערד גייסטו, — האָבן זיי געמורמלט הינטערווייַלעכטס.

אויף דעם לאָדזשער הימל האָט זיך א שווערע כמאַרע אראָפּ־געלאָזט, א ווינט האָט גענומען בלאָזן און שיטן שטויב די מענטשן אין די אויגן. שווער, ווי די כמאַרע איבער זיך, זענען די באַגלייטער צוריקגעגאַנגען אין דער שטאָט אריין, דער פּוסטער און פרעמדער.

— זאָמד, — האָבן אידן געברומט, פאַרשטעלנדיק די אויגן פאַרן שטויב, וואָס האָט זיי נאָכגעיאָגט.

— אַלץ, וואָס מיר האָבן געבויט דאָ, איז געווען אויף זאָמד,— האָבן זקנים שטיל געמורמלט.

דער אָוונט האָט גענומען צופאַלן גיך, האַסטיק. אויף דעם פאַרוואָלקנטן הימל האָט א געבויגן שנירל פון פויגלען, ווי א האַל־בע לבנה, זיך שאַרף געצייכנט, גיך געפלויגן ערגעץ און הויך געשריגן.

(וואַרשע — ניו־יאָרק, 35—1933)